This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-528

סאָוועטיש

4 1986

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פֿון שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון סססר

דערשײַנט פֿון 1961

פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

4

אַפּרעל

1986

אינהאַלט

אַף די וועגן, וועלכע ס'האָט אָנגעצייכנט דער XXVII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. **אַלעקסאַנדער ניעמאָוו.** רעזערוון פון אינטענסיווער אַנטוויקלונג 3
צו וו. אי. לענינס 116־טן געבורטסטאָג. **עגאָן ערווין קיש.** לענין — „מעיער" און פּראַנטישעק מאַדראַטשעק 10
מ. מינדעלעוויטש. דאָס אומשטערבלעכע וואָרט פונעם פירער 14
באָריס מאָגילנער. צו מײַנע זין (לידער) . . . 16
שמועל גאָרדאָן. אַ צווײַגל בעז 19
שירע גאָרשמאַן. ווען די בינען שלאָפן און אַנדערע דערציילונגען 29
מוישע פענס. לויכטן, ווי אַ רעגנבויגן (לידער) . . 37
וולאַדימיר טיכווינסקי. אַ ציגײַנערשער ראָמאַן . 39
אַרן ווערגעליס. רינג נאָך רינג (לידער) 98
150־טער געבורטסטאָג פון מענדעלע מוכר־ספֿרים. **אירמע דרוקער.** אַ גילגל פון אַ נאָמען; גאָספּאָדינו מענדעליו באַדאַרף מען ניט 103
ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. **מוישע־לייב האַלפּערן** (1886—1932) לידער 117
פּובליציסטיק. XX צוזאַמענפאָר פון דער ייִסראַעלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי 122
לעאָנעל דאַדיאַני. וואָס פאַר אַ ציל אָן פאַרפאָלגט דער ציוניסטישער לאָזונג וועגן דער „צווייענדיקער לאָיאַלקייט" פון די ייִדן 128
אונדזער קאָסמאָס־ווינקל. **יורי גלאַזקאָוו.** נײַגעריקע מאַרסיאַנער 131
א. וואַסיליעוו. אַ שפּור אויף דער ערד 132
ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט. **בערל רויזן.** פונעם ליטווישן שטעטל אין דער ברייטער וועלט אַרײַן 136
יאַשע געָן. דער אָטעם פון דער צײַט 140
פּריש אין זיכּרון. **לעוו אָזעראָוו.** די אַלטע ווילע דובולטי 141
לעאָניד קאָוואַל. אַ שרײַבער, רעוואָלוציאָנער, אַנטיפאַשיסט 142
וויקטאָר לענזאָן. אַ וועטעראַן פון דער ייִדישער מוזיקאַלער קולטור 145
מיכאַיִל אָסטראָווסקי. קיין בעסער לאַנד, ווי רוסלאַנד, איז אויף דער וועלט ניט פאַראַן (עטיודן וועגן איסאַק לעוויטאַנען) 149
וועגן די פאַלשע זינגער אַרום סאָוועטישע ייִדן 159
מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער 163
די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד" 164
געפונענע מאַנוסקריפּטן. **שאָלעם בײַלין.** פאָלקסטימלעכע קאַטאָוועסן און וויציקע מײַסעס 166
מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 170
זעלבסטלערער פון ייִדיש 171
כראָניק 121, 130, 163, 164
רעזומע (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
א. טווערסקאָי,
נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער,
י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

אױף די װעגן, װעלכע ס'האָט אָנגעצײכנט דער XXVII פּאַרטײ־צוזאַמענפֿאָר

אַלעקסאַנדער ניעמאָװ

רעזערװן פֿון אינטענסיװער אַנטװיקלונג

פֿאַר אונדזער לאַנד שטײט הײַנט אַ גיגאַנטישע אױפֿגאַבע — איבערפֿירן די עקאָנאָמיק אױף רעלסן פֿון אינטענסיװער אַנטװיקלונג. אין יעסאָד פֿון אַזאַ איבערבױונג איז פֿאַרלײגט די אידײ פֿון ברײט אײַנגלידערן אין דער פּראַקטיק די דערגרײכונגען פֿון דער װיסנשאַפֿט און טעכניק. דאָס איז פֿאַרפֿיקסירט געװאָרן אין די װיכטיקסטע פּאַרטײ־דאָקומענטן. ס'זײַנען פֿעסטגעשטעלט די אָריענטירן פֿאַר די געלערנטע, פֿאַר דער לאַנדװירטשאַפֿט, און װאָס עס איז באַזונדערס װיכטיק, — ס'פֿאָדערט זיך צו פֿאַרבינדן אַלע רינגען פֿון דער װיסנשאַפֿט און פּראַקטיק, װעלכע האָבן אַ שײַכעס מיט דער פֿאַרגיכערונג פֿונעם װיסנשאַפֿטלעך־טעכנישן פּראָגרעס, אין אײן קײטעלע, אין אַ גוט אײַנרעגולירטן מעכאַניזם.

דאָ טױג ניט קײן טראַדיציאָנעלער צוגאַנג. דאָס לעבן פֿאָדערט צו שאַפֿן נײַע אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאָרמען פֿאַר אַ געמײנזאַמער אַרבעט פֿון די געלערנטע און פּראַקטיקער. ביז גאָר עפֿעקטיװ איז, למשל, דאָס שאַפֿן װיסנשאַפֿטלעך־טעכנישע קאָמפּלעקס־צענטערס בײַ דער װיסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון ססר לױט דער דערפֿאַרונג פֿונעם אינסטיטוט פֿון עלעקטראָשװײסונג אױפֿן נאָמען פֿון יע. אָ. פּאַטאָן. װעגן דער אַרבעט, װעלכע װערט געפֿירט אין דער װיסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון אוקראַינע אונטער דער אָנפֿירונג פֿונעם אָנגעזעענעם געלערנטן, אַקאַדעמיקער באָריס יעװגעניעװיטש פּאַטאָן, װעט טאַקע גײן דאָ אַ רײד.

די װיסנשאַפֿט אין אָן אַרבעטער־ספּעצאָװקע

דער קאָנפֿערענץ־זאַל אױפֿן צװײטן שטאָק פֿונעם סאַמע אַלטן (אײנעם אָװאַר אױך דעם אײנציקן) קאָרפּוס פֿון דעם אינסטיטוט פֿון עלעקטראָשװײסונג. אין זאַל געפֿינען זיך בײַ הונדערט מענטשן. אױסער די מיטגלידער פֿונעם װיסנשאַפֿטלעכן סאָװעט, זיצן דאָרט װיסנשאַפֿטלעכע מיטאַרבעטער, אינזשעניערן, פֿאָרשטײער פֿון אונטערנעמונגען. די דיסערטאַציע אױף צו באַקומען דעם טיטל קאַנדידאַט פֿון טעכנישע װיסנשאַפֿטן פֿאַרטײדיקט יורי פּאַװלאָװיטש באַרװינקאָ. ער רעדט ענערגיש, האַסטיק פֿאָכענדיק מיטן טײַטל, װאָס פֿליט, דאַכט זיך, איבער די בלעטער מיט צײכענונגען און פֿאָרמולן.

איך באַמערק, אַז אין אײנעם פֿון די ערשטע רײען, ערגעץ בײַם ראַנד, זיצט אױך דער דירעקטאָר פֿונעם אינסטיטוט, דער אַקאַדעמיקער ב. יע. פּאַטאָן (די אָנװעזנהײט פֿון אַזאַ פּערזאָן אױף אַ קאַנדידאַט־פֿאַרטײדיקונג װאָלט אַלעמען פֿאַרכידעשט אין אַ הױפּט־שטאָטישן אַקאַדעמישן אינסטיטוט).

באַרװינקאָן הערט מען אױפֿמערקזאַם. און אָט קומט אָן די מינוט, װען עס װערט קאָנסטאַטירט די „ראַעלקײַט” פֿון דער צוגעשטעלטער אַרבעט און, אַגעװ, אױך פֿונעם דיסער־

טאנטס וויסנשאפטלעכער צוגעגרייטקייט. עס שיט זיך א האגל מיט פראגן, און דער טאך פון דער ארבעט ווערט באלויכטן זייער בוילעט.

די זאך איז אין דעם, וואס אין די היינטצייטיקע גאזלייטונגען ווערט דער גאז איבערגעפאמפעט אונטער א הויכן דרוק. עס טרעפט, אז די טרויבן האלטן ניט אויס. ס'אנטשטייט די פראבלעם פון לאקאליזירן די רויִנירונג. אין א סאך לענדער קעמפט מען מיט אט דער דערשיינונג דורך אנווענדן, באם אויסארבעטן טרויבן, הויך-קלעפיקע, און, הייסט עס, מער טייערע מארקעס שטאל. אין קיִעוו איז מען געגאנגען מיט אן אנדער וועג. מע האט פארגעלייגט צו מאכן ספעציעלע איינשניטן אף די מיטעלע שיכטן פון דער פילשיכטנדיקער איינפאסונג פון דער רערלייטונג. ווי נאר דער שפאלט דערגייט ביזן איינשניט, שטעלט זי אף איר וווּקס. פאשעט? יא, פאשעט... עמעצער וועט אפילע זאגן: דאס איז דאך א געוויינלעכע דערפינדונג, וואס זשע פאר א שייכעס האט דא די דיסערטאציע? אין וואסער-ניט-איז קאנסטרוקטארן-ביורא וואלט מען וויטער פון אזא דערפינדונג, מעגלעך, ניט אוועק. אבער אין אינסטיטוט פון עלעקטראשווייסונג איז דער רעזולטאט, וועלכער איז וויכטיק פאר דער פראקטיק, באקומען געווארן מיט א פילטויזנטיקן עקאנאמישן עפעקט, אפן סמאך פון ערנסטע טעארעטישע און עקספערימענטאלע פארשונגען. אויב איר ווילט, זיינען די דאזיקע פארשונגען א גינסטיקער באדן, אף וועלכן עס וועט אנטשטיין ניט איין דערפינדונג, נאר עטלעכע... ווי א קייטעלע: איינע נאך דער אנדערער!

וועגן דעם האט מען אויך גערעדט בייס דער באהאנדלונג פון דער דיסערטאציע. געלערנטע, א סאך פון וועלכע עס האבן א וועלט-נאמען, האבן דעם דיסערטאנט געדריקט די האנט.

אלזא, די וויסנשאפט אנטוויקלט זיך אין אן ענגן קאנטאקט מיט דער פראקטיק. צי פאריינפאכט עס ניט די וויסנשאפטלעכע רעזולטאטן? די וויסנשאפט דארף דאך קוקן אין דער צוקונפט, ארבעטן אזוי, אז מע זאל איבעריאגן די צייט. צווישן אונדזערע געלערנטע זיינען פאראן אויך אזעלכע, וואס קוקן אף דעם עקספערימענט פון דער אוקראיִנישער וויסנשאפט-אקאדעמיע פון אויבן אראפ: ס'איז, זעט איר, ניט שיין פאר געלערנטע-אקאדעמיקער „דורכשטופן" נייע זאכן. בא אזא צוגאנג ליידט די פונדאמענטאלע וויסנשאפט. אבער מיט דעם קאן מען בעשום-אויפן ניט מאסקים זיין. עכטע טעאריע און פראקטיק שטרייטן ניט צווישן זיך. און קעדיי דערווייזן דאס, וועלן מיר באזוכן דעם עקספערימענטאלן זאוואד פון ספעציעלער עלעקטרא-מעטאלורגיע.

עטלעכע היינטצייטיקע ברוינע קעסטלעך פון גאפרירטן אייזן, ענלעכע אף אעראפלאן-אנגארן. די מאסשטאבן פון אינווייניק דוכטן זיך אויס גרעסער. מיר געפינען זיך אינעם צעך פון עלעקטראשלאקאווער טעכנאלאגיע. ניטא די געוויינלעכע פאר מעטאלורגישער פראדוצירונג אומדערטרעגלעכע היץ, דער טומל, די פארגאזטקייט. אט איז איינע פון די איינריכטונגען. די שמעלצונג גייט דורך אן א גערויש. איבערן טיגעל, ווו די שמעלצונג גייט, זעט זיך בלויז אן אראפאל פון בלויער לייכטונג.

דער עלטערער וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער, קאנדידאט פון טעכנישע וויסנשאפטן י. פ. שטאנקא קוועטשט אן אף קנאפקעס פונעם פולט און גיסט אויס דעם צעשמעלצטן מעטאל אין א פארמע. אין דער גרינער ספעצאוועקע איז ער גיכער ענלעך אף אן ארבעטער, איידער אף א געלערנטן.

די שמעלצונג איז פארענדיקט, און מיר שמועסן מיטן לאורעאט פון דער לענינישער און מעלוכע-פרעמיעס פון פסר, אקאדעמיקער פון דער אוקראיִנישער וויסנשאפט-אקאדעמיע באריס איזראילעוויטש מעדאוואר:

— די נייע צווייג פון דער מעטאלורגיע, וועלכע רופט זיך ספעציעלע עלעקטרא-מעטאלורגיע, האט זיך באוויזן אף דער גרענעץ צווישן דער טעאריע און פראקטיק. צוערשט איז געלייזט געווארן די וויכטיקע פראקטישע אופגאבע — די שמעלצונג פון מעטאל-פאבריקאטן פון גרויסע קווערשניטן מיטן עלעקטראשלאק-מעטאד. שוין אין סאף פון די 50-ער יארן איז דאס דאזיקע מיטל, וועלכן ס'האט פאנאנדערגעארבעט א גרופע געלערנטע בעראש מיטן אקאדעמיקער ב. יע. פאטאן, ברייט אנגעווענדט געווארן אין פיל לענדער פון דער וועלט. דערביי האט בייסן אנאליז זיך אויסגעקלארט, אז די קוואליטעט פונעם מעטאל פון דער שווייסונג-נאט איז אפילע העכער, איידער בא די שווייסונג-דעטאלן. דאס איז שוין געווען אן אופגאבע פאר די טעארעטיקער. ס'איז אנטשטאנען די אידיי מיט דער הילף פון דעם נייעם טעכנאלאגישן פראצעס באקומען מעטאל מיט נאך העכערע צייגערס...

אט אזוי האט די טעאריע אנגעהויבן פירן די פראקטיק פארויס.

צענדליקער לענדער האָבן הײַנט אײַנגעקויפט ליצענזיעס אויף דער נײַער טעכנאָלאָגיע... באָריס איזראַילעוויטש דערציילט:

— אין די לעצטע יאָרן איז די הויפּט-ריכטונג אין דער טעטיקייט פון דער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע פון אוקראַינע — דאָס אויפזוכן מיטלען אויף צו שאַפן די בעסטע טעכנאָלאָגיע, ווײַל דאָס איז דער בעסטער וועג צו רעאַליזירן די רעזולטאַטן פון די פונדאַמענטאַלע פאָרשונגען. וואָס איז שייך דער ספּעציעלער מעטאַלורגיע, וואַרטן אויף אונדז נײַע אַנטדעקונגען און אײַנדרוקספולע רעזולטאַטן. דאָ פאַרנעמען מיר די סאַמע פאָרגעשריטענע פּאָזיציעס אין דער וועלט...

דער אויספיר איז אַ קלאָרער: די פּראַקטיק איז סײַ אַ קוואַל, סײַ אַ קאַטאַליזאַטאָר פון די וויסנשאַפטלעכע אידייען.

דער פּרעזידענט פון דער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע פון דער אוקראַינישער רעפּובליק, אַקאַדעמיקער באָריס יעווגעניעוויטש פּאַטאָן האָט אונדז געזאָגט:

— ס׳איז קיין וווּנדער ניט, וואָס אַפילו די אַמערסטן אַנטוויקלטע מעלוכעס, ווען עס גייט אַ רייד וועגן לייזן היפּשע וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען, מוזן זיך רעכענען מיט די באַגרענעצונגען פון פינאַנציעלע, מאַטעריעלע און קאַדרען-רעסורסן, וועלכע קאָנען אויסגעטיילט ווערן צוליב די דאָזיקע צוועקן. אין אָט די באַדינגונגען באַקומען אַ באַזונדערע באַדײַטונג די פראַגן וועגן אָרגאַניזירן וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און קאָאָרדינירן זיי אין מאַסשטאַב פון אַ גאַנצן לאַנד און אַפילו פון עטלעכע לענדער. עס ווערט דרינגענדיק נייטיק זאָרגזאַם צו אָפּוועגן, אַלזײַטיק אָפּקלײַבן די אַמערסטן פּערספּעקטיווע ריכטונגען פון די וויסנשאַפטלעכע זוכונגען, די קאָנקרעטע פּראָבלעמען און די וועגן פון זייער לייזונג, פאַרשטאַרקן די פאַרבינדונגען מיט דער פּראַקטיק.

הײַנט-צו-טאָג איז די אַנטוויקלונג פון די פונדאַמענטאַלע פאָרשונגען און פון די אָנווענדונג-פאָרשונגען ענג פאַרבונדן צווישן זיך. עס ווערן אַלץ מער באַשײַמפּערלעך די פּראָצעסן פון דער „פונדאַמענטאַליזאַציע״ פון די אָנווענדונגס-פאָרשונגען און צוזאַמען דערמיט די ציִלגעווענדטע אַרײַנדרינגונג פון די פונדאַמענטאַלע פאָרשונגען אין אַזעלכע קענטעניש-געביטן, וואָס זײַנען אַמערסטנס נייטיק פאַר דער פּראַקטיק. דאָס פירט אָביעקטיוו צו דער אַנטשטייונג פון פאָרשונגען פון אַ פּרינציפּיעל נײַעם קלאַס — פונדאַמענטאַלע לויטן כאַראַקטער און אין דער זעלבער צײַט געריכטעטע צו לייזן קאָנקרעטע פּראָבלעמען פון אַ פאָלקסווירטשאַפטלעכער באַדײַטונג.

די דאָזיקע בוילעט אויסגעדריקטע קעגנזײַטיקע אַרײַנדרינגונג און די צונויפוואַקסונג פון די פונדאַמענטאַלע פאָרשונגען און אָנווענדונג-פאָרשונגען, די דיאַלעקטישע איינהײַט פון די וויסנשאַפטלעכע און פּראַקטישע צילן איז אַ סימפּטאָמאַטישע באַזונדערקײַט פון דער וויסנשאַפט פון אונדזער צײַט, איינע פון די וויכטיקסטע טענדענצן פון איר אַנטוויקלונג אין די באַדינגונגען פון דער וויסנשאַפטלעך-טעכנישער רעוואָליוציע.

אינזשעניער-צענטערס

אין דעם קייטעלע „וויסנשאַפט—פּראָדוצירונג״ איז, אַחוץ דער וויסנשאַפט, פאַראַן, נאַטירלעך, אויך די צווייטע זײַט — די אינדוסטריע. וויאַזוי דערגרייכן אַן אָפּעראַטיווע צוזאַמענאַרבעט?

צווערשט ניט קיין גרויסע געשיכטע.

ספּעציאַליסטן פונעם אינסטיטוט פון עלעקטראָשווייסונג אויפן נאָמען פון יע. אָ. פּאַטאָן האָבן אין שוועדן רעאַליזירט זייערן אַ פּראָיעקט אין העסקעם מיט די אָפּמאַכן וועגן איבערגעבן די סאָוועטישע טעכנאָלאָגיע פון עלעקטראָשלאַקאָווער איבערשמעלצונג איינעם אַ קאָנצערן. די אינפאָרמאַציע וועגן דעם האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער פּרעסע. מיט דעם נײַעם וווּנדער-מעטאָד האָבן זיך פאַראינטערעסירט אויך אַנדערע פירמעס. צווישן זיי (מיר זאָלן זי אָנרופן באַדינגלעך) די פירמע „אַלפאַ״. אירע פאָרשטייער האָבן באַזוכט קיעוו און געבעטן פאַרפינקטלעכן, צי עס איז מעגלעך מיט דער הילף פון דער נײַער טעכנאָלאָגיע מאַכן איינפאַכער די אויסאַרבעטונג פון קני-וואַלן פאַר שיף-מאָטאָרן, ווײַל דאָס איז זייער אַ שווערע אַרבעט. עס טרעפט, אַז אַ קני-וואַל וועגט ביז 100 טאָן... און ס׳האָבן זיך אַ שאָט געטאָן בריוו מיט צייכענונגען פון די נייטיקע דעטאַלן קיין אוקראַינע, אין קיעוו.

די פֿאָרשונגען אינעם אינסטיטוט פֿון עלעקטראָשווייסונג האָבן געענטפֿערט אויף אָט דער פֿראַגע פּאָזיטיוו. אָבער אײדער זיך נעמען זאָרגן וועגן דער אויסלענדישער פֿירמע, האָבן די געלערנטע באַשלאָסן אַרײַנטראָגן אַ צושטײַער אין אונדזער אייגענער סאָוועטישער אינדוסטריע. זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן אונטערנעמונגען, וואָס נייטיקן זיך אין אַזאַ טעכנאָלאָגיע. און געפֿונען — דאָס איז געווען דער בריאַנסקער מאַשינבוי־זאַוואָד, וווּ מע האָט פּראָדוצירט דיזעלן פֿאַר שיפֿן לויט אַן אויסלענדישער ליצענזיע, דערבײַ מיט דעם טראַדיציאָנעלן, אַלטן מעטאָד. דעם זאַוואָד איז די קיִעווער אידיי געפֿעלן געוואָרן. אָבער גאַנץ אָפֿט טרעפֿט אַזוי: אַלע טרעטן אַרויס פֿאַר דעם נײַעם — סײַ די געלערנטע, סײַ די פּראַקטיקער, און ווען עס דערגייט צום איניען, דערמאָנט מען זיך, אַז דער זאַוואָד האָט אַ פּלאַן. דאָס, יענץ, און די פֿאָרגעלייגטע פֿאַנאַנדעראַרבעטונג בלײַבט אין די צייכענונגען. ווי־אַזוי זשע האָבן די קיִעווער געלערנטע בײַגעקומען דעם באַריער פֿון אײַנגלידערונג?

עס דערציילט באָריס איזראַילעוויטש מעדאָוואַר:

— אומקערנדיק זיך פֿון בריאַנסק, האָבן מיר אָנגעהויבן פֿאַנאַנדעראַרבעטן אַ פּראָיעקט פֿון אַרויסלאָזן קני־וואַלן לויט דער נײַער טעכנאָלאָגיע. מיר האָבן, פֿאַרשטייט זיך, געהאַט אין זינען, אַז אויפֿן מאַשינבוי־זאַוואָד איז די פּראָדוצירונג אַן אומופּהערלעכע, ד.ה. — אַ שטרענגער פּלאַן. עקספּערימענטירן, אָפּשטעלן די צעכן האָבן מיר ניט קיין מעגלעכקייט. דעריבער האָבן מיר די אויסגענוצטע אינעם פּראָיעקט אויסשטאַטונג גלײַך אָנגעהויבן „צופּאַסן" צו די קאָנקרעטע באַזונדערקייטן פֿונעם זאַוואָד, נעמענדיק אין אַכט זײַנע ענערגעטישע מעגלעכקייטן, די הייך פֿון די צעכן. מיר האָבן צוגעגרייט אַן עקספּערימענטאַלע אײַנריכטונג און אָנגעהויבן לערנען אַרבעטן אויף איר די אַרבעטער פֿונעם זאַוואָד. דער ערשטער קני־וואַל, וועלכער איז אויסגעגאָסן געוואָרן לויט דער נײַער סכעמע, איז געוואָרן די בעסטע אַגיטאַציע פֿאַר דער פֿאָרגעשריטענער טעכניק. אַצינד לאָזט דער זאַוואָד אַרויס קני־וואַלן לויט אונדזער טעכנאָלאָגיע...

קעדיי איבערבאַוואָפֿענען דעם זאַוואָד, נייטיקן זיך די געלערנטע אין פֿאַרבינדעטע. פֿאַרשטייט זיך, אַז אין אַ באַליביקער אונטערנעמונג וועלן זיך געפֿינען מענטשן, וואָס גיבן אָפּ זייער האַרץ מיט דער נעשאָמע פֿאַר דער פֿאָרגעשריטענער טעכניק. די אויפֿגאַבע פֿון די מיטאַרבעטער פֿונעם וויסנשאַפֿטלעך־טעכנישן קאָמפּלעקס איז טאַקע געווען — געפֿינען אַזעלכע מענטשן אויפֿן בריאַנסקער זאַוואָד. בעראָש פֿון דער גרופּע ענטוזיאַסטן איז געשטאַנען דער הויפּט־אינזשעניער פֿונעם זאַוואָד לעוו פּאָפּאָוו. ער האָט, קאָן מען זאָגן, „אויפֿגעוועקט" דעם שעפֿערישן פּאָטענציאַל בא די אינזשעניערן און טעכניקער פֿונעם בריאַנסקער זאַוואָד.

אַזאַ איז דער ענטפֿער אויף דער אויפֿגעשטעלטער פֿראַגע. קיין שום סאָד אינעם קיִעווער מעטאָד איז ניטאָ. און פֿונדעסטוועגן, לאָמיר פּרוּוון צוקוקן זיך צו דער זאַך אויפֿמערקזאַמער.

עס איז אַפֿילע קעדײַ צו נעמען אין באַטראַכט דעם נײַעם נאָמען פֿונעם אינסטיטוט פֿון עלעקטראָשווייסונג: וויסנשאַפֿטלעך־טעכנישער קאָמפּלעקס. ד.ה. די געמיינזאַמקייט פֿון די סוב־אָפּטיילן, איינע פֿון וועלכע געבוירן די אידיי, אַנדערע פֿירן אונטער אַ רעאַלע טעכנאָלאָגישע באַזע — אַרבעטן פֿאַנאַנדער פּראָיעקטן, די דריטע מאַכן פּרוּוו־מוסטערן. פֿאַרשטייט זיך, אַז איין זאַך איז פֿאָרלייגן דער אונטערנעמונג אַ נײַע טעכנאָלאָגיע, נאָך ניט קיין אויסגעפּרוּווטע, ווי אַ מין „קאַץ אין אַ זאַק", און אַן אַנדער זאַך איז — ברענגען מיט זיך אַ פּרוּוו־אײַנריכטונג, דעמאָנסטרירן, ווי־אַזוי עס וועט פֿאָרקומען דער אַרויסלאָז פֿון דער פּראָדוקציע. דאָס איז אָבער געווען בלויז דער ערשטער טראָט. אין דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון אוקראַינע איז מען געקומען צום אויספֿיר, אַז מע דאַרף גיין ווײַטער. אויף דער באַזע פֿון מעכטיקע וויסנשאַפֿטלעך־טעכנישע קאָמפּלעקסן, אַזעלכע ווי דער אינסטיטוט פֿון עלעקטראָשווייסונג, דער אינסטיטוט פֿון קיבערנעטיק, דער אינסטיטוט פֿון העכסט־האַרטע מאַטעריאַלן, האָט מען געשאַפֿן אָריענטירטע אויף די פּראָבלעמען ווירטשאַפֿט־אויסרעכענענדיקע סוב־אָפּטיילן, וועלכע זײַנען באַרופֿן צו דערפֿירן ביז אַ פּראַקטישער רעגולירונג די נײַע פּראָיעקטן (מע האָט די סוב־אָפּטיילן געגעבן אַ נאָמען — „אינזשעניער־צענטערס").

די אינזשעניער־צענטערס אַנטשפּרעכן פֿולקום זייער נאָמען. זיי באַשטייען פֿון קאָנסטרוקטאָרישע און טעכנאָלאָגישע אָפּטיילן. אין זיי אַרבעטן פֿון 50 ביז 250 מיטאַרבעטער. אויסער דעם דירעקטאָר, איז נאָך פֿאַראַן אַ וויסנשאַפֿטלעכער אָנפֿירער פֿונעם אינזשעניער־צענטער. אין אוקראַינע פֿונקציאָנירן 8 אַזעלכע צענטערס.

אָט וואָס עס דערציילט דער דירעקטאָר פֿונעם אינזשעניער־צענטער פֿון דרוק־שווייסונג, קאַנדידאַט פֿון טעכנישע וויסנשאַפֿטן וואַלערי קריווענקאָ:

— דער צענטער פאַרנעמט זיך ניט נאָר מיט אַרויסלאָזן פּרווו-מוסטערן לויטן פּלאַן פון דער איבערבאַוואָפּענונג פון די צעכן, ער לערנט אויך דעם פּערסאָנאַל צו אַרבעטן אַף דער נײַער אויסשטאַטונג.

מיר קומען אַרײַן מיט וואָלערי גערגיעוויטשן אין דער לאַבאָראַטאָריע. דאָרט באַקאָן איך זיך מיטן שעף פון דער בריגאַדע, וועלכע באַשעפטיקט זיך מיט אײַנגלידערן די רער-שווייסונג-קאָמפּלעקסן פונעם אינזשעניער-צענטער, מיט דעם לאַורעאַט פון דער לענין-פּרעמיע ס. א. סאָלאָדאָווניקאָוו און מיטן בריגאַדיר פונעם קאָמפּלעקס פון קאָנטאַקט-שווייסונג פון דעם מיניסטעריום פון נאַפטגאַזבוי, לאַורעאַט פון דער מעלוכע-פּרעמיע פון פּססר ב. פּ. דידוק.

וו. ג. סאָלאָדאָווניקאָוו לעבט אין קיִעוו. ב. פּ. דידוק — אין באַדים. נאָר זיי זעען זיך עטלעכע באַדאָשים אין מעשעך פון א יאָר. די זאָרג זייערע איז אַן אַלגעמיינע — „סעווער-1". אַזוי הייסט דער אויטאָמאַטישער שווייסונג-אַגרעגאַט. אויך איצט איז באַרים דידוק געקומען צו פאָרן קיין קיִעוו אַף א סעמינאַר וועגן אויסטויש מיט דערפאַרונג. ער דערציילט:

— די אַרבעט אין דער טונדרע קאָן מען פירן בלויז ווינטער, ווען די זומפּן ווערן פאַר-פרוירן. איר שטעלט זיך פאָר — א פראָסט פון 30 — 35 גראַד, דו ליגסט אַף דער ערד און קאָנסט ניט קיין ריר טאָן זיך — די נאָט דאַרף זײַן אַן אידעאַל גלײַכע. און אויב עס הייבט אָן שיטן א שניי, איז ביכלאַל ניט מעגלעך צו אַרבעטן... און וואָס איז אַזוינס דער קאָמפּלעקס „סעווער-1"? דער אַפּאַראַטאָר שטייט באַם פּולט, קוועטשט אַף קנאָפּקעס. דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, זײַנען מיר מיט דער הילף פונעם קאָמפּלעקס דורכגעגאַן פאַר אָט דעם סעזאָן 24 קילאָמעטער, און פריִער פלעגן מיר געוויינלעך מאַכן 20.

באַרים פּאַוולאָוויטשעס ווערטער קאָן מען איליוסטרירן אַף אַזא אויפן: די עקאָנאָמיע פון אײַנגלידערן דעם קאָמפּלעקס „סעווער-1" באַטרעפט שוין הונדערטער טויזנטער רובל. די צווײַג האָט געוווּנען, און דידוק אַליין?

פריִער דער בעסטער אין דער צווײַג שווייסער, און הײַנט, אַרבעטנדיק מיט דער מאָ-דערנער טעכניק, פאַרדינט ער, עמעס, ווייניקער. אָבער ער באַדויערט ניט. ער האַלט, אַז די נײַע טעכניק האָט די ווערט אַזעלכע קאָרבאָנעס.

— אין מיטעלן פּאַס פון רוסלאַנד אַרבעטן איצט עטלעכע „סעווער-1". זיי האָבן שוין געענדערט די פּסיכאָלאָגיע פון פיל מענטשן. די שווייסער קומען צום געדאַנק: „צום אַלטן איז קיין אומקער ניטאָ". און ווען „סעווער" וואָלט זיך באַוויזן אַף די באַצירקן מיט א יאָר דרײַ צוריק, וואָלט שוין איצט אין דער בויונג פון רערלייטונגען פאָרגעקומען א גאַנצע טעכ-נאָלאָגישע רעוואָליוציע.

יאָ, די אינזשעניער-צענטערס גיבן א סאַך דער פּראַקטיק. וואָס פאַר א נוצן ברענגען זיי דער ווירטשאַפט?

א היפּשן טייל פון דער אַרבעט אַף אײַנגלידערן די טעכניק נעמען די צענטערס אַראָפּ פון די געלערנטע און לייגן דאָס אַריבער אַף יענע, וועלכע דאַרפן דערמיט זיך פאַרנעמען — אַף די אינזשעניערן, קאָנסטרוקטאָרן, טעכנאָלאָגן. די פאָרשער אַרבעטן אַמערסטן אַף דער פּערספּעקטיוו. אויסער דעם, באַוואָרענען די צענטערס אַן עפעקטיווע „פאַרקערטע פאַרבינ-דונג" מיט דער אונטערנעמונג, זיי דערלויבן דורכפירן אַן עקספּערימענטאַלן קאָנטראָל פון די וויסנשאַפטלעכע אידייען, וועלכע קומען, אַגעוו, אָפּט אויף גראָד אין דער פּראַקטיק.

די אינזשעניער-צענטערס פאַרנעמען זיך הײַנט מיט אַזא וויכטיקער פּראָבלעם, ווי דאָס ברייטמאַסשטאַביקע אײַנגלידערן די נײַע טעכניק.

די צענטערס זײַנען באַרופן דורכצופירן אויך אַן אייגנאַרטיקע עקספּערטיזע אין געביט פון דער אײַנגלידערונג. גאַנץ אָפּט כאַפּן זיך אָן די אונטערנעמונגען אין באַליביקע פּראָיעקטן, אַבי פאָרמעל אָפּמערקן, אַז די אָפּעראַציעס זײַנען „אויטאָמאַטיזירט", „ראָבאָטיזירט"... הינטער דעם קאָן דאָך אָבער שטיין אַן עקאָנאָמישע אומנוצלעכקײַט פון דער אײַנגלידערונג. דערמיט דאַרף מען אַנטשיידנדיק קעמפן.

— מיט וואָס קאָן מען דערקלערן, וואָס די פאָרשטייער פון די אונטערנעמונגען ווענדן זיך אָפּט נאָך הילף אין די אַקאַדעמישע אינסטיטוטן און ניט אין זייערע אייגענע — אין די אָפּצווײַג-אינסטיטוטן?

אַף אָט דער פראַגע ענטפערט דער וויסנשאַפטלעכער אָנפירער פונעם אינזשעניער-צענטער פאַר דרוק-שווייסונג, לאַורעאַט פון דער לענין-פּרעמיע, מיטגליד-קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע פון אוקראַיִנע ס. אי. קוטשוק-יאַצענקאָ:

— די גרויסע וויסנשאַפטלעכע צענטערס פון דער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע שאַפן נײַע, אָפט רעוואָליוציאָנערע טעכנאָלאָגיעס, און דאָס דערמעגלעכט הײַנט אַף אַ ראַדיקאַלן אויפן מאָדערניזירן די פּראָדוצירונג.

— מיסטאָמע איז נאָיוו צו מיינען, אַז אַלץ גייט גלאַט אין דער פאַרמירונג פון נײַע וויסנשאַפטלעכע סוב-אָפּטיילן — אינזשעניר-צענטערס?

— פּראָבלעמען זײַנען, פאַרשטייט זיך, פאַראַן איבערגענוג. דאָס וויכטיקסטע איז, וואָס די אינזשעניר-צענטערס זײַנען שוין דורכגעגאַנגען דעם „קאָנטראָל מיט טאַט". אָבער ניט גע-קוקט אַף דער שטיצע מיצאַד דעם מעלוכע-קאָמיטעט פון וויסנשאַפט און טעכניק, זײַנען זיי, מאַכמעס דער קאָנסערוואַטיווער פּאָזיציע פונעם פינאַנץ-מיניסטעריום און פון דעם מעלוכע-קאָמיטעט איבער אַרבעט פון פּסר, נאָך אַלץ אָפיציעל ניט אַנערקענט.

אַט איז די מיינונג פונעם אַקאַדעמיקער ב. יע. פּאַטאָן:

— די סיסטעם פון אײַנגלידערן די הויך-עפעקטיווע טעכניק און טעכנאָלאָגיע, די סיסטעם, וואָס איז אָביעקטיוו אָריענטירט הויפּטזאַכלעך אַף צו פאַרפולקומען די פונקציאָנירנ-דיקע אונטערנעמונגען, קאָן ניט קעסיידער גאַראַנטירן די מאַסן-רעאַליזאַציע פון די וויסנ-שאַפטלעכע פאַנאַנדעראַרבעטונגען. דעריבער איז אַנטשטאַנען די נויטווענדיקײַט צו שאַפן אינזשעניר-צענטערס, ווי ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע-פאָרמען, וואָס זאָלן אַנטשפּרעכן דער קאָמפּליצירטקײַט און די מאַסשטאַבן פון די אויפגאַבן פון אײַנגלידערונג און וואָס זאָלן גאַ-ראַנטירן די אינזשעניר-טעכנישע פאַרקערפּערונג פון די ווירקלעך נאָוואַטאָרישע דערגרייכונגען.

אַן צורעדענישן

די פּסיכאָלאָגיע פון איינקע אָנפירער אין די מיניסטעריומס און אַמטן בײַט זיך צומאָל (אין דער שײַן פון די פאָדערונגען פונעם וויסנשאַפטלעך-טעכנישן פּראָגרעס) לאַנגזאַמער, איידער בײַ די פאָרשער אין די אינסטיטוטן, בײַ די אַרבעטער און אינזשענירן אַף דער אונטערנעמונג. צי קאָן מען ענדערן די דאָזיקע לאַגע?

אין יאַנואַר 1985 האָט דער קיִעווער שטאָטישער פּאַרטיי-קאָמיטעט דורכגעפירט, צו-זאַמען מיט דער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע פון אוקראַינע, אַ סעמינאַר אַף דער טעמע „אינזשע-ניער-צענטערס — אַן עפעקטיווע פאַרבינדונג-פאָרעם צווישן דער וויסנשאַפט און פּראָדוצי-רונג" מיטן אָנטייל פון די טוער פון די גרעסטע אונטערנעמונגען און בוי-אָרגאַניזאַציעס פון דער שטאָט.

פאַרן אָנהייב פון דעם סעמינאַר האָט יעדער איינער באַקומען אַן אַנקעטע. מירן אויס-טיילן פון איר אַזאַ פּונקט: „וואָס פאַר אַן אויפגאַבן ווילט איר לייזן מיט דער הילף פון די אינזשעניר-צענטערס?"

עס דערציילט דער שעף פון דעם וויסנשאַפטלעך-אָרגאַניזאַציאָנעלן אָפּטייל פונעם פּרעזידיום פון דער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע פון אוקראַינע, דאָקטאָר פון טעכנישע וויסנשאַפטן באָריס סטאָגני:

— די אָנפירער פון די אונטערנעמונגען זײַנען געקומען אַפן סעמינאַר שוין צוגעגריי-טע צו אַן ערנסטן געשפּרעך. און אויב דער ערשטער טייל פונעם סעמינאַר איז באַשטאַנען פון אַרויסטרעטונגען פון די דירעקטאָרן פון די אינזשעניר-צענטערס, איז דער צווייטער טייל געווען אַ מער זאַכלעכער — די דירעקטאָרן באַזוכן די באַזע פון די צענטערס, די עקספּערימענטאַלע זאַוואָדן און די קאָנסטרוקטאָרן-ביוראָען. מע האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכ-קײַט, ווי מע זאָגט, אַ טאַפּ טאָן די נײַע טעכניק מיט די הענט. אַ פּראַקטישער סאַכאַקל פונעם סעמינאַר זײַנען געווען צענדליקער אָפּמאַכן צווישן די אונטערנעמונגען און די אינזשעניר-צענטערס.

— ס'זײַנען פאַרבײַ עטלעכע כאָדאָשים. עפשער זײַנען שוין פאַראַן רעאַליזירטע אָפּ-מאַכן?

— דער אינזשעניר-צענטער איבער מעטאַל-באַאַרבעטונג מיט אַן אויפרײַס (אינסטי-טוט פון עלעקטראָשווייסונג) האָט געשלאָסן אַ ווירטשאַפטלעכן אָפּמאַך מיט די אונטערנע-מונגען אַף דורכפירן טעכנאָלאָגישע פּראָצעסן און פאַנאַנדעראַרבעטן די טעכנישע דאָקומענ-טאַציע וועגן אַרײַנפּאַסן מיט אַן אויפרײַס די אָפּצווײַגן אין די פונקציאָנירנדיקע וואַסערליי-טונגען. איך וועל באַמערקן: די געלערנטע האָבן פאַרגעלייגט אַ מעטאָד, ווען עס פאָדערט זיך ניט אַפילו אָפּצושליסן דאָס וואַסער אין דער נעץ. זעקס „אַרײַנפּאַסונגען" זײַנען שוין פאַרווירקלעכט...

— וואָס גאַראַנטירט, לויט אײַער מיינונג, די עפעקטיווקייט פון די מאָסמיטלען אַף צו פאַרגיכערן דעם וויסנשאַפטלעך-טעכנישן פּראָגרעס, לאָמיר זאָגן, אַפן בײַשפּיל פון אײַער סעמינאַר?

— דער סאַמע ברייטער אָנטייל פונעם פּאַרטיי-אַקטיוו. איר האָט דאָך אַליין געבלעטערט די אַנקעטעס פון די אָנטיילנעמער...

ווירקלעך, צווישן זיי זײַנען פאַראַן אויך די סעקרעטאַרן פון ראַיקאָמען פון דער פּאַרטיי פון קיִעוו. וועגן די אויפגאַבן, וועלכע ס׳האָט געוואָלט שטעלן פאַר די געלערנטע דער סעקרעטאַר פונעם אָקטיאַבערישן ראַיקאָם נ. דערקאַטש איז אָנגעשריבן: „אַ באַדײַטנדיקע פאַרקלענערונג פון דער האַנט-אַרבעט אַף די אונטערנעמונגען פונעם ראַיאָן...״

עס רעדט דער וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר פונעם אינסטיטוט פון עלעקטראָשווייסונג אַפן נאָמען פון יע. אָ. פּאַטאָן וואָלאָד בערנאַדסקי:

— ענדערן די פּסיכאָלאָגיע פון אייניקעווירטשאַפט-אָנפירער איז שווער. מיט איינע צורעדענישן וועסטו דעם איניען ניט אַ רוק טאָן פונעם אָרט. באַם קיִעווער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי און באַ אַנדערע געגנטקאָמען זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן סאָוועטן פאַר מיטהעלפן דעם וויסנשאַפטלעך-טעכנישן פּראָגרעס. די אַלגעמיינע קאָאָרדינאַציע פון די אַרבעטן אין דער רעפּובליק פאַרווירקלעכט דער מיטהילף-סאָוועט באַם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון אוקראַיִנע.

אין צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון אוקראַיִנע האָב איך אויפמערקזאַם זיך באַקאַנט מיט דער דערפאַרונג פון דער אַרבעט פון די סאָוועטן פאַר מיטהעלפן דעם וויסנשאַפטלעך-טעכנישן פּראָגרעס.

מײַן מיטשמועסער איז דער פאַרוואַלטער פונעם סעקטאָר פון דעם אָפּטייל איבער וויסנשאַפט און לערן-אַנשטאַלטן פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון אוקראַיִנע גענאַדי פּאַלשין:

— דאָס לעבן אַליין דיקטירט צו שאַפן מיטהילף-סאָוועטן. אַף דער גרענעץ פון די 70-ער יאָרן האָט אין אַ ריי צווײַגן זיך געשאַפן אַ שווערע לאַגע, באַזונדערס אין דער שטיינקוילן-אינדוסטריע און אין דער שוואַרצער מעטאַלורגיע. לאָמיר זאָגן, דאָנבאַס — אַן אַלטער, אינדוסטריעל-אַנטוויקלטער ראַיאָן, וועלכער לאָזט אַרויס אַ קאָלאָסאַלע צאָל פּראָדוקציע. אָבער איבער אַ ריי סיבעס, און קודעמקאָל אין שײַכעס מיט די פעלערן אינעם פאַרווירקלעכן די אינוועסטיציע- און סטרוקטור-פּאָליטיק פון אַנטוויקלען די צווײַגן, זײַנען די גרונטיקע פּראָדוציר-פאָנדן פון די אונטערנעמונגען אינעם רעגיִאָן היפּש פאַרעלטערט געוואָרן.

ס׳איז געקומען די צײַט, ווען שאַלעם מאַכן מיט אַזאַ זאַכלאַגע האָט מען מער ניט געטאָרט. די שווונגראָד פון דער מאָדערניזאַציע, די וויסנשאַפטלעך-טעכנישע איבערבאַוואָפּענונג וועסטו אין איין מינוט ניט פאַנאַנדערדרייען. ס׳האָט זיך געפאָדערט ברעכן די געוווינטע פאָרשטעלונגען, בײַקומען די אינערציע. און דאָ האָט מען ניט געקאָנט זיך באַגיין אָן אַ פּאַרטייִשן אײַנפלוס. באַם געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי איז געשאַפן געוואָרן אַ סאָוועט פאַר מיטהעלפן דעם וויסנשאַפטלעך-טעכנישן פּראָגרעס.

מע קאָן, פאַרשטייט זיך, ניט זאָגן, אַז ס׳איז שוין איצט פאָרגעקומען אַן איבערבויונג אין אַלע רינגען פון דער עקאָנאָמיק, אָבער זי האָט זיך אָנגעהויבן. און אָט דער פּראָצעס וועט דויערן. אַזאַ אויפגאַבע האָט געשטעלט דער אַפּרעל-פּלענום (1985) פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון קפּסס און די אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג מיקויעך פראַגן פון פאַרגיכערן דעם וויסנשאַפטלעך-טעכנישן פּראָגרעס אין צענטראַל-קאָמיטעט פון קפּסס.

מיכאַיִל סערגייעוויטש גאָרבאַטשאָוו האָט זומער 1985 באַזוכט קיִעוו. ער האָט זיך באַקאַנט מיט דער דערפאַרונג פון דער וויסנשאַפט און פּראַקטיק אַף אוקראַיִנע, געגעבן איר אַ הויכע אָפּשאַצונג.

דער אַקאַדעמיקער ב. יע. פּאַטאָן האָט אונדז געזאָגט:

— די אַרבעט צו פאַרפולקומען די טעטיקײַט פון אַלע רינגען אין דער קייט „וויסנשאַפט—אונטערנעמונג״ ווערט פאַרגעזעצט. ניט ווייניק שוועריקײַטן זײַנען מיר שוין בײַגעקומען. אויך אין דער צוקונפט קאָן מען, מיסטאמע, ניט אויסמײַדן קיין שוועריקײַטן. אָבער די דיאַלעקטיק פון דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט פאָדערט, ס׳זאָל געפירט ווערן אַ קאַמף פונעם נײַעם קעגן דעם אַלטן, פון דעם פּראָגרעסיוון קעגן דעם שוין אָפּגעשטאָרבענעם. און מיר, סאָוועטישע מענטשן, דאַרפן זײַן אַף דעם פאָדערשטן ראַנד.

עגאָן ערווין קיש

לענין — „מעיער" און פּראַנטישעק מאַדראַטשעק

פון רעדאַקציע.

עס איז באַוווּסט, אַז וולאַדימיר איליטש לענין איז אין מעשעך פון זײַן אומלעגאַלער פּאָליטיש־פּובליציסטישער טעטיקײַט אַרויסגעטראָטן אונטער 148 פּסעוודאָנימען. אין די יאָרן פון דער ערשטער עמיגראַציע האָט ער באַנוצט מערסטנטייל די פּסעוודאָנימען „פּעטראָוו", „פּריי", „אילין", „לענין", אָבער די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ קיין מינכען, ווו איליטש האָט די ערשטע צײַט געלעבט, האָט ער געבעטן שיקן ניט אויפן אַדרעס פון פּעטראָוון אָדער פּריי, נאָר אויף מעיערס. אין אַ בריוו פונעם 3 יאַנוואַר 1902 האָט נ. ק. קרופּסקאַיאַ געשריבן צו אַקימען (גאָלדמאַנען) אין קעשענעוו:

„מיר האָבן באַקומען אײַער מאַטאָנע (עס גייט אַ רייד וועגן דעם דריטן נומער פון דער צײַטונג „איסקראַ", וועלכער איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ קעשענעווער טיפּאָגראַפיע) און זײַנען געוועזן אויסער־געוויינלעך צופרידן. מעיער קאָן זיך אַלץ ניט אָנקוקן אין דער צײַטונג".

אונטער דעם פּסעוודאָנים „מעיער" האָט וו. אי. לענין אומלעגאַל געוווינט אין מינכען פון אָקטיאַבער 1900 ביז אַפּרעל 1901. דערמיט איז פאַרבונדן דער עפּיזאָד, וועלכן עס באַשרײַבט דער באַוווּסטער עסטרײַכישער שרײַבער עגאָן ערווין קיש. די פאַרצייכענונג „לענין — „מעיער" און פּראַנטישעק מאַד־ראַטשעק" איז געווען פאַרעפנטלעכט אין דער דײַטשישער פּרעסע אין סאָף פון די צוואַנציקער יאָרן און איז גלײַך אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ ייִדישער איבערזעצונג אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער" (נומ. 48 פאַרן 1930). אין 1956 האָט די פאַרצייכענונג פאַרעפנטלעכט אויף רוסיש די צײַטונג „וואָס־טאָטשנאָ־סיבירסקאַיאַ פּראַוודאַ".

— איינמאָל, — אַזוי דערציילט מיר מאַדראַטשעק, — עס איז געווען פיל יאָרן פאַר דער מילכאָמע, איז געקומען צו מיר אַ פּויליִשער כאַווער, וועלכער האָט געוווינט אין פּראָג, און געזאָגט: „כאַווער מאַדראַטשעק, איך קום אײַך אָפּגעבן אַ גרוס פונעם כאַווער לענין".

— פון וועמען?

— פונעם כאַווער לענין, איר ווייסט דאָך, ווער ער איז.

— אַוודאי ווייס איך, ווער ער איז. אין דער רוסישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז ער אַ לינקער. אָבער איך קען אים ניט פּערזענלעך.

דער פּויליִשער כאַווער איז געוואָרן דערשטוינט:

— איר קענט אים גאָרניט? כ'קום נאָרוואָס פון קראָקע, און דאָרט האָט לענין מיך געבעטן: „ווען איר וועט זײַן אין פּראָג, גייט אַרײַן צום כאַווער מאַדראַטשעק און גריסט אים אין מײַן נאָמען". אַזוי האָט ער מיר אויסדריקלעך געזאָגט.

ס'איז מיר מער ניט געבליבן, ווי צו דאַנקען דעם איבערגעבער פונעם גרוס, אָבער דערקלערן די זאַך האָב איך זיך ניט געקאָנט, וואָרעם איך האָב לענינען קיינמאָל ניט געזען, און אַז ער זאָל וועגן מיר קענען הערן — איז אויסגעשלאָסן, ווײַל אַכוץ דער טשעכישער פּאַרטיי, בין איך אין ערגעץ ניט געווען טעטיק.

עפּעס אין אַ יאָר שפּעטער איז צוריקגעקומען דער כאַווער נעמען פונעם אינטערנאַ־ציאָנאַלן קאָנגרעס, פון באַזעל, און געזאָגט צו מיר: „מאַדראַטשעק, דער כאַווער לענין האָט מיר געהייסן, איך זאָל דיך האַרציק גריסן".

איצט איז די זאַך געווען נאָך געהיימניספולער, וואָרעם אין דעם זעלבן יאָר 1912, ס'הייסט צווישן דעם ערשטן און צווייטן גרוס, איז פאָרגעקומען אין אונדזער פּאַרטיי־הויז די גרויסע קאָנפערענץ פון די רוסישע באָלשעוויקעס, און איך האָב געוווּסט, אַז לענין איז דאָרט געווען (ער האָט, גלייב איך, געוווינט אין „האָטעל מישקאַ", אין דער פאָרשטאָט זשיזשקאָוו, ניט ווײַסנדיק, אַז דעם האָטעל האָט די פּאָליצײַ געהאַט שטאַרק אין אויג), און איך האָב ניט פאַרשטאַנען, אַז ווײַבאַלד לענין לאָזט מיר שוין צום צווייטן מאָל גריסן, פאַר־וואָס זשע באַזוכט ער מיך ניט בײַס ער געפינט זיך אין פּראָג? איך האָב אַבסאָליוט ניט גע־פונען קיין ענטפער אויף אָט דער פראַגע.

דערנאָך איז געקומען די רוסישע רעוואָליוציע, און פון איר האָט זיך אַרויסגעהויבן לענינס געשטאַלט, דאָס געשטאַלט פון דעם מענטשן, וועלכן איך האָב מיך באַם בעסטן ווילן ניט געקאָנט דערמאָנען און וועלכער לאָזט מיך גריסן.

מיטאַמאָל זע איך אין אַ צײַטונג לענינס בילד און זאָג צו מײַן פרוי:

— סאַקראַ, דו ווייסט, ווער לענין איז? דאָס איז דאָך אונדזער מעיער!

מײַן פרוי האָט זיך איבערגעבויגן איבער דער צײַטונג און אויסגעשריִען:

— אוואַדע איז עס אונדזער מעיער!

און קעדיי צו האָבן די פולע זיכערקײַט, האָב איך אָנגעהויבן נישטערן אין די אַלטע פּאַפּירן — עפּשער געפינט זיך נאָך עפּעס פון דער קאָרעספּאָנדענץ מיט מעיערן, — כאָטש איך האָב בייסן קריג פאַרברענט אַלע בריוו מיט אַ פּאָליטישן אינהאַלט.

בעשאַס דער אַלטער מאַדראַטשעק זוכט צווישן זײַנע פּאַפּירן, וועלן מיר דערמאָנען, אַז אין אַ מאַרט-טאָג פון יאָר 1900 זײַנען אַלע פּאָליטישע פאַרשיקטע געקומען פון די דער-פער אַרום מינוסינסק אין דער קרײַז-הויפּט-שטאָט, קעדיי זיך געזעגענען מיט זייער יונגן פירער. זײַנע פינף סיבירישע יאָר זײַנען געהאַט אַוועק, און ער פאָרט אַהיים. „היים” — דאָס האָט געהייסן פאַר אים (און אַלע האָבן דאָס געוווּסט) — די אַרבעט אין דער סאָציאַליסטי-שער אָרגאַניזאַציע. אַלע האָבן אים געקושט, וואָרעם זיי האָבן אויף וולאַדימיר איליטשן געלייגט גרויסע האָפענונגען.

ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. דער שליטן האָט זיך אַרײַנגעשניטן אין דעם פּראָסטיקן ווינט לענגויס דעם טײַך יעניסיי. דרײַ הונדערט וויאָרסט איז דער שליטן געלאָפן מיטן ברעג, גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט. דער פראָסט האָט געברענט, אָבער לענין האָט אויסגעטאָן דעם פעלץ, אים איז געווען הייס, ס'האָט אים געפיבערט, וואָרעם יעדער טראָט פון די פערד האָט אים געבראַכט נעענטער צום ציל; איצט וועט ער קאָנען פאַרווירקלעכן די פּלענער, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט אין שושענסקאָיע, קוידעמקאָל צו שאַפן אַ רוסישן צענטראַל-אָרגאַן — די „איסקראַ”, דעם פונק, פון וועלכן ס'זאָל זיך צעבלאָזן אַ גרויסער פלאַם.

דער שליטן האָט געיאָגט ביז אופאַ, דאָרט האָט זיך לענין געמוזט צעשיידן מיט קרופּ-סקאַיאַן: איר פאַרשיקונגס-צײַט האָט זיך נאָך ניט געענדיקט. אין פּסקאָוו האָט לענין זיך אָפּגעשטעלט, קעדיי צו איבערצײַגן די לעגאַלע מאַרקסיסטן, זיי זאָלן מיטאַרבעטן מיט דער „איסקראַ” און מיט דער „זאַריאַ” (די באַרימטע פּסקאָווער באַראַטונג). דערנאָך האָט ער געזאָלט פאָרן קיין אויסלאַנד צו די „אַלטע” — צו פּלעכאַנאָוון, אַקסעלראָדן און וועראַ זאַסוליטש.

אָבער די „אָכראַנקע” האָט ניט אַראָפּגעלאָזט פון אים דאָס אויג, און אין פּעטערבורג האָט מען אים אַרעסטירט. ער האָט געהאַט מיט זיך דעם גרינדונגס-קאַפּיטאַל פון דער צײַטונג — צוויי טויזנט רובל און נאָטיצן אויף אַ בויגן פּאַפּיר וועגן די פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד. די נאָטיצן זײַנען געווען געשריבן מיט מילך, און אַזוי האָט עס זיך געלייענט ווי אַן אומשולדיקער בריוו. גיריק האָט זיך דער זשאַנדאַרם-פּאָלקאָווניק אַ וואָרף געטאָן אויף דעם בריוו, וועלכן ער האָט געפונען באַ דעם געפערלעכן אַרעסטאַנט. ער האָט אָבער דאָרט ניט געזען עפּעס געהיימס און געהייסן צולייגן דעם פּאַפּיר צו די אַקטן. אָנדערהאַלבן וואָכן איז לענין געזעסן אין דער קאַמער: צי וועלן זיי זיך דערטראַכטן, אַז מע דאַרף אָנוואַרעמען דאָס בייגעלע פּאַפּיר?

דאָס איז זיי ניט אײַנגעפאַלן. דער אַרעסטאַנט אוליאַנאָוו איז אויפן צענטן טאָג גערופן געוואָרן צום פּאָלקאָווניק, מע האָט אים אַלץ צוריקגעגעבן, אויך די צוויי טויזנט רובל און דעם פּריוואַטן בריוו, שטרענג אָנגעזאָגט אים, ער זאָל זיך ניט פאַרנעמען מיט רעוואָליוציאָ-נערער טעטיקײַט, ניט מאַכן קיין פּרווו צו פאָרן קיין אויסלאַנד — און אים פרײַ געלאָזט.

און לענין איז אַוועק קיין אויסלאַנד, וווּהין ס'איז אין אַ יאָר אַרום געקומען זײַן לעבנס-באַגלייטערן, ווען איר פאַרשיקונגס-צײַט האָט זיך פאַרענדיקט.

אין אירע „זיכרוינעס וועגן לענינען” דערציילט קרופּסקאַיאַ, וויאַזוי זי איז געפאָרן קיין פּראָג, מיינענדיק, אַז לענין האַלט זיך דאָרט אויף אונטערן נאָמען מאַדראַטשעק. דאָס איז גע-ווען דער אַדרעס, אויף וועלכן ער האָט זיך געלאָזט שיקן די בריוו. אָבער דעם לעצטן בריוו, וואָס לענין האָט איר געשיקט, אײַנגעבונדן אין דער הילע פון אַ בוך, און אין וועלכן ער האָט אָנגעגעבן זײַן מינכענער אַדרעס, האָט זי ניט באַקומען. זי האָט טעלעגראַפירט קיין פּראָג, אָנגעגעבן די שאָ, ווען זי קומט, און איז געווען ניט ווייניק דערשטוינט, ווען זי האָט וולאַדימיר איליטשן ניט געטראָפן אויפן פעראָן. לאַנג האָט זי געוואַרט און אין גרויס פאַר-

לעגנהייט געדונגען דערנאָך א דראָזשקע. און אוועקגעפאָרן אין שטאָט אריין. די דראָזשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אן ענגער גאס פון אן ארבעטער-קווארטאל, אנטקעגן א גרויס טונקל הויז, ווו אין די אָן א שיר פענצטער איז געווען אויסגעהאנגען בעטגעוואנט צום לופט-טערן. נאדיעזשדע קאָנסטאנטינאָוונא איז ארופגעלאָפן אפן פערטן שטאָק, ווו א בלאָנדע טשעכישע פרוי האָט איר געעפנט די טיר. „צו מאַדראטשעקן, צום הער מאַדראטשעק!" — האָט קרופסקאיא געזאָגט. בא דער טיר האָט זיך באוויזן אן ארבעטער: „מאַדראטשעק? דאָס בין איך".

— ניין! — האָט קרופסקאיא געמורמלט, — מאַדראטשעק איז מיין מאן.

מאַדראטשעק האָט באלד פארשטאנען, וועמען די פרוי זוכט: דעם רוס, וועמען ער האָט פונדאנען איבערגעשיקט בריוו קיין מינכען. אויך די היינטיקע טעלעגראמע האָט ער אים אף אזא אויפן איבערגעגעבן מיט דער פאָטשט.

באלד נאָכן דערשיינען פון קרופסקאיאס מעמוארן האָבן מיר זיך געווענדט צו דעם פּיאָנער פון דער טשעכישער „פרייַנטשאפט-באוועגונג", פראנטישעק מאַדראטשעק, וואָרעם נאָר ער און ניט קיין אנדערער האָט געקאָנט זיין דער מאַדראטשעק, וועלכער ווערט דערמאָנט אין די מעמוארן.

זייער גערן האָט ער דערציילט וועגן זיין באציִונג צו יענעם „געהיימניספולן פרעמדן" און צו זיין פרוי.

די רעדאקציע פון דער פארטיי-צייטונג „פראווא לידו", וועלכע האָט זיך אין יענער צייט געפונען אפן פאָלאצקי-פּלאץ, האָט זומער 1900 צוגעשיקט צו מיר א רוסישן כאַווער, וועלכער האָט געזאָלט מיט מיר וועגן עפּעס איבערשמועסן און אויך בא מיר איבערנעכטיקן. איך האָב דעמלט געוווינט אין דער פאָרשטאָט ווערשאָוויץ, באם ראָג פון דער קאָלאר-גאס און נערודא-גאס. די וווינונג איז ארויסגעגאנגען אפן הויף און איז געווען אזוי קליין, אז איך האָב ניט געהאט קיין פלאץ (און קיין מאטראץ אויך ניט), קעדיי פאר דעם פרעמדן מאכן א געלעגער. איבער דעם איז ער דעמלט ניט געשלאָפן אין מיין וווינונג.

פון אים בין איך געוווּיר געוואָרן, אז ער איז געקומען פון רוסלאנד אומלעגאל נאָך דעם, ווי ער האָט זיך געפונען אין סיביר ווי א פארשיקטער. ער האָט בעשום-אויפן ניט אויסגעזען ווי אן עקזאלטירטער ניהיליסט, גיכער געווען ענלעך אף א געשעפטס-רייזנדן פון א ביסל אן אויסלענדישן טיפ. א מיטלוווּקסיקער, ניט דיק און ניט דאר, א ביסל ברייט-פלייציק, איז ער אין זיינע רייד געווען רויִק, האגאם, ווי איך האָב געפילט, האָט ער זיך געאיילט. ער האָט גערעדט גוט דייטש.

דער פרעמדער האָט מיר ניט געזאָגט זיין נאָמען, נאָר מיך געבעטן, אז אין די בריוו זאָל איך אים רופן „כאווער מעיער".

נאָך זיין אָפּפאָרן פלעג איך טאקע באקומען א סאך פעקלעך פון רוסלאנד, און כ'האָב זיי אָפּגעשיקט קיין מינכען אפן אדרעס, וועלכער איז מיר געווען געגעבן. דערנאָך האָבן אָנגעהויבן קומען פון דייטשלאנד און פון דער שווייץ פעקלעך מיט צייטונגען, זשורנאלן און בראָשורן קימאט יעדע וואָך. אין פארלאג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראטישער דרוקעריי, ווו איך האָב געארבעט, פלעג איך זיי איבערפאקעווען אין קאסטנס און אָפּשיקן אף אן אדרעס קיין קראָקע.

אין עטלעכע כאדאָשים ארום האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אונדזער הויז אין דער קאָלאר-גאס א דראָזשקע, פון וועלכער ס'איז אראָפּ א שוואכלעכע, אומגעפער דרייסיקיאָריקע, איינפאך-געקליידעטע סימפאטישע פרוי — מעיערס ווייב. זי האָט זיך אין אָנהייב געדונגען מיט דעם קוטשער איבער דער הויכער פאָר-פרייז, וואָס ער האָט פון איר פארלאנגט.

א ביסל באריידעוודיקער פון איר מאן, האָט זי מיר דערציילט אין א נישקאָשעדיקן דייטש, אז זי איז געווען מיט אים אין פארשיקונג און שפּעטער געווען טעטיק ווי א לערערן אין א הויז פון א רייכן רוסישן סיבערער, אָבער איצט וויל זי מיט איר מאן לעבן אין דער פרעמד.

איך האָב זיך דעמלט געפונען אין שרעקלעכע באדינגונגען. מיין פרוי האָט די פרעמדע מיט גאָרניט געקאָנט מעכאבעד זיין, כוץ מיט אָרעמער קאווע און מיט א גוליאש פון פערדן-פלייש. א שכיינע האָט אונדז מיט עטלעכע טעג צוריק איינגערעדט, מיר זאָלן אמאָל פרוון פערדן-פלייש, אָנשטאָט צו עסן שטענדיק פארעווע מאָלצייטן. און גראָד אין דעם טאָג האָט מיין פרוי צום ערשטן מאָל געהאָרכט די אייצע. מיר האָבן געציטערט, אז די פרעמדע כאַ-ווערטע וועט עס באמערקן און זיך אָפּשאָקלען מיט עקל פון דעם עסן. אָבער זי איז געווען, ווייזט אויס, זייער הונגעריק, און ס'האָט איר אלץ זייער גוט געשמעקט.

די כאָוועריטע, וועלכע איז אָקאָרשט געקומען פֿון דער רײַזע פֿון רוסלאַנד, אָן איבעררײַס, איז געווען זייער מיד — האָט מײַן פֿרוי איר געמאַכט אונדזער בעט, קעדיי זי זאָל קאָנען עטלעכע שאָ שלאָפֿן. אין אָוונט — די אַרבעטער זײַנען פּונקט אַרויס פֿון די פֿאַבריקן — האָב איך זי באַגלייט אױפֿן וואָקזאַל, דעם הײַנטיקן מאַסאַריק-וואָקזאַל, פֿונוואַנען זי איז אָפּגעפֿאָרן קיין מינכען.

איינמאָל האָט די פּאָליציי קאָנפֿיסקירט אַ פּעקל רוסישע ביכער, אַדרעסירט אױף מײַן נאָמען, און אומגעקערט עס ערשט נאָך אַ גענויער אויספֿאָרשונג, זיך אָנגעפֿרעגט, פֿונוואַנען סע שטאַמט און פֿאַר וועמען ס'איז באַשטימט. איך האָב וועגן דעם באַלד צו וויסן געגעבן דעם כאָוועה מעיער קיין מינכען.

צו ווײַנאַכט 1901 האָט מײַן קליינע טאָכטער באַקומען פֿון פֿרוי מעיער פֿון מינכען אַ שאַכטל פֿיגורלעך, שטערנס און אַנדערע קלייניקײַטן, מיט וועלכע ווײַנאַכט-ביימער ווערן באַהאַנגען. פֿון דער מאַטאָנע האָט זיך נאָך ביז הײַנט אָפּגעהיט אַ גאָלדענער שטערן מיט אַ מאַלער אינדערמיט.

פֿרילינג אָדער זומער 1902 איז געקומען צו מיר אַ יונגער רוס, וועלכער האָט געוואָלט אומלעגאַל פֿאָרן קיין רוסלאַנד מיט אַ רעקאָמענדאַציע פֿון מעיערן. ווי איך בין שפּעטער פֿון אים געוויר געוואָרן, איז זײַן אױפֿגאַבע געווען אַריבערצוברענגען עטלעכע קאַסטנס ביכער. ער איז געשלאָפֿן צוויי טעג בײַ מיר און איז אָפּגעפֿאָרן דערנאָך קיין קראָקע. אין דרײַ טעג אַרום האָבן די צײַטונגען געבראַכט אַ ידיעה, אַז אױף דער רוסיש-גאַליצישער גרענעץ איז דערשאָסן געוואָרן אַ ניהיליסט, וועלכער האָט אױף זײַן וואָגן געפּרוווט איבערשמוגלען קיין רוסלאַנד רעוואָלוציאָנערע שריפֿטן און צײַטונגען. צי דאָס איז געווען יענער רוס, וועלכער האָט בײַ מיר געוווינט, קאָן איך ניט זאָגן, אָבער איך מיין, אַז דאָס איז געווען טאַקע ער.

פֿון יענער צײַט אָן האָב איך יעדע פֿאַרבינדונג מיט די מעיערס פֿאַרלאָרן, און די ראָמאַנטישע באַקאַנטשאַפֿט וואָלט מיר זיכער געווען אַרויס פֿון זיקאָרן, ווען ניט דאָס, וואָס איך פֿלעג פֿון צײַט צו צײַט באַקומען צוגעשיקט פֿון דער שווייץ פֿאַרשיידענע רוסישע דרוקזאַכן, דערונטער אויך די צײַטשריפֿט „זאַריאַ", און ס'איז צומאָל ניט געווען אָנגעגעבן, ווער עס שיקט מיר דאָס. איך האָב אָבער געטראַכט, אַז דאָס מוז שטאַמען פֿון מעיערן.

ניט געוווּסט האָב איך אָבער, אַז מעיער און לענין, פֿון וועלכן כ'פֿלעג באַקומען די מערקווירדיקע גרוסן, איז איינע און די זעלבע פּערזאָן, ביז עס איז מיר ניט אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט די פֿאָטאָגראַפֿיע. נו, האָב איך געזוכט אין אַלע פּאַפּירן, צי ס'איז ניט איבערגעבליבן עפּעס פֿון דעם בריוו-אויסטויש מיט מעיערן, און איך האָב בעעמעס געפֿונען באַשטעל-שײַנען פֿון דעם וואַרשאָוויצער פּאָסטאַמט אױף רעקאָמענדירטע בריוו און פּעקלעך, ווי אויך אױף אָפּגעשיקט געלט. דער אַדרעס פֿון די מעיערס איז געווען: „ד"ר מעד. קאַרל לעהמאַן, מינכען, גאַבעלסבערגער שטראַסע, 2, אַ. 20, פֿאַרן הער מעיער". די עלטסטע פֿון די פּאָסט-אָנווײַזונגען שטאַמט פֿונעם 13 מאַרט 1901 — איין פּעקל, וואָס האָט געוויגן 3 קילאָגראַם, און אַ צווייטס פֿון 3 קילאָגראַם און 700 גראַם.

אָבער דאָס אַלץ איז נאָך ניט קיין באַווײַז, אַז מײַן גאַסט איז גראָד געווען לענין. לעסאָף האָב איך געפֿונען אַן אָפּגעב-שײַן פֿונעם וואַרשאָוויצער פּאָסטאַמט, געשטעמפּלט דעם 3 מײַ 1901, וועלכע באַשטעטיקט, אַז אין יענעם טאָג האָב איך אָפּגעשיקט אַ רעקאָמענדירטן בריוו מיט דעם דײַטשיש געשריבענעם אַדרעס: „פֿרוי אוליאַנאָוו, מאָסקווע". נו, האָב איך איצט באַקומען אַן אָפּיציעלע באַשטעטיקונג, אַז לענין איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי „מעיער".

פֿראַנטישעק מאָדראַטשעק, דער אַלטער סאָציאַל-דעמאָקראַט, ווייסט, אַז די ערשטע העפֿטן פֿון דער „איסקראַ" זײַנען דורך זײַנע הענט אַוועקגעגאַן אױף זייער וועג, אין צאַרישן רוסלאַנד, ווו זיי האָבן פֿיר יאָר שפּעטער אָנגעצונדן דאָס ערשטע פֿײַער און נאָך אין צוועלף ווײַטערדיקע יאָר אַרום — דעם גרויסן פֿלאַם פֿון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע. פֿראַנטישעק מאָדראַטשעק, דער אַלטער סאָציאַל-דעמאָקראַט, ווייסט אָבער ניט, אַז ער האָט פֿאַר דער רוסישער רעוואָלוציע פֿאַרדינסטן, ווײַל ער האָט אַרויסגעוויזן פֿרײַנטשאַפֿט צו איינעם „אַ פֿרעמדן", וועלכער האָט אַזוי איינפֿאַך אויסגעזען און זיך גערופֿן מיט אַזאַ פּראָסטן נאָמען — מעיער...

דאָס אומשטערבלעכע וואָרט
פונעם פירער

עס איז געגאנגען דאָס 1919 יאָר. דאָס לאַנד איז געווען ארומגעכאַפּט מיטן בירגער-קריג, אומעטום — הונגער, כורבן... שווער איז ארויסגעקומען דער יונגער סאָוועטישער רעפּובליק, נאָר פּונקט אין אָט דער צייַט האָט וו. אי. לענין באַופטראָגט דעם פּאַרוואַלטער מיט דער צענטראַלער אַגענטור פון באַזאָרגן און פאַרשפּרייטן פּרעסע-ווערק ב. מאַלקינען אויסנוצן פאַר דער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע די טעכניק פון קלאַנגען-פאַרנאָטירונג, גראַמפּלאַטן. א באַדייַטנדיקער טייל פון דער באַפעלקערונג פונעם לאַנד איז דאַך געווען ניט-גראַמאָטנע, עס האָבן ארויסגעפעלט דרוק-אויסגאַבעס.

„וולאַדימיר איליטש, — דערמאָנט זיך מאַלקין, — האָט ארויסגעוויזן זייער א גרויסן אינטערעס צו דער גראַמאָפאָן-פּראָפּאַגאַנדע און האָט אַלמעגלעך געהאָלפן אונדז אָרגאַניזירן אָט די קאָמפּליצירטע, שווערע זאַך". זעכצן מאָל איז לענין ארויסגעטראָטן פאַרן רופּאָר פונעם קלאַנגען-פאַרשרייַבנדיקן אַפּאַראַט. זייַנע רעדעס זייַנען געווען געווידמעט טאָגטעגלעכע פראַגן, דאָס איז צו זען אפילע לויט די קעפּלעך פון די רעדעס: „וועגן דער ארבעטס-דיסציפּלין", „וועגן דער ארבעט פאַרן טראַנספּאָרט", „וויאַזוי ראַטעווען אַף שטענדיק די ארבעטנדיקע פונעם יאָך פון די גוטבאַזיצער און קאַפּיטאַליסטן", „מיטיילונג וועגן די אונטערהאַנדלונגען דורך ראַדיאָ מיט בעלאַ קון", „III קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל". די ערשטע פאַרנאָטירונג איז געמאַכט געוואָרן דעם 29 מאַרט 1919, די לעצטע — דעם 25 אַפּרעל 1921.

בלויז פאַר די יאָרן 1919—1920 איז ארויסגעלאָזט געוואָרן מער פון א האַלבן מיליאָן גראַמפּלאַטן מיט די ארויסטרעטונגען פונעם פירער. זיי זייַנען טיראַזשירט געוואָרן אויך שפּעטער. די מעשענע מאַטריצעס (פּרעספאָרמעס, מיט דער הילף פון וועלכע עס זייַנען ארויסגעפּרעסט געוואָרן די גראַמפּלאַטן) האָבן באַקומען א סאַך צעשעדיקונגען, זייַנען אָפּגענוצט געוואָרן. די צייַט האָט ניט געשאָנעוועט אויך די אָריגינאַלן, פון וועלכע עס זייַנען געמאַכט געוואָרן די מאַטריצעס. אין אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר ארום האָט מען שוין קימאַט ניט געקאָנט דערקענען וו. אי. לענינס שטים, נאָר אין 1934 יאָר האָט אין דער צענטראַלער לאַבאָראַטאָריע פונעם טרעסט פון גראַמפּלאַטן זיך אָנגעהויבן די ארבעט אַף אופשטעלן די צעשעדיקטע פאַרנאָטירונגען, קעדיי פאַרהיטן פאַר די קינפטיקע דורעס די לעבעדיקע שטים פונעם פירער.

קוידעמקאָל איז אויסגעקומען זיך פאַרנעמען מיט „מיקראָכירורגיע". א גראַווירער האָט אונטער א מיקראָסקאָפּ באַטראַכט דאָס קלאַנגען-שטעגל און, געפינענדיק אומגלייַכהייַטן (דאָס שטעגעלע דאַרף האָבן אומעטום אַן אַלצייַנע ברייט — בא 0,15 מילימעטער), האָט ער מיט א ספּעציעלן שנייַדמעסער אראָפּגעשניטן דאָס איבעריקע. דאָס איז געווען זייער א שווערע ארבעט. די לענג פונעם שטעגל פון א דרייַמינוטיקער פאַרנאָטירונג האַלט הונדערט מעטער, און אַף איר איז פאַרגעשטאַנען באַזייַטיקן עטלעכע הונדערט דעפעקטן!

נאָר אַף אַזאַ אויפן זייַנען אראָפּגענומען געוואָרן די אמערסטן גראָבע דעפעקטן. דער פּאָן-גערויש אין די פּאַוזעס צווישן די ווערטער איז אָבער פאַרבליבן. קעדיי צו באַזייַטיקן אים, האָט מען אָנגעווענדט א ספּעציעל געשאַפענע עלעקטראָן-אייַנריכטונג.

אַף צוויי גראַמפּלאַטן איז לענינס רעדע פאַרשריבן געוואָרן צו שנעל. עס איז אופגעקומען א מיינונג, אַז די פאַרנאָטירונג איז געמאַכט געוואָרן ניט מיט דער שנעלקייַט פון 78 אומקרייַזן אין א מינוט און די הייך פון דער שטים האָט מאַכמעס דעם געקאָנט פאַרקריפּלט ווערן. האָט מען געקראָגן מוזיקאַלע פאַרנאָטירונגען, וועלכע זייַנען געמאַכט געוואָרן אַף דעם זעלבן אַפּאַראַט. אויסגעהערט זיי, האָבן די עקספּערטן פעסטגעשטעלט, אַז די שנעלקייַט פון אויסהערן די פאַרנאָטירונג אַנטשפּרעכט דער שנעלקייַט פון דער פאַרנאָטירונג. ווייַזט אויס, אַז וו. אי. לענין האָט גערעדט שנעלער, קעדיי פאַר זייַן גאַנצער ארויסטרעטונג זאָל קלעקן אָרט אַפן דרייַמינוטיקן גראַמפּלאַט.

אין 1938 זייַנען מיט גרויסע טיראַזשן ארויסגעגעבן געוואָרן צוויי גראַמפּלאַטן מיט אופגעשטעלטע, אַף וויפל עס האָט דערלויבט די דעמאָלטיקע טעכניק, לענינס רעדעס „וועג-

דונג צו דער רויטער אַרמיי" (אין צוויי טיילן), „וואָס איז אַזוינס די סאָוועטנמאַכט?" און „צום אָנדענק פון דעם פאַרזיצער פונעם אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט יאַקאָוו מיכײַלאָוויטש סווערדלאָוו".

די מילכאָמע האָט אָפּגעשטעלט די ווײַטערדיקע אַרבעט. נאָר אין 1947 האָבן די ספּע- ציאַליסטן ווידער זיך געווענדט צו די אופגעשטעלטע פאַרנאָטירונגען, וועלכע מע האָט פריִער ניט געקענט אויסבעסערן.

אייניקע אָריגינאַלן זײַנען קאַליע געוואָרן אַף אַזויפיל, אַז בייסן אויסהערן זיי פלעגט די נאָדל אַרויסשפּרינגען פונעם שטעגל, נאָר אויך זיי האָט מען אויסגעבעסערט.

קעדיי אַף שטענדיק פאַרהיטן די גראַמפלאַטן, האָט מען פאַנאַנדערגעאַרבעט אַ מעטאָד פון באַקומען מאַטריצעס און אָריגינאַלן ניט פון מעש, נאָר פון אַ באַדײַטנדיק מער פעסטן מעטאַל — ניקל, וועלכער האָט ניט מוירע פאַר קאָראָזיע. קאָמפלעקטן פון ניקל-אָריגינאַלן האָט מען איבערגעגעבן אַף אייביק צו פאַרהיטן אין אינסטיטוט פון מאַרקסיזם-לעניניזם באַם צק קפסס, ווו עס זײַנען פאַר זיי געשאַפן שטרענג באַשטימטע באַדינגונגען — טעמפעראַ- טור, פײַכטקייט.

ווען עס האָבן זיך באַוויזן מאַגניטאָפאָנען, איז געוואָרן מעגלעך פאַרזעצן די אַרבעט אַף אַ מער העכערן טעכנישן ניוואָ. אין די יאָרן 1962—1963 זײַנען וו. אי. לענינס רעדעס איבערגעשריבן געוואָרן פון די אָריגינאַלן און גראַמפלאַטן אַף אַ מאַגנעט-סטענגע. פון איר איז פאַשעטער אויסשנײַדן זײַטיקע קלאַנגען.

מע האָט איבערגעשריבן אַף אַזאַ אויפן אַלע אַרויסגעלאָזטע רעדעס און אופגעשטעלט נאָך עטלעכע, דערנאָך האָט מען אײַנגעלאַדן עקספערטן. זיי האָבן אויסגעהערט פיל וואַ- ריאַנטן, ביז מע איז אײַנמוטיק געקומען צום אויספיר, אַז דאָס איז לענינס עכטע שטים! און אַ גראַמפלאַט מיט אַכט רעדעס פונעם פירער פון דער רעוואָליוציע איז פאַנאַנדערגע- שיקט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד מיט אַ טיראַזש פון 800 טויזנט עקזעמפליאַרן.

דערווײַל האָט זיך אײַנגעגעבן צו געפינען ניט אַלע פאַרנאָטירונגען פון וו. אי. לענינס אַרויסטרעטונגען. וועגן זייערע זוכונגען איז פיל מאָל מיטגעטיילט געוואָרן אין די צײַטונגען און דורך ראַדיאָ. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אַזאַ ראַדיאָ-טראַנסלירונג אויסגעהערט די לענינגראַדער שילערן טאַניע נאָוויקאָווא. זי האָט איבערגעקוקט די אַלטע גראַמפלאַטן פון איר זיידן און געפונען צווישן זיי צוויי פון די, וועלכע מע האָט געזוכט! די גראַמפלאַטן זײַנען געווען אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד — די ספּעציאַליסטן איז אויסגעקומען ניט לײַכט, ביז די רעדעס זײַנען אופגעשטעלט געוואָרן.

מער פון פערציק יאָר ווערט, אַזויאַרום, געפירט די אַרבעט אַף אופצושטעלן די פאַר- נאָטירונגען פון וו. אי. לענינס אַרויסטרעטונגען. אויך הײַנט איז די דאָזיקע אַרבעט נאָך ניט פאַרענדיקט. די זוכונגען ווערן פאַרגעזעצט.

ס. מינדעלעוויטש

צו מײַנע זין

פּובליציסטישע פּאָעמע

אָ, שיין איז דאָס לעבן,
אין צײַטן אין זעלטענע
איך בין אַ פֿאַרגאַפּטער, פֿאַרקישעפּטער זינגער.
דאָך איינס מיר געפֿעלט ניט:
ס'קאָן ווערן אַנטרונען, ווי זאַמד צווישן פֿינגער...

באַמערקן איר ווילט ניט דערווײַל דעם כיסאָרן —
די יוגנט, ווײַזט אויס, איז אַ קאַפּל אַ בלינדע.
נאָר גאָם זו לעטויווע, דערפֿאַר, קיין אײַנהאָרע,
סײַ מונטער איר זײַט, סײַ געזונט, מײַנע קינדער.

איך וואָלט זיך ניט דײַגען, פֿון בעסערס ניט טרוימען,
דעם אומרו אין אײַך כ'וואָלט פּריצײַטיק ניט וועקן,
איך ווייס אָבער:
הערצער איז מעגלעך פֿאַרצוימען,
נעשאָמעס מע קאָן אויך פֿאַרטונקלען, פֿאַרפֿלעקן.
און ניט אַזוי שווער איז אין גאָלדענע נעצן
די ערלעכע, ריינע געפֿילן פֿאַרצ׳ען.
פֿאַראַן אַף דער וועלט נאָך סײַ סאַם און סײַ העצע,
אין הימל די שפּאַרבערס, ווי טײַבעלעך, פֿלי׳ען.

יאָ, טויבן אַזעלכע —
געפֿערלעך זיי זײַנען,
עס דוכט זיך — זיי קושן,
לאָזט אויס זיך — זיי בײַסן.
סע לײַגן די שמייכעלעך זייערע פּײַנע,
סע נאַרן די העמדעלעך זייערע ווײַסע.

דאָ טאַקע זי איז,
אַט די שטילע סאַקאַנע,
דערפֿאַר בין איך איצטער צערודערט אַ ביסל,
ווײַל לײַכטער איז בײַקומען אָפֿענע סאָנים,
— וואָס שטעלן אין וועג דײַנעם אונטער אַ פֿיסל —
מיט קרעכצן מיט פֿאַלשע,
מיט גיפֿט אינעם האָניק,
מיט פּיצינקן עמעס אין שעקער אין גרויסן,
מיט כ'יוועס, וואָס באַ דער נעשאָמע זיי מאָנען:
דו צאָל
פֿאַר די פֿאַלשע פּאַפּירענע רויזן.

כ'ווייס, איר וועט אַליין זיך ניט לאָזן פֿאַרנאַרן,
ווײַל קלוגע און שטאָלצע איר זײַט, מײַנע יאַטן.
ס'וועט קלעקן די אייגענע אײַער דערפֿאַרונג.
פֿאַרוואָס אָבער ציטערט דאָס האַרץ באַ דעם טאַטן?

פֿאַרגעסן איך טאָר ניט,
ווי פֿײַנלעך, געפֿערלעך

איז פויזען אף פעלדער, מיט מינעס פארזייטע.
אזעלכעס איך פאר א סאָלדאט עס איז שווערלעך —
ניט שטענדיק דו פילסט, וואָס בא סאָנים מע גרייט דיר.
און ס׳זײַנען צו יענע פארגאנגענע יאָרן
געגליכן דאָך אויכעט די היַנטיקע צייַטן.
ווי דעמלט, עס רייניקן שטעגן סאפּיאָרן,
אַז קאָנען מיַין היים זאָל פּאָרויסגיין און ווייַטער.
ווי דעמלט, דערלויבן דעם קעגנער מע טאָר ניט
בא זיך בעשום-אויפן פלאַצדארמען פארכאַפּן.
פון הארץ יעדן אָדער
מיט גוורע, דערצאָרנט
באשיצן מע דארף —
עס זאָל צאַפּלדיק קלאַפּן.

ווי גוט איז באנאנד מיטן טאטנס אן אקסל.
ס׳איז גרינגער באנעמען, באקלערן און פרעגן —
פון וועמען מיר שטאמען?
פונוואָנען מיר וואקסן?
נאָר טאטעס, ווי זאָגט מען, זיי קאָנען אוועקגיין...

איז פרעגט, מיַינע זין, כ׳בין מיט וויסן צופרידן.
די פּאָשעטע זאכן בא זיך כ׳וועל ניט האלטן.
געוויינלעך, נו יאָ, מיַינע זין זיַינען יידן,
אפילע אָן טפילן און ניט קיין געמאלטע.

ניטאָ וואָס באזונדערס
זיך גרויסן, זיך שעמען.
געוויינלעכע יידן.
א פאָלק צווישן פעלקער.
מיט יידישע אויגן, מיט יידישע נעמען.
דאָס פאָלק וועט ניט אויסגיין,
דאָס פאָלק וועט ניט וועלקן.

כאָטש פרעמדע עס האָבן מיט אימפּעט מיט גרויסן
בא אים די נעשאָמע ניט איין מאָל געבראָכן —
פארסאָפּעט געשלעפּט אין די האריקע שויסן,
מיט טרויער געמורמלט פארצייַטיקע בראָכעס,
ניט ווייניקער צוגעזאָגט, ווי א גאנײדן:
דו קוויק זיך און טו בלויז די פינגער באלעקן...
נאָר אונטער די פּעטע מייַכאָלים
באשיידן
עס סטארטשען אף טישטעכער בלוטיקע פלעקן.

דאָרט לעקער מיט ראָזשינקעס,
שטרודלען מיט מאנדלען
אףביידע באקן דו וועסט קלאָמפּערשט עסן,
און דאָן אין א שטיפקינד זיך לאָזן פארוואנדלען,
אין היימלאנד פארגעסן...

נאָר ביַיטן די היים —
איז ווי ביַיטן די מאמע,
וואָס האָט אייַך געכאָוועט,
מיט מילך אָנגעזויגן,
וואָס האָט אייַך געלערנט צו שפּאנען דורך פלאמען

מיט גוורע, מיט ווירדע, מיט שטאָלץ —
ניט געבויגן.

דאָס לאַנד, ווו עס רוען אין קוואָרים די אָוועס,
באוואקסן מיט בלומען און זאפטיקע גראָזן,
דעם כאַלעף פלעג אָפפירן פון מאַלכאַמאָוועס —
די לעבנס-געפארן צו מיר ניט דערלאָזן.

די ערד פון די אָוועס...
דאָ בוילעט זיך הערן
די הילכיקע טריט פון מײַן קרעפטיקן זיידן.
בלויז סאָנים און טיפּשים עס קאָנען גאָר קלערן, —
אַז כ׳וועל זי פארלאָזן —
מיט איר זיך צעשיידן.
געבענטשט זאָל זי זײַן!
אין איר וויג, ניט אין וואָגל
זי האָט אונדז געגערט און פארהיט און געפעסטעט.
כ׳בין גליקלעך:
פאר איר כ׳האָב אנטשיידן געשלאָגן
דעם סוינע דעם ברוינעם
אין שלאכטן אין גרעסטע.

און אויב אונדזער פאָלק
איז הײַנט לעבן געבליבן
נאָך בוכענוואלד, אוישוויץ און קאָלערליי יארן, —
איך דאנק דיך, אָ, רוסלאַנד,
דאָס האָסטו פארטריבן
די מערדער, די הענקער,
די פיורערס, די צארן.

עס איז איבער רוסלאַנד א בלויער דער הימל,
און פריש איז די לופט —
זאָל אײַך לײַכט זײַן דער אָטעם!
און זאָל ניט ארײַן אין נעשאָמע קיין שימל,
און זאָלן די הערצער ניט ווערן פארשאָטנט,
די שפּיצלעך דעם סוינעס בא אונדזערע שוועלן
עס זאָלן אײַך קיינעם און קיינמאָל פארשאטן...

אָך, שיין איז די וועלט,
זאָל זי זײַן אײַך געפעלן,
זי טאָר ניט אוועקגיין מיט רויך און מיט אטאָם.
איך וואָלט זיך ניט דײַגען,
פון בעסערס ניט טרוימען,
קיין אומרו אין אײַך כ׳וויל פריצײַטיק ניט וועקן,
איך ווייס אָבער:
הערצער איז מעגלעך פארצוימען,
אויך רייניע נעשאָמעס
מע קאָן דאָך פארפלעקן...

שמועל גאָרדאָן

א צווײַגל בעז

בא דעם פאַרהאַנגענעם מיט מאַרליע אָפענעם פענצטער, ס'זאָלן ניט אַנפליען אין שטיבל קיין פליגן, זײַנען געזעסן אין איינע אונטערהעמדער שיפרע דער אַלמאָנעס ביידע טעכטער: די דרײַ-און-צוואַנציקיאָריקע סימע און די ייִנגערע אף פיר יאָר — אַניע. די מוטער האָט זיך געייסעקט אינעם ברעקל קיך מיטן פיצל פענצטערל צום הויף בא דעם טשאַדענדיקן קראַגאַז, ניט אַרויסלאָזנדיק דערבײַ פון אויג די טעכטערס אויסגעוואַשענע קליידלעך, וועלכע האָבן זיך געטריקנט אין הויף אף דער זון. דאָס ביסל האָב און גוטס, וואָס מע האָט געפירט מיט זיך אַהיים פון דער עוואַקואַציע, איז פאַרלוירן געגאַנגען ערגעץ אין וועג, און פאַר די פאָר כאַדאָשים, זינט זיי אַרבעטן אפן קעראַמישן זאַוואָד, האָבן זיי דערוויַיל ניט באַוויזן אָפשפאָרן פונעם פאַרדינסט, אַז מע זאָל זיך קאָנען קויפן נאָך א קליידל און ניט דאַרפן זיצן יעדעס מאָל אין שטוב, אָט ווי הײַנט, און וואַרטן, ביז ס'וועט זיך אויסטריקענען זייער איינציק אָנטאָן.

דאָס פענצטער פונעם צימערל, בא וועלכן עס זײַנען געזעסן סימע מיט אַניען, גייט אַרויס צו דער גאַס. די גאַס איז ניט אַזאַ ברייטע, אַז די מיידלעך זאָלן ניט געווען באַמערקן בא דעם פאַרבײַגעגאַנגענעם מיליטערמאַן אף די פאָגאָנעס צוויי שטערנדלעך פון א פּאָדפּאָלקאָווניק. ווען ער האָט זיך אָבער מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט און, ווי סימען מיט אַניען האָט זיך אויסגעוויזן, זיך פאַרקוקט אף זייער פענצטער, וואָלטן זיי אים לויטן יונגן אויסזען געווען גיכער אָנגענומען פאַר א לייטענאַנט.

אין א שטיקל צײַט אַרום האָבן זיי אים ווידער דערזען. דאָס מאָל איז ער געגאַנגען פון דער פאַרקערטער ריכטונג, און ניט מיטן ברוק, נאָר אפן פאַרלאַטעטן הילצערנעם טראָטואַר, וועלכער ציט זיך האַרט פאַרבײַ דעם שטיבל מיטן איינציקן גאַנץ פאַרבליבענעם צימערל, וווּהין דער אויספּירקאָם האָט זיי צײַטווײַליק באַזעצט.

ווען דער מיליטערמאַן איז פאַרבײַגעגאַנגען, האָבן ביידע מיידלעך אין איין קאָל אויסגערופן: „אוי, סאַראַ שיינער ער איז!”, און אינעם זעלבן אויגנבליק אָפּגעלאָפן פונעם פענצטער. ביידן האָט זיך געדוכט, אַז זיי האָבן צו הויך אויסגעשריגן און דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט געוויס עס דערהערט.

— דײַן נאָום איז אויך א שיינער, — האָט א זאָג געטאָן אַניע, צוליב טוענדיק דער עלטערער שוועסטער, וועלכע איז ווידער צוגעפאַלן צום פענצטער און פאַרזיכטיק פאַרהויבן א בראַג מאַרליע.

— נאַרעלע, וואָס קער זיך אָן איינס מיטן אַנדערן? נו, אַוואַדע איז מײַן נאָום א פײַנער באָכער, ער זאָל ניט געווען זײַן קיין פײַנער, וואָלט איך זיך מיסטאַמע אין אים ניט פאַרליבט. אָבער דער... כ'האָב אף מײַן לעבן נאָך אַזאַ שיינעם מאַנצבל ניט געזען. ס'איז דאָך אין זײַן פּאָנעם זיך ניט אײַנצוקוקן. וויפל, קלערסטו, דאַרף ער אַלט זײַן?

— כ'ווייס... ער קער זײַן אין איין עלטער מיט דײַן נאָומען.

— נאַרעלע, וואָס רעדסטו, וואָס? מײַן נאָכעמען איז שוין אָט באַלד דרײַסיק און דעם, ווי צו זען, איז ניט מער פון א פינף-זעקס און צוואַנציק. דו קוק ניט, וואָס ער איז שוין א פּאָדפּאָלקאָווניק. אף דער מילכאָמע, אויב מע האָט עס פאַרדינט, איז מען פרי געוואָרן ניט

וואָס א פּאָדפּאָלקאָוניק, נאָר אפּילע א גענעראַל. איך האָב דאָס געהערט ניט פון איינעם שוין. האָסט געזען, סאַרא אויגן בא אים? בלויע, ווי דער הימל, און ווײַעס, ווי בא א מיידל. און וואָס פאַר אן איידל פּאָנעם ער האָט...

— ווען האָסטו עס, סימע, באַוויזן אים אזוי באַקוקן און באַטראַכטן?

נאָר סימע, פּונקט זי וואָלט ניט געהערט, וואָס עס האָט געפרעגט די ייִנגערע שוועסטער, האָט פאַרגעזעצט נאָך מער אַנציקט:

— און א געשטאַלט! א הויכער, א שלאַנקער, ווי א יונגע בערעזע. כ׳שטעל זיך פאָר, וויפל מיידלעך ער האָט אף זײַן לעבן שוין פאַרדרייט דעם קאָפּ. זע, אַנקע. ער איז שוין ווידער דאָ. כ׳וואָלט שווערן, אז ער זוכט דאָ עמעצן.

— דיך מיסטאַמע.

— אויב יאָ, איז גיכער פון אַלץ דיך. ערשטנס, בין איך א פאַרנומענע, — האָט סימע אין א שפּאַס געמאַכט א כעזשבן, — כ׳האָב דאָך שוין, ווי דו ווייסט, א כאָסן. און, צווייטנס, ביסטו אי ייִנגער, אי שענער פון מיר.

דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט זיך ווידער באַוויזן און ווידער שטיין געבליבן אפן מיט טראָטואַר, איצטיקס מאָל קימאַט פּונקט בא זייער שטיבל.

— מאַמע, — האָט סימע זיך אָנגערופן צו דער מוטער אין קיך, — דו ווייסט ניט, ווער האָט דאָ געוווינט ביז אונדז?

— ניין. אַנטקעגן וואָס פרעגסטו עס?

— עפּעס דרייט זיך פון א צײַט שוין אַרום פאַרבײַ אונדזער פענצטער א מיליטערמאַן. ניט אַנדערש ווי ער זוכט דאָ עמעצן. גיי, מאַמע, אַרויס און פרעג אים, צו וועמען דאַרף ער.

שיפרע האָט אַרומגעווישט מיטן ברעג קליידל דאָס פאַרשוויצטע פּאָנעם, פאַרגלעט דעם גראָוון קאָפּ האָר און איז אַרויס אין דרויסן.

— כאַווער, — האָט שיפרע, בלײַבנדיק שטיין אין דער אָפענער טיר, געפרעגט דעם פאַרקלערטן מיליטערמאַן, — איר האָט דאָ פריִער ניט געוווינט?

דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט באַטראַכט די באַיאָרטע פרוי אין די ניט-פאַרשנורעוועטע צעטראָגענע סאָלדאַטסקע שיך אף די באָרוועסע פיס און, אונטערטראָגנדיק אפן מיליטערישן אויפן די האַנט צום גלאַנצנדיקן דאַשעק פונעם היטל, זיך אָפּגערופן:

— ניין. — און גלײַך אפן אָרט צוגעגעבן, ווי ער זאָל זיך דאַרפן פאַרענטפערן, פאַר-וואָס דרייט ער זיך אום פאַרבײַ זייער שטיבל: — איך בין ניט קיין היגער. צום ערשטן מאָל דאָ בא אײַך אין שטאָט. מע האָט מיך געשיקט אַהער אַרבעטן. הײַנט איז אָבער זונטיק. אפן צעמענט-זאַוואָד, ווו כ׳וועל אַרבעטן, איז הײַנט קיינער ניטאָ, באַקוק איך דערווײַל די שטאָט. מאָרגן וועל איך שוין אף דעם ניט האָבן איבעריקס קיין פרײַע צײַט. זייער א שיינע שטאָט בא אײַך.

— שײַעך צו זאָגן, — האָט שיפרע אַרויסגעבראַכט מיט א זיפץ, — איר זאָלט געווען אָנקוקן אונדזער שטאָט פאַר דער מילכאָמע. ניט געווען קיין גלײַכן צו איר, אזוי שײַן איז זי געווען. אז אָך און וויי, וואָס פון איר איז, נעבעך, געוואָרן. איר זעט דאָך אין אוועלכן פּאַלאַץ מיר לעבן. אונדז האָט נאָך אָפּגעגליקט. די, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון דער עוואַקוואַציע א ביסל שפּעטער, האָבן דאָס אויך ניט. א סאַך וווינען נאָך דערווײַל, קאָן מען זאָגן, אונטערן אָפענעם הימל. נאָך א גליק, וואָס ס׳איז זומער-לעבן. סאַרא סאַקאָנעסדיקע היץ עס שטייט.

— יאָ, זייער א הייסער טאָג הײַנט, — דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און אויסגעווישט מיטן נאָזטיכל דעם פאַרשוויצטן שטערן. — אַנטשולדיקט, בא אײַך וועט זיך ניט געפינען קיין קאַלטע גלאָז וואַסער?

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. ביטע. גייט אַרײַן, — שיפרע איז אָפּגעטראָטן פון דער טיר און אים דורכגעלאָזט דעם ערשטן.

דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט ניט באַוויזן נאָך מאַכן דעם אַנדערן טראָט, ווי אינעם האַלב-אָפענעם פאַרטונקלטן צימער האָבן זיך דערהערט מיידלשע געשרייען.

— אוי, — שיפרע האָט פון פאַרלוירנקײַט פאַרבראָכן די הענט און מיט א בריקע פון דער פוס צוגעמאַכט די טיר פונעם צימערל: — ס׳איז מיר אינגאַנצן אַרויס פון קאָפּ, אז מײַנע מיידלעך טוען זיך איבער. — זי האָט אָנגעשעפּט פונעם עמער א פולע קוואָרט וואַסער און דערלאַנגט דעם גאַסט.

דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט זי האַרציק באַדאַנקט, געבעטן אים אַנטשולדיקן, און איז אַרויס צוריק אין גאַס. פאַר די פאָר מינוט, וואָס ער איז ניט געווען אין דרויסן, איז די היץ, האָט זיך אים געדוכט, געוואָרן נאָך שטאַרקער, געברענט ווי מיט פײַער. ער האָט אָבער ניט

געװײַלט פון איר אנטלויפן, זיך פארקלײַבן אין שאָטן. ער איז געװוינט צו יעדן װעטער און ניט געשטרעבט זיך דערפון אָפגעװוינען.

דעם מיליטעריש-געקלײדטן יונגנמאן מיט די צװײ שטערנדלעך פון א פּאָדפּאָלקאָװניק אף די פּאָגאָנעס האָט מען גערופן װיקטאָר קאָרף. קײן גאָר גרױסן טאָעס אינעם כעזשבן, װיפל אן ערעך קאָן ער אלט זײַן, האָט סימע ניט געהאט. אלנפאלס, צו דרײַסיק איז אים נאָך געװען װײַטלעך, װײַטלעכער, אײדער איר נאומען. און אז װיקטאָר קאָרף איז בעעמעס אזא, װי סימע האָט געזאָגט, אז ער איז א שײנהײַט, אין זײַן פּאָנעם זיך ניט אײַנצוקוקן, איז זי זיך אױך ניט טױע געװען. אנקע איז פּאָשעט א בלינדע, אױב זי האָט אים געקאָנט פארגלײַכן מיט נאומען. אנקע האָט דאָס, פארשטײט זיך, בעקיװן איר אזױ א זאָג געטאָן, פּונקט זי זאָל מוירע האָבן, אז זי, סימע, קאָן אופהערן זיך באגעגענען מיט נאָכעמען, װײַל ער איז ניט אזא יונגער, ניט אזא שײנער, ניט אזא שטאלטנער, װי דער פּאָדפּאָלקאָװניק.

װיקטאָר קאָרף האָט װירקלעך געהערט צו די יונגעלײַט, אף װעמען עס פארקוקן זיך ניט בלױז פרויען, נאָר אױך מאנצבלען. ער איז ניט געװען קײן איבעריקס הױכער, װאָס װארפט זיך נאָך פונדערװײַטנס אין די אױגן, בלױז עטװאָס העכער פון מיטעלן װוּקס, און צו דער מאָס א שלאנקער, װי דאָס איז אײגנטימלעך פאר אױסגעשולטע מיליטערלײַט, כאָטש קאָרף איז ניט געװען קײן קאדראָװער אָפיצער. ער האָט אָנגעהױבן זײַן װעג אף דער מילכאָמע װי א געװײנלעכער סאָלדאט. דאָס, װאָס ער האָט פארענדיקט די דינסט שױן אלס פּאָדפּאָלקאָװניק, האָט אים, אױסער דער באזונדערער געװאגטקײַט אין שלאכט און מיליטערישער אײַנפאלערישקײַט, מעגלעך אױך צוגעשפּילט טײלװײַז זײַן שײנקײַט, װאָס האָט צוגעצױגן צו זיך. בא אים איז א ליכטיק לױטער געזיכט, בלױע גוטמוטיקע אױגן, צארטע מײדלשע ליפּן. די קורצע שװארצע װאָנצעלעך האָבן אָנשטאָט צוגעבן סאָלידקײַט געמאכט אים נאָך ייִנגער. ניט קײן װוּנדער, אױב סימע מיט אניען האָבן, דערזעענדיק אים אין פענצטער, א טראכט געטאָן, אז ניט אײן מײדל האָט ער שױן פארדרײט דעם קאָפּ, און אז דאָס מײדל, פאר װעמען ער װעט כאסענע האָבן, אױב ער איז ביז איצט נאָך א באָכער, װעט ניט האָבן קײן אײן רויִקן טאָג.

אָבער גראדע אין דעם זײַנען בײדע שװעסטער זיך שטארק טױע געװען. מאשע, מיט װעמען װיקטאָר איז מיט צװײ יאָר צוריק זיך צונױפגעגאנגען, האָט ניט געהאט דעם מינדסטן סמאָך צו זײַן אין אים ניט זיכער. און מאשע איז ניט געװען פון די גרױסע שײנהײַטן, דערצו אפילע א ביסל עלטער פון אים. װיקטאָר האָט זיך מיט איר באקאנט אפן פראָנט. זי איז געװען א ראדיסטקע בא אים אין טײל. נאָכן דעמאָביליזירן זיך איז קאָרף צוריק אָנגעקומען אינעם ענערגעטישן אינסטיטוט, װעלכן ער האָט פאר דער מילכאָמע ניט באװיזן פארענדיקן. ער איז פרײַװיליק אװעק אפן פראָנט פונעם פערטן קורס.

מיט א קורצער צײַט פארן פארטײדיקן די דיפלאָם-ארבעט האָט קאָרף אומגעריכט פארלױרן זײַן מאשען. זי איז געשטאָרבן אפן דריטן טאָג נאָכן האָבן דאָס קינד, א מײדעלע מיט גרױסע בלױע אױגן, װי בא אים, און געקרײַזלטע גאָלדענע לאָקן, װי בא מאשען.

צװישן קאָרפס באקאנטע װאָלט זיך געװיס געפונען ניט אײן יונג, שײן מײדל, װאָס װאָלט גערן פאר אים כאסענע געהאט און פארביטן דעם אײפעלע זײַנעם א מאמע. נאָר װיקטאָר האָט ניט געװײַלט. צו פריש איז געװען נאָך די װוּנד, אז ער זאָל זיך צונױפגײן מיט א צװײטער. ער האָט ביז דעם גאָר אלײן ניט געװוּסט, װי טײַער ס'איז אים געװען זײַן מאשע. אף דער דריטער װאָך נאָך מאשעס טױט האָט װיקטאָר אָפּגעפירט זײַן קלײנינקע מאשענקע, װעלכע ער האָט א נאָמען געגעבן נאָך איר מוטער, צו זײַן עלטערער שװעסטער אין דאָרף, זי זאָל זיך דאָרט דערװײַל אופהאלטן בא איר, און געשטילט דעם גרױסן װײטיק מיט אָפגעבן זיך אינגאנצן דער לער, זיך צוגרײטן צו דער פארטײדיקונג פונעם דיפּלאָם.

באם פאנאנדערטײלן נאָכן פארענדיקן דעם אינסטיטוט די אינזשענירן-עלעקטריקער אף ארבעט האָט קאָרף מיט קײן אײנציק װאָרט ניט דערװידערט, װען מע האָט באשלאָסן אים שיקן אהער, אפן צעמענט-זאװאָד. קײן באזונדערן צימער אין דער ארבעטער-צוזאַמענװױנונג, װיבאלד ער איז אײנער, אָן א מישפּאָכע, האָט דער זאװאָד אים ניט געקאָנט דערװײַל אױסטײלן. און אין דעם אײנציקן אופגעשטעלטן האָטעל זײַנען אױך ניט געװען קײן פרײַע באזונדערע צימערן. אָבער די אלגעמײנע צימערן אין האָטעל זײַנען פּאָרט ניט געװען אזעלכע גרױסע און אומהײמלעכע, װי אין דער זאװאָדישער צוזאמענװױנונג. סאָפּקאָלסאָף האָט זיך אָפגעזוכט פאר אים אין האָטעל א בעטל אין א צימער, װוּ צוזאמען מיט אים זײַנען אײַנגעשטאנען נאָך דרײַ מאן, און אױסער אײנעם זײַנען די איבעריקע אױך געװען אינזשענירן און אױך געװעזענע פראָנטאָװיקעס. קאָרף האָט זיך אױסגעטײלט פון

זיי בלויז דערמיט, וואָס ער האָט ביז איצט זיך נאָך ניט צעשיידט מיט דער מיליטערישער קליידונג. ער האָט זיך אַזוי צוגעפּאַסט מיט דער מיליטערישער אוניפאָרם, אַז ער קאָן בעשום-אופן זיך ניט צוגעוווינען צו דעם ציווילן אָנצוג, וועלכן ער האָט געקויפט, ווען מאשע האָט נאָך געלעבט. ער האָט אים אָבער פאַר דער גאַנצער צײַט בלויז א דרײַ-פיר מאָל אָנגעטאָן, און שוין, ווי ער וואָלט אינגאַנצן פאַרגעסן אין אים.

פון יענעם זונטיק אינדערפרי, ווען קאָרף איז געקומען אהער צו פאָרן, און, דורכשפּאַצירנדיק זיך איבער דער אומבאַקאַנטער שטאָט, צופעליק פאַרבלאָנדזשעט אויף דער שטילער, גרינער גאַס מיט די פאַרלאַטעטע הילצערנע טראָטואַרן, איז שוין אַריבער א היפּש ביסל טעג, נאָר די שטאָט איז פאַר אים נאָך אַלץ געווען אן אומבאַקאַנטע, כאָטש ער האָט איז די פרײַע אָוונטן זי שיר ניט אויסגעמאָסטן יעדעס מאָל אין דער לענג און אין דער ברייט. קיין איינע אָבער, אויסער דער הויפּט-גאַס, האָט זיך אים נאָך ניט פאַרגעדענקט אויף אַזויפיל, אַז ער זאָל ניט בלאָנדזשענדיק טרעפן גלײַך אהין. זעלטן-ווען האָט וויקטאָר זיך אָנגעפרעגט בא די פאַרבײַגייער, וויאַזוי זיך דערקלײַבן צו דער אָדער יענער גאַס, אויב ער איז שוין דאָרט איין מאָל געווען. דערפאַר האָט אים ניט געווונדערט, ווען, אַרומדרייענדיק זיך איינמאָל אין אָוונט גלאַט אַזוי זיך, אָן קיין שום ציל, איבער דער שטאָט, האָט ער פּלוצעם דערזען פאַר זיך דאָס האַלב-אײַנגעוואַלגערטע שטיבל מיטן פאַרהאַנגענעם אָפענעם פענצטער. וויקטאָר האָט ניט-ווילנדיק זיך צעלאַכט. ס'האָט זיך אים דערמאָנט, ווי עס האָבן זיך צעגוואַלדעוועט די צוויי האַלב-נאַקעטע מיידלעך, בייס ער איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דער קיך. פאַר די עטלעכע רעגעס ביז די מוטער זייערע האָט צוגעמאַכט די טיר פונעם שכײַנעסדיקן צימערל, האָט ער באַוויזן באַמערקן, אַז די מיידלעך זײַנען נאָך יונגע און גאַנץ פײַנע. די העכערע איז, דאַכט זיך, אַפילו א שיינע. בא איר זײַנען גרויסע שוואַרצע אויגן און א מילד געזיכט.

שטייענדיק אַזוי באַם שטיבל, האָט קאָרף א קלער געטאָן, אַז ער וואָלט געדאַרפט זיך דעמלט באַנוצן מיט דער געלעגנהײַט און פאַרפירן מיטן דאָזיקן הויזגעזינד באַקאַנטשאַפט. שוין באַלד א כוידעש, אַז ער איז הי און אויסער די דרײַ יונגעלײַט, מיט וועמען ער שטייט אײַן אין האָטעל צוזאַמען אין איין צימער, האָט ער ניט אין שטאָט קיין איין נאָענטן באַקאַנטן. אַלע זײַנע נײַע באַקאַנטע וווינען ווײַט אין עק שטאָט, לעבן דעם צעמענט-זאַוואָד.

וויקטאָרן האָט א צי געטאָן אַרײַנגיין אין שטיבל. מיט וואָס וועט ער זיך אָבער פאַרענטפערן? ס'איז דאָך ניט באַטאָג, סע שטייט דאָך איצט ניט קיין היץ, אַז ער זאָל אַרײַנקומען בעטן א גלאָז קאַלטע וואַסער. און גלאַט אַזוי אַרײַנגיין איז פּאַשעט לעפּיש. סײַדן שטיין דאָ און וואַרטן, ביז עמעצער וועט פון דאָרט אַרויס, און בעטן, מע זאָל אים אָנווײַזן דעם וועג צום האָטעל. מאַלע וואָס זיי האָבן אים דאָ שוין איינמאָל געזען און דעמלט האָט ער זיך ניט נאָכגעפרעגט, וויאַזוי זיך דערקלײַבן פונדאַנען צום האָטעל.

— א גוטן-אָוונט.

קאָרף האָט פאַרוווּנדערט זיך אומגעקוקט. דאָס מיידל אינעם העל-ברוינעם קלייד מיטן אויסגעניייטן צווײַגל בעז אויף דער ברוסט איז אים געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט. און דעם בלאָנדן באָכער, מיט וועמען זי איז געשטאַנען, זעט ער, דאַכט זיך, אויך צום ערשטן מאָל.

— איר דערקענט מיך ניט, ווײַל איר האָט מיך קיינמאָל ניט געזען. מיר האָבן אײַך דאַן אַזוי איבערגעשראָקן מיט אונדזער געשריי, אַז איר זײַט גלײַך ניט געוואָרן. מיר האָבן אָבער באַוויזן אײַך פאַרגעדענקען. ס'קאָן הייסן, אַז מיר זײַנען שוין באַקאַנט, — זי האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט, — מע רופט מיך סימע.

— וויקטאָר עמאַנוילאָוויטש. און אײַך? — האָט קאָרף זיך געווענדט צו סימעס באַגלייטער, וועלכער האָט זיך פאַרלוירן אין דער אָנוועזנהײַט פונעם שלאַנקן און שיינעם פּאָדפּאָלקאָווניק, אין וועמען ער האָט דערפילט א געפאַר פאַר זיך. ער זעט דאָך, ווי סימע קוקט אויף איר נײַעם באַקאַנטן, פאַרגלײַכט זיי, אָפּאָנעם, צווישן זיך, און ס'איז ניט שווער זיך אָנשטויסן, ווער פון זיי ביידן נעמט בא איר מער אויס.

פון פאַרלוירנקײַט און פאַרשעמטקײַט האָט סימעס באַגלייטער אַזוי שטיל אָנגערופן זײַן נאָמען — נאַום, אַז סימען איז אויסגעקומען אים איבערכאַזערן, און באַלד נאָך דעם האָט זי הויך אַרײַנגעשריִען אין פענצטער:

— אַנקע, קום אַרויס. זע, וועמען כ'האָב דאָ באַגעגנט.

אַנקע האָט ניט צוגעמאַכט נאָך די טיר הינטער זיך, ווי סימע האָט זי שוין פאָרגעשטעלט פאַרן אומגעריכטן גאַסט:

— דאָס איז מײַן ייִנגערע שוועסטער, אַניע.

— וויקטאָר. — אומבאמערקט פאַר זיך אַליין האָט קאָרף פאַרהאַלטן אַן איבעריקע רעגע איר האַנט אין זײַנער. — אײַך וואָלט איך, דוכט מיר, דערקענט.

— מיך? — אַניע האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

די געדיכטע שוואַרצקײַט אין אירע אויגן האָבן געמאַכט אויף קאָרפן דעם אײַנדרוק, ווי זיי וואָלטן געווען פול אָנגעטריפט מיט טוש. אַ שעמעוודיקער שמייכל האָט זיך דורכגעגליטשט איבער איר מילדן געזיכט און געבליבן הענגען אין די עטוואָס אַראָפּגעלאָזענע מויל-ווינקלען. וויקטאָר האָט ניט געפונען אין איר קיין שום ענלעכס מיט זײַן יונג פאַרשטאָרבענער מאַשען — דאָס, וואָס ער האָט, ווילנדיק ניט-ווילנדיק, געזוכט אין יעדן מיידל, מיט וועמען מע האָט אים ביז אַהער באַקאַנט. צום ערשטן מאָל, פון זינט ער איז פאַרבליבן אַליין, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אָט דאָס דאָזיקע מיידל וואָלט געקאָנט פאַרבײַטן זײַן מאַשענקען אַ מאַמע. און פון דעם איז אַלץ אָפּהענגיק. דאָס ווײַטערדיקע אין זײַן לעבן איז פריִער פון אַלץ אָפּהענגיק בלויז דערפון, זײַן מאַשענקע זאָל האָבן אַ טרײַע מאַמע. אָן דעם האָט ניט זײַן ליבע קיין אָנשפּאַר אונטער זיך, זי קאָן לאַנג ניט אָנהאַלטן.

— איר זוכט דאָ עמעצן? — האָט אַניע געפרעגט, רויטלענדיק זיך פון זײַנע בליקן.

— ווי זאָל איך אײַך זאָגן, — און גלײַך ער זאָל עס וועלן אויסבאַהאַלטן פון די דערבײַשטייענדיקע סימען און נאָומען, שטיל אַ מאַך געטאָן, — ניט שטענדיק געפינט דער, ווער סע זוכט. אָפּט פּאַסירט פּונקט פאַרקערט. — ניט לאָזנדיק אַניען זיך אַרײַנטראַכטן, וואָס איז ער דערמיט אויסן געווען איר זאָגן, האָט וויקטאָר זי באַלד אַ פרעג געטאָן: — איר האָט ניט קיין כיישעק זײַן מײַן גיד, באַווײַזן מיר אײַער שטאָט, כ'זאָל ניט דאַרפן בלאָנדזשען?

— אַנקע, גיי זיך טאַקע דורך.

— דו ווייסט דאָך, סימע, אַז איך האָב הײַנט קיין צײַט ניט.

סימע האָט זי אָנגעקוקט, נאָר גאָרניט געפרעגט, כאָטש מיט וואָס איז די שוועסטער אירע הײַנט אַזוי פאַרנומען, האָט זי ניט אָנגעהויבן וויסן. זי האָט אָבער ניט געוואָלט דורכלאָזן די געלעגנהײַט נעענטער באַקאַנען די שוועסטער מיט אָט דעם שיינעם יונגנמאַן.

— וויבאַלד אַ מענטש בעט, מע זאָל אים גיין ווײַזן די שטאָט, איז ווי קאָן מען אַזוינס אָפּזאָגן? ניט הײַנט, איז רייד זיך צונויף אויף אַן אַנדערש מאָל. ווען מיר זאָלן ניט האָבן אויף הײַנט קיין בילעטן אין טעאַטער, וואָלטן מיר געגאַנגען באַווײַזן אײַך די שטאָט, איאָ, נאָום?

— זעלבסטפאַרשטענדלעך.

— הערט, עפשער וואָלט איר אויך געגאַנגען הײַנט מיט אונדז אין טעאַטער? איר זײַט נאָך דאָרט ניט געווען? דער טעאַטער איז אַ נײַער, אַ סאַך אַ גרעסערער פונעם פריִערדיקן. דער פאַרמילכאָמעדיקער איז אויך געווען אַ גאַנץ גרויסער און שיינער. באַזונדערס האָט זיך מיר פאַרגעדענקט דאָרט דער פאָרהאַנג. זייער אַ שיינער פאָרהאַנג געווען.

— כ'ווייס אָבער ניט, — האָט זיך אָנגערופן נאָכעם, — צי וועט וויקטאָר עמאַנויִלאָוויטש קריגן אויף הײַנט בילעטן.

— אַ מאָשל. פאַר אַ פראָנטאָוויק וועט זיך שטענדיק אָפּזוכן אין קאַסע אַן איבעריקער בילעט, — און נעמענדיק נאָומען און וויקטאָרן אונטער דער האַנט, האָט סימע זיי אָפּגעפירט פונעם שטיבל, פונוואַנען ס'האָט זיי צעטומלט נאָכגעקוקט אַניע.

ס'איז עפשער ניט אינגאַנצן אָנשטענדיק פון זײַן זײַט, — האָט אַ קלער געטאָן וועגן זיך וויקטאָר קאָרף, — וואָס ער האָט גלײַך אויף מאָרגן ווידער פאַרקערעוועט אויף דער זעלבער שטילער גרינער גאַס, און, ניט אָנפרעגנדיק זיך נעכטן בײַ דער, צו וועמען ער איז געגאַנגען, צי וויל זי, ער זאָל קומען, אָנגעקלאַפּט פונדעסטוועגן אַהין.

— אַניע איז אָקאָרשט אוועק. זי דאַרף אָבער גיך קומען. וואַרט צו.

וויקטאָרן האָט ניט פאַרכידעשט, וואָס די מוטער האָט עס אים אַ זאָג געגעבן נאָך איידער ער האָט עפּעס געפרעגט. שיפרע האָט אים דערמיט פאַרשפּאָרט פירן מיט איר אַ באַהאַלטענע שפּיל, וואָרעם ער וואָלט צום אַלעם ערשטן זי געוויס דאָך געפרעגט וועגן דער עלטערער, וועגן סימען, וועמען ער האָט נעכטן באַגלייט ביזן טעאַטער. שיפרע וואָלט סײַ־ווי אָבער פאַרשטאַנען, אַז ניט צו דער עלטערער איז ער געקומען. אַ מאַמעס האַרץ איז שווער אָפּצונאַרן. נאָר קאָרף האָט זיך ניט געקליבן זי נאַרן, אויסבאַהאַלטן, צו וועמען ער איז געקומען. שיפרע, ווי ער זעט, איז ניט נאָר אַן איבערגעגעבענע מאַמע, זי איז אויך אַ קלוגע מאַמע. זי האָט אים איבערגעלאָזט אַליין אין צימער, אַז זי זאָל מיט איר בײַזײַן ניט נייטן אים פאַרפירן אַ רייד וועגן דער ייִנגערער טאָכטער.

אייגנטלעך האָט וויקטאָר עמאַנויִלאָוויטש אַליין ניט געוווּסט, וואָס, אַשטייגער, וואָלט ער איר געענטפערט, ווען זי פאַרפירט מיט אים אַזאַ רייד. ניט קיין וווּנדער, אויב אַ מאַמע

פון א דערוואַקסענער טאָכטער ווײַל וויסן, ווער איז אַזוינס דער, וואָס האָט דאָס מאָל שוין ניט צופעליק פאַרבלאָנדזשעט אַהער, ביפראַט אַז ער איז ניט אַף א יאָר און ניט אַף צוויי עלטער פון אַניען און ער איז שוין געווען א באַווײַבטער. ער וואָלט דאָך עס אַלץ ניט פאַרלייקנט, ווען זי פרעגט אים דערפון.

אין צימער מיט די אָפּגעקראַכענע ווענט און נידעריקער סטעליע, אונטער וועלכער ס׳איז א סאַקאָנע אויסגלײַכן זיך אינעם גאַנצן וווקס, זײַנען געשטאַנען צוויי אײַזערנע בעטלעך, פאַרשפּרייטע מיט גראָבע רעדנעס, א ווינער-שטול מיט א פאַרלאַטעט ווענטל, א פּאָר טאַבורעטקעס און א שאַפע מיט א פאַניער-טירל. לאַנג זיצן און וואַרטן איז קאָרפּן ניט אויסגעקומען.

ווען אַניע איז אַרײַן, האָט זיך וויקטאָר, דאַכט זיך, מער פאַרלוירן, איידער זי.

— אײַך וווּנדערט, מיסטאַמע, וואָס איר האָט מיך דאָ הײַנט געטראָפן? — וויקטאָר האָט זיך באמיט ניט אַרויסווײַזן זײַן פאַרלוירנקייט, נאָר ניט געוווּסט, ווי׳אַזוי זי אויסבאַהאַלטן.

ניין, אַניען האָט ניט פאַרוווּנדערט, וואָס זי האָט אים דאָ הײַנט געטראָפן... פון דעם, ווי ער האָט נעכטן, באַגריסנדיק זיך מיט איר, פאַרהאַלטן איבעריקע עטלעכע רעגעס איר האַנט אין זײַנער, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ניט צופעליק האָט ער נעכטן פאַרבלאָנדזשעט אַהער. אַניע האָט אים אָבער גאָרניט געענטפערט, זי האָט געוואַרט, ווי׳אַזוי וועט ער איר דערקלערן זײַן אַראָפּקומען הײַנט אַהער. ער האָט ווידעראַמאָל פאַרבלאָנדזשעט?

— איך בין שוין, ווי איר האָט געקאָנט באַמערקן, ניט אין דעם עלטער, — האָט, ניט דערוואַרטנדיק זיך אַף איר ענטפער, פאַרגעזעצט קאָרפּ, — אַז כ׳זאָל זיך אופירן ווי א יונגינק באָכערל, שפּילן זיך, ווי מע זאָגט דאָס, אין באַהעלטערלעך. איך קלײַב זיך ניט אויסבאַהאַלטן פון אײַך, צו וועמען בין איך געגאַנגען הײַנט אַהער. כ׳מיין, אַז איר ווייסט עס אַליין גאַנץ גוט. יאָ, איך בין געקומען הײַנט אַהער, ווײַל כ׳האָב געוואָלט אײַך זען... איך האָב געמוזט אײַך זען...

אויב אין אויסבאַהאַלטן א סאָד, וואָס מע דאַרף דעם אַנדערן באַלד אַנטפּלעקן, איז צווישן א דערוואַקסענעם מאַנצבל און א יונג באָכערל פאַראַן עפּעס אַן אונטערשייד, קאָן ניט וויקטאָר דערווײַל זאָגן וועגן זיך, אַז ער פירט זיך אויף ניט אַזוי, ווי ער האָט זיך דאָ הײַנט פאַר איר פאָרגעשטעלט. שוין די וויפלטע שאָ ווי זיי דרייען זיך אום הין און הער איבער די בײַליגנדיקע גאַסן, אויך אַזעלכע שטילע, גרינע און האַלב-כאַרעווע, ווי די, אָבער וועגן דעם, וואָס אַניע האָט מיט האַרצקלאַפּעניש דערוואַרט פון אים הערן, האָט וויקטאָר מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט, און ניט בלויז פאַר איר, נאָר אויך פאַר אים איז פאַרבליבן דערווײַל א סאָד, פאַרוואָס האָט ער זי אַזוי נייטיק געמוזט זען.

דער דאָזיקער סאָד איז פאַרבליבן פאַר זיי ביידן ניט אינגאַנצן נאָך אַנטפּלעקט אויך אין א וואָך און אין צוויי אַרום, כאָטש זיי האָבן זיך אָפט געזען. קומען פלעגט ער אומגעריכט, ניט צוניפריידנדיק זיך פאַרפריער, גלײַך ער וואָלט יעדעס מאָל, באַם צעשיידן זיך מיט איר, ניט געווען זיכער, צי דאַרף ער קומען. איבער דער ניט-צוניפגערעדטקייט פאַרפריער האָט קאָרפּ זיך אַף איר א פּאָר מאָל ניט דערוואַרט. אים האָט זיך אָבער אויסגעוויזן, אַז אי די מוטער אירע, שיפרע, אי די עלטערע שוועסטער סימע און אויך דער בלאָנדער הויכער באָכער נאָום, וועמען ער האָט די ביידע מאָל געטראָפן בא זיי, האָבן געוווּסט, ווו זי איז, נאָר ניט געוואָלט אים זאָגן. צי עפּשער האָט זיי אַניע פאַרווערט עס אים זאָגן?

דאָס ניט טרעפן אַניען צוויי אָוונטן נאָכאַנאַנד אינדערהיים האָט אויסגעזען וויקטאָרן באַזונדערס מעשונע, פאַרדעכטיק אַפילע, ווײַל מיט א טאָג פאַר דעם האָט ער איר אַלץ אויסדערציילט וועגן זיך — וועגן דעם, אַז ער האָט געהאַט א פרוי, אַז זי האָט אים איבערגעלאָזט אַן אייפעלע, א מיידעלע מאַשענקע, וועלכע האַלט זיך דערווײַל אויף בא זײַנער א שוועסטער אין דאָרף. ער בענקט נאָכן קינד, אַז די קויכעס גייען אים מאַמעש אויס.

אַניע האָט דאָס געקאָנט גאָר אַנדערש אופנעמען, אײַנזען אין דעם, אַז ער איז דערמיט אויסן געווען זי דערווײַטערן פון זיך און פאַרענדיקן אַף דעם זייער באַקאַנטשאַפט, אָדער זי האָט אַליין געמאַכט פאַר זיך פון דעם אַזאַ אויספיר. פאַרוואָס האָט ער צוגעצײַלט איר אַלץ דערציילן, האָט וויקטאָר ניט געקאָנט באַנעמען. גיכער פון אַלץ מיסטאַמע דערפאַר, ווײַל ער האָט אין יענעם אָוונט צום ערשטן מאָל אַזוי שטאַרק דערפילט, ווי נאָענט עס איז אים אָט דאָס יונגע מיידל מיט די גרויסע, ווי אָנגעטריפטע מיט טוש, שוואַרצע אויגן.

דאָך אויך נאָך דעם, ווי וויקטאָר עמאַנויִלאָוויטש האָט דאָס פאַר זיך אַנטפּלעקט, האָט ער סײַווי פאַרגעזעצט קומען אַהער אומגעריכט, ניט צוניפריידנדיק זיך פאַרפריער. ס׳איז

אַבער ניט געווען מער דער פאַל, אַז ער זאָל ניט טרעפן אַניִען אין שטוב, צי אים זאָל אויסקומען אַף איר לאַנג וואַרטן.

אינעם נאָענטסטן זונטיק האָט וויקטאָר געבראַכט צוויי בילעטן אַפן ספּעקטאַקל „דריי שוועסטער", אַף וועלכן ס׳איז אומעגלעך, ווי ס׳האָט אים געהאַט געזאָגט נאום, קריגן אַריינ-גאַנג-בילעטן אַף דער גאַליאַרקע.

— קיין אומעגלעכס אין לעבן, טייערער כאַווער נאום, איז ניטאָ, — האָט וויקטאָר אים דאַן דערוף געענטפערט.

— איר קאָנט עס דערווייזן, וויקטאָר עמאַנויִלאָוויטש?

— אויב נאָר דאָס וועט זיין נייטיק.

און וויקטאָר האָט עס דערוויזן, ניט אַזוי עמעצן, ווי גופע זיך אַליין. ער האָט געהאַט דערפון האַנאָע, ווייל אים איז עס אָנגעקומען ניט גאָר לייכט, און דערצו, אַז אין לעבן גיט זיך אים זעלטן-ווען איין עפּעס גרינג, איז ער געוווינט.

איז דער ערשטער רעגע, ווען אַניע האָט דערזען די בילעטן, האָבן אירע אויגן פריילעך אַ לויכט געטאָן, נאָר באַלד האָט דאָס פריילעכע פייערל זיך אויסגעלאָשן:

— צום באַדויערן, וועל איך היינט ניט קאָנען גיין.

ווי אומדערוואַרט דאָס איז ניט געווען פאַר קאַרפן, האָט ער עס איבעריקס מיט גאָר-ניט אַרויסגעוויזן, גלייך ער האָט זיך געריכט אַף אַזאַ ענטפער. ער האָט בלויז אַ זאָג געטאָן:

— אַ שאָד. — דאָס איז געזאָגט געוואָרן ניט אין שייכעס דערמיט, וואָס ער האָט אומזיסט און אומנישט געפּאַטערט צייט און מי אַף צו קריגן די דאָזיקע בילעטן, כאָטש אַניע, קאָן זיין, האָט עס נאָר אַזוי טאַקע אופגענומען. וויקטאָרן איז געווען אַ שאָד, וואָס צו אים איז אַזוי שפּעט דערגאַנגען, פאַרוואָס עס איז אים ניט איין מאָל אויסגעקומען וואַרטן אַף איר ביז שפּעט אין אָוונט, און ניט די מוטער אירע, ניט די שוועסטער האָבן נישט געקאָנט אים זאָגן, וווהין איז זי אוועק, גיכער פון אַלץ ניט געוואָלט עס זאָגן. זיי האַלטן אים, ווייזט אויס, פאַר אַ צו באַיאָרטן, אים גייט שוין דאָס אַכט-און-צוואַנציקסטע, און נאָך מיט אַ ברעקל קינד אַף די הענט, בייס אַניע איז קיין פולע ניינצן יאָר ניט אַלט. דער, צוליב וועמען אַניע האָט זיך אָפּגעזאָגט גיין היינט מיט אים, וויקטאָרן, אין טעאַטער, איז, דאַרף מען קלערן, פיל יינגער, האָט ניט קיין פּיצל קינד אַף די הענט... צי ניט דערפאַר, ווייל זי האָט מוירע געהאַט, אַז עמעצער פון איר באַכערס באַקאַנטע קאָנען זי זען מיט אַ צווייטן, האָט אַניע אויסגעמיטן שפּאַצירן מיט אים, וויקטאָרן, אַף דער הויפּט-גאַס, נאָר אויסגעקליבן די שטילע אַרומיקע גאַסן?

— און מאָרגן? — האָט קאַרף, אַריינלייגנדיק די בילעטן צוריק אין קעשענע פונעם קיטעל, זי אַף יעדנפאַל געפרעגט.

— מאָרגן בין איך פריי, — אירע אויגן האָבן ווידער פריילעך געלויכטן. — כ׳וואָלט היינט אויך געקאָנט זיין פריי, ווען כ׳זאָל געווען וויסן פאַרפריִער. איך וואָלט זיך געביטן מיט סימען. מיר האָבן דאָ אַ מומע, אַן עלטערע, איינזאַמע פרוי. אויסער אונדז האָט זי דאָ מער קיינעם ניט, יענע וואָך איז זי שווער פאַרשלאָפט געוואָרן. מע קאָן זי ניט איבערלאָזן אַליין. איז בייט איך זיך מיט דער שוועסטער. אַ טאָג זי, אַ טאָג איך. היינט איז פונקט מיין ריי. כ׳זאָל געווען וויסן פאַרפריִער, אַז איר וועט קריגן אַף היינט בילעטן אין טעאַטער, וואָלט איך זיך צונויפגערעדט מיט סימען, זי זאָל היינט גיין צו דער מומען. איז אָבער סימע קורץ פאַר איער קומען אוועק מיט איר נאָומען ערגעץ צוגאַסט. כ׳פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס שמייכלט איר? איר גלייבט מיר ניט?

— ווי קאָנט איר גאָר אַזוינס קלערן? וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך ניט צו גלייבן? רעכט איר צו זאָגן, אַז ער גלייבט איר ניט, האָט וויקטאָר, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט, אָבער רעכט צו סאַפּעקן זיך אין דעם איז בא אים פונדעסטוועגן געווען, און ניט בלויז דערפאַר, ווייל זי האָט אים ביז היינט דערפון ניט דערציילט. אַניע האָט אים אָקאַרשט גע-זאָגט, אַז די מומע איז קראַנק געוואָרן יענע וואָך, און ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל ניט דער-וואַרט אַף אַניִען מיט עטלעכע טעג נאָך פאַר דעם. נאָר ניט אַף אויסצוקלאָרן עס האָט וויקטאָר געוואָלט גיין באַגלייטן אַניען צו דער מומען. ער וואָלט דאָך מיט איר סיִוּוי אַהין ניט אַריינגעגאַנגען.

— איר וועט דאָך איבער דעם פאַרשפּעטיקן אין טעאַטער, — האָט אַניע אים אָפּגע-רעדט פון גיין זי באַגלייטן, — די מומע וווינט אין דער פאַרקערטער ריכטונג, און זייער ווייט.

— איך קלייב זיך ניט גיין אָן אייך היינט אין טעאַטער.

— ס'וועלן דאָך פאַרפאַלן ווערן די בילעטן. אוי, ווען סימע ווייסט. איר נאָום זאָגט, אַז אויף די „דרײַ שוועסטער" איז ניט צו קריגן קיין בילעטן. גייט צו. איך האָב אויף די פּיעסע שוין איינמאָל געזען, ניט דאָ, אין דער עוואַקואַציע.

אויפן נאָענטסטן טאָג האָט אַניע אים פאַרט אײַנגערעדט, ער זאָל אַליין אַן איר גיין זען די פאַרשטעלונג.

צו וואָס, אַשטייגער, קאָן וויקטאָר ניט פאַרשטיין, האָט אַניע געדאַרפט צוטראַכטן, אַז סימע מיט איר נאָומען זײַנען אַוועק ערגעץ אין געסט, ער האָט נאָך פונדערווײַטן דערזען זיי ביידן זיך אַרומדרייען באַם טעאַטער. סימע איז געווען אין אַ נײַעם העל-ברוינעם קלייד מיטן אויסגעניייטן צווײַגל בעת אויף דער ברוסט, און וועלכן ער האָט זי שוין ניט איין מאָל געזען שפּאַצירן מיט איר אויסדערוויילטן. סימע מיט נאָומען האָבן באַגלײַך מיט אַ סאַך אַנדערע זיך אָנגעפּרעגט בא יעדן איינעם, ווער ס'האָט זיך דערנענטערט צו דעם ליכטיקן, דרײַשטאָקיקן מויער מיט די גרויע סטאַטועס פון צווי דרעמלענדיקע לייבן באַם אַרײַנגאַנג, צי האָט מען ניט צופעליק צו פאַרקויפן קיין איבעריקן בילעט.

— איר זוכט אויך אַ בילעט? — האָט נאָום געפּרעגט קאַרפּן, ניט אויסבאַהאַלטנדיק די צופרידנקייט, וואָס אַניעס פּאַדפּאָלקאָווניק האָט ניט מיט וואָס זיך אויסצופּײַנען אַנטקעגן אים מיט קריגן בילעטן.

— ניין, — וויקטאָר האָט אַרויסגענומען פון קעשענע די צווי בילעטן. — איך בין געקומען זיי פאַרקויפן.

— איר שפּאַסט.

— ביטע, — וויקטאָר האָט זיי אויסגעשטרעקט דער צוגעלאָפענער סימען.

סימע האָט ניט געסאָפּעקט, אַז וויקטאָר איז געווען בא זיי און אַנקע האָט זיך אָפּגעזאָגט גיין אין טעאַטער. זי האָט דערבײַ געוויס עפּעס צוגעטראַכט, פאַרוואָס קאָן זי הײַנט ניט גיין.

ווען נאָכעם זאָל ניט געווען אָפּנעמען בא סימען די בילעטן און ניט באַהאַלטן אין קעשענע, וואָלט מען זיי בא אים, מיסטאָמע, אַרויסגעריסן פון די הענט, אַזאַ אָנגעלאָף איז געוואָרן אַרום זיי.

— ניין, ניין. אין קיין שום פאַל ניט. סײַדן איר ווילט מיך באַליידיקן. — קאַרף האָט אָפּגעפּירט פון זיך סימעס האַנט מיטן אויסגעשטרעקטן געלט. — נו, גוט. איר וועט מיר אָפּצאָלן אַן אַנדערש מאָל מיטן זעלבן.

— איר ווייסט דאָך זייער גוט, אַז מיר וועלן אויף די „דרײַ שוועסטער" ניט קאָנען קריגן פאַר אײַך קיין בילעטן.

— איז אויף אַן אַנדער ספּעקטאַקל, — און ווי זײַענדיק מעיאַשעוו מיט זיך, זאָגן צי ניט זאָגן, שטיל צוגעגעבן: — אָבער בלויז אויף אַזאַ אָוונט, ווען אײַער שוועסטער וועט זײַן פרײַ. הײַנט, ווי איר ווייסט, האָט זי ניט געקאָנט גיין.

— יאָ, איך ווייס, — האָט סימע, אָפּקערנדיק די אויגן, פאַרלוירן געזאָגט.

— זי איז אַוועק צו דער קראַנקער מומען. אַניע האָט מיר געזאָגט, אַז הײַנט איז איר ריי.

— צו וועמען? — סימע האָט איבערגעפרעגט, ווי זי וואָלט ניט דערהערט, נאָר גלײַך זיך פאַרכאַפּט. — יאָ, יאָ. און כוץ דעם איז אונדזער אַניוטע ניט קיין גרויסע ליבהאָבערן פון טעאַטער. זי האָט ליב גיין אויף סימפאָנישע קאָנצערטן. פאַר דער מילכאָמע האָט זי זיך געלערנט אין אַ מוזיקאַלער שול.

ס'האָט אָבער געטראָפן דערנאָך אַזוי, אַז וויקטאָר האָט נישט געקאָנט קומען זען זיך מיט אַניען ניט אין דעם טאָג, אויף וועלכן ער האָט זיך מיט איר פאַרפרײַער צונויפגערעדט, און אויך ניט אין אַ טאָג און צווײַ אַרום. ער איז די גאַנצע וואָך געווען פאַרנומען אויפן צעמענט-זאַוואָד ביז שפּעט אין דער נאַכט. אויף יעדן פאַל האָט ער בא דער דזשורנע פונעם האָטעל, ווו ער איז דערווײַל נאָך אײַנגעשטאַנען, איבערגעלאָזט אַ צעטעלע, אַז ער וועט ביז ענדע וואָך זײַן שטאַרק פאַרנומען. אַניע, האָט ער געוווּסט, וועט ניט קומען אין האָטעל געוויר ווערן, אויב אפילע זי זאָל אַ קלער טאָן, אַז ער איז ניט געזונט. סימע וועט אויך ניט קומען. נאָומען אָבער קאָנען זיי צושיקן זיך דערוויסן, וואָס עס איז געשען, פאַרוואָס איז ער פלוצעם פאַרפאַלן געוואָרן.

ווער עס איז אין איינעם פון אָט די טעג געווען אין האָטעל, איז קאַרפּן ניט געווען אַזוי וויכטיק. פאַר אים איז געווען וויכטיק, אַז עמעצער האָט אָפּגענומען דאָס צעטעלע. וואָס קאָן אַניוטע איצט קלערן וועגן אים?.. אין צעטעלע האָט ער געהאַט געשריבן,

אז ער וועט זײַן פאַרנומען ביז ענדע וואָך, און פּאַסירט האָט אַזוי, אַז ער וועט זיך באַפרײַען ניט פריִער פון דער קומענדיקער וואָך.

שטיין אין דער רײ צום אַדמיניסטראַטאָר פונעם זומער־טעאַטער, ווו ס'האָט גאַסטראָלירט אַ סימפאָנישער אָרקעסטער, ווי ס'איז אויסגעקומען וויקטאָרן דענסטמאָל שטיין נאָך בילעטן אויף דער פאָרשטעלונג פון די „דרײַ שוועסטער", איז אים הײַנט שוין ניט פאַרגעשטאַנען. אויף אַ סימפאָנישן קאָנצערט, נאָך אין אַ וואָכעדיקן טאָג, זײַנען אין קאַסע שטענדיק דאָ בילעטן. כאָטש דעם, האָט וויקטאָר פּאַשעט ניט באַוויזן נאָך דערגיין צו דער קאַסע. שיר ניט באַם סאַמע אַרײַנגאַנג אין שטאָט־גאָרטן האָט ער צווישן דעם שפּאַצירנדיקן עולם דערזען סימען מיט נאָומען. וויקטאָר האָט אויך פריִער באַמערקט, אַז סימע איז קימאַט אינגאַנצן ניט ענלעך אויף אַניען. אָבער אַז זי איז אַזאַ פײַנע, האָט ער ערשט איצט באַמערקט. באַ איר זײַנען העלע אויגן. די עטוואָס פאַרשפּיצטע נאָז איז פול מיט כיין, און ווען סימע שמייכלט, זעען זיך באַ איר אַרויס בײַדע שורעס פּערלדיקע ציין, כאָטש צייל זיי פאַר איין מאָל אַלע איבער. דאָס ליכטיק־ברוינע קלייד מיטן אויסגענייטן צווײַגל בעז אויף דער ברוסט פּאַסט איר באַזונדערס. עס מאַכט זי העכער, שלאַנקער, צוציִענדיקער.

— ווּהין אײַלט איר זיך אַזוי, וויקטאָר עמאַנוּילאָוויטש? — האָט סימע אים אָפּגעשטעלט, — נאָך בילעטן אויפן קאָנצערט? נעמט אָבער ניט אויף הײַנט קיין צוויי בילעטן, איר וועט אונדזער אַניוטען ניט טרעפן איצט אינדערהיים.

— הײַנט איז איר רײ?

— ווּהין? — האָט סימע פאַרכידעשט געפרעגט.

— צו דער מומען.

— צו דער מומען? ניין. דער מומען איז שוין בעסער. מיר קומען אײַך, ווי איר געדענקט, אַ כויוו. נאָום, — האָט זי זיך געווענדט צו איר באַגלייטער, — גיי נעם אויף מאָרגן צוויי בילעטן. מאָרגן דאַרף אַניע נאָך דער אַרבעט אין ערגעץ ניט גיין. כ'וועל איר זאָגן, אַז ס'זײַנען דאָ בילעטן. זי וועט וואַרטן אויף אײַך. זעט נאָר, איר זאָלט זי ווידער ניט אונטערפירן, ווי פאַריקס מאָל. אַניוטע האָט דאָך דענסטמאָל געוואַרט אויף אײַך דעם גאַנצן אָוונט.

אַניע איז שוין געווען אין שטוב, ווען וויקטאָר איז אויף מאָרגן נאָך דער אַרבעט געקומען צו גיין. אומגעריכט פאַר זיך אַליין איז ער שטיין געבליבן אויף דער שוועל, גלײַך ער וואָלט פונעם ערשטן בליק ניט דערקענט אַניוטען, ווי ער האָט זי שוין פון אַ שטיקל צײַט אויך געהאַט גערופן. אויף איר איז געווען פונקט אַזאַ העל־ברוינע קלייד מיט אַן אויסגענייט צווײַגל בעז אויף דער ברוסט, ווי באַ סימען, און מיט דעם געמאַכט בײַדע שוועסטער זייער ענלעך צווישן זיך.

— עפּעס קוקסטו הײַנט אַזוי אויף מיר? — דאָס איז געווען דער ערשטער, צי דער אַנדערער אָוונט, ווען אַניע האָט אים אויך שוין געזאָגט „דו".

— כ'האָב דיך שיר ניט אָנגענומען פאַר סימען. אויף דיר איז דאָך פונקט אַזאַ קלייד, ווי באַ איר.

אַניע האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— ווער האָט עס אַזוי שיין אויסגעהעפט דאָס צווײַגעלע בעז? איך פיל אַזש זײַן דופט, — ער האָט זיך נידעריק אָנגעבויגן צו איר שטײַפער מיידלשער ברוסט און טיף אַן אָטעם געטאָן.

אַניע האָט זיך ניט אָפּגעקערט פון זײַנע ליפּן, וואָס האָבן געזוכט דעם שמאָלן אויסשניט פונעם קלייד באַם האַלדז...

שוין אַ לענגערע צײַט, ווי וויקטאָר קאָרף איז געוואָרן אַן אָפטער אַרײַנגייער אינעם האַלב־רויִנירטן שטיבל אויף דער שטילער, גרינער גאַס. און כאָטש ער האָט דאָ דערווײַל נאָך קיינעם גאָרניט געזאָגט, וואָס מע דערוואַרט הערן אין אַזאַ פאַל פון אַן אַרײַנקומענדיקן באָכער, האָט אָבער שיפרע, די טרײַע קלוגע מאַמע, אַלציינס געקוקט שוין אויף אים, ווי אויף איר אן איידעם, און פונקט ווי זי האָט זיך ניט געוווּנטשן קיין בעסערן זיווּג פאַר איר עלטערער טאָכטער, ווי דעם שטילן אַרבעטזאַמען נאָכעמען, אַזוי האָט זי זיך אויך ניט געוווּנטשן קיין בעסערן שידוך פאַר איר ייִנגערער, ווי דעם שיינעם זעלבשטענדיקן וויקטאָר עמאַנוּילאָוויטשן.

אַ מאַמעס האַרץ איז אַ זייגער. וויקטאָר האָט זיך אויך ניט געוווּנטשן קיין אַנדער פרוי און קיין אַנדער מאַמע פאַר זײַן אייפּעלע, ווי אַניע. זאָגן עס איר וועט ער אָבער אינעם

טאָג, ווען ער וועט קריגן א באַזונדערן צימער אינעם הויז, וועלכן עס בויט דער זאַוואָד. ס'איז געבליבן ניט לאַנג צו וואַרטן.

און פּלוצעם, ווען וויקטאָר האָט מיט א פּאָר וואָכן פאַר דעם, ווי ער האָט געקראָגן א צימער, געבראַכט בילעטן אויפן קאָנצערט פון א באַרימטן פידלער, האָט אַניע זיך אָפּגעזאָגט צו גיין. זי קאָן היינט ניט.

— די מומע איז שוין ווידעראַמאָל שלאָף? — האָט וויקטאָר מיט באַדויערונג געפרעגט.

שיפרע איז פּונקט אַרײַנגעקומען פון קיך, ווען וויקטאָר האָט זיך נאָכגעפרעגט בא אַניען וועגן דער מומעס געזונט.

— וועלכע מומע? וואָס פאַר א מומע? הערט זי ניט, — האָט שיפרע זיך אָנגערופן צו דעם פאַרכידעשטן קאָרפּן, — זי האָט דאָ ניט קיין שום מומעס מיט קיין שום פעטערס. איר ווילט וויסן, פאַרוואָס זי קאָן ניט גיין היינט מיט אײַך אויפן קאָנצערט?

— מאַמע... מע דאַרף ניט. איך פאַרוועהר דיר.

נאָר שיפרע האָט זי ניט געהערט.

— מיט וואָס, זאָג מיר, טאָכטערקע, שעמסטו זיך? מיט דעם, וואָס דער דײַטש, ניט געדאַכט זאָל ער ווערן, האָט אונדז געלאָזט הויל און נאַקעט, אין איין העמד, און ווען איר וואַשט איבער אײַערע קליידלעך, דאַרפט איר זיצן אין איינע אונטערהעמדער און וואַרטן ביז זיי וועלן זיך אויסטריקענען?

— מאַמע...

— וואָס מאַמע, ווען מאַמע. וויקטאָר איז א מיליטערמאַן. ער האָט זיך גענוג אָנגעזען אויף דער מילכאָמע און פאַרשטייט לאַך...

— איך בעט דיך, מאַמע!..

— האָסט מיך ניט וואָס צו בעטן. איך מוז עס אים דערציילן. דערוואַקסענע מיידלעך, ווי איר פאַרשטייט אַליין, ווילן וואָס בעסער און שענער זיך אָנטאָן. דאָס פאַרדינסט קלעקט אָבער קוים אויף דער כאַיונע. מע דאַרף דאָס קויפן, יענץ קויפן. מיר זײַנען דאָך געבליבן אָן גאָרנישט, ווי פון פײַער אַרויס. ביז מע וועט א ביסל קומען צו־זיך, האָבן מײַנע מיידלעך זיך דערווײַל אויפגעניייט א בעשוטפעסדיק קלייד. אויף מער האָבן זיי נאָך דערווײַל ניט באַוויזן אָפּשפּאָרן. איז אָט, אז עמעצער פון זיי דאַרף ערגעץ גיין, איז טוט זי עס אָן. אַמאָל די, אַמאָל יענע, ווי עס מאַכט זיך. די עלטערע שעמט זיך דאָס זאָגן איר נאָומען, און אַניע שעמט זיך עס זאָגן אײַך. נאַרישע קינדער. געפונען מיט וואָס זיך צו שעמען...

וויקטאָר האָט זיך פריילעך צעלאַכט און איז ניט אָפּגעטראָטן פון אַניען, זי זאָל גיין מיט אים אין פילהאַרמאָניע אין דעם איינציקן וואָכעדיקן קלייד אירן, אין וועלכן ער האָט זי געטראָפן.

אויף צוריקוועגס, נאָכן קאָנצערט, האָט וויקטאָר דאָס אַלץ, וואָס ער האָט זיך געקליבן זאָגן אַניוטען אינעם טאָג, ווען ער וועט באַקומען א באַזונדערן צימער, עס אַרויסגעזאָגט איר איצט.

אין א פּאָר וואָכן אַרום האָט וויקטאָר באַקומען א צימער.

צוזאַמען מיט דער נײַעס, וועלכע ער איז געקומען אָנזאָגן, האָט ער געבראַכט אַניוטען די ערשטע מאַטאָנע זײַנע: א העל־ברוין קלייד מיט אַן אויסגענייט אויף דער ברוסט צווײַגעלע בעז...

צו דער כאַסענע האָט וויקטאָר באַשטעלט פאַר זײַן אַניוטען א נײַע קלייד — א זײַדנס, פון הימל־בלויען קאָליר. נאָר פאַרן גיין אין זאַגס האָט אַניע מיטאַמאָל איבערגעקלערט און אָנגעטאָן צו דער כאַסענע דאָס העל־ברוינע קלייד מיטן אויסגעהעפטן צווײַגל בעז.

שירע גאָרשמאן

ווען די בינען שלאָפֿן

דו מײַנסט, ס׳ווייסט די בין,
אַז ס׳איז איר האָניק זיס?..

שמועל האַלקין

— שאַבעס פֿאָרן מיר צו די בינען, שאַבעס פֿאָרן מיר צו די בינען! — אַזוי האָט ניט איין מאָל צוגעזאָגט אַווראָם שײַנמאַן.

און דאָס איז טאַקע מעקוים געוואָרן. דער וועג צו קאָלאָסאָוואָ איז פֿאַרקישעפֿנדיק: די מאַשין גייט צווישן ביימער, ס׳איז דאָ שאָטן, אָבער ס׳פֿאַרשטעלט ניט די פּראַכט פֿון לינקס און פֿון רעכטס. אַזוי ווײַך וויקלט זיך דער רעליעף, שיפּועדיק צו דער נידער, די פּאַפּשויען שטייען שטראַם און געדיכט, באַפֿרענדזלט, ווי מיט זײַדענע קוטעסן, די זונרויזן נייגן די קעפּ צו דער זון, אַזוי קײַלעכדיק הייבן זיך קוסטעס, אַ ביסעלע צעשויבערט, אָבער פּאָרט ווי גרויסע קנוילן... אַזוי פּרעכטיק לויפֿט פֿון לינקס, פֿון רעכטס די מאָלדאַווישע לאַנדשאַפֿט. ברייט שפּרייט זיך די גרינע ווינטער-טוווע, נאָענט אַזוי, צוגעטוליעט צו דער שוואַרצער ערד, וועלכע דערמאָנט אַנגעשטויסענעם מאָן.

ניט לאַנג געפֿאָרן — און שוין געקומען קיין קאָלאָסאָוואָ. די בינשטאָקן שטייען זיך אַזוי געמיטלעך אונטער די ביימער, עס שמעקט מיט שאַלפֿיי, מיט פֿרישקײַט, די בינען האָווען. פֿונוויטן זעט זיך אַ פֿעלד, פֿון וועלכן מ׳האָט אַראָפּגענומען דאָס ברויט, קעדײַ אַ קוק טאָן: וואָס איז דאָרטן, צי האָט מען ניט פֿאַרגעסן קיין זאַנגען אויפֿן פֿעלד? ניין, ניט פֿאַרגעסן. נײַערט באַם ראַנד פֿונעם פֿעלד מיט דער בערשטלדיקער סטערניע קאָן מען געפֿינען ווו-ניט-ווו פֿאַרגעסענע האָבער-זאַנגען, וועלכע בייגן זיך אַהין און אַהער. זיי זײַנען גרינג און וואָנצעדיק, גרײַלעך-שיין שפּילט מיט זיי דער ווינט. צוריקגייענדיק איז געווונטשן צו זײַן אויפֿמערקזאַם, אין פֿלוג וועט עס עפּשער ניט העלפֿן, פֿונדעסטוועגן, ווען מע בייגט זיך אײַן, זעט מען פּיצינקע בלויע קווייטעלעך — ניט צו פֿאַרשטיין, וואָס עס פֿאַרלויפֿט זיך דאָ. קאָן דען געמאָלט זײַן, אַז די קווייטעלעך האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון די שטענגלעך, קרײַזן אַרום נידעריקער און העכער, און די שטראַלן צעזונדערן זיי... אָ, ס׳איז קלאָר: דאָס זײַנען באַבעלעך — פּיצינקע, בלויע, ווי די קווייטל-לעפֿלעך. אַ מאַראָכע פֿון די באַבעלעך צו האָבן דעם זעלבן אָנבליק, ווי די קווייטלעך...

צײַט צו זען, וואָס עס טוט זיך באַ די בינשטאָקן. דאָרט דרייען זיך שוין אַרום עט-לעכע מאַנצבילען און זייער אַ באַלײַבטע פֿרוי. די אַלע, וועלכע זײַנען געקומען, זײַנען, אייגנטלעך, דער קליינער קאָלעקטיוו — שותּפֿים צו די בינשטאָקן און צום האָניק.

באַ איינעם פֿון די בינשטאָקן פֿאָרעט זיך אַווראָם שײַנמאַן, ער האָט אויפֿן קאָפּ אַ הוט מיט ברייטע ראַנדן, צו וועלכע ס׳איז צוגעפֿעסטיקט אַ געדיכטע מאַרליע. דער בינשטאָק, באַ וועלכן ער פֿאָרעט זיך, איז אָפֿן. מיט אַ פֿלעדערוויש שאַרט ער באַזאַכט אַראָפּ די בינען, וואָס ווילן ניט אַוועק פֿון דעם רעמל מיטן וואַקס און מיטן האָניק. באַ די אַנדערע בינשטאָקן האָווען די שותּפֿים — אַלע אין אַזעלכע היט און מאַסקעס, ווי באַ שײַנמאַנען. די בינען זײַנען לאַכלוטן ניט געניייגט גרינגער צו מאַכן די אַרבעט באַ זייער גאָב. זיי פֿליִען אַרום און זשוזשען ברויגעזלעך אַרום די אַרײַנגאַנגען אין זייערע היימען.

דערווײַל דאַרף מען אַ קוק טאָן, וואָס ס׳טוט די באַלײַבטע פֿרוי. בעסער וואָלט זי שוין ניט אויסגעטאָן דאָס כאַלאַטל — סע שטאַרצט פֿון אומעטום דאָס שמאַלציקע פֿלייש, די הענט ליגן, ווי אויף קישנס, פֿון די זײַטן, דאָס איבעריקע איז אַזוי מעכטיק, אָבער אַ ביסעלע שיטערלעך, עס הוידעט זיך אַהין און אַהער און פֿאַרשטעלט דעם פּייזאַזש. זי האָט שוין אין שאָטן אַוועקגעלייגט ברעטער אויף פּניאָקעס, פֿאַרשפּרייט זייער אַ פֿאַרביקע צעראַטע, עס

די רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ באַגריסן האַרציק די שרײַבערין שירע גאָרשמאַן אין צוזאַמענהאַנג מיט איר 80־טן געבורטסטאָג און ווינטשן איר געזונט, אריכות־יאָמים און נײַע שעפֿערישע דערפֿאָלגן.

רוען שוין אויפֿן טיש געפֿילטע פֿעפֿער, אַ סאַלאַט פֿון אוגערקעס און פּאָמידאָרן, אַ היפּשער סלאָי מיט הערינג, אַ שיסל מיט מוירעדיק גרויסע קאָטלעטן, פּולע פֿלעשער, פֿאַרשטייט זיך, מיט ווײַן.

אויף דער פֿרישער לופֿט ווילן שוין אַלע צובײַסן. מע זעצט זיך אויס ווער ווו: די באַלעבאָסטע גופֿא שטייט — ס'איז ניטאָ קיין קעסטל, וואָס זאָל זי קאָנען אויסהאַלטן. אַלע פֿניאָקעס זײַנען שוין פֿאַרנומען — מ'האָט זיך צעזעצט, אָבער, שטייענדיק, טוט זי אַלץ, וואָס ס'איז מעגלעך מיט דעם, וואָס עס געפֿינט זיך אויפֿן טיש. אירע פֿיס שטייען אַזוי פֿעסט צווישן די גרעזער (עס ווײַזט זיך אויס, אַז זיי וואַקסן פֿון דאָרט אַרויס). אָפּגעגעסן, גייט מען ווידער צו די בינשטאָקן.

אין שאָטן צווישן די קוסטעס שטייען שוין פֿונקט אַזעלכע בידאָנעס, אין וועלכע מע פֿירט מילך, און אַזאַ מין מאַכערײַקע, ווי אַ פֿעסל מיט אַ הענטל בײַ דער זײַט. אין פֿעסל וועט מען אַרײַנטאָן פֿון די ראַמלעך דעם האָניק, דאָס הענטל וועט דרייען איינער פֿון די שותּפֿים, די באַלײַבטע פֿרוי האָט שוין צוגעשטעלט אַ בידאָן צום שנויץ פֿונעם פֿעסל און דער האָניק וועט זיך צאַפּן.

אווראָם שיינמאַן האָט ליב צו דערציילן, וואָס פֿאַר אַ כאַכאָמים די בינען זײַנען, וואָס פֿאַר אַ מוסטערהאַפֿטע אָרדענונג זיי מאַכן אין די בינשטאָקן. ס'איז אָבער דאָ אַ ווערטל: „שפּיל דעם כאָסן ווײַנענדיקס, ער האָט זיך זײַנס אין זינען“. געוויס האָב איך אויפֿמערקזאַם, וואָס אווראָם דערציילט, אָבער איך טראַכט: די מוראַשקעס זײַנען ניט נאַרישער פֿון די בינען. די אָרדענונג אין זייער קיניגרײַך איז בײַשפּיללאָז. פֿונדעסטוועגן האָב איך נאָך ניט באַגעגנט אַזאַ נײַגעריקײַט, וואָס זאָל מאַכן אַ קליינעם טרעסט בײַ די מוראַשניקעס. און דאָס איז גאַנץ גרינג צו פֿאַרשטיין: די מוראַשקעס זײַנען טאַקע בעריעס, אָבער קיין האָניק מאַכן זיי ניט.

טשיקאַווע אַ קוק טאָן, ווי דער האָניק צאַפּט זיך. יאָ, ס'איז שוין אַ פֿולער בידאָן, אָבער קיין האָניק זעט מען ניט, ווײַל אים האָט צוגעדעקט אַ געדיכטע הויב פֿון טויטע בינען. אָט דאָס איז דער סכאַר פֿאַר זייער מי.

די צײַט שטייט ניט. די זון לאָזט זיך שוין אַראָפּ צו נאַכטלעגער. איך זיץ מיר אין גרויסן קאָמפֿאָרט אין מאַשין — די בינען זײַנען איצטער זייער בייז. אַלע שותּפֿים זײַנען שוין מידלעך. מ'האָט צוגעביסן, זיך צוגעזעצט אויפֿן גראָז, שטיל געשמועסט... איך זע עס, אָבער איך הער גאָרניט. פּלוצעם האָבן די בינען באַשלאָסן, אַז זיי דאַרפֿן מיך באַזוכן אין דער מאַשין. איך האָב שוין עטלעכע גוזיקעס — אויפֿן שטערן, אויף דער נאָז, אויף די אויערן־לעפֿלעך. איך שפּרינג אַרויס פֿון דער מאַשין, ווי אַן אָפּגעבריטע, און לאָז זיך לויפֿן צו דער בערשטלדיקער סטערניע. אווראָמס געשריי יאָגט מיך נאָך:

— טוט אַ פֿאַל אויף דער ערד — וועלן די בינען אָפּשטיין!

איך פֿאָלג. און דערקונדיק זיך, אַז אווראָם איז געווען גערעכט.

דער טאָג ענדיקט זיך, און אווראָם זאָגט זייער שטיל:

— באַלד וועט קומען אַ לאַסטמאַשין, מיר וועלן אַריבערפירן די בינען אף אן אנדער אָרט. דאָ האָבן זיי שוין ניט וואָס צו טאָן.

ס'האָבן נאָר אַ פינטל געטאָן די ערשטע שטערן און די לעוואָנע איז שאַרף געשניטן אופגעגאַנגען, האָט זיך דערהערט אַ טראַסקערײַ. דאָס איז געקומען די מאַשין, וועלכע דאַרף אַריבערפעקלען די בינען. אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַן אַמפיביע? ס'איז ניט קיין לאַסטמאַשין — ס'איז אַ מין ברייטע בריק אף רעדער. קעדיי עס זאָל זיך קאָנען באַוועגן איבער דער יאַבאַשע, איז צוגעשפּאַרט אַ טראַקטאָר. דאָס טירל פונעם טראַקטאָר האָט זיך געעפנט, ס'איז אַרויסגעשפּרונגען אַ הויכער מאַנצבל, האָט עפּעס דורכגערעדט מיט די שותּפים, צוריק זיך אַרײַנגעכאַפּט אין טראַקטאָר, די בריק אף די רעדער האָט זיך גענומען לאַנגזאַם קוליען און זיך אָפּגעשטעלט נעענטער צו די בינשטאָקן. מ'האָט נאָך אַ ווײַלע געדאַרפט צוּוואַרטן, ביז די בינען וועלן אײַנשלאָפן. ווען ס'איז ענדלעך שטיל געוואָרן אין די בינשטאָקן, האָט מען זיי גענומען לאָדן אף דער בריק. די בריק מיט די בינשטאָקן און צווישן די בינשטאָקן אווראָם שיינמאַנס זון, ראַפיק, האָבן זיך אַ קערעווע געטאָן און זײַנען אַוועק אין דער ריכטונג צום נײַעם אָרט.

די לעוואָנע איז שוין געהאַנגען בוילעט און ליכטיק. געדיכט פאַרשטעפּט האָבן די שטערן דעם הימל. אַלע פּראַטים האָט די בלוילעכע שײַן פון דער ליכטיקער נאַכט באַהאַלטן. ס'איז געווען איין אויסגוס פון געוויקסן, געשפּענסטעריש האָט געפלאַטערט די נאַכט אף אַלץ, וואָס ס'איז אף דער ערד. עס האָט זיך געבלייכט אַ לײַוונטענער געצעלט, אַרום וועלכן עס זײַנען געשטאַנען בינשטאָקן. נאָר וואָס פאַר אַ שײַכעס האָב איך צו בינשטאָקן? כ'האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין בינשטאָקן, כ'האָב ניט ליב קיין האָניק, ווײַל ער קלעפּט זיך — זאָל עס גיין צו אַלדי גוטע יאָר! איך זיץ מיט אווראָמס ווײַב, סאָרע, אין אַ לײַכטער מאַשין, וועלכע געהערט צו איינעם פון די האָניק-שותּפים. מיר פאָרן טריט בא טריט, אַנטקעגן אונדז קוליעט זיך די בריק מיט די בינשטאָקן, די בינשטאָקן הוידען זיך, און ראַפיק הוידעט זיך אויך לינקס און רעכטס. די בריק, די מאַשין, אין וועלכער מיר זיצן, אויך די מאַשין, וואָס גייט הינטער אונדז, פויזען ווי אַ רויפּ. ס'גלייבט זיך קוים, אַז מיר וועלן ענדלעך ערגעץ אָנקומען. כאָטש אווראָם האָט געזאָגט, אַז דאָס איז זיבן קילאָמעטער, שלעפּן מיר זיך שוין גאַנץ היפּש. די לעוואָנע האָט זיך געזעצט, די שטערן זײַנען געוואָרן גרעסער און טונקעלער. איוואַן פּעטראָוויטש, וואָס זיצט באַם רול, ווי איך מיט סאָרען זיצן, ברענגט קיין וואָרט ניט אַרויס, און נאָר לויט דעם, ווי די מוסקולן אונטער זײַן אויבערהעמדל באַוועגן זיך, איז קלאָר, אַז ער נערווירט. פּלוצעם בלײַבט די בריק שטיין. דער טראַקטאָר הודיעט. אווראָם שפּרינגט אַרויס פון דער טראַקטאָר-קאַבינע, און זײַן ווײַס העמדל בלייכט זיך מיט אים אינײינעם פאָרויס. „וואָס איז געשען? וואָס איז געשען?" — שרײַט סאָרע צו ראַפיקן. „ניטשעוואָ, ניטשעוואָ. דער פּאַפּע איז אַוועק זען, צי מיר בלאָנדזשען ניט!" ס'איז מיר געוואָרן קאַלט אין נאַקן. ס'האָט געדויערט אַ רעכטע ווײַלע, אווראָם איז צוריק געקומען. „מיר פאָרן ריכטיק, סאָרע", — האָט ער אָנגעזאָגט אַ פריילעכע בסורע. די בריק קוליעט זיך פאָרויס. די בינשטאָקן מיט ראַפיקן הוידען זיך. אָפּן האַרצן איז מיר ניט פויגלדיק; איך צווייפל, צי מיר וועלן ערגעץ אָנקומען אין דער דאָזיקער אויסדערוויילטער נאַכט...

זיך געקוליעט, זיך געקוליעט — און די בריק איז שטיין געבליבן. דער הימל לויכט. אַ סאַך פּראַטים האָבן בוילעט אופגעטויכט. די שטערן ווערן שיטערער. איך האָב אַ בייז האַרץ אף אווראָמען: האָלעמײַ האָט ער ניט געזאָגט, אַז מע וועט איבערפירן די בינשטאָקן? און ווידער שוועבט מיר דורך אַ געדאַנק: „שוין געלעגן אין געלעגער און געכאַפּט אַ דרעמל, וואָס וואָלסטו געזען?.."

מיר זײַנען טאַקע געקומען, מע נעמט אַראָפּ די בינשטאָקן און מע שטעלט זיי אויס ווי אווראָם הייסט. נאָר אין אונדזער מאַשין, ווו די פענצטער זײַנען געווען אָפן, נעמען הודזשען בינען. ס'האָט שוין סאָרע געכאַפּט צוויי מאָל גיפט. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָבן אין איין בינשטאָק די בינען זיך אופגעכאַפּט. זיי האָבן אַפּאַנעם ניט געוואָלט, אַז איך מיט סאָרען זאָלן דרעמלען.

ענדלעך גייען די מאַשינען און די בריק מיטן טראַקטאָר אף הינטערווײַלעכס. אווראָם שפּאַנט לעבן אונדזער מאַשין און דערקלערט, וויאַזוי אונדזער שאָפער זאָל פאָרן. ס'איז שוין גאַנץ ליכטיק. די בריק איז געוואָרן אַ בעריע — גייט גאַנץ גיך. מיר — הינטער דער בריק, הינטער אונדז — די „זשיגולי". דאָרט, ווו מיר האָבן אין אָוונט געזען דעם געצעלט, הענגט איבער אַ שײַטערל אַ גרויסער טשײַניק. אווראָם שרײַט צו אונדזער שאָפער:

— איוואַן פּעטראָוויטש! מיר וועלן נעמען רעכטס, זאָלט איר נעמען לינקס צו קעשענעוו.

אזוי טוט איוואן פעטראָוויטש. קיין שום סוידעסדיקע דעקטיכער — אַלץ איז קלאָר אנטהילט. איך טראַכט אין האַרצן: אויב מיר וועלן קומען קיין קעשענעוו און די ווינדע וועט ניט אַרבעטן, בלײַב איך זיצן לעבן דער שטוב אפן גראָז און ריר זיך ניט פון אָרט.

איצט מאָלט אײַך אויס מײַן איבעראַשנדיקע פרייד, בייס סאָרע האָט א קוועטש געטאָן די קנאָפּקע פון דער ווינדע און די טיר האָט זיך געעפנט.

אַנהייב זיבן אזייגער דעם אַכט-און-צוואַנציקסטן יול 1985 האָט סאָרע שיינמאַן צו-געטראָגן צו מײַנע ליפּן א לעפעלע האָניק, וועלכער האָט מיך זייער פארוווּנדערט, ווײַל ס'איז געווען זיס.

איז זי ניט שיין

טאַקע דעריבער, און עפשער ניט דעריבער, איז זי זייער געשיקט, א בעריע. אַלץ שפּילט אין אירע הענט. פון דער פריִער קינדהײַט האָט זי פארשטאַנען, אז זי טאָר ניט זײַן נאַכלעסיק, פארשלאָפן, ווי אנדערע מיידעלעך. זי געדענקט קוים דעם טאַטן. איר מאַמע איז אַן אַרבעטערן אף א זאַוואָד, בייס זי דאַרף גיין צו דער ערשטער מישמוירע, וועקט זי אַניען און זאָגט:

— אַניעטשקע, איך לייג זיך איצטער צו, ווײַל איך דאַרף פרי אופשטיין. ווען דער ווײַזער וועט שטיין אף דער ציפער פינף, זאָלסטו מיך אופוועקן. אויב דו וועסט פארשלאָפן, וועל איך באַשטימט פארשלאָפן, איך בין זייער מיד, וועלן מיר שטאַרבן פון הונגער. גע-דענק, מײַן קינד.

אַניעטשקע געדענקט עס זייער גוט.

אַזויפיל יאָרן זײַנען אַוועק, און זי געדענקט ניט נאָר דער מאַמעס ווערטער, זי זעט, ווי די מאַמע שטייט באַם געלעגער, זי זעט דער מאַמעס פארצאָרנט און פארקלאָגט פּאָנעם, און זי איז גליקלעך, וואָס זי, נאָר זי האָט זיך דערשלאָגן א צווייצימערדיקע דירע. אַניע איז א פארוואַלטערן פון א קאָנסטרוקטאָרן-ביוראָ, און איר מישפּאָכע און די מאַמע אירע ווייסן ניט פון קיין נויט. פון דער אַרבעט ברענגט זי דער מאַמען א נאַשערײַ, טוט זי א גלעט איבער דער באַק, איבער דער פּלייצע, און אַמאָל זאָגט זי פריילעך:

— מאַמע, דו זעסט, הײַנט בין איך געקומען מיט צען מינוט פריִער. באַלד פארקאָך איך פרישע טיי, דערנאָך וועלן מיר עסן מיטיק.

— אַניעטשקע, קינד מײַנס, איך בין אַלעמאָל זיכער, אז דו וועסט ניט פארשפּעטיקן צו מיר. איך ווייס, אז דו בענקסט נאָך מיר, ווי איך נאָך דיר, נאָר גלייב מיר, אז יעדער טאָג איז פאר מיר ניט א יאָר, נאָר צענדליקער יאָרן.

— געוויס ווייס איך, מאַמינקע.

ס'איז אַוועק אַזויפיל יאָרן. אַניעטשקע האָט שוין פון לאַנג כאַסענע געהאַט. איר מאַן איז אַן אינזשעניער, איר זון איז א ביִאָלאָג. סײַ דער מאַן, סײַ דער זון זײַנען צו דער אַלטער אופמערקזאַם און גרייטפארטיק.

די ערשטע צײַט נאָך דער כאַסענע איז אַניעטשקעס מאַן, דער איידעם, געווען האַרב צו דער שוויגער, אָבער אַניעטשקע האָט אים אַנומלטן ערנסט געזאָגט:

— מאַריק, איך האָב מײַן מאַמען, דײַן שוויגער, ניט באַהאַלטן פון דיר, ווי איך האָב ניט באַהאַלטן פון דיר, אז איך בין ניט קיין קראַסאַוויצע, גאָרניט קיין קראַסאַוויצע. טאַקע דערפאַר זאָג איך דיר, אז איך קאָן נאָך אַריבערטראָגן דײַן אָפּהענטיקײַט אָדער אומהעפ-לעכקײַט, מיר וועלן שוין זען, וואָס דערפון וועט אַרויס, אָבער צו מײַן מאַמען, צו דער שוויגער, וועגן וועלכער אַלע איידעמס וויצלען זיך, זאָלסטו זײַן זייער העפלעך און אף וויפל דו ביסט פעיִק — אויך קאָרעקט. אויב דו מיינסט, אז דו ביסט ניט פעיִק אף אַזאַ זאַך, איז גלײַכער, מיר זאָלן זיך אף אייביק צעשיידן. פארגעדענק, מײַן מאַמע האָט איבערגעלעבט דאָס, אף וואָס דו קאָנסט קיין מיוון ניט זײַן. איך, ווידער, שרעק זיך ניט צו בלײַבן אַליין. איך בין זיכער, ס'וועט זיך געפינען אַזאַ „עמעצער", וועלכער וועט כוץ מײַן ברייטער נאָז, מײַנע קליינע אויגן און מײַנע דיקלעכע ליפּן, דערזען עפּעס-וואָס כוץ דערויף.

אַניעטשקעס מאַן, מאַריק, האָט טאַקע כוץ דערויף גוט געזען, אז זײַן ווײַב איז ניט קיין זומערפלאַטערל, איז ניט גראַציִעז און ניט שיין, אָבער זי איז א פעסט-צעמענטירטער האָפן. און ער איז לעבלעך-זאָרגעוודיק צו דער שוויגער ביז הײַנט. אָט שוין העכער צוואַנ-ציק יאָר, ווי ער איז אַניעטשקעס מאַן, און ער האָט קיין כאַראָטע ניט.

איצטער האָבן זיי א דרײַצימערדיקע דירע, צו זיי קומען אָפט מערער מיטאַרבעטער זייערע, אײדער פרײַנט, ווײַל מיט פרײַנט איז בא קײנעם ניט געדיכט. ווען זיי וואַרטן אַף געסט, פאַרבינדט אַניעטשקע אירע געדיכטע ברוינע האָר מיט א בונט שמאָל סטענגעלע, און דאָס איז כיינאַווודיק־טרעפלעך, ווײַל אירע געדיכטע ברוינע געשאָרענע האָר איז דאָס שענסטע, וואָס זי האָט צו ווײַזן. איר אַנבליק ווערט א ביסעלע אופגעהײַטערט, ווען זי וואַרט אַף געסט. א גאַנצן טאָג ערעוו די געסט גייט אַניעטשקע אַרום אין די געוויסע „שטרימף־הויזן", און בייס מאַריק האָט אַנומלטן באַמערקט: „אַניע, וואַרף אַרוף א יובקע אַף די קאַלגאַטקעס", האָט זיך אַניעטשקע ניט פאַרלאָרן און באַמערקט:

— כ'האָב קײנעם ניט צוגעזאָגט קיין געטאַקטע פיס. וועמען עס געפעלט ניט, דער קאָן ניט קוקן.

אַלעמאָל איז אַניעטשקע זייער העפלעך צו מאַריקן. אויב זי בעט בא אים עפּעס, איז קײנמאָל ניט נאָר מיט ווערטער, מיט א גרויסן פאָרוואָרט:

— מאַריאַשינקע, טײַערער, אין קיך־שאַפקע האַלט זיך ניט די איבערשטע פאַליטשקע, זײַ אַזוי גוט, גיב א קוק, דערנאָך וועל איך דיר פאַרלייענען.

און ניט נאָר „טײַערער" און ניט נאָר „זײַ אַזוי גוט", נאָר זי שטעלט זיך אַף די שפּיץ פינגער, גלעט זײַנע פּלייצעס, זײַן קאָפּ, שמייכלט צו אים, אַזוי לאַנג, ביז ער דרייט זיך אויס פון אירע הענט און גייט אין קיך צורעכט מאַכן די פאַליטשקע. ניט אומזיסט זאָגט דאָך אירע א כאַווערטע: „אַניעטשקע האָט א קאָפּ אַף די פּלייצעס, קאָן אויסזיצן פון איין איי צען הינדעלעך, א זעלטענע, זייער א זעלטענע!..."

וואָס א זעלטענע, וויאַזוי א זעלטענע — דאָס האָט די כאַווערטע ניט קלאָר געמאַכט.

שטײגער־בילדלעך

אזעלכע פרימאַרגנס

— שטיי אוף, ליאָוושקע, ס'איז דאָך שוין די אכטע שאָ.

— ווו ביסטו דאָרטן, פערעלע?

— ווו זאָל איך זײַן, איך שטיי אין קיך און גיב אכטונג, די מילך זאָל ניט אויסלויפן.

— צו אַלדי רוכעס די מילך! זאָל די מילך לויפן, און דו לויף צו מיר... לויף גיכער, טו מיך אָן, וועל איך אופשטיין...

— אָט בין איך, ווו זײַנען דײַנע זאַכן?

— דו האָסט מיך דאָך נעכטן אויסגעטאָן, וואָס זשע פרעגסטו בא מיר?

— כ'האָב שוין אַלץ געפונען. גיב דעם רעכטן פוס.

— איך זאָג זיך ניט אָפּ. נו, ווו אײַלסטו זיך אַזוי? פאַלג מיך, לייג זיך צו א רעגעלע, ווערסט קיין כאַראָטע ניט האָבן. איך בעט דיך זייער, פאָזשאַלויסטאַ. אָט אַזוי, זיץ, דו ווייסט דאָך, דו ביסט מײַן קילע פּלאַם, דו ביסט מײַן ליכטיקער וואַלקן און מײַן אייביקער לײַכטער, ווי מײַן ליכט, וואָס ברענט און ברענט און ברענט ניט אויס...

מעכוטענעסטעס

אַזוי פירט זיך שוין. ברײַנע האָט פאַרלוירן איר נאָמען, און מע רופט זי בראָניסלאָווע דאַווידאָוונע. די מעכוטענעסטע האָט מען אַמאָל גערופן העניע, און איצט רופט מען זי יעווגעניע אַראָנאָוונע. ווי נאָר זי האָט דערזען ברײַנען, בראָניסלאָווע דאַווידאָוונען, האָט זי דערשפּירט, אַז ס'איז ניט צום גוטן.

ברײַנע האָט דערווײַל אויסגעטאָן די שטיוועלעך, אַרײַנגעשטעקט די פיס אין טאַפּקעס, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך, און מיט דער גרעסטער העפלעכקײַט אויסגערופן:

— איר וועט מיר דערלויבן אויסצוואַשן די הענט?

— מיטן גרעסטן קאָוועד. דאָרטן הענגט א ריינער האַנטעך.

ברײַנע האָט אויסגעוואַשן די הענט, אַרויסגענומען פון א צעלאָפאַן־טאָרבעלע א היפּשן האָניק־לעקעך און אַוועקגעלייגט אַפן טיש. העניען האָט געשלאָגן צו דער גאַל.

— א דאַנק פאַר דעם לעקער, נאָר איך דערנער זיך מיט שוואַרץ ברויט. האָט קיין פאַריבל ניט, איך פיל, אַז איר ווילט מיר עפּעס זאָגן.

— איר זײַט גערעכט. כ'האָב געמיינט, אז מיר ווע̄לן פרי̇ער אויסטרינקען א גלאָז טיי, נאָר וויבאלד איר זאָגט זיך אָפ פון ל̄עקעך, מוז איך אײַך דערציי̄לן, וואָס מײַן זון זאָגט.

— וואָס זשע זאָגט ער?

— ער זאָגט, אז אײַער טאָכטער איז שוין געווען א געניצטע.

— ווי ברענגט איר דאָס ארויס פון מויל. פונוואנען קאָן עס אײַער זון פארשטיין, ער איז דאָך שוין צוויי מאָל א געגעטער, נאָר דעם קאָפ ל̄ייג איך ניט פאר מײַן טאָכטער. מע שיקט סטודענטן גראָבן קארטאָפל, רײַסן מערן, קל̄ײַבן עפל, עס פאָרן נאָר סטודענטן, סטודענטקעס טויגן אויך פאר אזא ארבעט. וואָס מיינט איר, זיי טראכטן נאָר וועגן גרינס און וועגן פרוכט? כ'האָב זיך טאקע אקוראט דערמאָנט, וואָס איר האָט געזאָגט, ווען מיר זײַנען געגאנגען פונעם זאגס.

— וואָס אזוינס האָב איך געזאָגט?

— איר האָט געזאָגט, אז א פאָרפאָלק זײַנען צוויי האלבע עפל, און איך זאָג, אז דאָס איז צוויי גאנצע עפל, פרישע, קײַל̄עכדיקע, מיט רויטע בעקעל̄עך. עפשער ווי̄לט איר, אז אײַער עפל זאָל̄ זיך אוועקקײַקל̄ען? געזונטינקערהייט! ניט איך, ניט מײַן טײַערע ערל̄עכע טאָכטער ווע̄לן קיין אינפארקט ניט האָבן!

צעשאָטענע קארשן

ווי אל̄ע שאבעס אפדערנאכט האָבן זיך דאָ צונויפגעקליבן נאָענטע באקאנטע, מע האָט געשמועסט וועגן ל̄יטעראטור און וועגן שטייגער-זאכן. ס'איז געווען אויך אן אינזשעניער מיט זײַן פרוי, נאָר ער האָט אָפטער געכאפט א קוק אף דער באל̄עבאָסטעס טאָכטער, אף איוועטען, איידער אף דעם אייגענעם ווײַב. איינע פון די בײַוועזנדיקע האָט מיט הארץ געזאָגט וועגן א באוווּסטן קל̄אסיקער:

— איך קאָן אים אין האנט ניט נעמען, ער איז ניט קיין באָרעץ!

— איוועטאָטשקע, גיי צום אײַז-קאסטן און ברענג די געפרוירענע קארשן צו דער טיי. ווי נאָר איוועטע איז אוועק אין קיך, האָט זיך אופגעהויבן דער אינזשעניער און איז אויך אוועק אהין. איוועטע האָט אקוראט געעפנט דעם אײַז-קאסטן. דער אינזשעניער איז צוגעפאל̄ן צו אירע באקן, און קוים איבערכאפנדיק דעם אָטעם, גענומען שיטן:

— וואָס פאר א פרישקײַט, וואָס פאר א שטײַפקײַט, ווי עס שמעקט...

— גייט די רעגע אוועק פון מיר, וואָרעם איך וועל̄ שרײַען „מאמע!".

— ווו ביסטו דאָרטן, איוועטע? כ'האָב דאָך שוין אָנגעגאָסן די טיי.

— איך גיי, מאמע, די קארשן האָבן זיך צעשאָטן בא מיר...

טאָגטעגל̄עך

נאָך פרישטיק באגלייט וועניע צו דער ארבעט זײַן ווײַב, דערנאָך ל̄ויפט ער ארויס פון דעם ל̄יפט, גייט האסטיק ארײַן אין שטוב, טוט אָן דאָס קינד, גיט אים א טרונק מיל̄ך, כאפט דאָס של̄יטעל̄ע אין איין האנט, דאָס קינד אין דער צווייטער, שפאנט ארײַן אין ל̄יפט, פירט אוועק דאָס קינד אין קינדער-גאָרטן. אדע טוט א זאָג:

— הײַנט וואָלט געווען ניט של̄עכט אָפקאָכן בורעקעס, וועניע.

שטעל̄ט ער אוועק געוואשענע בורעקעס אין דער עמאל̄ירטער טונקעל̄ער פאן, אין וועל̄כער אדע קאָכט שטענדיק ניט קיין געשיילט גאָרטנווארג, ווארט ביז עס זידט אוף, מאכט א קליינעס פײַער, ל̄ייגט אוועק דעם פלאנשעט מיטן וואטמאן אפן טיש, באקוקט יעדער שטריך, טוט ערגעץ א פיר מיטן שארף-פארשניצטן בל̄ײַער, ערגעץ א שאר מיט דער גומקע, פוצט אפגיך אָפ די שיך, ראזירט זיך, וואשט זיך, כאפט ארוף דאָס העמד, וועל̄כע אדע האָט אויסגעשפרייט אפן שטול̄-אָנל̄ען, קוקט גוט ארום די ארבל̄ פונעם רעקל̄ און דאָס רעקל̄ גופע, צי איז ניטאָ קיין פעדערל̄ אָדער שטויב, און פל̄יט צום ל̄יפט.

אין זײַן אנשטאלט ציט ער ארוף די שווארצע סאטינענע ארבל̄ ביז די על̄נבויגנס און שטעל̄ט זיך באם פולמאן. די פיר מיידל̄עך, וועל̄כע ארבעטן אין זײַן בריגאדע, זײַנען נאָך ניטאָ. די ערשטע קומט קירע, אין א מינוט ארום סוועטע, אינע און נאדיע. זיי טוען אָן די כאל̄אטל̄עך און כאפן גל̄ײַך דאָס שפיגעל̄ע אין די הענט. דערנאָך צייכענען זיי א שאָ-אָנדערהאל̄בן. איידער וואָס-ווען איז שוין מיטיק-צײַט, און וועניע, זייער בריגאדיר, וואָרנט זיי:

— מיידל̄עך, עס איז אײַך געבל̄יבן פינף און דרײַסיק מינוט אף מיטיק.

— אזוי ווינציק?

— וואָס זשע האָט איר געמיינט, אז די צײַט קוועלט פאַר אײַך? פריִער שפּיגלעך, נאָכדעם רייכערן. — מער זאָגט ער גאָרנישט.

ווי אַלע טאָג, גייט ער אין קינדער-גאָרטן, נעמט דאָס קינד. אדע איז שוין אין שטוב. דער טיש איז געגרייט. אינגיכן זיצט דער דרײַלינג און עסט.

עס קומט אַרײַן אדעס כאַווערטע. זי בײַסט אויך צו. נאָך טיי-טרינקען באַמערקט זי:

— ווו נעמט מען אזא וועניע?

— דאָרט, ווו איך האָב גענומען, — טוט א מאַך אדע. — באַ מיר קאָן אַנדערש ניט זײַן!

איין מעסלעס

זיבן אזייגער גייען סימע מיט יאשען אַרויס פונעם שלאָפצימער. ווען מע זאָל א קוק טאָן אין שלאָפצימער, וואָלט מען געזען, ווי די בעטן זײַנען צונויפגערוקט אזוי, אז זיי זעען אויס ווי איין ברייטע בעט. נאָר א באַהאַוונט אויג וועט אויך גלײַך באַמערקן, אז די, וואָס האָבן דאָ גענעכטיקט, זײַנען געווען גאַנץ באַזונדער. יאשע רעדט קיין וואָרט ניט אויס, ער גייט גלײַך אין וואַנע-צימער, פון דאָרטן ברענגט ער צום טיש מיט טעלעכע טראָפּנס וואַסער אף די האָר און א ביסעלע אין א זײַט דעם שניפּס. סימע זיצט שוין באַם טיש, אף איר לאַנגן דינעם ווײַז-פינגער האָט זי א ברייטן רונג מיט א לענגלעכן גרויסן שטיין. זיי טרינקען קאַווע, עסן אָפּגעקאָכטע אייער. געענדיקט עסן, טרייסלט ער אָפּ דאָס רעקל און פרעגט:

— מיר דאַרפן עפּעס, כ'זאָל קויפן?

— מיר דאַרפן קיין זאַך ניט. יענע וואָך האָסטו געקויפט קעז, ליגט עס ביז הײַנט. מע קאָן דאָס אין מויל ניט נעמען.

מער פרעגט ער גאָרניט. ער טוט אָן דעם גרינגן אויבער-בעגעד, גייט אַוועק. זי וואַשט אויס דאָס געפעס, ווישט אָפּ דעם טיש, לייגט אַרײַן דאָס ברויט אין אָן עמאַלירטן טאָפּ און דעקט עס צו, טוט אָן די קורטקע, אף וועלכער עס זײַנען צוגעקלעפּט אָן א שיר שפּראָנטש-קעס, מאַכט צורעכט די שליפעס אף די אַקסלען, הענגט אַרוף לעבן דער רעכטער פּליטע דעם גרויסן אופגעבלאָזענעם רידיקיול פון קינסטלעכן לעדער, טוט א קוק, צי דער גאַז איז אויסגעלאָשן, און גייט מיט שטײַפע געדיכטע טריט אַרויס פון שטוב.

זייער איינצימערדיקע דירע בלײַבט פול מיט שטילקײַט. פּאַריאַסעמט שטייט לעבן דער וואַנט א מין מעבל מיט א סאַך טירלעך, טירן און פּאָליצעס. דאָס דאָזיקע מעבל רופט זיך „סטענקא", וואָס הייסט „ווענטל". אף דער מיטלסטער פּאָליטשקע שטייען הינטער פאַר-גלעזטע טירלעך ניט ווינציק קרישטאָלענע פּושערן, גלעזלעך, א קאַווע-סערוויז, הילצערנע לאַקירט-געבלימלטע לעפל, שיסעלעך — דאָס אַלץ איז ניט גענוצט געוואָרן, זינט מע האָט עס געשענקט דער באַלעבאָסטע.

האַלב אַכט אין אָוונט ווערט די שטילקײַט אין דער איינצימערדיקער דירע צערונען. דער ערשטער קומט יאשע, דערנאָך קומט סימע. דער אומעט קוקט אַרויס פון אַלע ווינקע-לעך. צי מע וועט אָנצינדן גאַז, מע וועט מאָלן פליש, אָנרײַבן אָן אָפּגעשיילטן רעטעך — אַלצײַנס וועט זײַן אומעטיק. כאָטש זי האָט געזאָגט יאשען, ער זאָל גאָרניט קויפן, לייגט ער אַרויס אפן קיך-טיש סאָסיסקעס, א לאַנגן באַטאָן ווײַס ברויט און א פלאַקאָן זענעפט.

סימע גיט זיך א קערעווע צום טיש און פרעגט צעציִענדיק:

— ווער האָט דיך געבע-ע-ע-טן. איך דאַרף דאָס ניט!

— איך האָב זיך געבעטן, שרײַ ניט.

— איך האָב ניט וואָס צו שרײַען. אינגיכן וועל איך אין דער שטיל אויך ניט ריידן צו דיר.

— וואָס ווילסטו פון מיר, וואָס האָסטו צו מיר?

— גאָ-אָ-ר-נישט. ווי דערלעב איך שוין, אז איך זאָל דיר ניט דאַרפן זאָגן...

ווי נאָר זי גייט אַרויס פון קיך, גייט ער אויך אַרויס, גלײַך אים וואָלט געווען באַ-קוועמער זי צו האַסן, ווען ער זעט זי. ער קוקט אף איר רויטן לאַנגן כאַלאַט, וועלכער איז פאַרשפּיליעט נאָר אף די אייבערשטע צוויי קנעפּ, און פּרעפּלט אַרויס קימאַט אָן א קאָל:

— ווי דערלעב איך שוין פּאָטער צו ווערן פון דער סאָפע, פון דער „סטענקע" און פון...

— קאָנסט פּאָטער ווערן די מינוט. איך וועל דיך ניט נאָכלויפן, דו ווייסט עס גאַנץ גוט.

ס'איז שטילֿ אין דער איינצימערדיקער דירע. די שטילקייַט פּילט אָן אַלע ווינקעלֿעך — די טירלֿעך, די פּאָלֿיצעס, די פּאָלֿיטשקעס און דאָס מאָדערנע מעבלֿ זעען אויס זייער צופעלֿיק, ווי פאַריאָסעמט. אָוונטברויט עסן זיי באַזונדער. אין שלֿאָפצימער גייט יאשע דער ערשטער. ווען זי פאַרשטייט, אַז ער איז שוין איינגעשלֿאָפן, גייט זי אויך אַרייַן אַהין. ס'איז שטילֿ ביז אַף מאָרגן אינדערפרי. און אַף מאָרגן אינדערפרי, ווען עס וועט זיך אָנהייבן דער נייַער מעסלֿעס, וועלֿן זיי ווידער זאָגן איינער דעם אַנדערן ווערטער, פוּלֿ מיט סינע און פאַראַכטונג.

איטע מאָסייעוונע

טאָמיד, בייס איך קום צו דער מישפּאָכע, ווילֿ איך גיכער בלֿייַבן אויג אַף אויג מיט איטע מאָסייעוונען.

די מישפּאָכע איז אַ גרויסע. עסטערס זון, די שנור, אַ דערוואַקסן אייניקלֿ, וואָס גייט אַרום די לֿעצטע טעג, אָט-אָט קלֿייַבט זי זיך אין קימפּעט, איר מאַן אַנדריי, אַ הויכער מאַנצבלֿ מיט בלֿאָנדע האָר, לֿיכטיקע אויגן, מיט אַזאַ פּלֿייצע, אַז עס ווילֿט זיך אַף איר אויסוואַלֿגערן קיכלֿעך אָדער אַ בלֿאַט לֿאָקשן. נאָך צוויי אייניקלֿעך קומען צו פאָרן פון קעשענעוו אַף שאַבעס און זונטיק.

כאָטש איטע איז שוין זאַט מיט יאָרן, האָט זי גענוג אַרבעט. די גאַנצע מישפּאָכע גייט נאָך אָנבייַסן אַוועק צום דניעסטער, און זי גרייט צו אַלֿץ, וואָס מע דאַרף, ווען מע וועט זיך אומקערן מיט זומערדיקע, פרישע אַפּעטיטן. ס'איז שוין פאַרטיק אַ ראָסלֿ פון פּאָמידאָרן, אָנגעפּילטע פּעפער מיט פלֿייש און מיט רייַז, קאַרטאָפלֿ אויך אָנגעשיילט — נאָר אָפּצוקאָכן און אַ גרויסער שיסלֿ מיט געפּרעגלטע פיש, וואָס הייסט כעק. אַלֿץ איז צוגעפּוצט מיט פּעטרעשקע און קראָפּ.

פון דרויסן הערן זיך שוין שטימען — די מישפּאָכע איז געקומען. מע וואַרפט ווי עס מאַכט זיך די קלֿומעקעס מיט די נאַסע האַנטעכער און שווים-הייזלֿעך און מע זעצט זיך צום טיש. ס'איז שטילֿ, מע הערט נאָר, ווי די לֿעפלֿ קלֿינגען. די מישפּאָכע באַם טיש דרעמלֿט ניט. אַלֿץ, וואָס איטע האָט צוגעגרייט, איז גוט צוניץ געקומען. אינגיכן זייַנען אַלע פאַרשוווּנדן. אַנדריי מיט דעם מעוברעסן ווייַב איז אַוועק אַהיים. די איבעריקע האָבן זיך צעשפּאַרט. ערשט איצט זעצן מיר זיך — איך און איטע מאָסייעוונע — צום טיש. דער קאַלטער ראָסלֿ פון די פּאָמידאָרן איז מאָלֿע טאַם, אָבער איטע מאָסייעוונע טוט מיך אַ וואָרף אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג:

— כ'האָב באַמערקט, ווי איר האָט געקוקט אַף אַנדרייען. ער האָט, קיין אייַנהאָרע, ניט קיין שלֿעכטן כיישעק באַם שיסלֿ, אָבער איך האָב זיך געוווּנדערט, וואָס איר קוקט אַף אים. ס'איז ניטאָ אַף אים וואָס צו קוקן, ער האָט כיישעק צו אַלֿצדינג — צום שיסלֿ, צום שלֿאָפן, צו דעם ווייַב... איך קוק בעסער אַף מייַן זון. קיין אייַנהאָרע, באַלֿייַבט. באַוואַקסן ניט נאָר פון דרויסן. מיר דוכט, אַז ער האָט וואָלֿ אינווייניק אויך. אַז איך זע, ווי ער גייט אַרויס מיט זייַן ווייַב, מיט ראָזען, מיט מייַן שנור, פון ספּאַלֿניע, ווער איך ניספּאָעלֿ. ס'איז ניט צו זען אַף זיי קיין טראָפּן לֿאַסקע. פאַרשטיי איך, אַז זיי ניצן דאָס ניט, אַז זיי וואָלֿטן גענוצט אין ספּאַלֿניע, וואָלֿטן זיי דאָך אַרויסגעטראָגן פון דאָרט אַ ביסעלֿע... מייַן זון ווייסט גאַנץ גוט, אַז אָן אַ מאַנצבלֿ האָט קיין פרוי קיין קינד ניט, אָבער איך האָב קיין מאַן ניט געהאַט, און ער האָט קיין טאַטן ניט געהאַט. אַזוי האָבן מיר דורכגעשלֿעפּט אַלע מילכאָמעדיקע פינצטערע יאָרן. איך בין געווען אי די אַרבעטערקע, אי די שפּייַזערקע, אי די מאַמע און וואָס איר ווילֿט. איך טראַכט, די, וואָס שלֿאָפן זאַלבעצווייט, און דער, וואָס שלֿאָפט אַלֿיין, איז דאָך אַ ביטערער כילעק, כייַ וואָלֿט מייַן זון אַמאָלֿ צוגיין צו מיר און פרעגן, ניט „מאַמעטשקע, ווי ביסטו געשלֿאָפן?”, פּראָסט און פּאָשעט, נאָר „ביסט נישקאָשע געשלֿאָפן?”. ס'איז אַ ווערטלֿ צו זאָגן. נעכטן אייניקע אַלֿיין, הייַנט אייניקע אַלֿיין. ס'ווילֿט זיך אַמאָלֿ אויסשרייַען: „זונעניו, וואָס האָסטו אַזאַ קנוילֿ וואָלֿ אָנשטאָט אַ האַרץ?”... עפּשער בין איך פאַרנאַרישט, אויב יאָ, ניט מערער פון אַלע מאַמעס. אַ מאַמע ווילֿ לֿאַסקע, אַ מאַמע ווילֿ, מע זאָלֿ זי פרעגן: „ווי פילסטו זיך, מאַמע?” איך טראַכט, אַז איך בין גערעכט, ווי מיינט איר? — זאָגט איטע מאָסייעוונע צו מיר.

לויבטן, ווי א רעגנבויגן

ניקאראגוא

אף דער מאפּע איז ניקאראגוא ענלעך סײַ אף
א פויסט, סײַ אף א הארץ.

דער פויסט פון ניקאראגוא —
דאָס איז איר הארץ אַליין,
וואָס האָט דערפילט די פרײַהייט
און זאָגט דעם יאנקי „ניין!“

און וויפל ס׳זאָל דער יאנקי
ארום דעם לאנד ניט העצן,
וועט ער דאָס הארץ ניט פאנגען,
ניטאָ אזעלכע נעצן.

ניטאָ אזעלכע נעצן
דאָרט, ווו די פרײַהייט ברויזט.
א הארץ מע דארף נאָר שעצן,
וועט עס ניט זײַן קיין פויסט...

צוזאמען

פון איין זײַט וויגעלע — דער טאטע,
און פון דער אנדערער — די מאמע.
איז, קיין אײַנהארע, זאָל ניט שאטן,
דעם אייפעלע שוין גוט מיסטאמע:

ס׳איז דאָ באם וויגל א פּאָר פליגל,
א טאטנס קאָל, א מאמעס ניגן
און צוויי פּאָר שטראַלנדיקע אויגן,
וואָס לויכטן, ווי א רעגנבויגן.

דעריקער, וואָס איז דאָ צו ריידן?
אין וויגעלע איז טאם-גאנײידן!
כ׳וויל נאָר,
אז שטענדיק זאָל זיך גראמען
דאָס וויגל מיטן וואָרט „צוזאמען“!

א גרײַז

מיט שניי באדעקטע בלעטער.
גרין און ווײַס,
זעט אויס, עס האָט דער וועטער
דערלאָזט א גרײַז.

כ׳בין פול מיט יונגן שטרעבן,
דער קאָפּ איז ווײַס.
זעט אויס, עס האָט מײַן לעבן
דערלאָזט א גרײַז.

א מאָשל

פון קליינעם שטיינדעלע
האָט מען געמאכט
א שיינע זאך,
א מין אנטיקל.

דאָס שטיינדעלע —
ער ווייסט שוין זייער גוט,
ווי פײַן עס שימערירט,
און רייצט, און בליצט

מיט איבערפלאַך געשליפֿענער,
עס האָט שוין גאָר פֿארגעסן
אין יענער גרויסער הליבע,
פֿון וועלעכער סע שטאמט.
מיט גאדלעס רעדט עס:
כ׳בין מיט איר לאכלוטן
קיין קאָרעוו ניט,
אפֿילע קיין מעכוטן.
ווי גראָב זי איז
און אומגעלומפערט

און ניט איידל,
און איך
באַציר דעם פֿינגער
פֿון דעם שענסטן מיידל!
נאָר אין דער גרויסער וועלט
די גרויסע הליבע
געדענקט דאָס שטיינדעלע
און טראַכט פֿון דעם
מיט ליבע...

מיט אלע וואָרצלען

מיט אלע וואָרצלען און מיט יעדן אָדער,
מיט אלע אָוועס פֿונעם טיפֿן אָוואר,
מיט אלע זייטן בין איך דאָ פֿארבאָדנט,
צו יעדן גרעזל בין איך צוגעקאָוועט.
אומזיניק איז באַווייַנען אונדזער גוירל,
באקלאָגן די צעזייטקייַט און צעשפּרייטקייַט.
צו דער פּלאנעטע לייג איך צו מייַן אויער
און הער איר ווייגעשריי,
און פּיל איר ווייטיק...



וולאדימיר טיכווינסקי

א ציגײַנערשער ראָמאַן

...די רײַכטימער, וועלכע זײַנען געווען בא די ייִדן, האָבן מיר אָפּגענומען. מיר האָבן געהאַט א מאָראַלע רעכט, מיר האָבן געהאַט א כויוו פאר אונדזער פאָלק צו פארניכטן אָט דאָס פאָלק, וואָס האָט געוואָלט פארניכטן אונדזער פאָלק... ביכלאַל קאָנען מיר זאָגן, אז אויסגעפילט האָבן מיר אָט די אויסערסט שווערע אופגאבע לעשעם ליבשאפט צום אייגענעם פאָלק. און דאָס האָט ניט פארשאפט קיין שום שאָדן אונדזערן אינערלעכן טאָך, אונדזער נעשאָמע, אונדזערן כאראקטער...

צוגאָבלעך זײַנען די אײַנזאַץ־גרופּעס באזאָרגט געוואָרן מיט אינסטרוקציעס לעגאבע דער פארניכטונג פון די ציגײַנער. עס זײַנען ניט ארויסגערוקט געוואָרן קיין שום דער־קלערונגען, פארוואָס מע דארף פארפאָלגן און הארגענען, ווי ווילדע כײַעס, אָט דאָס פאָלק...

(פון די מאטעריאַלן פונעם נירנבערגער פּראָצעס)

1

— מ'איז געלאָפן פונעם פארע פון מיצראַ'ים. אייניקע זײַנען אוועקגעגאנגען אליין, אנדערע, ווי זיי האָבן גענומען דערציילן שפּעטער, האָט מען אָפּגעשיקט גלײַך נאָך די ערשטע. פארוואָס? זיי זאָלן אויך ווערן אָפּשטאמיקע פון מיצראַ'ים. כאָטש אינדערעמעסן זײַנען זיי ארויסגעגאנגען פון אינדיע. מעק אָדאַי, זאָל זײַן אזוי! געגאנגען זײַנען סײַ די, סײַ יענע, אָפּגעסמאַליעטע פון דער הייסער זון און פונעם רויך פון די שײַטערס. און פערלמוטער-אויגן זײַנען געווען סײַ בא יענע, סײַ בא די אנדערע.

און געווען איז בא די ערשטע איינער אזא, וואָס האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט, און ניט דער יאם האָט זיך צעשפּאָלטן פאר זיי, נאָר באוויזן האָט זיך א בריק איבערן יאם, און זיי זײַנען אים אריבערגעגאנגען. און ווען דער עלטסטער פון זיי האָט א מאך געטאָן מיטן שטעקן דאָס צווייטע מאָל, דערנאָך דאָס דריטע מאָל, האָט די בריק א פאל געטאָן צוזאמען מיט יענע, וועמען פארע האָט געשיקט, זיי זאָלן אָניאָגן, האגאם ער האָט זיי



וולאַדימיר טיכווינסקי איז אַ רוסישער שרײַבער. געבוירן געוואָרן אין 1924 אין כאַרקאָוו. אָנטיילנעמער פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע. זיך געלערנט אין אוניווערסיטעט און אין אַ טעאַטראַלן אינסטיטוט. די ליטעראַרישע טעטיקײַט אָנגעהויבן פֿון שרײַבן קליינע פּיעסעס און טעקסטן פֿאַרן באַוווּסטן סאָוועטישן אַרטיסט אַרקאַדי רײַקין. אין 1964 אַרויסגעלאָזט דאָס ערשטע ביכל הומאָרעסקעס „אין סאַמע פּינטעלע", דערנאָך דאָס צווייטע ביכל הומאָרעסקעס „דער פּלאַטשיקער קופּאָל". זיך געדרוקט אינעם זשורנאַל „יונאָסט", אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" און אין אַנדערע אויסגאַבעס. אין 1979 איז דערשינען זײַן בוך „מינוטן אָף מאַכשאָוועס", אין 1983 — „די שײַן אָפֿן באַרג". מיטגליד פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון פֿססר. וווינט אין מאָסקווע.

לאַכלוטן ניט געשיקט! אָבער מעק אַדאַי, זאָל זײַן אַזוי! און געפֿאַלן זײַנען זיי אין יאַם — יענע, וועמען פֿאַרע האָט קלוימערשט געשיקט, און זיך פֿאַרוואַנדלט אײַן העלפֿט אין פֿיש, און די צווייטע העלפֿט אין מענטשן. און עפּשער דערפֿאַר ציִען זיי זיך פֿון דעמלט אָן צום שײַטער, קעדיי עס זאָל צעלאָזט ווערן דער פּערלמוטערנער פֿיש־גלאַנץ אין זייערע אויגן. כאָטש וואָס פֿאַר אַ פֿיש־גלאַנץ קאָן געמאָלט זײַן, ווען עס גייט אַ רייד וועגן ציגײַנער! אָבער מעק אַדאַי, הער זיך אײַן!..

...די דײַטשן האָבן אוועקגעשטעלט אַלעמען בײַ דער גרוב, און עמעצער פֿון אונדז האָט געדאַרפֿט אַ פֿאַל טאָן אַראָפּ, און עמעצער — דורכגיין, ווי איבער אַ בריק. מע האָט אונדז געטאַשט, ווי קאָרטן אין טעשל, און מיר האָבן ניט געוווּסט, ווער עס וועט וואָסער קאָרט אַרויסציִען. נאָר מײַן ציגײַנערן האָט אַ מאַך געטאָן מיטן ברייטן אַרבל און האָט מיר דערלאַנגט איר קעמעלע, וואָס איז געווען באַצירט מיט פּערל, פֿאַרקעמענדיק זיך צום לעצטן מאָל.

זי האָט אַנטשלאָסן מיר אָפּגעגעבן איר קעמעלע, כאָטש דער גורל האָט זיך נאָך ניט געלייזט, און די דײַטשן האָבן אונדז איבערגעשטעלט. איין מאָל, אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל. עפּשער האָט זי געוווּסט מיט איר אוראַלטן זיקאָרן: מענטשן פֿאַרשווינדן ניט — זיי גייען פּאָשעט אוועק אין כוישעך. פֿרײַע מענטשן גייען אוועק און קערן זיך אום, ווען זיי ווילן. און אין אַ באַליביקער מינוט קאָן איך איר אומקערן דאָס קעמעלע, און דערנאָך, אויב מע וועט דאַרפֿן, באַקומען דאָס צוריק. פּונקט ווי אָט דעם פֿאַרויכערטן ציבעק, וועלכן ס'האָט איבערגעגעבן עמעצן פֿון אונדז דער אַלטער ציגײַנער.

וואָס געדענק איך אינדערעמעסן? וואָס איז געווען? וואָס־איז געשען אין יאָרן אַרום? וואָס איז געבוירן געוואָרן, ווען אַ צווייט מאָל, און אַ דריט מאָל, און אַ פֿערט מאָל איז אויסגעקומען איבערצולעבן דאָס, וואָס ס'איז צוגעטראַכט. איך דאַרף פֿאַרשטיין: וואָס זשע איז געווען, וואָס זשע איז געשען דערנאָך און וואָס האָט מען וועגן דעם דערציילט. ווײַל פֿון דאָר צו דאָר דערציילן מיר סײַ דאָס, וואָס עס איז געווען, וואָס עס איז געשען דערנאָך, סײַ...

און אָט זיצן מיר בײַם שײַטער, און דער פֿלאַם זײַנער שפּיגלט זיך אָפּ מיט פּערלמוטערנעם גלאַנץ אין די אויגן. ווען איז דאָס געווען: מיט פֿערציק יאָר צוריק צי מיט פֿערציק יאָרהונדערטער צוריק?

אַמאָל־אַמאָל האָט כאַנאַאַן זיך פֿאַרליבט אין לײַען. זיך פֿאַרליבט — נו, אַזוי קימאַט, ווי עס קאָן זיך פֿאַרליבן אַ יעשיוועבאָכער אין דער קאַבאָלע, ווי אַ שילער — אין דער סאַמע בעסטער וויסנשאַפֿט. נאָר ליבע איז ליבע, און דער אומגליקלעכער כאַנאַאַן האָט ליב באַקומען די אומגליקלעכע לײַע מיט אַזאַ ליבע, ווי עס באַזינגט זיך אין „שיר־השירים",

וועלכן כאנאאן האָט מיט די יעשיוועבאָכערים געזונגען אין דער יעשיווע: „מאַך מיך אַזוי ווי א כויסעם אַף דײַן האַרץ, אַזוי ווי א כויסעם אַף דײַן אָרעם, וואָרעם ליבע איז אַזוי שטאַרק, ווי דער טויט...״ און ווירקלעך, ווען כאנאאן האָט זיך דערוווסט, אַז לייע האָט כאַסענע פאַר אַן אַנדערן, איז ער געשטאָרבן. ווײַל „פײַנלעך, ווי דער געהענעם, איז די אייפערזוכט: אירע פײַלן, פײַלן פײַערדיקע, זי איז פלאַם און זייער א שטאַרקער״. וואָס זאָל מען טאָן, אין יענע ווײַטע צײַטן איז מען טאַקע געשטאָרבן פון ליבע!

און לייע איז אויך געשטאָרבן, און אויך פון ליבע. נאָר צוערשט האָט זי ניט אויסגע-האַלטן די סימכע ערעוו דער כאַסענע און איז געפאַלן אין כאַלאַשעס. און צו איר ניאַניע האָט זי געזאָגט: „פונקט ווי עפּעס א ניט-ערדישער קויעך האָט מיך אונטערגעכאַפּט און אוועקגע-טראָגן ווײַט-ווײַט... און צי איז עמעס, אַז די נעשאָמעס פון יענע, וועלכע שטאַרבן פאַר דער צײַט, לעבן מיט אונדז, רינגלען אונדז אַרום?״ און איר האָט געענטפערט א צופעליקער פאַר-בײַגייער. אָדער ניט קיין צופעליקער, ווײַל אַלע מיר זײַנען דאָ פאַרבײַגייער. יאָ, האָט ער איר געענטפערט: „די נעשאָמעס פון די געשטאָרבענע פאַר דער צײַט קערן זיך אום אַף דער ערד אין נײַע אַנטפלעקונגען. און עס טרעפט, אַז א בלאָנדזשנדע נעשאָמע אַנטפלעקט זיך אין א לעבעדיקן מענטשן, גיסט זיך צונויף מיט זײַן נעשאָמע און געפינט אין דעם איר שליימעס. דאָס איז א דיבעק״.

און ווען צו לייען איז געקומען דער כאָסן, האָט זי אים אָפּגעשטויסן, און פון איר ברוסט האָט זיך צעקלונגען מיט כאנאאנס שטים א שטעל פון „שיר-האַשירים״:

„אָ, ווען דו וואָלסט געווען מיר א ברודער, וואָס האָט געזויגן די ברוסט פון מײַן מו-טער! דאַן וואָלט איך, באַגעגענענדיק דיך אין דרויסן, דיך געקושט, און מע וואָלט מיך ניט פאַרורטיילט. איך וואָלט דיך אוועקגעפירט אין הויז פון מײַן מוטער...״.

נאָר אין הויז פון לייעס מוטער האָט מען געבראַכט אַן אַנדערן כאָסן. און כאנאאן האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן אַלס אַן אייגענער ברודער. און דעריבער, ווען דער צאַדיק האָט באַפוילן, דער דיבעק זאָל אַרויס פון לייען, האָט דער דיבעק געענטפערט:

— ניין, כ׳וועל ניט אַרויסגיין! אין גאָר דער וועלט האָט זיך אויסגעפונען פאַר דער נעשאָמע מײַנער בלויז אָט די איין-און-איינציקע באַהעלטעניש, און איר ווילט מיך אַרויס-טרײַבן!

דרײַ מאָל האָט דער צאַדיק געלייגט אין כײרעם דעם דיבעק. אַלע האָבן אָנגעטאָן טאַכ-ריכים, אָנגעצונדן ליכט, געבלאָזט שויפער. דער בייזער גײַסט האָט קלוימערשט פאַרלאָזט לייעס קערפּער, נאָר ווען זי איז געקומען צו-זיך, האָט זי גלײַך א פרעג געטאָן:

— ווער קרעכצט עס דאָס?

און ווידעראַמאָל זײַנען געקומען די ווערטער פון „שיר-האַשירים״:

— עפן מיר, שוועסטער מײַנע, געליבטע מײַנע, טײַבעלע מײַנס, זויבערע מײַנע!

און לייע האָט אַזוי געטאָן זאָגן:

— די נעשאָמע איז אַרויס פון מיר, ווען ער האָט געטאָן ריידן; איך האָב אים געזוכט, און איך האָב אים ניט געפונען. גערופן האָב איך אים, און ער האָט זיך ניט אָפּגערופן... לויף, געליבטער מײַנער, נעם אָן דאָס געשטאַלט פון א סאַרנע צי פון א יונגן הירש...

אָט אין וואָס עס האָט זיך פאַרוואַנדלט מיט דער הילף פונעם דיבעק לייעס געליב-טער — ווי עס דערציילט זיך אין דער מײַסע, וואָס מײַן זיידע האָט מיר א סאַך מאָל דער-ציילט אָפּדערנאַכט, בײַטנדיק אַלעמאָל די ווערטער פון „שיר-האַשירים״.

— ווײַל שטאַרק, ווי דער טויט, איז די ליבע...

שונעס, מיט לאַנגע יאָרן צוריק איז דאָס געווען, ווען די ציגײַנער זײַנען געגאַנגען אין טאַבאָרן, ניט געגאַנגען — געפלויגן. ווי פייגל, ווי גײַערס. און עפּשער דערפאַר פינקלט אין די ציגײַנערשע אויגן דער פאַרשוידיקטער פּערלמוטערנער גלאַנץ. און מע האָט זיי אַרײַנגעוואָרפן — דעם גאַנצן טאַבאָר — אין א גרויסער, גרויסער גרוב. מיט די פערד, מיט די קינדער. מע האָט באַגראָבן אַלץ, מע זאָל זיך ניט צעשלאָגן איבער דעם רײַכטום, וואָס איז אײַנגעזונקען געוואָרן אין דער ערד צוזאַמען מיטן גאַנצן טאַבאָר!..

מיטן גאַנצן טאַבאָר, יאָ, אָבער אָן איין מישפּאָכע. איין מישפּאָכע איז אָפּגעשטאַנען פון אַלעמען — שטענדיק שטייט עמעצער אָפּ! און יענע, ווער עס איז אָפּגעשטאַנען, זײַנען געפאָרן אין סטעפּ נאָך די שפּורן פון יענע, וועלכע זײַנען שוין ניט געווען אַף דער וועלט. נאָר האָלעוושקעס זײַנען פונעם שײַטער פאַרבליבן — שטענדיק פאַרבלײַבט עפּעס-וואָס. און די, וועלכע זײַנען געבליבן, האָבן אויך צעלייגט א שײַטער און געלאָזט די פערד אין סטעפּ אַרײַן. און דער סטעפּ האָט זיך צעשפּרייט אַרום א סאַך שײַטערס און האָט געסמאַ-ליעט די פּענעמער און די אויגן מיט פּערלמוטערנעם גלאַנץ. זייער טאַבאָר!

דאַטאַ ראַט! אַ גוטע נאַכט! — האָבן געזאָגט די ציגײַנערס, װעלכע זײַנען אָפּגעשטאַנען פֿונעם טאַבאָר און האָבן געװוּסט, אַז קײן טאַבאָר איז שױן מער ניטאָ אױף דער ערד. אָבער אָט — אַן אומגעקומענער טאַבאָר! הײסט עס, אַז אַ טאַבאָר איז דאָ!

— נאַנע! — האָט געזאָגט דער עלטסטער, דער װאָזשאַק, דער באַראָ פֿון יענעם טאַבאָר, װעלכער איז אומגעקומען, נאָר איז געזעסן אין סטעפּ. — מיר זײַנען ניטאָ!

און דער אַלטער ציגײַנער, דער װאָזשאַק, דער באַראָ פֿונעם אומגעקומענעם טאַבאָר, האָט זײ דערצײלט עפּעס אַזױנס, װאָס איבערדערצײלן דאָס קאָן איך ניט, װײַל אױב איך װאָלט געקאָנט, װאָלט איך זיך ניט גענומען שרײַבן אַ גאַנצן בוך אָדער אַפֿילע די דאָזיקע טעלעכע בלעטלעך.

איך װײס אָבער ניט, װאָס עס איז געװען אַפּדערעמעסן און װאָס איך האָב געהערט פֿון דער ציגײַנערן, װעלכע האָט מיר געגעבן האַלטן אין דער האַנט דאָס קעמעלע. און עפּשער איז זי גאָר פֿון אַן אַנדערער לעגענדע, אין װעלכער זי איז געקומען צום טױטן, און אין אָן אַ שיר קלײדער איז זי געװען אָנגעטאָן, — דאָס איז צוליב אַראָפּנעמען די מאָניסטעס, די דוקאַטן, די פֿאַרטעכער, די אונטערקלײדלעך ביז די זון װעט אױפֿגײן, װען, יעדער װײסט עס דאָך, די מײסים טראָגן זיך אָפּ אין זײער רו אַרײַן, װאָס װײַטער פֿון די לעבעדיקע.

נאָר ביז דעמלט נאָך, װען אײנער פֿון אונדז דאַרף װערן אַ מעס, האָב איך דערזען אַן עמעסן מעס (כאָטש געװען איז ער אַ לעבעדיקער) — ער האָט דורכגעשטאָכן מיך און די ציגײַנערן רוזיע מיט זײַן פֿלאַמיקן אױג, מיט אַ שטראַל פֿון בלענדיקער שײַן. אַ קישעף-שײַן: אַ װײַסע-װײַסע, נאָר אינדערעמעסן אַ שװאַרצע-שװאַרצע! אַזאַ, װאָס ברענט אױף די אױגן און די נעשאָמע. און די הױלע קני פֿון מײַן רוזיען האָט געגלאַנצט אין אָט דעם שטראַל אַזױ בלענדיק, אַז איך בין גרײט געװען אַװעקצוגײן מיט אים, מיטן טױטן, אַבי דער דײַטש זאָל צונעמען זײַן לאַמטערן. אָט דער פֿאַרשאָלטענער דײַטש!..

2

מיר זײַנען אַװעקגעגאַנגען, ניט אַרומקוקנדיק זיך, כאָטש מײַן כריפּענדיקער אָטעם האָט געריסן די נעשאָמע: אָ-אָך!.. אָ-אָך!.. קוק זיך אום!

איך האָב אײַנגעהאַלטן דעם כריפּ אין גאַרגל, און דערפֿון איז דער האַלדז װי פֿאַרגליװערט געװאָרן — ניט אַהער, ניט אַהין. און עפּשער איז דער האַלדז אינדערעמעסן פֿאַרשטײנט געװאָרן פֿון שרעק — פֿאַר מײַנע אױגן איז נאָך אַלץ געשטאַנען די פֿיגור פֿונעם קלײנעם מענטשעלע, װאָס האָט זיך צונױפֿגעקאָרטשעט אױפֿן לעדערנעם געזעס פֿון דער מאַשין. איך האָב געװוּסט, אַז נאָך מיט עטלעכע מינוט צוריק איז דאָס געװען אַ דערװאַקסענער, אַפֿילע גאָר אַן אַלטער מענטש, און כ׳האָב ניט געקאָנט פֿאַרשטײן, װי אַזױ האָט ער זיך פּלוצעם פֿאַרװאַנדלט שיִר ניט אין קײן ייִנגעלע.

און שװוראָ, װעלכן מיר האָבן געטראָגן אױף די הענט, האָט אױך זיך אױסגעװיזן װי אַ קלײנינקער. איך האָב געשלעפּט די פֿיס זײַנע, און פֿאַר מײַנע אױגן האָבן קינדעריש אױפֿגעציטערט די נעזלעך פֿון זײַנע לײַכטע שטיװעלעך. כ׳האָב ניט געװוּסט, אַז בײַ אָט דעם מעגושעמדיקן װערגעלעך, עפּשער דעם שטאַרקסטן צװישן אונדז, זײַנען געװען אַזעלכע קלײנע פֿיס. נאָר אױך דער דײַטש ריכטער האָט זיך מיר ניט אױסגעדוכט צו זײַן געװײנלעך אַזאַ פּיצל, װי דאָרט אױפֿן געזעס. אַלט און יונג האָט אױסגעגלײַכט דער טױט.

כאָטש עס האָט זיך מיר ניט געגלײבט, אַז זײ זײַנען טױטע. אַפֿילע שװוראָ, װעלכער איז װילנלאָז אַראָפּגעהאַנגען אין אונדזערע הענט. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז װען מיר װאָלטן אים אָפּגעלאָזט, װאָלט ער אױפֿגעשפּרונגען צוריק, װי עפּעס אַ װאַנקע-װוסטאַנקע, און װאָלט זיך צעשריִען מיט זײַן האַרבער שטים: „הײ, װער האָט עס זיך באַטראַכט צו שפּאַסן מיט מיר? אָט װעל איך...” און די אױגן זײַנע װעלן אױפֿלעבן מיט רױטע אָדערלעך צאָרן.

אױך ריכטערס אױגן זײַנען געװען פֿאַרצױגן מיט אַ מאַטעװון הײַטל, װי בײַ אַ געפּײגערטער הון. אַזעלכע האָבן זײ זיך מיר פֿאַרגעדענקט, װען כ׳בין אַרױסגעקראָכן פֿון דער מאַשין.

כ׳האָב זיך אַרױסגעװאַלגערט פֿון דער מאַשין, ניט האָבנדיק קײן פֿאָרשטעלונג, װאָס אַזױנס איז געשען. אין זיקאָרן זײַנען פֿאַרבליבן די הינערשע ברעמען, די פּאַרוקטע אױף אַ זײַט פּילאָטקע פֿונעם דײַטש, די האַנט מײַנע, אַ פֿאַרהױבענע אױף איר. צי האָט זיך אַלײן

די פּילאָטקע אַראָפּגעוואַלגערט, צי פֿון מײַן קלאַפּ, האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען. און אַליין דער מאָמענט פֿונעם קלאַפּ האָט זיך אויסגעוועפּט פֿונעם זינען. אַלנפֿאַלס, בײס איך און קאַלקע האָבן זיך אָפּגעטראָגן פֿון דער מאַשין צו די ביימלעך אויפֿן ראַנד פֿונעם וועג. איך האָב געזען קאַלקעס ברייטע פּלייצע אין בלעזלעך פֿון שווייס און געטראַכט בלויז וועגן דעם, אַז איך זאָל זיך ניט אָפּרײַסן פֿון איר, ניט פֿאַרבלײַבן איינער אַליין מיטן טויטן דײַטש.

אויב ער איז ווירקלעך טויט. פֿריִער איז קאַלקע געווען אַ קלענינקער באָכערעץ, איצטער אָבער ווײַזט ער מיר זיך אויס זייער אַ גרויסער אין פֿאַרגלײַך מיט דער פֿיגור, וואָס האָט זיך צונויפֿגעקאָרטשעט ווי אַ בייגל אויפֿן קאַלטן געזעס. אומבאַוועגלעך, טויט, טויט-אומבאַוועגלעך. פֿריִער זײַנען זיי ביידע געפֿאָרן. שווּראַ האָט ברייט געפּאָכעט מיט די הענט, ריכטערס באַוועגונגען זײַנען געווען דריבנע, אײַנגעהאַלטענע. כ׳וויל זיך דערמאָנען, ווען האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט.

און עפּשער האָט ער דאָרט, אין דער מאַשין, זיך שוין אויפֿגעהויבן פֿון זײַן געזעס און האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט די הענט פֿאַרן קאָפּ, איבער וועלכן כ׳האָב אַ זעץ געטאָן מיטן העמערל? אויב ער וועט זיך כאַפּן, וועט ער געבן אַ סיגנאַל, און דעמלט וועלן, ברעכנדיק די קוסטעס, זיך לאָזן נאָך אונדז דורך די שיטערע ביימלעך, וועלכע האָבן זיך צעצויגן לענגאויס דעם וועג, די דײַטשישע לאַסטמאַשינען.

עמעס, די האַנט מײַנע, געדענק איך, האָט זיך שיִער ניט איבערגעבראָכן העכער פֿון דער דלאָניע, און ס׳איז לאַכלוטן ניט צו פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס האָט זיך דער דײַטש גלײַך אַ וואַלגער געטאָן אויפֿן געזעס און איז געבליבן אומבאַוועגלעך. אַפֿילע דעמלט, ווען קאַלקע האָט אַראָפּגעשלעפּט פֿון אים דעם אויטאָמאַט. עפּשער האָט קאַלקע צוגעגעבן צו מײַן זעץ אויך זײַנעם? מיטן אויטאָמאַט? אָבער דאָס האָב איך ניט פֿאַרגעדענקט. פּונקט ווי איך קאָן זיך ניט דערמאָנען, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען צווישן דעם מאַך פֿון מײַן האַנט און דעם פֿאַרקלאַמערטן אין די פֿינגער העמערל און יענעם מאָמענט, ווען כ׳האָב דערזען, ווי ריכטער האָט זיך אײַנגעקאָרטשעט אויפֿן געזעס. אַ פֿאַרטונקלונג פֿונעם זיקאָרן. פֿון אויפֿרעגונג. פּונקט אַזוי, ווי אין יענעם מאָמענט, ווען כ׳האָב זיך דערוווּסט, וווּהין מע פֿירט אונדז, מע האָט אונדז געפֿירט קיין אַפֿריקע...

שווּראַ איז טויט! דער ענערגישער, דער פֿלינקער, ווי אַ בליץ, שווּראַ! איינמאָל האָט ער זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף אַ באָכער, וועלכער האָט זיך דערלויבט צו זאָגן וועגן אַ „זשידאָווסקע מאָרדע“. ער האָט אים אַרומגעכאַפּט מיט זײַנע קרומע פֿיס אין שטיוועלעך פֿון דינעם שוואָרצוואָלע לעדער, איבער וואָס, אייגנטלעך, מע האָט אים גערופֿן שווּראַ, און גענומען שלאָגן מיטן קאָפּ אין אַ שטיין. געשלאָגן האָט ער שרעקלעך און אומראַכמאָנעסדיק. פֿאַרוואָס עפּעס האָט זיך מיר דערמאָנט פּונקט אָט דער צופֿאַל, ווען ביכלאַל פֿלעגט אומעטום, וווּ ס׳האָט זיך באַוויזן שווּראַ, זיך אָנצינדן, ווי פֿון אַ שוועבעלע, עפּעס אַ סקאַנדאַל. און אָט איז ער אויך טויט און וועט שוין פֿאַר קיינעם זיך ניט אײַנשטעלן. און פֿאַרקערט, מיר האָבן זיך ניט אײַנגעשטעלט פֿאַר אים. ווען דעם צענעריקטן שווּראַ האָט מען אַרײַנגעוואָרפֿן אין קוזאָוו פֿון אונדזער און ריכטערס מאַשין (אונדז, רוסישע ייִנגלעך, האָט מען פֿאַנאַנדערגעטיילט איבער די מאַשינען ווי אַרבעטסקראַפֿט, און כ׳האָב שוין צוויי וואָכן געהאַלטן ריכטערס מאַשין פֿאַר „אונדזערער“), האָט ער שטאַרק געכריפּעט, און דורך די צעבלוטיקטע ליפּן האָט זיך אַרויסגעשלאָגן אַ ראָזעווע סלינע. די בלעזלעך פֿון דער סלינע האָבן געפּלאַצט מיט גאָרגלדיקע קלאַנגען: „...אַפּ!... אַפּ-ר... ר-רי!...“. מיט שרעק האָב איך געקוקט, ווי די לופֿט שפּרינגט אַרויס פֿון שווּראַ, ווי פֿון אַ צעריסענער פּילקע, און פֿאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געוואָלט אונדז אַלעמען זאָגן מיט זײַן „אַפּ!... אַפּ-ר!...“.

מיר האָבן געלאָדן סנאַריאַדן אויף דער טעריטאָריע פֿון אַן אַמאָליקן סאָוועטישן וואָפּנסקלאַד, און צומאָל פֿלעג איך פֿאַרבײַטן זייערע קעסטלעך מיט סנאַריאַדן אויף אונדזערע טשוהונענע באָלוואַנקעס. און ווישנדיק דאָס נאַסע, פֿאַרשוויצטע פֿון שרעק פּאָנעם מיט דער פּאָלע פֿונעם העמדל, האָב איך זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי די דײַטשן שטופּן דאָרט, אויפֿן פֿראָנט, אין זייערע האַרמאַטן די גאַנץ אומנוצלעכע טשושקעס. און דאָס האָט מיר פֿאַרשאַפֿט פֿאַרגעניגן. שווּראַ האָט זיך דערוווּסט, אַז אונדז וועט מען פֿירן צום דײַטשישן פֿעלדמאַרשאַל ראָמעלן. ער האָט עס גוט באַקלערט מיט זײַן מעכטיקן מויעך און האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטײַט. דאָס האָט באַטײַט — ווערן סאָלדאַטן. דײַטשישע סאָלדאַטן. ניט ענגלישע דאָך! און ער האָט באַשלאָסן גיין צו קווּרע אין דער ערד דאָ, אין זײַן סטעפּ, איידער זײַן פֿאַרשאָטן מיט פֿרעמדע זאַמדן.

קאַלקע האָט געקלערט, אַז אַזוי ווי מע פֿירט אונדז ניט אויפֿן פֿראָנט און ניט קיין דײַטשלאַנד, הייסט עס, אַז מע קאָן ערגעץ-וווּ אין וועג מאַכן די פּלייטע. שטיל, אומבאַ-

מערקט. נאָר שעווראַ האָט באַשלאָסן זיך קעגנשטעלן באַלד, ניט רעכענענדיק זיך דערמיט, וואָס זײַן בונט איז פֿאַרויס פֿאַרורטיילט. אַלציינס שטאַרבן! און דעמלט האָט ריכטער, וועלכער האָט זיך צו אונדז באַצויגן גוט, זיך באַטייליקט אין צענעריקן שעוורא. אויב מע וואָלט עס געקאָנט אָנרופֿן צענעריקן. דאָס איז געווען אַ מאָרד. און אָט איז קאַלקע אַ לעבעדיקער, און שעוורא איז ניטאָ.

אויפֿן וועג האָט קאַלקע מיר אַרײַנגעשטעקט אין האַנט אַ העמערל. איך האָב באַקומען אַ באַפֿעל צעקנאַקן ריכטערן דעם קאָפּ. ריכטער, וועלכער איז ניט געווען שולדיק, וואָס מיר האָבן זיך געכאַפּט אין דער אַבלאַווע, איז, פֿאַרשטייט זיך, אַ גאַפֿע. ער איז אויך ניט געווען שולדיק, וואָס מיך — אַזאַ שוואַכלינג — האָט קיינער פֿון די דײַטשן ניט געוואָלט נעמען צו זיך פֿאַר אַ געהילף, און ער האָט יאָ גענומען. און ער פֿלעג מיר געבן אַמאָל אַ שטיקל טושאָנקע אויפֿן שפּיץ מעסער, וואָס פֿון איין בליק אויף איר קאָן מען מעשוגע ווערן, אַמאָל אַ בוטערבראָד מיט פֿאַווידלע, און אַפֿילו צוקערקעס „באָן־באָן". און ער אַליין האָט דאָך ניט זייער אַ סך באַקומען — די דײַטשן איז שוין געווען ניט אַזוי פֿייגליק אויף אונדזער פֿראָנט און זיי האָבן ניט באַוויזן צו באַקומען זייערע ראָסקאָשנע פּײַקעס. מיר אַלע זײַנען געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז ס'איז ניט געווען קיין צײַט צו קלערן, צי קאָן מען באַם סויִנע נעמען אַזאַ פֿעט שטיקל טושאָנקע. ער האָט מיך געהאָדעוועט, ווי אַ הינטל, ניט אָנשטויסנדיק זיך, אַז איך פֿאַרבײַט זײַנע סנאַריאַדן מיט אונדזערע. ער פֿלעגט מיר געבן עסן, זאָגנדיק דערבײַ: „קינדער דאָלזשען אימעט עסען!" די פֿאָרמולע „האָבן וואָס צו עסן" האָט אײַנגעאָרדנט סײַ יענעם, ווער עס האָט געגעבן דאָס עסנוואַרג, סײַ מיך, דעם אויסגעהונגערטן פֿאַר די לאַנגע כאָדאָשים אָקופּאַציע.

אָבער ס'איז אויסגעקומען אַ קלאַפּ טאָן דעם עסנגעבער! נאָך גוט, וואָס ניט מיט קיין מעסער, נאָר מיט אַ העמערל. און אַפֿילו ניט אַזוי שטאַרק אַ קלאַפּ געטאָן — די האַנט האָט זיך אין יענעם מאָמענט ווי אײַנגעבראָכן. ניין, איך האָב זיך ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז כ'האָב דערהאַרגעט אַ מענטשן! ווער־ווער — שעוורא, קאַלקע, וועלכע פֿלעגן אין פּרײַנטלעכע שטוצערײַען צעמאַזיקן איינער דעם אַנדערן ביז בלוט, אָבער ניט איך! דעריבער האָט זיך טאַקע באַ מיר געיאַוועט דער געדאַנק, אַז ריכטערן האָט דערשלאָגן קאַלקע מיטן אויטאָמאַט. אַנדערש ווי האָט ער זיך באַוויזן, דער אויטאָמאַט, אין קאַלקעס הענט? כ'האָב געזען, ווי ער האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון הינטער ריכטערן דעם אויטאָמאַט.

נאָר די פּילאָטקע האָט זיך אַראָפּגעוואַלגערט פֿריִער, אַ סך פֿריִער. ווען קאַלקע איז נאָך געפֿאָרן פֿון הינטן, אין קוזאָוו. און געיאַוועט האָט ער זיך שוין דערנאָך, ווען די מאַשין האָט אָנגעהויבן צו טאָרמאָזירן — און דאָס איז געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פֿון מײַן קלאַפּ. די פּילאָטקע אויפֿן דיל, דער פֿוס אויפֿן טאָרמאָז־פּעדאַל — דאָס געדענק איך גוט.

הייסט עס, דערהאַרגעט. דערהאַרגעט, ווײַסנדיק, אַז ריכטער האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ באַרמאַליי און האָט אונדז געפֿירט קיין אַפֿריקע. מיר אַלע האָבן אין דער קינדהײַט אויסגעלערנט אויף אויסווייניק די ליד: „גייט ניט, גייט ניט, קינדער, קיין אַפֿריקע שפּאַצירן!" און אַזוי ווײַטער, וועגן באַרמאַלייען. ווי איז ער ניט ענלעך געווען, מײַן ריכטער, אויף אַ בייזן מערדער! און ווען איך פֿלעג לויפֿן מיטן שווערן קעסטל אויף דער פּלייצע, אין וועלכן עס זײַנען ניט זייערע, די דײַטשישע, סנאַריאַדן, נאָר אונדזערע, האָב איך ניט געפֿילט זייער שווערקײַט. ניט קיין שווערקײַט, ניט קיין שווינדל. כאָטש די פּלייצע האָט זיך אַזוי אײַנגעבויגן, אַז ס'האָט געדוכט — זי וועט זיך קיינמאָל שוין ניט אויסגלײַכן. און ניט איין מאָל האָב איך מוירע געהאַט — אָט־אָט וועט זי אַ טרעשטשע טאָן, כ'וועל אומפֿאַלן, ווי אַ פֿערד אויף אײַז, און ריכטער וועט דערזען דאָס קעסטל מיט פֿרעמדע סנאַריאַדן. פֿרעמדע, געווייִנלעך, פֿאַר אים, דעם דײַטש. אָבער אַפֿריקע!

דאָ, אויף דער אָקופּירטער, אָבער פֿונדעסטוועגן אונדזער ערד, האָבן מיר זיך שוין ווי־ניט־איז צוגעפּאַסט — און הינטער קאַטשקעס זיך באַהאַלטן, און צווישן רויִנען. אַפֿריקע אָבער האָט זיך מיר פֿאָרגעשטעלט ווי אַ גלאַטע, ווי אַ טישטעך אויפֿן טיש, אויבערפֿלאַך, איבער וועלכער עס באַוועגט זיך, ווי אַ שווער פֿרעסל, ראָמעלס אַ טאַנק, איבערמישנדיק מיט זאַמד סײַ די ענגלענדער, סײַ אונדזערע, וועלכע פּרוּוון זיך אויסבאַהאַלטן פֿון אים. כ'האָב אַפֿילו בוילעט שוין געזען די אייגענע געדערעם, אויסגעוואַלגערטע אין טרוקענעם זאַמד, און עמעצנס טרערן, וועלכע טריקענען זיך אויס אין הייסן מידבער, ווי אונטער לעשפּאַפּיר.

און אָט האָב איך זיך געטראָגן מיט קאַלקעס העמערל אין ריכטערס מאַשין, די נאַכטיקע קאָשמאַרן האָבן זיך געביטן מיט די זעלבע קאָשמאַרן בייס איך פֿלעג זיך אויטכאַפּן: איך „יאָ, איך דאַרף אַ זעץ טאָן איבער ריכטערס קאָפּ. נו, וואָס זאָל איך זאָגן, אַפֿילו זיך

דערמאָנען איז שווידערלעך! בעסער שוין ביכלאַל ניט קלערן וועגן דעם. דעריקער, ווער דו זאָלסט ניט זײַן, טויט אָדער לעבעדיק, דאַרפסטו דערגרייכן א וואַלד, א וועלדל, אָן אינדזל אין סטעפּ. דאָרט וועסטו איבערכאַפּן דעם אָטעם, זיך ארומקוקן — צי פּאַרט מען ניט נאָך אונדז, צי לויפט מען אונדז ניט נאָך. ס'וואָלט זיך ניט וועלן, אז עס זאָלן פּלוצעם הינטער דער פּלייצע זיך צעטיוקען קוילן, וועלכע די דײַטשן זאָלן שיקן אין אונדז, אין עפּ-שער אפילע פון ריכטערן אליין: מיר האָט זיך אַלץ נאָך ניט געגלייבט, אז דאָס האָב איך אים דערהארגעט, און ניט ער מיך.

אויך אין שוווראָס טויט האָט זיך ניט געגלייבט! ווען קאַלקע האָט אונטערגעכאַפּט זײַן אָנגעגאָסענעם מיט בלײַענער שווערקײַט קערפּער, האָט זיך מיר געדוכט, אז ניט איך שלעפּ אים, שווראָן, — כ'בין דען בעקויער? — נאָר ער מיך. ער האָט שטענדיק אַלעמען געשלעפּט. מיר זײַנען געגאַנגען נאָך אים. „דער אומזיניקײַט פון דרייסטע א ליד מיר זינ-גען!" אזוי האָב איך געקלערט. אזוי פּלעג ער טאָן. ס'איז שווער צו דערמאָנען זיך לידער, ווען די הענט זײַנען געפּענטעט מיט אומגעהייערער שווערקײַט, און איך שפּיר נאָך, ווי עס שיט זיך אָפּ דער שטויב פון שוווראָס שטיוול. ווי ווען ער וועט זיך אָפּשיטן, דער שטויב, וועט ווערן גרינגער. אָבער ווען אין א זאמד-זייגער שיט זיך איבער דאָס זאמד פון איין קאָלבע אין דער אנדערער, ענדערט זיך דאָך עפּעס. די צײַט גייט אוועק. אָדער עפּשער קומט זי אָן? וואָס מער עס שיט זיך אָפּ דאָס זאמד, אַלץ ווײַטער גייען מיר אוועק פון דער געפאַר. אָבער אויך פון שווראָן און פון ריכטערן. אָן אומזין?

דער אומזין ווערט רעאַל, ווען מיר געפינען א גאנצן אָנשיט פון זאמד — דאָ קאָן מען מעקאבער זײַן שוווראָס קערפּער, אָפּטיילן דאָס טויטע פונעם לעבעדיקן. אזוי טוען אַלע, און מיר וועלן אויך אזוי טאָן. די קאָלבעס וועלן אופהערן זיך צו פאַרייניקן, איבערקערנדיק זיך אָן א סאָף — איינע פון אויבן, די צווייטע — פון אונטן, און ס'וועט מיר ווערן לײַכטער צו טראָגן. און ניט בלויז דעם קערפּער.

כ'האָב א קלער געטאָן, אז מע קאָן ווי-ניט-איז פאַרגראָבן דעם קערפּער אין זאמד אפילע אָן א רידל. איך הייב אָן צו באַנעמען — ניכטער און זאכלעך. דאָס האָב איך דער ערשטער באמערקט דעם אָנשיט פון זאמד. זייער א באַקוועמען. איך, און ניט קאָלקע. ער האָט בלויז א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. הייסט עס, אַלץ איז נאָרמאַל, און ס'איז ניט קיין אומזין. האגאַם, אראָפּלאָזנדיק אָף דער ערד שוווראָס פיס, קאָן איך ניט קוקן אים אין פּאָנעם. איך קוק ערגעץ אָף אויבן (רעשטן פון אומזין) און פאַרבייג די פיס אין קני אזוי אומגעלומפּערט, פּונקט ווי איך וואָלט זיך געקליבן ניט מעקאבער זײַן א מענטשן נאָר אָפּטאָן גאָר אָן אנדער נויטווענדיקײַט.

אראָפּגעוואָרפן אָף דער ערד שווראָן, האָט קאָלקע אָפּגעווישט דעם שווייס פונעם שטערן און גלײַך גענומען גראָבן א גרוב. ער האָט זיך אָנגעבויגן און ווארפט ארויס די ערד, אויסקערעווענדיק זיך מיטן הינטן צו שווראָן. אזוי איז באַקוועמער. איך שטעל זיך אוועק אין דער זעלבער פּאָזע פון א הונט אָף א מיסט-קופּע. דאָס זאמד קארבט זיך אײַן אונטער די נעגל, מאכט זיי שווערער, ווי מע וואָלט אהין ארײַנגעגאָסן בלײַ. דאָס זאמד איז א קאַלטס, א פײַכטס, און די היץ, וואָס האָט מיך ארומגעכאַפּט פון יענעם סאמע מאָמענט, ווען כ'האָב זיך דערוווּסט, אז איך דאַרף א טשמעליע טאָן אין קאָפּ ריכטערן, שטילט זיך אײַן. גוט איז צו ראָיען זיך אינעם קילן ווייכן זאמד און נישט טראכטן וועגן גאָרניט. באַ-זונדערס וועגן דעם, צוליב וואָס דו ראָיעסט. און צי ראָיעט מען ניט איצטער ערגעץ אָן אנדערן גרוב — פאַר ריכטערן. אָבער מײַן זאך איז באַווײַזן א קונץ ארויסוואַרפן א פאַנטאַן זאמדיקע שפּריצן. וואָס העכער עס איז די הרודע זאמד, אַלץ טיפער איז די גרוב. איך וואַרף מאשינעל די זשמעניעס זאמד, באַמיִענדיק זיך, עס זאָלן ניט זײַן קיין איבערײַסן. זיך אײַנגעביסן אין דער ערד — אופגעהויבן, א וויש געטאָן מיט די הענט — א וואַרף געטאָן, דערהערט, ווי ס'איז געפאלן. א שווערער קלאנג, א טויבער, א טעמפּער. דעריקער, עס זאָלן ניט זײַן קיין איבערײַסן: זיך אײַנגעהריזעט — אופגעהויבן — א וויג געטאָן — א וואַרף געטאָן — דערהערט א קלאנג...

קאָלקע וועט ניט קענען אָט אזוי זיך גראָבן אין דער ערד מיט די הענט, ווי א הונט — ער האַלט אין דער האַנט ריכטערס אווטאָמאַט. איצטער קאָן ער זיך גריבלען אין דער ערד מיטן מעטאַלענעם הענטל. נאָך גוט, וואָס ס'האָט זיך געפונען א זאמדיקער אָנשיט, גיי פּרוּוו גראָבן אין א הארטן באָדן מיט די נעגל! אין זאמד אפילע טרעפסטו אַלעמאַל אָן אָף וואָרצ-לען, שטיינדלעך, גלאָז. פונוואַנען האָט זיך גענומען גלאָז אין אָט דעם העק? דאכט זיך, די גאנצע ערד האָט מען שוין אָנגעשטאָפּט מיט גלאָזברוך און מיט דערהארגעטע מענטשן. נאָר פון די גלעזעלעך און שטיינדלעך, וועלכע האָבן זיך פאַרשטאָפּט צווישן די פינגער-

קישעלעך און די נעגל, ווערן מײַנע הענט, מײַן „שאַנץ-אינסטרומענט", פעסטער, און די גרוב — טיפער.

אָבער האָט גיכער עס גראָבט זיך די גרוב, אַלץ נעענטער ווערט די נויטווענדיקײַט א קוק טאָן אַף שעוראָן, אַף אים אינגאַנצן — פון קאָפּ ביז די פיס, ס'הייסט, אַף די פיס האָב איך געקוקט אַפן גאַנצן וועג, נאָר אַט אַפן פּאָנעם!.. פריִער איז ער געווען אַזאַ לעבעדיקער, אונדזער שעוראָ! אַט שטעלט ער זיך אָן ווי א ביק און טוט א טיטשע עמעצן אין ברוסט. דעמלט פלעג אַפילע קאַלקע זיך דערשרעקן: „נו, מיי!.. נו, זאָל!.. נו, גיי!..", ער האָט ניט דערעדט די ווערטער „נו, מײַלע! נו, זאָל שוין זײַן אַזוי, נו, גיי אַוועק...", קעדיי ניט שטעלן קיין פונקט, ניט גיין אין געשלעג. שעוראָ אָבער איז געווען ניט פון די מענטשן, וועמען מע קאָן אָפּשטעלן. ער האָט אָנגעשטרענגט די פינגער און געשיפּעט: „ניין, זאָג זשע! דערזאָג!.." — לאָמיך הערן! דעמלט האָט מען געקאָנט זיך צעגיין — א שטויס טאָן, א זעץ טאָן. פּאַצאַנעס, ייִנגלעך האָבן זיך אופגעפירט מעלוכיש-ברייט, געוואָלט אומבאַדינגט מילטאָן. פּאַצאַנעס האַלטן מיטן שאָכן. פּאַצאַנעס און מעלוכעס! ווען איר זאָלט וויסן, ווי שווער עס איז כאָמע האַלטן מיטן שאָכן. פּאַצאַנעס און מעלוכעס! ווען איר זאָלט וויסן, ווי שווער עס איז מיר געווען זיך אויסקערעווען צו שעוראָן, דערזען זײַן פּאָנעם!

איך האָב אקשאַנעסדיק געראַיעט, ניט אופהייבנדיק די אויגן, ניט פילנדיק, ווי עס קרישלען זיך די נעגל, ס'האָט מיר אַפילע ניט וויי געטאָן. דעריקער — אָפּציִען דעם מאָמענט, ווען ס'וועט פּאָרט אויסקומען אַרײַנקוקן שעוראָן אין פּאָנעם. כ'האָב געהאָרעוועט, ביז קאַלקע האָט ניט געזאָגט: „שטעל זיך אָפּ, מעשוגענער!" איך האָב טאַקע געאַרבעט ווי א מעשוגענער. כ'האָב גענומען פּאַמעלעך אויסגלײַכן די פּלייצע: פּאַמעלעך, א סאַנטימעטער נאָך א סאַנטימעטער, אופגעהויבן די אויגן איבער די שטיוול, איבער שעוראָס הויזן, ביזן פּאַסעק מיט דער ברייטער מאָדערנער ספּראָנזשקע, אַף וועלכער ס'האָבן נאָך אַלץ געפינקלט קריגעריש איבערגעקרייצטע פּיסטאָלעטן. דערנאָך האָט זיך באַוויזן דאָס צעפליקטע העמד מיט טונקעלע פּאַלדן, אַף וועלכע ס'איז שרעקלעך צו קוקן...

פריִער, פאַר דער מילכאָמע, אין פּיִאָנער-לאַגער, האָבן מיר ליב געהאַט פּאַרן שלאָף דערציילן שרעקלעכע געשיכטעס. איינמאָל האָט עמעצער גענומען דערציילן א געשיכטע וועגן א מענטשן, וועמען דער טראַמווײַ האָט אָפּגעשניטן א פוס. אַט דער מענטש פלעג קלוימערשט קומען באַנאַכט אין טראַמווײַ-דעפּאָ און פאָדערן: „גיט אָפּ מײַן פוס!.." אין דער פינצטערניש פון דער פּאַלאַטע, ווו אַלע האָבן מוירע געהאַט אַפילע זיך א ריר טאָן, איז שוידערלעך געווען צו הערן אַט דאָס „גיט מיר אָפּ מײַן פוס!"...

...שעוראָ איז געלעגן אַף דער ערד, ווי ער וואָלט פּאָשעט געשלאָפן. די הענט, צונויפגעלייגטע אַפן בויך, האָבן פאַרדעקט די בלוט-צייכנס. די ווונדן און צאַראַפּינעס האָבן זיך פּאַרטונקלט, זײַנען צוגעוויאַנעט געוואָרן. די פלעקן זײַנען געוואָרן לילאָווע, פּיִאָלעטאָווע. ער ליגט זיך, ווי גאָרניט וואָלט נישט פּאַסירט אין יענער נאַכט אין סטעפּ. ער ליגט און וואַרט. געדולדיק און רויִק. דאָס דאַרפן מיר זיך באַאומרויִקן. אים באַגראָבן און אַוועקגיין וואָס ווײַטער פון די דײַטשן. און ער ליגט זיך אין פולער אומבאַוועגלעכקײַט. און ער שווײַגט.

קיין אָרקעסטערס שאַלן ניט. קיין טרויעריקע מוזיק אויך ניט. גאָרניט. אַט אַזוי שטענדיק וואָלט מען געדאַרפט מעקאַבער זײַן שווײַגנדיק, ווי מיר אונדזערן שעוראָ. נישט טראָגן ניט אַף די הענט און ניט אַף קיין לאַפעטן, זאָל אַפילע זײַן מיט א טרויעריקן, נאָר אַלציינס מיט א באַזונדערן, פּײַערלעכן טראָט, — פּאָשעט אַרײַנוואַרפן אין א פּײַכטער גרוב, ווי מיר אונדזערן שעוראָ. ניט פאַרוואַרפן מיט בלומען און מיט קרענץ, נאָר מיט זאַמד און מיסט, צווישן וועלכן עס האָבן צומאָל געפינקלט שטיקלעך צעבראָכן גלאָז. פּאַצאַנעס און מעלוצווישן וועלכן עס האָבן צומאָל געפינקלט שטיקלעך צעבראָכן גלאָז. פּאַצאַנעס און מעלוכעס, ווען איר וואָלט געזען, וויִאַזוי מע שטופּט אין דער ערד א מענטשן, ווי דאָס וואָלט געווען א געפּייגערטע קאַץ, וואָס מע האָט זי אונטערגעקליבן אַפן אַספאַלט!.. מעלוכעס און פּאַצאַנעס, אין יענעם פּרימאָרגן, ווען מיר האָבן מעקאַבער געווען אונדזערן שעוראָ, האָבן מיר נישט געפילט ניט קיין פאַרביטערטקײַט, ניט קיין שטאָלץ. מיר האָבן פּאָשעט געוווסט, אַז מיר דאַרפן אים באַגראָבן און אָפּציִען ווײַטער. מעלוכעס און פּאַצאַנעס, מיר וועלן דאָס ניט פאַרגעסן, פאַרגעסט זשע דאָס ניט אויך איר...

ווי נאָר מיר האָבן מעקאַבער געווען שעוראָן, האָט קאַלקע א כליפּע געטאָן מיט דער נאָז, ווי ער וואָלט זיך צעוויינט באַם געזעגענען זיך. ער האָט מיט אַן אַנטשיידענעם זשעסט אונטערגעצויגן די הויזן, און מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן. כ'האָב געהאַט בעדייע אים בעטן, ער זאָל געבן א סאַליוט פונעם טראָפּיינעם אַווטאָמאַט, נאָר כ'האָב זיך געשעמט, ס'האָט זיך ניט געוואָלט הערן זײַן ענטפער: „צי דו ביסט אינדערעמעסן כאָסערדייע?" כ'האָב זיך דעריבער אַפילע ניט פאַרהיקעט וועגן דעם סאַליוט, ווײַל איך אַליין בין ניט געווען זיכער, אַז דאָס שיסערײַ וועט דורכגיין בעשאָלעם: ערגעץ פון הינטערן וועלדל קאָנען נאָך

ארויסשפּרינגען דײַטשן — וועלן זיי אונדז שוין געבן דעם עמעסן סאַליוט!.. ניין, בעסער איז שוין מאַכן פּיס, און וואָס גיכער. ווי עס פֿלעגט זאָגן מײַן זיידע פֿון דער מאַמעס צאַד: „כאָטשעש ייִסטי — ליאַהאַי ספּאַטי!", וואָס עס באַטײַט: מאַלע וואָס עס ווילט זיך דיר — באַנוגן זיך מיט דעם, וואָס דו האָסט! בעקיצער, בעסער פֿון אַלץ איז געווען וואָס גיכער אַנטלויפֿן, שטעלן פּיס. בעסער! נאָר מײַן זיידע פֿונעם טאַטנס צאַד פֿלעגט זאָגן: „ווי דו זאָלסט ניט אויסבעטן די שטרוי, אַלציינס איז האַרט צו שלאָפֿן!" דאָס האָט ער געזאָגט, ווען ס'האָט געברענט זײַן אייגענע פּאַריקמאַכערסקע, אַזאַ קליינינקע, אַז דער דאַך איבער איר איז געווען געדעקט מיט שטרוי. ווי ער האָט די דאָזיקע שטרוי ניט אויסגעבעט, האָט זי פֿאַרט געברענט. און בלויז איין מאָל אין לעבן האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו באַדעקן זײַן אַנשטאַלט מיט בלעך, אָבער פּונקט אין יענער צײַט האָט זיך אָנגעהויבן די רעוואָליוציע און דער זיידע האָט פֿרײַוויליק אָפּגעגעבן זײַן געדעקטע מיט נײַעם בלעך פּאַריקמאַכערסקע אין רעשוס פֿונעם פֿאָלק: „אייגנטום? זאָל זי ברענען!.."

...קאָלקעס האַנט האָט מיך אַ שליאָפּע געטאָן איבער דער פּלייצע און מיך אָפּגעווענדט פֿון די דערינערונגען. כ'האָב גענומען לויפֿן, אַרומקוקנדיק זיך און הינקענדיק אַף איין פֿוס, וואָס האָט די גאַנצע צײַט זיך געפּלאָנטערט און געשטערט, ווי ער זאָל זײַן אַן איבעריקער, אַ פֿרעמדער. איך האָב נאָך אַלץ ניט געקאָנט גלייבן, אַז שעוורא וועט זיך ניט אופֿהייבן נאָך אונדז, ניט אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דאָס זאַמד, ווי עס וואָלט געווען אַ שמוציקער לײַלעך, וואָס האָט אַרומגעקלעפּט דעם גאַנצן קערפּער זײַנעם — פֿונעם אופֿגעהויבענעם קאָפּ ביז די פֿיס. ס'האָט זיך ניט געגלייבט, אַז אַ מענטש, וועלכער האָט אינגאַנצן מיט עטלעכע שאָ צוריק געקאָנט געבן אין קאָלנער וועמען איר ווילט, ליגט אַליין מיט אַ צעכראַסטעטן קאָלנער, אַ פֿאַרשאָטענער מיט זאַמד.

דער גערויש פֿונעם זאַמד, וואָס מיר האָבן הויפֿנסווײַז געוואָרפֿן אַף שעווראָס קערפּער, איז באַ מיר נאָך געשטאַנען אין די אויערן, ווען ס'האָט פֿון הינטער זיך דערטראָגן אַ ווײַטער געהילך. מיר זײַנען ניט געקומען אַפֿן זינען דײַטשישע מאַשינען, וועלכע האָבן בעעמעס געקאָנט אַרויסשווימען פֿון ערגעץ אונדז אָפּזוכן אין סטעפּ, צעטרעטן. כ'האָב אַ קלער געטאָן: דאָס יאָגט מיך אָן שעוורא — אַ טויטער אין טויטן סטעפּ. אָט באַלד וועט ער מיך אָנכאַפּן מיט זײַנע אײַזערנע הענט, פֿון וועלכע באַם לעבן האָט קיינעם זיך ניט אײַנגעגעבן זיך אַרויסצודרייען, און וועט אויסשרײַען: „אָט וועל איך!..". אָדער: „גיב אָפּ מײַן פֿו-ו-ו-ס!"... אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר פֿון הינטן האָט געהודעט: „או-ו-ו-ו!.."

אַזוי האָט געשורשעט דאָס נאַסע זאַמד אין מײַנע פֿינגער, ווען מיר האָבן באַגראָבן שעוורא. דאָרט איז ער — אונטערן זאַמד, און איך האָב געשורשעט איבער אים. איך בין ניט אַזאַ היציקער, ווי שעוורא? אָבער קאָלקע איז דאָך אויך אַ היציקער, און ער איז געבליבן לעבן. ער לויפֿט פֿון פֿאָרנט. און אײַלט זיך ניט אַזוי. ער פֿאַרשטייט — איבער אונדז פֿליִען עראָפּלאַנען, און פֿון זיי וועסטו צופֿוס ניט אַנטלויפֿן. ווען די שאָטנס פֿון די עראָפּלאַנען האָבן אַ שווים געטאָן איבער דער ערד גאַנץ נאָענט, האָט קאָלקע גענומען מאַכן דריידלעך, ווי אַ האָז. אַ באַדאַכטער מענטש: דעם אווטאָמאַט וואַרפֿט ער ניט אַוועק, ער באַהאַלט אים אונטער דער פּאָלע, ווי מע וואָלט פֿון דאָרטן, פֿון די עראָפּלאַנען, דאָס געקאָנט באַמערקן! ווי אַ קינד, וואָס טראַכט, אַז אויב פֿאַרמאַכן די אויגן מיט די הענט, איז מען אויס געפֿאַר, כאָטש, צוריקגערעדט, פֿליִען די עראָפּלאַנען גאַנץ נאָענט צו דער ערד און די פֿליִער קאָנען דערזען דעם אווטאָמאַט, אַזוי אַז ס'איז נאָך ניט באַוווּסט, ווער פֿון אונדז איז געגליכן צו אַ קינד. איך זע שוין, ווי די שאָטנס פֿון די עראָפּלאַנען האָבן זיך אײַנגעשניטן אין קאָלקעס פּלייצע, און מיר קלינגט נאָך אין די אויערן דאָס שורשען פֿונעם זאַמד און אָט דאָס „גיב מיר אָפּ מײַן פֿו-ו-וס!". איך זע ניט די עראָפּלאַנען, נאָר וואָס וועט זײַן, ווען דער שאָטן פֿונעם עראָפּלאַן וועט דורכשטעכן קאָלקען?.. ניין, ער שטעכט אים ניט דורך. קאָלקע ציטערט, פֿאַרדעקט דעם קאָפּ מיט די אופֿגעהויבענע הענט! אין פּלייצע, אין די הענט, אין הינטן זאָל מען שיסן, נאָר גאָט באַהיט — אין קאָפּ! אָבער זיי שיסן ניט, נאָר וואַלגערן זיך אַרוף מיט די שאָטנס סײַ אַף אים, סײַ אַף מיר. איך פֿאַרשטעל זיך ניט מיט די הענט — אַן אומזיסטע טירכע. זיי שיסן ניט, נאָר וואָיען: „גיב אָפּ!.." דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל כ'האָב זיך דורכגעשמוגלט, ווי אַ זעמדעלע צווישן די פֿינגער, דאָרט, ווו ס'איז פֿאַרבליבן שעוורא. מיט זייער הודען דערמאָנען זיי מיר: אויב אַזאַ מענטש, ווי שעוורא, האָט ניט געקאָנט אויסמײַדן דעם טויט, וואָס זשע זאָל איך זאָגן וועגן זיך? דערווײַל הינק איך, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, איבער די הרודעס ערד, ווי עס וואָלט זיי ספּעציעל דאָ אָנגעוואַלגערט עפּעס אַ ריזיקער אַקערער. נאָר די פּויערים אַקערן ניט איצטער און זייען ניט. פֿאַרוואָס זשע איז די ערד אַזוי צעדרויבלט, אויב זי דאַרף ניט געבן קיין גערעטעניש? קעדיי

עס זאָלן אומקומען אזעלכע, ווי איך? דער גערויש פארשטאָפּט די אויערן — דו האָסט ניט געדאַרפט הערן, ווי עס שורשעט דאָס זאַמד, ווען מע באַגראָבט עמעצן. דו האָסט גע־טראַכט: שוין, פּאַטער! נאָר שעווראַ איז ניט פארבליבן דאָרט, אין זאַמד, וווהין דו האָסט אים פארגראָבן. ער איז מיט מיר. אין מיר. ער האָט זיך באַזעצט אין מיר, ווי א גײַסט, ווי א דיבעק...

א דיבעק?.. וועגן א דיבעק האָט דערציילט מײַן זיידע פון טאַטנס צאַד.

...איך געדענק, ווי איינמאָל האָט ער זיך ארויסגערוקט אין פענצטער אױן, א קוק געטאָן אין הויף, וווּ ס׳איז געזעסן די באָבע, געפרעגט:

— ער האָט געשלאָגן?

און די באָבע האָט געענטפערט:

— יאָ, ער האָט געשלאָגן.

האָט דער זיידע ווידער געפרעגט:

— און ער האָט אָנגעגעבן?

דאָס האָט ער זיך אינטערעסירט, צי האָט אָנגעגעבן מײַן טאַטע די דאָקומענטן אין אינסטיטוט, קעדיי „אָנקומען לערנען אף די עלטערע יאָרן" (דער טאַטע מײַנער איז דעמלט אַלט געווען א יאָר דרײַסיק).

— און וואָס האָט מען אים געזאָגט?

— מע האָט אים געזאָגט, ער זאָל קומען מאָנטיק.

— אהא, — האָט א צופרידענער געזאָגט דער זיידע, ווײַל ער האָט געוואָלט, מײַן טאַטע זאָל זיך לערנען אין אן „עמעסן אינסטיטוט", און ניט אינעם אינסטיטוט פון רויטער פּראָפעסור, ווו די פּראָפעסאָרן פלעגן פאָרן צו די „שילער" אהיים — אזעלכע גרויסע מענטשן זײַנען געווען די שילער.

— הייסט עס, ער האָט געשלאָגן?

— יאָ, ער האָט געשלאָגן, — האָט געענטפערט די באָבע שוין מיט אומגעדולד. — א ביסעלע.

— און ער האָט אָנגעגעבן? — האָט פאָרט נאָך ניט געגלייבט דער זיידע.

— יאָ, ער האָט טאַקע אָנגעגעבן, — האָט ווידעראַמאָל באַשטעטיקט די באָבע.

— און וואָס האָט מען אים געזאָגט, וואָס? — האָט א געשריי געטאָן דער זיידע, קעדיי נאָכאַמאָל זיך איבערצײַגן, אז זײַן זון וויל אָנקומען אין אן „עמעסן אינסטיטוט".

— ער זאָל קומען מאָנטיק! — האָט שוין קימאַט ניט אויסגעהאַלטן די באָבע.

— הייסט עס, איז ער טאַקע געווען! — האָט צופרידן געזאָגט דער זיידע.

די באָבע איז שוין געבליבן אָן קויכעס אף צו איבערכאַזערן דעם ענטפער, און פון אירע הענט איז ארויסגעפאַלן די שיסל מיט יאַדערן. אן אַלטע, זייער א טײַערע שיסל — און אָט ליגן שוין פון איר שערבלעך. און די באָבע האָט ארויסגעקרעכצט:

— אוי, מאַרקוס, כ׳האָב שוין צו דיר ניט קיין קויעך!

זי האָט פארדעקט די אויגן מיטן פאַרטעך. און דער זיידע האָט פארוווּנדערט א קוק געטאָן אף דער וויינענדיקער באָבע:

— וואָס, דער דיבעק איז דיר שוין ארײַן אין קאָפּ?

לויט דער אינטאָנאַציע האָב איך פארשטאַנען, אז דער זיידע פרעגט, צי האָט זיך די באָבע ניט גערירט פון זינען.

וואָס באַטײַט „דיבעק", האָט מיר שפּעטער דער זיידע אליין דערקלערט, און כ׳האָב שוין געוווּסט, מיט וואָס מע עסט עס.

...איצטער, בייס איך בין געלאָפן, האָב איך געטראַכט וועגן דעם, אז שעווראַ האָט זיך באַזעצט אין מיר, ווי דעם זיידנס דיבעק. ער זיצט אין מיר, ווײַל דאָס האָט ער, און ניט איך, זיך צעבונטעוועט, נאָר איך, און ניט ער, איז געבליבן לעבן. זײַן קערפּער ליגט אומ־באַוועגלעך אין דער ערד — ווער זשע, אויב ניט דער דיבעק, איז ארײַנגעדרונגען אין מיר און צווינגט זיך אָפּשטעלן?

ניין, דאָס כאַפּט מיך ארום מיט זײַנע יאַדאים קאַלקע. געפונען א צײַט צו שפּילן זיך אין „רינג־קאַמף"! ווער האָט אים געבעטן מיך טראָגן אף זײַן פּלייצע? ער בייגט מיך, ער ברעכט מיך אזוי, אז די ריפּן טרעשטשען. אזא איז אויך געווען שעווראַ. פאַרוואָס „געווען", אויב ער איז... געקומען? געקומען און וועט אוועקגיין מיט מיר. נאָך איין רעגע — און כ׳וועל אויך אוועקגיין. אָך, וועל איך דעמלט הודען איבער קאַלקעס אויער!

און דערווײַל שלאָגט ער מיך איבערן אויער. און ניט נאָר איבערן אויער — איבער די זײַטן, איבער דער פּלייצע. מיט דער גאַנצער קראַפט שטורכעט ער מיך מיט די שטיוועלער,

וועלכע זײַנען אָנגעשוואָלן פון בלאָטע און אויסגעוואַקסן אין א ריזיקער מאָס, ווי מיט באָק-סיאָרישע הענטשקעס. ער שלאָגט ביז בלוט, וואָס מישט זיך איבער מיט דער בלאָטע — כ'בין שוין אינגאַנצן ארומגעקלעפּט מיט אָט דער בלאָטע ווי מיט טאַכריכים. איך וויל זיך אויסצי:ען אף דער ערד, נאָר קאַלקע לאָזט מיך ניט, ער צווינגט מיך זיך באַוועגן איבער דער סטערניע אף די קני. און איך קריך, ווי א כײַע, אף אַלע פיר. די פיס גליטשען זיך איבער דער פײַכטער ערד, און עס קומט אויס זיך אָנשפּאַרן אף די הענט. די פינגער זינקען אין דער קלעפּיקער מאַסע. איך קוק זיך אום און זע קאַלקעס צעווילדעוועט פּאָנעם — ער גיט מיר נאָך איין קנאַק, כ'זאָל זיך ניט דרייען. דײַטשישע עראָפּלאַנען רעווען איבערן סאַמע קאָפּ, און דאַכט זיך, אז קאַלקע שלאָגט און דריקט מיך, כדי זיך צודעקן מיט מײַן ווילנלאָזן, ווי א זאַק, קערפּער פון דער האַרמאַטן-שיסערײַ. איך ווער פאַרטויבט פון דער דורכדרינגלעכער פײַפערײַ, פאַר די אויגן — קאַלקעס צעווילדעוועט פּאָנעם מיט מעשוגענע אויגן — אָט-אָט וועלן זיי ארויסשפּרינגען פון די לעכער און זיך אוועקקײַקלען איבער דער סטערניע גלײַך אונטער די קוילן פון די עראָפּלאַנען. ער וויל ניט אונטער די קוילן! ער דעקט זיך צו מיט מיר, אָבער...

אָבער פאַרוואָס וואַרפט ער מיך אין וואַסער אַרײַן פון דער סאַזשלקע, וואָס האָט זיך פאַרטײַעט הינטערן אָטשערעט? א קלײנינקע, סאַזשלקע, און פונעם עראָפּלאַן זעט זי אויס, ווי א טרער אפן געשטופּלטן געזיכט פונעם סטעפּ. קאַלקע יאָגט מיך אַרײַן אין וואַסער ביז איבער די קני, און איך קוק מיט שרעק, ווי עס רוקט זיך אף מיר אָן דער פליסנדיקער גערונצלטער געוויג, א זילבערדיקער, קאַלטער, אומראַכמאָנעסדיקער. האָט דען געהאַט א זין צו אַנטלויפן פון די סאַרפּענדיקע זאַמדן פון דער ווײַטער אפריקע, כדי אומצוקומען אין אָט דער עקלהאַפטיקער בלאָטע? ווי נאָר דו וועסט אַרײַנפאַלן אין אָט דער קאַשע מיט וואַסער-געוויקסן, וועסטו זיך שוין ניט ארויסדראַפּען. ביפראַט נאָך, אז אָנגעטאָן בין איך אין א מאַנטעלע, כאָטש א לײַכטינקן, א שילערישן, נאָר ער ווערט שווער, ווי בלײַ, ווי נאָר איך טו זיך א זעץ אין וואַסער. דער מאַנטל זינקט פּאַמעלעכער, איידער איך. מײַן קערפּער, וועלכן ס'האָט אזוי אומראַכמאָנעסדיק איבערגעקערט אין וואַסער קאַלקע, בלײַבט אפן וואַסער ווי א ברייט שווימערל.

דער כאַסערדייעדיקער קאַלקע באַרוי:קט זיך אָבער ניט, ער דריקט אף מײַן קאָפּ מיט זײַן שווערער האַנט. איך לאָז זיך אַראָפּ אין וואַסער אַלץ טיפער און טיפער. אָט שלאָגט שוין אין די נאָזלעכער די ביטערקײַט פונעם אײַזקאַלטן וואַסער — אָט-אָט וועל איך זיך פאַרכלינען! און קאַלקע — וואָס, ער פאַרשטייט עס ניט? נאָר עפּעס טײַוולאָנעסדיקס האָב איך מיט א רעגע צוריק דערזען אין די אויגן פון מײַן פרײַנט. געווײנלעך איז ער דאָך א רוי:קער, געלאַסענער באָכער. אים גייט ניט אָן, וואָס איך ווער דערוואָרגן מיטן וואַסער, ווי ווען איך וועל וואָס מער אײַנשלינגען, וועט אים ווייניקער בלײַבן און ער וועט ניט דערטרונקען ווערן? ער באַמערקט דען ניט: מײַן אושאַנקע האָט זיך שוין אַראָפּגעגליטשט פונעם קאָפּ אין וואַסער. און עפּשער האָט ער זי אומיסטן אַראָפּגעריסן פון מיר, כדי שטאַרקער דריקן אף מײַן קאָפּ? איך זינק אין וואַסער און זע איבער זיך א שטיק פּיטש-נאַסן פּוטער, וואָס ווערט שנעל פאַרוואַנדלט אין א טונקעלן פלעק דאָרט, פון אויבן, וווּהין איך וועל זיך שוין מער ניט אופהייבן. און דאָס לעצטע, וואָס איך פאַרגעדענק, זײַנען קאַלקעס אויגן, פול מיט סינע. פאַרוואָס? פונקט ווי די דײַטשישע עראָפּלאַנען, טראָגנדיק זיך איבער אונדז און אפילע ניט אָנרירנדיק אונדז, האָבן אונדז צעשניטן אף צווייען. מיך און מײַן שול-כאַווער, וועלכער האָט ניט איין מאָל מיך געראַטעוועט, ווען עס פלעגן אף מיר אָנפאַלן פאַרשיידענע שלעק. פרי:ער פלעג ער מיך ראַטעווען, און איצטער וויל ער מיך דערטרינקען. מיט קאַלקען זײַנען מיר געווען געקניפּט און געבונדן, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען דער לעצטער און איך דער ערשטער שילער אין קלאַס. איך האָב אים געהאָלפן, ער פלעג מיך פאַרטיידיקן, און קײנעם פון אונדז איז ניט געקומען אפן זינען זיך רעכענען מיט עפּעס. בלויז ווען די דײַטשן זײַנען געקומען, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז עפּעס איז פאַראַן צווישן אונדז פאַרשיידנס, אויסער יענעם אונטערשייד, צו וועלכן מיר זײַנען געווען צוגעוווינט: איינער איז שטאַרקער, דער צווייטער איז האַמצאָעדיקער.

נאָר קאַלקע איז אויך אַרײַנגעקראָכן אין וואַסער און האָט באַהאַלטן אין אים דעם קאָפּ. מיר זײַנען ווידער געוואָרן גלײַכע, ווען מיר זײַנען געשטאַנען אין וואַסער, איבערוואַרטנדיק, ביז עס וועלן דורכפלי:ען די דײַטשישע עראָפּלאַנען. איך האָב שטאַרק געקלאַצט מיט די ציין און קאַלקע האָט שוין ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ און זיך אײַנגעהערט, וואָס עס קומט ארום פאָר. ניין, גאָרנישט איז ניט געווען...

וויפל צײַט איז דורכגעגאנגען, קאָלזמאן מיר האָבן געבלאָנדזשעט אין סטעפּ, ניט וויסנדיק, וווּהין מיר גייען און וווּהין וועלן מיר קומען? מע קאָן, פארשטייט זיך, דערציילן, וויאַזוי מיר האָבן, אַזוי בלאָנדזשענדיק, געפונען אַן אויסגעוואַלגערטן אין בלאָטע און אויסגעטריקנטן, ווי א שטיין, לאַבן ברויט, וועלכן א דײַטשישער אָבאָז האָט, ווײַזט אויס, פארלוירן אין וועג, וויאַזוי מיר האָבן געריסן שטיקער פון אָט דעם אויצער און שיר ניט אויסגעבראָכן די ציין אין אים. וויאַזוי מיר האָבן אָנגעטראָפן אף א פארוואָרפענעם שליטן און זיך געמאכט א גרויסארטיקן געלעגער אף נאכט. וויאַזוי מיר זײַנען געקומען אין ערשטן דאָרף, ווו ס'האָט מיט אונדז געטראָפן ניט קיין שיינע מײַסע, ווײַל ביידע האָבן מיר בא די אָרטיקע פויערים ארויסגערופן א גרויסן פארדאכט און מע האָט ניט געגלייבט, אַז מיר זײַנען לײַבלעכע ברידער, ביפראט קאָלקעס אווטאָמאט האָט דאָ געשפּילט ניט די לעצטע ראָליע. און ענדלעך — וויאַזוי מיר האָבן זיך ביידע ארײַנגעפּאקט און מע האָט אונדז צעשיידט: קאָלקען אָפּגעגעבן אין די הענט פון די אָרטיקע פּאָליצײַען, און מיך — אין דײַטשישע הענט... אָבער דערציילן וועגן דעם אַלעם האָב איך שוין איצטער מער ניט קיין קויעך. עפּשער — אַן אנדערש מאָל...

3

בלוי און ווײַס... בלוי און ווײַס... דער מאָטאָציקל שפּרינגט אונטער אף די בערגלעך, און דעם בלויען, איבערגעקערטן הימל פארבײַטן ווײַסע כאטקעס, וועלכע שווימען ארויס ערגעץ פון דער נידער, ווען דער מאָטאָציקל פארהייבט זײַן וואָלפישע מאָרדע. די גאנצע צײַט ווארף איך זיך אָפּ אף צוריק, ווײַל דעם מאָטאָציקל ווארפט ווי אין קאדאָכעס. דער דײַטש וויל אויסמײַדן די בערגלעך און גריבער, נאָר דאָס גיט זיך אים ניט אײַן.

צי ווייסט אָט דער דײַטש, וואָס איך און קאָלקע האָבן אָפּגעטאָן מיט ריכטערן? ניין, ווײַזט אויס, מע ווייסט עס ניט. ווײַל אויב זיי וואָלטן געוווּסט, וואָלטן זיי צוזאמען מיט מיר פארכאפּט אויך קאָלקען און אים ניט איבערגעגעבן דער אָרטיקער פּאָליציי. און כ'האָב באשלאָסן פּעסט אויסצומעקן פונעם זיקאָרן אַלץ, וואָס עס האָט מיט אונדז געטראָפן אין וועג — דאָס, און וואָס איך בין ווירקלעך געווען שולדיק. וואָס שײַעך דער „שולד" מײַנער פון טאטנס צאד, האָב איך דאָ שוין גאָרניט געקאָנט טאָן. אײַנקלאמערנדיק זיך מיט די שמוציקע פינגער אין די שטאנגען פונעם מאָטאָציקל, כאפּ איך זיך, אַז אָט די „שולד" איז א באזונדערע, און זי לייגט זיך פּאָשעט ניט אפן סייכל.

אין פּיאָנערן-לאגער האָט מען אונדז געצווּנגען אויסשטרעקן די הענט פאָרויס און באווײַזן די דלאָניעס. מיר האָט אזוינס אויסגעוויזן צו זײַן דערנידערנדיק. גאָט מײַנער, איצט יוואָלט איך אַלע פינף מינוט באוויזן מײַנע הענט, אויב ס'וואָלט געווען, ווער עס זאָל זיי קאָנטראָלירן! אָבער דעם דײַטש, וועלכער פירט אקוראט דעם מאָטאָציקל, ליגט מײַן „סאניטארישער" צושטאנד אין דער לינקער פּייע. און אויב מײַנע פינגער וועלן זײַן איבערגעבראָכן, וועט ער דערפון כאפּן א פּסאק? געוויינלעך, ניט. דאָרט, וווּהין ער פירט מיך, איז אַלציינס, צי זײַנען מײַנע הענט ריינע, צי שמוציקע, און ביכלאַל — צי בין איך געזונט אָדער קראנק. אויסטערלישע מענטשן זײַנען זיי אָט די דײַטשן: ברענגען מיך צו פירן א געזונטן און שטארקן, קעדיי דערנאָך אומראכמאָנעסדיק אומברענגען! עפּשער איז שוין בעסער שטארבן אָט דאָ, אין סטעפּ?

שטארבן? פארוואָס, אייגנטלעך, דארף איך שטארבן?

דער סטעפּ ארום וויל ניט וועלקן אפילע אונטער דער סארפּענדיקער זון, ער פארהיט די לעבנס-זאפטן זײַנע. ער וויל ניט אויסגעטריקנט ווערן, און איך — זאָל שטארבן? דער סטעפּ וויל אויך ניט, איך זאָל שטארבן. ער כאפּט בא די פּיס — בא די רעדער דעם דײַטשישן מאָטאָציקל, ער זאָל ניט אזוי גיך מיך שלעפּן אין מויל פונעם דראקאָן. ער שלעפּט דעם מאָטאָציקל אף צוריק, פארשווועריקט אים דעם וועג און טרעט ניט-ווילנדיק אָפּ, ווען די מאשין שלאָגט זיך פונדעסטוועגן דורך, צעפּליעסקענדיק די שיטערע בלאָטע, וועלכע פארבריזגעט מײַנע פינגער... ווי זי וואָלט מיר הענטשקעס אָנגעטאָן... נאָר הענטשקעס טוט אָן א הענקער, און ניט דער, וועלכן מע פירט צום עשאפּאָט. די בלאָטע וועט אויסטריקענען און אָפּפאַלן אף דער ערד, קעדיי זיך אויסמישן מיט איר. און איך אויך...

אָבער איך וויל ניט אַזוי! איך טרייסל אָפּ פֿון די הענט די בלאָטיקע הענטשקעס, ווײַל איך וויל ניט, דער דײַטש זאָל קוקן אַף מיר ווי אַף אַ שטיק בלאָטע. ס'מאַכט ניט אויס, וואָס איך בין אויסגעשמירט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס! איך האַלט זיך נאָך, איך קלער וועגן דעם, וואָס עס וועט זאָגן וועגן מיר אָט דער דײַטש. איך גלײַך זיך אויס, האַלט זיך פֿאַר די פֿרעגנטעס, ווי דאָס וואָלט געווען אַ צײַמל פֿון אַ וויכערדיקן פֿערד. דער סטעפּ לויפֿט פֿאַרבײַ, איך בין אַ רײַטער, איך שפּאָרע אונטער מײַן וואָראָנאָי...

דער דײַטש טוט מיר פֿלוצעם מיטן עלנבויגן אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ, ווי מע פֿאַרטריבט אַן אופֿגעפֿלויגענע פֿליקע. וואָס זשע, כ'האָב אים געשטערט מיט מײַנע מאַכשאָוועס? ניין, פֿאַשעט מיר פֿאָרן ארויס אַף דעם שאָסיי און ער דאַרף זען, צי זײַנען ניטאָ קיין אַנטקעגנדיקע מאַשינען, און מײַן קאָפּ גיט אים ניט די מעגלעכקייט זיך ארומקוקן.

גאָט מײַנער, ווי פּרעכטיק איז דער ארום! צווישן די גרינע פֿעלדער — בלעזועלעך. זיי מאָלן אויס דעם סטעפּ, ווי אַ טעפּיך. בײַ אונדז אינדערהיים איז געווען אַזאַ טעפּיך. אַ פֿאָטער, אַ דאָרפֿישער. און עס ווילט זיך אַזוי אַהיים, צו אָט דעם טעפּיך, וואָס איז געווען ענלעך אַף דעם דאָזיקן צעקווייטלטן סטעפּ.

נאָר דער סטעפּ ענדיקט זיך... פֿון ביידע זײַטן וועג באַווײַזן זיך הײַזער, העכערע פֿון דאָרפֿישע כאַטעס, און די פּלויטן זײַנען לענגער, פֿון ציגל און פֿון שטיין. ס'הייבט זיך אָן די שטאָט. אַנשטאָט ווײַסע כאַטעס — ברוינע ציגלנע שטיבלעך און אַ וואַסער-טורעם, אויך פֿון ציגל, נאָר שוין זייער אַן אַלטער. און בלויז די סאַרטירן הינטער די הויפֿן זײַנען געפֿאַרבט אין ווײַסן. מיט קאַלך. דאָס שטעטל איז ווײַזט אויס, ניט קיין גרויס, נאָר ווי אַלע ניט גרויסע סטאַרעט עס זיך אופֿהייבן אַף די שפּיץ פֿינגער, קעדיי צו אויסזען העכער. צוליב דעם זײַנען אַף די ציגלנע פֿונדאַמענטן ארופֿגעקראָכן הילצערנע שטאָקן. אין צענטער פֿונעם שטעטל — די געבײַדעס פֿון דער שול און פֿונעם ראַיסאָוועט. דאָס קאָן מען גלײַך באַשטימען. דער ראַיסאָוועט איז אַ געלער, מיט טונקעלע פֿלעקן אַף די ערטער, ווו עס זײַנען געהאַנגען לאָזונגען. די שול איז אַ רויטע, פֿון ציגל, מיט צעפֿראַלטע פֿענצטער, נאָר אָן גלאָז.

וואָס איז איצטער אין געוועזענעם ראַיסאָוועט, אין דער שול? די געבײַדע פֿון דער שול איז ארומגעצוימט מיט שטעכלדראָט. איין ריי, הינטער איר — אַ צווייטע ריי. אָן אויסגעקרימט טורעמל פֿאַר די וועכטער, ענלעך אַף די אַמאָליקע זאַפּאָראָזשיער וואַך-טורעמס. נאָר אַף אָט דעם טורעמל שטייען ניט קיין זאַפּאָראָזשצעס — טונקעלע פֿיגורלעך פֿון דײַטשישע סאָלדאַטן, און אַליין די זאַפּאָראָזשצעס שלעפּן זיך דורך די טויערן, וועלכע זײַנען געמאַכט פֿון שטעכלדראָט אַף דרענגלעך. די דאָזיקע טויערן עפֿנט און פֿאַרמאַכט אַ וועכטער, וועלכער שטייט פּאַרטײַעט אונטער אַ הילצערנעם דאַשעך.

מיר זײַנען שיר ניט אָנגעפֿלויגן אַף אַ קאָלאָנע, און מײַן דײַטש האָט האַסטיק אַ דריי געטאָן דעם רול, אויסגיסנדיק אַף זיי אַ גאַנצן צעבער „פֿאַרפֿליוכטעס". די קאָלאָנע שטעלט זיך אָפּ און ציט זיך דערנאָך ווײַטער אַוועק איבערן ברוק. קאָלזמאַן דער מאָטאָציקליסט קערעוועט זיך אויס אָפֿן פּלאַץ, קוק איך אַף דער קאָלאָנע און באַמערק, אַז אַ קאָנוואָי פֿירט דרײַ מענטשן אין צעשפּיליעטע גימנאַסטיאָרקעס. זיי קערעווען זיך אויס אין אַ זײַט, נעמען אַ פֿאַרזשאַווערטע טאַטשקע און גייען אַוועק, ניט אומקוקנדיק זיך אַף צוריק, אַף דער וואַך, אַף יענע, ווער ס'איז געבליבן הינטערן דראָט, אַף אונדז מיטן מאָטאָציקליסט, וועלכער שטעלט זיך אָפּ בײַם ראַיסאָוועט.

די געבײַדע, אין וועלכער מע האָט מיך ארײַנגעפֿירט, האָט זיך ארויסגעוויזן ניט פֿאַר אַ ראַיסאָוועט, נאָר פֿאַר אַ שפּאָרקאַסע. פֿאַרוואָס האָבן די מענטשן מיט זילבערנע שעלעכלעך אַף דער ברוסט — די פֿעלד-זשאַנדאַרמעריע — אויסגעקליבן גראָד אָט די געבײַדע, איז מיר געוואָרן קלאָר שפּעטער: דאָ זײַנען פֿאַראַן אַ סאַך קעלערס, האַלב-קעלערס, קעמערלעך. ס'קאָן זײַן, אַז פֿאַר דער רעוואָליוציע האָט דאָ געלעבט אַ סויכער, ווען עס זײַנען נייטיק געווען די דאָזיקע קעמערלעך און קעלערס. אַמאָל האָט מען אין דאָזיקן הויז געהאַלטן סכוירעס, געלט, איצטער האַלט מען דאָ מענטשן. די דײַטשן מיט די אָוואַלע שעלעכלעך, ענלעכע אַף טאַצן אָדער שווענקמעסטלעך, האָבן געהאַט דעם אויסזען פֿון דאָקטוירים, וועלכע שלעפּן ארײַן אין די קאַבינעטן מענטשן און רײַסן פֿון זיי ארויס געזונטע ציין. מיר האָט זיך אַפֿילע אויסגעדוכט, אַז איך הער דעם מעטאַלישן געקלאַנג פֿון ציין, וועלכע פֿאַלן איינער נאָכן אַנדערן אַף די טאַצן. פֿון די צימערן מיט פֿאַרמאַכטע טירן אַף ביידע זײַטן פֿונעם לאַנגן קאָרידאָר האָט זיך געהערט אַ קנאַקערײַ פֿון שרײַבמאַשינקעס. אַ שפּאָרקאַסע, אַ האַנדלס-הויז — אַ זאַכלעכע אַטמאָספֿער, אײַלנדיקע מענטשן איבערן קאָ-

רידאַר. ווי ניט ענלעך איז דאָס אַלץ אפן גרויען סטעפּ און אַף אַלץ, וואָס עס איז געווען בא מיר און מיט מיר פריִער...

קוידעמקאָל דאַרף מען פאַרגעסן וועגן דעם, אַז דו האָסט עפּעס געטאָן בא די דייַטשן: די פליטע פון דעם מיליטערישן טייל איז שוין א געגנגנדיקע סיבע, מע זאָל דיך דערשיסן. דערנאָך ריכטער — דאָס איז אויך קלאָר. קאַלקע וועט, פאַרשטייט זיך, ניט אויספּלאַפּלען, וויכטיקער איז אָפּריידן מיט זיך אַליין: ניט אַרויספּלאַפּלען עפּעס! אָבער פריִער פון אַלץ דאַרף מען זיך נעמען אין די הענט. איך זיץ אין קאָרידאָר אַף א באנק, הינטער א טיר און קלער.

...מייַן באָבע פון טאטנס צאַד פלעג זאָגן, אַז דער זיידע האָט ליב געהאַט צו באַאַבאכטן און אַרומטראכטן אַלץ, וואָס ער האָט געזען. ביכלאַל האָט ער געהאַלטן, אַז באַאַבאכטן און אַרומקלערן איז דער איקער אין א באַליביקער פּראָפעסיע. א צוגעבונדעכער צו זייַן פאַריקמאכערישן פּאָטעל און וואַשבעקן פון עמעסן מאַרמאָר, האָט ער געאַרבעט ניט אַזוי מיט די הענט, ווי מיטן מויעך. ער האָט זיך אויסגעלערנט צו שערן קימאַט בלינדערהייט, קעדיי ניט אָפּרייַסן די אויגן פון דער גאַס. שטענדיק פלעג ער באַמערקן עפּעס אינטערעסאַנטס. ער האָט געקאָנט, לעמאָשל, פּינקטלעך באַשטימען, ווער נעמלעך איז געקומען צו פאָרן אַף דער צוגעבונדענער אפן פלאַץ קאָבילע, וואָס האָט יענער געבראַכט, וועלכע פּראָדוקטן, וויפל — און אַזויאַרום באַשטימען די פּרייַזן אפן מאַרק. און דאָס אַלץ — ניט אָפּרייַסנדיק זיך פונעם פּאָטעל. אַוואַדע וואָלט עפּשער בעסער געווען צוגיין און זיך דערוויסן, וויפל קאָסטן אפן מאַרק אייער און הינער, נאָר דעמלט וועט די באָבע, וועלכע אינטערעסירט זיך גראָד דערמיט, אָנרופן דעם זיידן — לײדיקגייער. און שיקן די באָבע אפן מאַרק — ווער זשע וועט שפּירן נאָך דעם, אַז ער, מאַרקושע, זאָל אַרבעטן? דערצו נאָך האָט די באָבע ניט ליב געהאַט צו גיין אפן מאַרק. זי האָט געקאָנט צאָלן אין דרייַ מאָל טייַערער, אַבי מע זאָל איר אַרייַנברענגען אין שטוב — זי האָט ניט געוואָלט זיך אָפּרייַסן פון אירע ביכלעך און מאכשאָווע. קורץ געזאָגט, ביידע האָבן זיי ליב געהאַט אַרבעטן מיטן קאָפּ. ניט אומזיסט דאָך, ווען פאַר דער רעוואָליוציע זייַנען געקומען נאָכן טאטן זשאַנדאַרמען, האָט דער זיידע זייער לאַנג געדרייט אין טיר דעם שליסל, זיך געפּאָרעט מיט די קייטלעך און מיט די ריגלעך — ער האָט געקלערט! און דערנאָך פלעג ער אַף זיי אַרויסלאָזן די באָבע, וועלכע האָט געקענט אַרייַנזאָגן אַזוינס... יאָ, אַזוינס, וואָס די גאַנצע מישפּאָכע פלעג דערנאָך לאַכן אין מעשעך פון לאַנגע יאָרן. זי האָט געזאָגט די זשאַנדאַרמען: „ער האָט איבערגעגעבן, אַז ער איז ניטאָ אינדערהיים!" — אַזוי האָט זי געזאָגט וועגן איר זון, מייַן טאטן. א באַליביקער נאַר, אַפילע א זשאַנדאַרם, האָט פאַרשטאַנען, אַז די באָבע האָט געזאָגט א נאַרישקייַט. נאָר דאָס סאַמע לעכערלעכע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די זשאַנדאַרמען זייַנען אַוועק מיט גאָרניט: דער טאטע, קאַלזמאַן דער זיידע מיט דער באָבען האָבן אויסגעשפּילט די קאָמעדיע, איז אַנטרונען געוואָרן דורך דער פאָרטקע אין דער קלאַדאָווקע. דעם זיידן האָט מען, פאַרשטייט זיך, אַוועקגעפירט, אָבער גלייַך אָפּגעלאָזט: וואָס וואָלט מען פון אים געקאָנט נעמען?

די דייַטשן וואָלטן, פאַרשטייט זיך, ניט מויכל געווען אַזאַ שפּאַס — זיי וואָלטן אַלעמען דערשאָסן. שוין דעם טאטן, ווען ער איז געוואָרן ניט גלאַט א יונגערמאַן מיט קראַמאָלע אידייען, נאָר א פּראָפעסיאָנעלער רעוואָליוציאָנער, איז אויסגעקומען שווערער — די וועלט איז געוואָרן אַלץ האַרבער פון דאָר צו דאָר.

כ'האָב געטראַכט וועגן מייַן זיידן און מייַן באָבען, און דער מויעך איז צעשפּאָלטן געוואָרן פון איין געדאַנק: וואָס וועט זייַן, אויב קאַלקע וועט זאָגן עפּעס ניט אַזוי, ווי איך? וואָלטן מיר געווען אַזעלכע כאַכאָמים, ווי אין די ביכער, וועלכע מיר האָבן געלייענט פאַר דער מילכאָמע, וואָלטן מיר זיך צונויפגערעדט וועגן אַלץ. אָבער גערעדט האָבן מיר וועגן וואָס איר ווילט, נאָר ניט וועגן דער לאַגע, אין וועלכער מיר וועלן אַרייַנפאַלן.

כ'בין געזעסן הינטער דער טיר, וווהין מע האָט מיך געדאַרפט אַרייַנפירן, און זיך דערמאָנט אין עפּעס נאַרישקייַטן. נאַרישקייַטן?.. איך בין געזעסן אַף דער באנק און זיך אַליין געוואָלט איבערצייַגן, אַז גאָרנישט, טאַקע גאָרנישט איז נעכטן ניט געווען אין סטעפּ. ס'איז ניט געווען קיין שום ריכטער, און קיין שום שעוורע (סאָפקאָסאָף האָבן זיי דאָך דערהאַרגעט אונדזערן א מענטשן, און מיר האָבן געהאַט דאָס רעכט צו האַרגענען!), און איך בין איינס פון די יִינגלעך, וועמען די מאַמע האָט געשיקט מיטן כאַווער אויסצובייַטן עפּעס אין דאָרף. און אָט זייַנען מיר דאָ... פּאַשעט אַזוי... אין דעם דאַרף מען זיי איבערצייַגן. נאָר פריִער — זיך אַליין!..

כ׳האָב זיך אָבער ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, וויאַזוי וועט קאַלקע דערקלערן די דײַטשן, פֿונוואַנען האָט זיך בײַ אים גענומען דער אויטאָמאַט. אויסגעביטן אויף אַ „מאַרקיזעטענעם העמד״! נאַריש? נאָר וואָס זשע אַנדערש קאָן מען צוטראַכטן? און אינמיטן טראַכטן האָט מען מיך אַרײַנגערופֿן אין קאַבינעט...

4

כ׳האָב ניט פֿאַרגעדענקט, וואָס עס האָט געזאָגט דער דײַטש, ווען מע האָט מיך צוגעשטופּט צו אים, ניט געזען, ווי ער זעט אויס אינגאַנצן, און ניט פֿאַרשטאַנען, ווער ער איז און וואָס ער איז. איך בין געווען אַזאַ אײַנגעהויקערטער, אַזאַ קלײנינקער, אַז כ׳האָב באַמערקט בלויז ריזיקע מאַקעטן פֿון די אַרבל, וועלכע זײַנען פֿאַר אים צו ברייט, די פּרעספּאַפּיע, וואָס האָט זיך געהוידעט אויפֿן פּעלד פֿונעם שרײַבטיש, און האָר אין די שוואַרצע נאָזלעכער פֿון דער האָרבאַטער נאָז. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די זומער־שפּרענקלעך אויף זײַן נאָז זײַנען שפּורן פֿון די פֿאַרהערטע, וועלכע ער האָט געפּיקט מיט זײַן רויבערישער נאָז, ווי אַ פֿויגל, הוידענדיק זיך, ווי ס׳האָט זיך געהוידעט די פּרעספּאַפּיע. ער האָט זיך אָנגעצילט אין מיר, עפּעס אַ זאָג געטאָן, דערנאָך אויף אַ רעגע פֿאַרגליווערט געוואָרן און נאָכאַמאָל זיך אַ הוידע געטאָן. ווײַזט אויס, ווען ער האָט זיך געצילט, האָט ער געפֿרעגט, און ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט — געוואַרט אויף אַן ענטפֿער, און ניט דערוואַרטנדיק זיך, ווידעראַמאָל געלאָזט אין גאַנג זײַן נאָז. מיט מיר זשע איז געווען, ווי דעמלט, אונטערן וואַסער פֿון דער סאַזשלקע, אין וועלכער מיר האָבן זיך באַהאַלטן מיט קאַלקען פֿון די אַעראָפּלאַנען — די אויערן זײַנען געווען פֿאַרלייגט, די ליפּן — פֿאַרקלעפּט. כ׳האָב געקאָנט אַן אַ שיר צוקוקן מיט די אַקסלען און זיך דערמאָנען, וועגן וואָס מיר האָבן אָפּגערעדט מיט קאַלקען. נאָר עפּעס־וואָס זאָגן בין איך ניט געווען בעקויעך. אין קאָפּ האָט זיך געדרייט בלויז איין פֿראַזע: „ער האָט געזאָגט, אַז ער איז ניטאָ אינדערהיים...״

דער דײַטש האָט געקוקט אויף מיר מיט באַדויערונג — צי ניט דאָס האָב איך געוואָלט, ווען כ׳האָב געצוקט מיט די אַקסלען אויף דער באַנק? יאָ, בײַ מיר איז ניט געווען קיין פֿאַרלאַנג זיך אַרײַנצוררײַסן אין קאַבינעט און מיט שטאָלץ דערציילן אַלץ, וואָס מיט אונדז האָט פּאַסירט, — מיט מיר און מיט קאַלקען. כאָטשבי דערפֿאַר, וואָס די זאַך האָט געהאַט אַ שײַכעס ניט בלויז צו מיר, נאָר אויך צו אַנדערע. צו קאַלקען און צו מײַן פֿאָטער, צו דער באָבען און צו דעם זיידן, וועלכע זײַנען געצווונגען צוזאַמען מיט מיר דערוויזן זייער אַליבי. ניט אינעם איניען וועגן דעם מאָרד פֿון דעם דײַטשישן סאָלדאַט, נאָר בכלל! איך ענטפֿער איצט פֿאַר אַלעמען: זיי, דער זיידע און דער טאַטע, די באָבע האָבן מיר געגעבן דאָס לעבן און איך דאַרף עס פֿאַרטיידיקן. צו דער מאַמען האָט עס ניט קיין שײַכעס, האָגאַם נעמלעך וועגן איר דערצייל איך דעם דײַטש — דאָס האָט זי, די מאַמע, מיך געשיקט אין דאָרף, אין איר דאָרף (דאָס שטרײַך איך אונטער: די מאַמע, הייסט עס, איז פֿון אַ דאָרף...), כ׳בין געגאַנגען עפּעס אויסבײַטן — וואָס זאָל מען טאָן, מע דאַרף דאָך עסן! איך מיש איבער רוסישע ווערטער מיט דײַטשישע און טו דאָס גאַנץ קונציק. איז אָט, דערצייל איך, ווען מיר מיט קאַלקען... נאָך איין שטריך, וואָס באַשטעטיקט די וואָרהאַפּטיקייט פֿון מײַן דערציילונג — קאַלקע! די דײַטשן ווייסן סײַוויסײַ, אַז איך בין געווען מיט אים דאָרט, אין דאָרף. איך שטאַמל דאָס מיט וואָרהאַפּטיקע אויגן און מיט פּראָטים. איך דערמאָן זיך, וויאַזוי עס האָט מיר דערציילט די מאַמע. מיך האָט זי קיינמאָל ניט געשיקט אויף אויסבײַטן: מיט מײַן אויסזען?.. און אָט שמועס איך אין אַזאַ אויסזען מיטן דײַטש!

דער דײַטש האָט געקוקט ניט אויף מיר, נאָר אין די פּאַפּירן, איבער וועלכע ער האָט געפֿירט מיט דער פֿען. ווײַזט אויס, ער פֿאַרשרײַבט מײַנע באַווײַזן. און אַזוי ווי ער האָט אויף מיר ניט געקוקט, האָב איך געקאָנט באַטראַכטן זײַן שמאָלע פּלייצע, זײַנע הינטישע אויערן. ער וועט בײַ מיר טאַקע אַזוי הייסן: „הינטישע אויערן״. אויפֿן אַקסל הינטערן אויער — אַ זילבערנער געפֿלאָכטענער פּאָגאָן: מײַן דײַטש איז מיט אַ טשין. זײַנע אויגן זע איך ניט — זיי זײַנען אַראָפּגעלאָזט. ער שאָקלט מיטן קאָפּ אין טאַקט פֿון מײַן דערציילונג וועגן דעם, וויאַזוי מע האָט אונדז פֿאַרהאַלטן אין דאָרף... שוין אַן דאָקומענטן! (אַזאַ אַבסורד — „דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער איז ניטאָ אינדערהיים!״), אָבער מע דאַרף דאָך מיט עפּעס דערקלערן, פֿאַרוואָס איך האָב ניט קיין „אויסווײַס״, קיין פּאַספּאָרט. איך ווייס, אַוודאי ווייס איך, אַז ער גלייבט מיר ניט, נאָר ער הערט מיך אויס, שלאָגט ניט איבער.

ניין, ער אײַלט זיך ניט מיך דעמאַסקירן. ער מוטליקעט אַ מעלאָדיע און פֿרעגט מיך, פֿונוואַנען זי איז. דערנאָך אַנדערע מעלאָדיעס — און דאָס זעלבע: פֿונוואַנען זײַנען זיי?

איך קאָן, פֿאַרשטייט זיך, ניט זאָגן: נאָ דיר גאָר אינמיטנדערינען מוזיק! און דעמלט נעמט ער זיפֿצן: אומגליקלעכע קינדער — זיי זײַנען אַזעלכע באַגרענעצטע. ניט קיין מוזיק, ניט קיין ביכער — גאָרנישט!... און ער הייבט מיר אָן דערציילן, וויאַזוי פֿאַר דער מילכאָמע האָבן די קינדער אין זײַן היימלאַנד, אין דײַטשלאַנד, געהאַט גרויס פֿאַרגעניגן פֿון „פּיפּען־טעאַטער", אין וועלכן ס'האָט געשפּילט די שענסטע ראָל זײַן באַליבטער קאַספּערעק — אַ שאָד, וואָס איך ווייס ניט, ווער עס איז קאַספּערעק, אויך האַנסוווּרסטן קען איך ניט. אַ שאָד, אַ שאָד. אין זײַן דײַטשלאַנד פֿלעגט מען ערעוו נײַ־יאָר אין אַלע מאַגאַזינען באַווײַזן ליאַלקעס.

ער — דעמלט נאָך אַ קליין ייִנגעלע — איז געפֿאָרן אויף אַ באַוועגלעכן לייטער (האָב איך ווען־ניט־איז געזען אַ באַוועגלעכן לייטער?) און פֿון אויבן געשפּירט, ווי עס באַוועגן זיך די ליאַלקעס. פֿאַרשיידענע, קאָלירטע. פּרעכטיק־שיינע! זיי האָבן זיך באַוועגט איבער ספּעציעלע רעלסן — וועגן דעם האָט ער זיך דערוווּסט אַ סאַך שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער, און ס'איז, פֿאַרשטייט זיך, אַ שאָד, וואָס ער קאָן ניט פֿאָרן אַצינד אויף נײַ־יאָר אין בערלינער מאַגאַזין, ווײַל ער טאָפּטשעט זיך אָט דאָ, אין אָט דעם לאַנד, ווו קינדער האָבן ניט געזען קיין מאַגאַזינען מיט באַוועגלעכע לייטערס און ליאַלקעס.

— און נאָך האָט מען בײַ אונדז אַרויסגעגעבן ביכלעך פֿאַר קינדער, — זעצט ער פֿאָר, מײַן דײַטש. — זייער שיינע. און נוצלעכע. אַזעלכע קליינע אַלבאָמעלעך.

ער רופֿט מיך צו צום טיש, און איך גיי, און איך ווייס ניט, וואָס עס וועט זײַן ווײַטער: ער וועט מיך אַ כאַפּ טאָן, אויסברעכן די הענט, אַ זעץ טאָן מיטן הענטל אין אויג? נאָר דער דײַטש טשעפּעט מיך ניט, ער באַווײַזט בלעטלעך פּאַפּיר, וועלכע ער אַליין האָט באַמאָלט מיט געמעלן. איצטער נעמט ער צונויף אָט די בלעטלעך אין אַן אַלבאָמעלע. אויף די בלעטלעך זײַנען אָנגעמאָלט שוואָמען. געוויינלעכע שוואָמען. און דער דײַטש דערקלערט מיר, אַז אין דײַטשלאַנד ווערט אַלץ געטאָן מיט אַ נוץ: אין שאַכטעלעך פֿון שוועבעלעך לייגט מען אַרײַן בילדלעך פֿון אויטאָמאָבילן פֿון פֿאַרשיידענע מאָדעלן, און ווער עס קלײַבט זיי, דערלערנט דערבײַ די טעכניק. פֿאַר אַ פֿולער זאַמלונג גיט מען אַפֿילו אַ פּרעמיע. און אויך אָט די שוואָמען: אינעם אַלבאָמעלע איז אָנגעוויזן, וואָסערע שוואָמען זײַנען נוצלעכע און וועלכע — שעדלעכע, גיפֿטיקע.

איך באַטראַכט די ניט זייער געלונגענע געמעלן — אין אָט דער זאַך קלײַב איך זיך פֿאַנאַנדער, כ'האָב באַזוכט די איזאָסטודיע בײַ אונדזער פּיאָנערן־פּאַלאַץ, — נאָר איך קאָן ניט פֿאַרשטיין, צוליב וואָס ער דערציילט עס מיר און באַווײַזט אַ שוואָם נאָך אַ שוואָם.

— פֿאַרשטיין?

און פּלוצעם זע איך, אַז די געמעלן זײַנען שוין ניט אַזוי שלעכט געמאַכט: אויב זיך אײַנקוקן, איז בײַ אָט יענעם שוואָם דער איקער ניט דאָס היטל, נאָר די נאָז. אַן אויסגעצויגענע, האָרבאַטע, פֿון אַ קאָמפּליצירטער קאָנפֿיגוראַציע. ער זעט אויס, ווי אַ קאַריקאַטור אויף דער נאָז פֿון מײַן דײַטש, און איך ווער צעמישט: וואָס איז עס, אויטאָשאַרזשן? נאָר דער דײַטש הייבט אויף די אויגן — איך זע זיי צום ערשטן מאָל: שאַרפֿע, שטעכיקע, אָן קיין סימען פֿון אַ שמייכל, און זאָגט:

— פֿאַרשטיין? מיט אַזאַ נאָז האָבן מיר געוואָרנט אונדזערע קינדער, אַז ס'איז פֿאַראַן זייער אַ שעדלעכער שוואָם. פֿילײַכט, איז ער ענלעך אויף אַן עכטן דײַטש, צום בײַשפּיל, מײַן נאָז, אָבער דאָס איז אַ גיפֿטיקער, אַ מיִעסער שוואָם. פֿאַרשטיין?

און דאָ הייב איך אָן צו פֿאַרשטיין, צוליב וואָס עס איז אָט דער גאַנצער ספּעקטאַקל, ווו ליאַלקעס — דאָס הייסט, איך — גייען איבער באַצײַטנס דורכגעלייגטע רעלסן. און וויאַזוי אין זײַן באַליבטן בערלינער מאַגאַזין זעען ניט די קינדער אָט די רעלסן, ביז זיי שטויסן זיך ניט אָן אויף זיי מיט דער נאָז. צום בײַשפּיל, מיט מײַן נאָז!

עס פֿאַלט אײַן אין מיר די נעשאָמע: מײַנע נאַיִווע כיטרעקײַטן זײַנען אומזיסט און אומניסט, אָט דער אינטעליגענט מאַכט בלויז אַן אָנשטעל, אַז ער פֿרעגט מיך אויס וועגן עפּעס. מײַן ייִדישע נאָז האָט ער געמאָלט נאָך אין דײַטשלאַנד, און עס פֿאַרשאַפֿט אים פֿאַרגעניגן צו האַלטן מיך אין אומרו, וואַרטן אויף עפּעס אַ נעס. מע קאָן זיך פֿאָרשטעלן, וויאַזוי דער דאָזיקער טיפּ וועט נעמען הערן מײַן נאַרישע פּלאַפּלערײַ און דערנאָך אָפּשטעמפּלען זײַן אורטייל. דער דײַטש אָבער, בליצנדיק מיט זײַנע שטעכיקע אויגן, גייט שוין אַריבער צום טאָך פֿונעם איניען, ווי אַלע ריידערײַען און געמעלעכלעך זײַנען געווען אַזוי זיך, אַ פֿאַרווײַלונג און אָפּרו פֿון דער אַרבעט:

— גיי אין קאַמער און קום מאָרגן מיט אַן אַנדערן ראָמאַן (דערבײַ קוועטשט ער אָן אויף קאָמעץ־אַלעף). אַ שלעכטן ראָמאַן האָסטו צוגעטראַכט!

און דאָס איז אַלץ, איך קאָן גיין. ביז מאָרגן, ווען כ׳וועל דאַרפֿן ברענגען אַן אַנדערן ראָמאַן. שוין ניט וועגן דעם דאַרף, וועגן דעם, ווי די מאַמע האָט מיך געשיקט ביַיטן...

איך גיי צו דער טיר און כ׳האָב אַלץ מורא, אַז די מאָגערע הענט אין די ברייטע אַרבל וועלן דערלאַנגען צו מיַין נאָז. נאָר דער אונטער-אַפּיצער, וועלכער קומט אַריַין נאָך מיר, לאָזט מיך לאַנג ניט קלערן — ער טוט אַ זעץ איבער מיַין נאַקן, און איך פֿאַל שיִער ניט אויף דער שוועל. און פֿון הינטן דערהערט זיך אַ שטיל צערטלעך קול:

— אָ, מע דאַרף ניט!

דאָס זאָגט „מיַין דיַיטש" אויף רוסיש, איך זאָל פֿאַרשטיין...

די האַרטע בהעטער פֿון דער נאַרע לאָזן ניט גליַיך אַנשלאָפֿן ווערן. און בכלל, ווי קאָן מען אַנשלאָפֿן ווערן נאָך אַזאַ קאָמעדיע. נאָר די ביינער ברעכן, עס ברעכט דער גאַנצער קערפּער. פֿאַרוואָס? מע האָט מיך דאָך נאָך ניט געשלאָגן. און ווו איז איצטער מיַין קאַלקע? עפּשער אויך בא אָט דעם דיַיטש, וועלכער וועט מאַלן שוואַמען און דערנאָך זאָגן, אַז אַלע אונדזערע באַוויַיזן זיַינען אַ ראָמאַן, מיטן קוועטש אויפֿן קאָמעץ-אַלף, און וועט נעמען קאַלקען פֿאַר אַן אײדעס, אַז זיַין פֿריַינט איז אַ „יודע"? פֿון אָט דעם אינטעליגענט קאָן מען אויף אַלץ זיך ריכטן...

...דער דיַיטש מיט זיַין ריזיקער נאָז צילט זיך אין מיר, קעדיי אַ פּיק טאָן... און פּיקט... וויַיל איך כאַפּ זיך בא יענעם אָרט, וווּ דעם קערפּער האָט דורכגעשניטן אַ ווייטיק... ער טוט אַ פּיק — און ליגט גליַיך צו דאָס לעשפּאַפּיר... און די גאַנצע פֿיזיאָנאָמיע זיַינע איז אין זומער-שפּרענקלעך, וויַיל דאָס זיַינען שפּורן פֿון צעפּיקטע קינדער, וועלכע ער האָט זייער ליב און לערנט זאָגן דעם עמעס.

...איך ווייס, אַז מע דאַרף זאָגן דעם עמעס, אויסשליסלעך דעם עמעס, און ווען מע רופֿט מיך אַרויס צום דירעקטאָר, צו מאַריַע לוואָוונען, גרייט איך זיך צו זאָגן אַזוי, ווי ס׳איז געווען. מאַריַע לוואָוונע איז אַן אַלטע באָלשעוויטשקע, אַ פּאָליט-קאַטאָרזשאַנקע, און זי קאָן אונדז ניט מוֹיכל זיַין, וואָס אין טאָג פֿונעם פּראָלעטאַרישן יאָמטעוו פֿון דער פּאַריזשער קאָמונע האָבן מיר זיך צונויפֿגעזאַמלט אויף אָפּצומערקן טאַמאַרע אָרדאַנסקעס געבורטסטאָג.

— ווי קאָן מען דערלאָזן אַזאַ פֿאַרשוועכונג?

איך וואָלט, פֿאַרשטייט זיך, געקאָנט ענטפֿערן, אַז אויף טאַמאַרעס געבורטסטאָג האָבן מיר דערמאָנט אויך די פּאַריזשער קאָמונע. אָפּגעמערקט, אַזוי צו זאָגן. אָבער איך זאָג עס ניט, וויַיל מאַריַע לוואָוונע וועט ניט דערלויבן צונויפֿמישן איינס מיטן אַנדערן.

— ווי קאָן מען דערלאָזן אַפֿילע אַזאַ געדאַנק?

וואָס זאָל איך ענטפֿערן? אַז פֿאַר מיר איז געווען אַ קאָוועד צו גיין אויף טאַמאַרעס געבורטסטאָג — דאָס ערשטע מאָל, ווען אַזאַ שמענדריק, ווי איך, רופֿט מען צוגאַסט קימאַט אויף אַ סימכע פֿון דערוואַקסענע! און וויִאַזוי וואָלט איך געקאָנט זיך אָפּזאָגן, אַז מיר איז שוין טשיקאַווע צו זיַין אין אַ קאָמפּאַניע פֿון ייִנגלעך און מיידלעך, וועלכע פֿירן אויף אַזעלכע סימכעס געשפּרעכן ניט בלויז וועגן די אויסגעכאַזערטע לימודים. און אויסער דעם, קוקט אָט די טאַמאַרע, כאָטש ניט קיין שיינע, נאָר שוין מיט אַן אויסגעפּאַרמירטער מיידלשער פֿיגור, — זי קוקט אויף מיר אַזוי, ווי קיין איין מיידעלע האָט נאָך אויף מיר ניט געקוקט. בא איר זיַינען גליַענדיקע זעמדעלעך אין די געלע אויגן, און זיי צעשיטן זיך פֿאָשעט, ווען זי קוקט אויף מיר. און איך ווער ווי צוגעקלעפּט צו אירע האָניקדיקע אויגן. דאַכט זיך, אַז אָט וועט זי איצט אוועקלייגן אירע לאַנגע הענט מיר אויף די אַקסלען און זיי, אירע הענט, וועלן זיך אַרויסגליטשן פֿון די קורצע אַרבל, וועלכע שורשען אַזוי געהיימניספֿול און זיס...

— אָ, מע דאַרף ניט!

כ׳וואָלט געוואָלט דערציילן דעם דיַיטש, וועלכער האָט אַזוי ליב מוזיק, וויִאַזוי טאַמאַרע האָט געשפּילט פּיאַנע און מיר אַלע האָבן גערעדט, אַז די טאַקטן פֿון בעטהאָווענס העראָיִשער סימפֿאָניע, די באַרימטע „טאַ-טאַ-טאַ-טאַ", זיַינען געווען ווי אַ פֿאָרגעפֿיל פֿונעם געבורט פֿון אונדזער מעלוכע: „עס-עס-עס-ער!". מיר האָבן גערעדט וועגן דעם גאַנץ ערנסט, אָבער דערציילן מאַריַע לוואָוונען? גאָט באַהיט!

— ווי קאָן מען אַזוינס?..

וויַיל בעטהאָווען איז אַ דיַיטש? ניין, דעמאָלט איז נאָך ניט געווען אָט דער פֿויגל — דער דיַיטש, וועלכער פּיקט ביז ווייטיק. טאַ-טאַ-טאַ-טאַ! בעטהאָווענען דערלויבט מאַריַע לוואָוונע, ער וואָלט געווען מיט אונדז, אָבער אָט:

— ווער ס׳איז ניט מיט אונדז, דער איז קעגן אונדז!

דאָס איז מאַריַע לוואָוונעס באַליבטער אויסדרוק, וועלכער גיט איבער איר גיַיסט, וואָס קיין שום קאַטאָרגע האָט אים ניט געקאָנט פֿון איר אַרויסשלאָגן.

— וויאַזוי זשע זײַט איר צו אַזױנס דערגאַנגען!

איך וויל דערקלערן מאַריִע לוואָוונע, אַז אויך מײַן גײַסט איז ניט אַזאַ פּאַשעטער. ביט אומזיסט האָט מען מיך אָנגערופֿן וואָלאָדקע — וואָלאָדלען, דאָס הייסט וולאַדימיר איליטש לעניִן. און מײַן שוועסטערקינד רופֿט מען דיִאַמאַר — דיִאַלעקטישער מאַטעריִאַליזם, און דעם ייִנגערן ברודער — וואַנצעטיק, לעקאָוועד סאַקאָ און וואַנצעטי, וואָס די נעמען זייערע זעט מען אויף אַלע בלײַערס.

נאָר טאַמאַרע כאַפּט מיך אַרום פֿאַרן האַלדז מיט אירע הייסע הענט און לאָזט מיך ניט לויפֿן נאָך מאַריִע לוואָוונען, קעדיי איר צו דערקלערן, אַז פֿאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור בין איך גרייט אָפּצוגעבן דאָס גאַנצע בלוט מײַנס ביז דעם לעצטן טראָפּן. איך פֿאַרשטיי שוין ניט אַליין, וויאַזוי האָט מען געקאָנט גיין אויף אָט דער וועטשערינקע. איך בין זיך מוידע, אַז כ׳בין שטאַרק שולדיק: מײַן פֿאָטער האָט דאָך אויך, ווי מאַריִע לוואָוונע, געקעמפֿט פֿאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, ער האָט געוואָגלט פֿון טורמע צו טורמע, פֿון דער צאַרישער קאַטאָרגע ביז דער פּעטלוריִשער געפֿענקעניש. איך ער וואָלט פֿאַרורטיילט מײַן אויפֿירונג. דאַנקען גאָט, וואָס ער איז שוין דעמלט ניט געווען לעבן מיר. אויך אים וואָלט איך דערקלערט, ווי נאָר כ׳וואָלט געקאָנט. ער וואָלט ניט געטופּעט מיט די פֿיס און ניט געשריִען: „וויאַזוי קאָן מען אַזױנס!”. ער וואָלט מיך פּאַשעט אויסגעזידלט און אויסגעלאַכט. דערוויסנדיק זיך, אַז כ׳האָב אָנגעהויבן רייכערן, האָט ער ניט געשריִען. ער האָט פּאַשעט אונדז געכאַפּט אין שאַלאַש, ווו מיר האָבן מיט די כעווריע זיך געמאַכט ציגאַרן פֿון טרוקענע בלעטער פֿון בוזינע, און האָט אונדז דערלאַנגט זײַן פּאַרטסיגאַר:

— ביטע, זײַט זיך מעכאַבעד, אויב איר האָט שוין אָנגעהויבן!

כ׳האָב זיך פֿאַרשעמט און געוואָרפֿן רייכערן.

...איצט שטעל איך זיך פֿאָר, וויאַזוי דער טאַטע קוקט אַרײַן אין שאַלאַש, ווו מיר מיט טאַמאַרען האָבן זיך געטראָפֿן גאַנץ צופֿעליק אין יענעם טאָג, ווען זי איז אַלט געוואָרן פֿופֿצן יאָר. נאָך דער וועטשערינקע איז זי געגאַנגען מיך באַגלייטן, און אָט זײַנען מיר ביידע פֿאַרגאַנגען אין דער כאַלאַבודע, וואָס מיר האָבן מיט די כעווריע אויסגעבויט פֿאַר אונדזערע אינדיִאַנישע און פּיראַטישע שפּילן. טאַמאַרע גייט אַרײַן אין שאַלאַש אײַנגעבויגן, ווײַל זי איז אַ היכוווקסיקע, און נייגט זיך אָן איבער מיר, רײַבט זיך מיט דער באַק אין מײַנע האָר, ווי עס וואָלט איר ניט געקלעקט קיין אָרט אינעם בײַדל. זי לאָזט זיך אַראָפּ אויף די שפּיץ פֿינגער — אויך, ווײַזט אויס, דערפֿאַר, וואָס איר איז דאָ ענג, און עס אַנטבלויזן זיך אירע קני. אין דער לעוואָניקער האַלבפֿינצטערניש זעט מען ניט די זומער־שפּרענקלעך אויף אירע קנעכל, די הויט איז אויף זיי אַ גלאַטינקע און קילבלעכע, ווי מאַרמאָר, כאָטש איך ריר זיך צו איר ניט אָן. איך האַלט די הענט הינטער דער פּלייצע, ווי מע וואָלט מיך געבונדן און מע פֿירט מיך צעשיסן. און דער צושטאַנד מײַנער איז טאַקע קימאַט דער זעלבער, ווי איך וואָלט געוואַרט אויף אַ צעשיסונג: טאַמאַרקעס קאָפּ לאָזט זיך אַראָפּ אויף איין פֿלאַך מיט מײַנע אויגן, און איך קאָן שוין מער ניט מאַכן קיין אָנשטעל, אַז איך זע ניט, וויאַזוי בעטנדיק האָבן זיך פֿאַריסן אירע ברעמען. מיר איז אַ ביזאָיען און שרעקלעך צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס וועט אָט־אָט געשען! איך קאָן זיך שוין ניט ראַטעווען, ניט אָפּטרעטן פֿון טאַמאַרקעס הענט מיט די געהיימניספֿולע פֿאַרטיפֿונגען פֿון אירע אָרעמס, פֿון איר הייסן קערפּער, וועלכער האָט זיך צוגעדריקט צו מיר... און אויב ס׳וועט פּלוצעם זיך באַווײַזן בײַ דער טיר פֿון אונדזער וויגוואַם מאַריִע לוואָוונעס צעשויבערטער קאָפּ, פֿון וועלכן עס פֿליִען שטענדיק אַרויס, ווי קוילן, די האַרנאָדלען, און ס׳וועט זײַן אַ ביזאָיען, אַ גרויסער ביזאָיען, ווײַל אונדזער דירעקטאָר, די געוועזענע קאַטאָרזשאַנקע, וועלכע האָט זיך ניט דערלויבט אָפּצווענדן פֿונעם קאַמף צוליב אַ פּערזענלעך לעבן, וועט זאָגן:

— וויאַזוי קאָן מען דאָס!..

אָבער כאַפּט זי דער וואַטנמאַכער, מאַריִע לוואָוונען, מיר איז אַ ביזאָיען איבער אַן אַנדער סיבע. מיר איז אַ ביזאָיען פֿאַר טאַמאַרקען, וואָס איך ווייס גאָרניט און פֿאַרשטיי גאָרניט... איך האָב צוגעפֿגעדריקט מײַנע קני, ווײַל... אָט וועט אַצינד... צו מיר צוקריכן... דער דײַטש!..

איך כאַפּ זיך אויף אין קאַלטן שוויס, מיר איז הייס, איך ווער דערשטיקט פֿון דער היץ. באַזונדערס דערפֿון, וואָס מײַנע קני האָבן ביז ווייטיק פֿאַרקלעמט די פֿינגער פֿון די הענט — איך וויל ניט, מע זאָל קריכן אין מײַנע הויזן, מיר איז עקלהאַפֿט אַפֿילע אַליין דער געדאַנק וועגן דעם, נאָר אין אַ באַליביקער מינוט קאָן אין מײַן קעמערל זיך יאַווען דער דײַטש מיט די זילבערנע פּאַגאָנעס און מיט קויעך נעמען פֿעסטשטעלן דעם עמעס, וועלכן מיר האָט

ביז אהער זיך אײַנגעגעבן צו אויסבאהאלטן, און איצטער איז א סאָפעק, צי ס׳וועט זיך באַקומען — אַט דער דײַטש וועט זיך צו אַלץ דערקלײַבן! אין די הויזן וועט ער ניט קריכן — אין דער נעשאָמע וועט ער אַרײַנקריכן. ווער בין איך אין פאַרגלײַך מיט אים? א נאַריש ייִנגל. איבערכיטרעווען אים וועט, אוואַדע זיך ניט אײַנגעבן...

5

קיינער טשעפּעט מיך ניט, שוין דעם צווייטן מעסלעס. דאָס איז גוט — כ׳האָב נאָך ניט באַוויזן זיך אויסצושלאָפן, זיך אָנוואַרעמען. דאַנקען נאָט, וואָס די זון בראָט, אַפילע אין מײַן קעלער וואַרעמט זיך א ביסל אונטער די לופט. פײַנלעך איז צו קוקן, ווי איבערן הויף גייען מענטשן. אַמאָל זעט זיך דורך דער לאָך, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר א שמאָלן טונעל צום פענצטער פון מײַן קעלער, עמעצנס א גימנאַסטיאָרקע — א צעשפּליטעט, אָן א פּאַסעק, דאָס איז, אַפּאָנעם, א געפאַנגענער. איך שפּיר לאַנג נאָך, וויאַזוי די גימנאַסטיאָרקע טוט זיך א הייב (ווי פון זיך אַליין: קיין הענט איז ניט צו זען) — דער מענטש וואַרעמט אַף דער זון דעם בויך. א טרעלבויך. א מאָגערער. אַן אײַנגעפאַלענער, ווײַזט אויס, אַזאַ מין ליידיקער, ווי מײַנער, דערפאַר אָבער א וואַרעמער — אַף דער זון. ווידעראַמאָל איז מיר ערגער, ווי אַלעמען. אין הויף האָט זיך באַוויזן א דריבנער שטויב — הייסט עס, אַז די זון טריקנט אויס די בלאָטע. בלויז בא מיר אין מײַנע קאַטאַקאָמבעס איז פײַכט און שימלדיק...

פאַרבײַ די צעעפנטע טויערן פונעם הויז, ווו איך געפין זיך, טרײַבט מען מענגעס מענטשן. דאָס זײַנען די געפאַנגענע פונעם לאַגער. זיי שלעפּן זיך קוים, שאַרקען מיט די פיס. וויפל זשע זײַנען זיי געווען אין צוויי-און-פערציקסטן!

דערנאָך שווימען דורך אַנדערע מענגעס, אַנגעטאָנענע א ביסל בעסער, נאָר אויך אין אָפּגעטראָגענע מאַלבושים — דאָס זײַנען איטאַליענער, וועלכע האָבן געמאַכט פּלייטע פונעם פראָנט. אָנגעוואָרפן אַף זיך קאָלערדיי קליידער, אַבי ס׳זאָל זײַן וואַרעמער, האָבן זיי געבעטלט איבער די הײַזער, ווי בא אונדז וואָלט געווען עפּעס צו עסן. נעבעכדיקע, מיט א קאַרקענדיקן לאַשן — און מיר האָבן דאָך געהאַלטן, אַז די איטאַליענער פאַרנעמען זיך נאָר מיט זינגען זייער „בעלקאַנטאָ״! — זיי זײַנען געווען זייער ניט צוגעפּאַסט צו די פראָסט, צו הונגערן.

דאָ איז געווען די אייגענע מײַסע: צוערשט האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער שטראָם פון די געפאַנגענע איז אומענדלעך, און ער וועט זיך ציִען אָן אַן עק און אָן א סאָף, דערנאָך האָב איך זיך פאַנאַנדערגעקליבן. לאָזט זיך אויס, אַז צווישן די געפאַנגענע געפינען זיך א סאַך מענטשן, אָנגעטאָן ציוויל, און אויך ייִנגלעך — אַזעלכע, ווי איך מיט קאַלקען. איינס פון די ייִנגלעך איז אַפילע ענלעך אַף מײַן קאַלקען... כ׳האָב גענומען זיך אײַנקוקן און דערזען: אין דער קאָלאָנע, שטענדיק בא א זײַט, שלעפּט זיך טאַקע מײַן קאַלקע. איינמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעהויבן דאָס פּאָנעם, און די זון האָט פאַרגאָסן אַלע פּאַרטיגונגען פון קאַלקעס פיזיאָנאָמיע: אונטערן שטערן, אונטער דער נאָז, אונטער די קינבאַקן. דאָס האַרץ איז בא מיר שיר ניט אַרויסגעשפּרונגען, און כ׳האָב שיר ניט אויסגעשריִען: „קאַלקע! קאַלקע! דאָס בין איך!״ נאָר עפּעס האָט פאַרדריקט דעם גאָרגל — מע טאָר דאָך ניט שרײַען: עפּשער ווייסן טאַקע ניט די דײַטשן וועגן דעם, וואָס עס איז געשען אַפן וועג! עך, ווען מע וואָלט געטריבן די קאָלאָנע עטוואָס נעענטער און איך וואָלט זיך געפונען א ביסל העכער און ניט אין קעלער מיטן פענצטערל, וואָס דערמאָנט א קליינינקן קינאָ-עקראַן, איבער וועלכן עס שוויבלען שאָטנס...

קאַלקע איז געגאַנגען פאַרבײַ מײַן פענצטער טאָג נאָך טאָג, און כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז די דײַטשן ווייסן לאַכלוטן ניט וועגן דעם, וואָס מיר האָבן מיט אים אופגעטאָן, אַנדערש וואָלט מײַן אויספאָרשער אונדז צונויפגעפירט פּאָנעם-על-פּאָנעם. אָבער ס׳איז פּאָרט געווען ער, מײַן קאַלקע. איינמאָל, ווען מײַן פרײַנטל האָט זיך נאָכאַמאָל אָפּגעשטעלט באַם טויער, האָט אים דעריאָגט א פּאָליצײַ — אין א דײַטשישער אוניפאָרם, אָבער אָן פּאָגאָנעס און מיט אַן אַרעמבאַנד אַף דער האַנט. אַט דער אויסוווּרף האָט אַזוי א שטויס געטאָן קאַלקען אין דער פּלייצע, אַז ער איז שיר ניט אומגעפאַלן. קאַלקע האָט גלײַך אָפּגעשטופּט דעם פּאָליצײַ מיטן הינטן — אַזאַ מעטאָד האָט ער געהאַט, קאַלקע, שוין פון לאַנג. דער פאַרשוין האָט זיך א כאַפּ געטאָן פאַרן בויך, נאָר גלײַך זיך אָנגעצונדן און געגעבן א זעץ קאַלקען מיטן שטיוול אין הינטן, און מײַן פרײַנט האָט זיך אַוועקגעשלעפּט ווײַטער, הינטער דעם טויער, און כ׳האָב אים שוין מער ניט געקאָנט זען.

איך האָב פאַרשטאַנען: אויב קאַלקע איז ניט בא די דײַטשן, נאָר מע יאָגט אים אף דער אַרבעט באַגלײַך מיט די געפאַנגענע, הײסט עס, אַז די דײַטשן ווײסן גאָרנישט — ניט וועגן אַפריקע, ניט וועגן ריכטערן און שעווראַ. דאָס אַלץ איז געבליבן דאָרט, אפן וועג, ווי אַ געקאַדער, וואָס מע האָט אויסגעשניטן פון דער סטענגע. כ׳האָב שוין מער קיין מוירע ניט געהאַט, אַז דער כיטרער דײַטש קאָן אונדז אײַנאָרדענען אַ באַגעגעניש אויג אף אויג. כ׳האָב נאָך ניט געוווּסט, אַז קאַלקען האָט מען געכאַפּט אָן געווער: די פּויערים, וועלכע האָבן אונדז דעמלט געפּאַקט אין דאָרף, האָבן, איבערגעבנדיק אונדז די דײַטשן און פּאָליציײַען, ערגעץ באַהאַלטן דעם אווטאָמאַט. איך האָב גאָרנישט ניט געוווּסט, נאָר כ׳האָב געפילט, אַז פון דער דאָזיקער זײַט איז די צאָרע געווען ניט אַזוי נאָענט, ווי פון דער צווייטער: דער דײַטש האָט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל מיך אַרויסגערופן אף אַ פאַרהער און געמאָלט זײַנע בילדלעך.

איינמאָל האָט ער מיך צוגערופן צום טיש און אַ טײַטל געטאָן מיטן פינגער אין בייגעלע פּאַפּיר — אין יענעם סאַמע בייגעלע, וואָס ער האָט לויט זײַן טעווע אויסגעמאָלט מיט פאַרשיידענע קאָטשערעס און לאַפּעטעס. דאָס מאָל איז אפן בייגעלע געווען אָנגעמאָלט אַן אײַזעלע, אף וועלכן עס איז געזעסן אַ פרוי מיט אַ קינד אף די הענט, און אונטן איז געגאַנגען איבער דער ערד אַ באַבערדלטער מאַנצבל אין אַ לאַנגן נאַכט-העמד. דער געמעל האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ ווײַזער, וועלכער האָט ווי אונטערגעצויגן אַ סאַכאַקל פונעם דײַטשס מאַכשאָוועס — אַ פּעטער און אַנטשיידענער. דער ווײַזער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ קרײַזל — אַזאַ, ווי מיר פלעגן מאָלן אף די קאַריקאַטורן אין דער וואַנטצײַטונג: „וואָס וועמען עס כאָלעמט זיך?”. אינעם קרײַזל האָט דער דײַטש אָנגעשריבן מיט געדרוקטע אויסיעס: „יודען, וועג!”

אין אָט דעם שטעטל, ווו ייִדן זײַנען, ווײַזט אויס, געווען ייייניקער, איידער אין מײַן שטעטל, ווו מע האָט זיי צעשאָסן טויזנטערווײַז. דאָ האָט מען זיי, אַפּאָנעם, אײנציקווײַז געכאַפּט און פאַרניכטעט יעדערן באַזונדער. דאָ זײַנען זיי ניט געווען אין אַזאַ גרויסער מאַסע, מע זאָל דאַרפן אַרויסהענגען אַ ספּעציעלן באַפעל, ווי מע האָט עס געטאָן בא אונדז אין שטאָט. פּאָשעט אין די פּאַפּירלעך, וועלכע מע האָט צעשיקט די בורגאָמיסטערס און סטאַראָסטעס, איז געווען אַזאַ פּונקט: מע זאָל פאַרהאַלטן אויסלענדער און ייִדן.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין די טיראָלער בערג אין דײַטשלאַנד, ווו עס זײַנען ניט געווען קיין ייִדן, נאָר דער אַנטיסעמיטיזם איז דאַפקע געווען פאַרשפּרייט, האָט מען דערנאָך געגלאָצט די אויגן אף עמעסע ייִדן. דאָ, אין אָט דעם קליינינקן שטעטעלע, האָט מען אויך, ווײַזט אויס, אַזוי דערשאָסן.

איינמאָל אַפּדערנאַכט, ווען כ׳בין אַרײַנגעקומען אין קאַבינעט פון „מײַן” דײַטש, זײַנען פון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען אונדזעריקע, רוסן — געבונדענע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע. אַ מענטשן פּופּצן זײַנען זיי געווען. ס׳איז אַפילע שווער זיך פאָרצושטעלן, וויאַזוי האָבן זיי זיך געקאָנט אַרײַנשטופּן אין אַזאַ ניט גרויסן קאַבינעט. אַ מיעסער „אונטער” און נאָך צוויי סאָלדאַטן האָבן זיי אַרויסגעשטויסן פונעם קאַבינעט מיט די קולעקעס, פאָדערנדיק דערבײַ, אַז יענע זאָלן זיך האַלטן שטרענג לויט פינפליינגען. די מענטשן זײַנען אַרויסגעגאַנגען, קוקנדיק איינער דעם אַנדערן אין קאַרק. זיי האָבן אויך מיך ניט באַמערקט, ווען כ׳האָב געמאַכט פאַר זיי אַ וועג, צודריקנדיק זיך צו דער טיר-ראַם.

מע האָט זיי אַרויסגעפירט, און „מײַן” דײַטש האָט געקוקט אף מיר. ווי ער וואָלט געוואַרט, איך זאָל זיך אופדעקן. ער האָט עפּשער אינדערעמעסן געמיינט, אַז איך באַהאַלט אויס עפּעס אַ גרויסן סאָד. ער האָט געקוקט אף מיר ביז דעמלט, ווען ערגעץ אונטן, דאַכט זיך, אין קעלער, האָבן זיך ניט דערהערט פאַרטויבטע קלעפּ, ווי עמעצער וואָלט אַרײַנגעקלאַפּט טשוועקעס מיט אַ מעכטיקן האַמער. דער דײַטש האָט אונטערגעקלאַפּט איבערן טיש מיטן פינגער מיטן גאָלדענעם פינגערל, אַלעמאָל אין טאַקט מיט יעדן שאָס, — און כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז אינעם קעלער האָט מען געשאָסן. דער דײַטש האָט, געוויינלעך, דאָס געוווּסט פּינקטלעך, ער האָט געציילט די צאָל שאָסן. ווי נאָר ס׳האָט דורכגעקלונגען דער לעצטער קלאַפּ פונעם „האַמער”, איז ער ווי פאַרשטאַרט געוואָרן, געזעסן אַ צוגעשפּאַרטער צום ווענטל פון דעם שטול, גלײַך ער וואָלט אָפּגערוט פון עפּעס אַ שווערער אַרבעט. ער האָט ווי געדרעמלט. דערנאָך האָט ער געטאָן אַ טיפן קרעכץ...

אויך מיך וועט מען עפּשער אָט אַזוי איינמאָל אוועקפירן, ווי אָט יענע — לויט פינפלינגען צי אײנדרײַען? פאַר מיר האָט מען פּאָשעט נאָך ניט אונטערגעקליבן אַ גרופּע. וואָס פאַר אַ פינפטל וועט דאָס זײַן? אורטיילנדיק לויט דעם, ווי „מײַן” דײַטש גיט אַלעמאָל אָן אָנדײַט אף מײַן אָפּשטאַם, דאַרף עס זײַן אַ גרופּע „יודע”. צי עפּשער קאָן מען נישט אָט דאָ, אין דעם קליינינקן שטעטל, ניט אָפּזוכן נאָך פיר אַזעלכע, ווי איך.

דער דײַטש מאָלט ווידעראַמאָל אױפֿן בייגעלע פּאַפּיר עפּעס בילדלעך און שטופּט מיר עס אונטער מײַן נאָז. ער וויל מיך פּאַקן? אָדער עפּשער גאָר וויל ער מיך ראַטעווען? פֿאַרוואָס? צוליב וואָס? ער גיט מיר אַן אָרדנטלעכן שאַנס: „גיי און טראַכט צו אַ נײַעם ראָמאַן!..” גיי און טראַכט צו. ס'איז לײַכט צו זאָגן — טראַכט צו! און אין קאָפּ פּלאָנטערן זיך יענע מענטשן, וועלכע מע האָט אויסגעשטעלט אין פֿינפֿלינגען. גיכער פֿון אַלץ, ווען ס'וועלן זיך ענדיקן מײַנע „ראָמאַנען”, וואַרט אויף מיר דער זעלבער גורל. און דאָך איז אין זײַנע פֿאַרכאַלעמטע אויגן פֿאַראַן אַן אינטערעס צו דעם, וואָס איך וועל דערציילן אַן אַנדערס מאָל. כ'וועל דערציילן, און ער וועט מיט עקל קנאַקן מיט די פֿינגער? צי מיטן ציִנגל פֿונעם פּיסטאָלעט?

ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל דרייען זיך אויפֿן זינען איינע און די זעלבע וואַריאַנטן: כ'בין געגאַנגען עפּעס אויסבײַטן, פֿאַרבלאָנדזשעט, די עלטערן זײַנען געשטאָרבן, כ'בין געבליבן אַ יאָסעם, זיך געלאָזט זוכן עפּעס עסנווארג. אָבער דאָס אַלץ האָב איך שוין געזאָגט, און ער גלייבט ניט! און עפּשער זיך דערקלערן פֿאַר אַ „קאַוקאַזוס” אָדער „ציגוינער”, ווי איך האָב ניט איינמאָל געטאָן אין מײַן שטעטל?

אָבער דאָ קאָנען דאָך ניט זײַן קיין „קאַוקאַזוסן”. פֿונוואַנען וואָלטן זיי זיך דאָ גענומען? בא אונדז אין שטעטל האָט זיך אין סאַמע צענטער געפֿונען אַן אַרמעניש געסל. אַרמענער האָבן געוווינט ניט בלויז דאָרט, נאָר אויך אין מײַן געסל, אָבער דאָס, וואָס עס האָט עקזיסטירט אַ ספּעציעל אַרמענער געסל, האָט געגעבן אַ מעגלעכקײַט צו לײַגן, אַז דו ביסט אַ „קאַוקאַזוס”. דערצו נאָך האָבן מיר זיך אַזוי אײַנגעלעבט מיט אָט די „קאַוקאַזוסן”, אַז אַ באַליביקער פֿון זיי אַנערקענט דיך פֿאַר אַ זייעריקן, אויב מע זאָל זיך אָנפֿרעגן. מיט די ציגײַנער איז ערגער. ציגײַנער פֿלעגן דורכגיין דורך אונדזער שטאָט און בלויז זיך אָפּשטעלן אויף די מערק. זיי פֿלעגן זיך אַראָפּכאַפּן אָפּטאָן אַ געשעפֿט, אַ וואָרף טאָן אין קאָרטן און נעלעם ווערן. עמעס, דער זיקאָרן מײַנער פֿאַרהיט זייער פֿאַרנעפּלטע דערינערונגען וועגן שוואַרצ-כיינעוודיקע מענטשן, וועלכע טיטשען אין מיר מיט דורכגערייכערטע פֿינגער און טײַנען: „מורשו!”, וואָס מיינט: אָט אַ באָכערל אַ מאָלאָדיעץ... און פּיפּקעס מיט שטינקענדיקן טאַבעק, וועלכע מע פֿאַררייכערט פֿון אַ האָלאָוועשקע... און שײַטערס, אין וועלכע מע קאָן שאָענווײַז אומופֿהערלעך קוקן און דורכן געלן פֿלאַם זען דעם סטעפּ, וואָס גרויט מיט די שוין פֿאַרוועלקטע גראָזן אין דער אומענדלעכער ווײַט... און אַ שטיבל — אַ כורווע אויפֿן ראַנד פֿונעם דאָרף, וואָס בייגט זיך אָן צום סטעפּ, ווי עס וואָלט ניט געקאָנט אײַנשטיין אויף איין אָרט — אָט וועט עס אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דאָס צעפּוילטע גרויע שטרוי, אַ יאָג טאָן אין דער ראַכוועס און נעמען שפּרינגען, ווי אַ פֿערד... דאָס איז די כאַטע פֿון אונדזער זיידן.

יענע כאַטע, וועלכע האָט געהערט דעם זיידן פֿריליפּטשענקאָ? קיינער האָט ניט געדענקט, פֿונוואַנען ער האָט זיך געיאַוועט — אַ טונקלהויטיקער, אַ שטשערבאַטער, ווי דאָס לעבן וואָלט אים ניט ווייניק „אָנגעפּיקט”. אַ דרייסטער מאַזיק, וועלכער האָט בייס דער באַרימטער צוסימער שלאַכט געבראַכט צו טראָגן דורכן וואַסער אויף זײַנע מעכטיקע פּלייצעס אַ יאַפּאַנישן אָפֿיצער. פֿון דער קינדהײַט האָט זיך פֿאַרגעדענקט אַ דערציילונג וועגן עפּעס אַ דורכגוס, וועלכן אונדזערע האָבן ניט געקאָנט בײַקומען. אונדזערע — ווער זײַנען דאָס געווען? קלאָר, אַז ניט יאַפּאַנער. און וואָס פֿאַר אַ בלוט האָט געפֿלאָסן אין אונדזער זיידנס אָדערן: זאַפּאָראָזשיער בראַווקײַט צי ציגײַנערשע אומגעצווימטקײַט? דעם זיידן האָב איך פֿאַרגעדענקט שוין אַ זאָקן. ערגעץ האָט ער געדינט פֿאַר אַ זאַווכאָז — אויף עפּעס מער האָט דער געוועזענער געאָרגיעווער קאַוואַליער, וועלכער האָט זיך דערדינט צו אַ צאַרישן אָפֿיצער, אויסרעכענען ניט געקאָנט. און ער האָט סײַווי ניט אויסגערעכנט. ער פֿלעג גיין אויף דער אַרבעט, געהאָדעוועט די כאַזיירים און דעם הונט. פּאָלקאַן איז געווען אַ געזונטער קעלעוו, ער פֿלעג זיך שטעלן אויף די הינטערשטע לאַפּעס, די פֿאָדערשטע אָוועקלייגן דעם זיידן אויף דער פּלייצע, און זיי זײַנען געווען אויף איין הייך. אויפֿן הויף, אַן אַרומגערינגלטן מיט שיטערן הנאַי, איז געשטאַנען אַן אַלטער שײַער, אין וועלכן דער זיידע פֿלעג פֿריִער האַלטן דאָס פֿערד. ווען פּריוואַט-אייגנטום איז געוואָרן אַ טרייפֿע זאַך, האָט די באָבע גענומען אײַנריידן דעם זיידן, ער זאָל פֿאַרקויפֿן דאָס פֿערד, און ער האָט זי געפֿאָלגט. טאַקע אינדערעמעסן, צוליב וואָס דאַרף ער עס האָבן אין שטאָט? אײַנשפּאַנענדיק דאָס פֿערד אין דער טאַטשקע, האָט דער זיידע געפֿירט שפּײַז פֿאַר די כאַזיירים און די גערעטעניש פֿונעם קליינינקן גאָרטן: אויך אין שטאָט האָט ער זיך באַזעצט אויפֿן סאַמע ראַנד. צי דערפֿאַר, וואָס ער האָט ניט געוואָלט זיך אויסטיילן — מע זאָל ניט דערמאָנען זײַן אָפֿיצערישע פֿאַרגאַנגענהײַט, צי דערפֿאַר, וואָס ער האָט ניט געקאָנט זיך צעשיידן מיט אַן אַנדערער פֿאַרגאַנגענהײַט — מיט דער ציגײַנערשער... און כ'האָב שוין פּינקטלעך זיך ניט געקאָנט דערמאָנען, ווו האָב איך

געזען דאָס אײַנגעהויקערטע שטיבל: אין דער מאַמעס דאָרף צי אין שטאָט? סײַ דאָרט, סײַ דאָ האָט זיך הינטער דער שטוב צעשפּרייט א ראַכוועס, אויסגעפאַרבט אין א גרוי-גרינעם קאָליר. דער זיידע האָט געטראָגן א קאָסאָוואָראָטקע, וועלכע האָט בלויז געביטן דעם קאָליר: אַף יאָמטויוים — א רויטע, אינדערוואָכן — א גרויע, א געשטרייפטע, ווי אַף א נאָרוואָס אופגעאַקערטן פעלד, — טונקעלע און העלע פּאַסן האָבן זיך געביטן אַף אָט דעם זיידנס העמדל. פונעם סטעפּ אָדער פונעם גאָרטן פלעג ער ניט אַרויסקריכן. די באָבע פלעג דערציילן: ווען מע האָט אָנגעהויבן געבן ערטער צו באַזעצן יענע מענטשן, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייער דאָרפישן „אָפּשטאַם" (דער זיידע האָט אַזוי לאַנג געלעבט אין די קאַזאַרמעס, אַז ער האָט אַפילע, ווײַזט אויס, ניט געטראַכט זיך אומקערן אין דער פויערישער כאַטע), האָט מען זיי פאַרגעלייגט א דירע — די מישפּאָכע איז געווען א גאַנץ היפּשע, בלויז קינדער זעקס, נאָר דער זיידע האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער האָט זיך אויסגעקליבן אַן אָרט, ווו מע האָט געקאָנט אויסבויען א שטאַל און האַלטן אין איר א פערד. איך געדענק גוט, ווי די באָבע האָט זיך געזשאַלעוועט אַפן זיידן — א קאָניושניע, זעט איר, דאַרף ער האָבן נייטיק! א פערד-שטאַל! און פערד!.. א געלער פונעם פלאַם פון דעם שײַטער סטעפּ... דער זיידע אין א רויטן העמד און אין א פּידזשאַק מיט לאַנגע פּאָלעס, און די אויגן זײַנע, ווען ער קוקט איבערן פלויט אין אָפענעם סטעפּ — בליאַסקענדיקע, פון פערלמוטער-קאָליר. אים זעען זיך פערד, וועלכע טראָגן זיך איבערן סטעפּ, און מע קאָן זיי ניט דעריאָגן!.. סאַמע פאַר דער מילכאָמע האָב איך געזען: דער זיידע איז געלעגן אין אויסגעסאַרפּעטן פון דער זון סטעפּ, ניט ווײַט פון זײַן כאַטע, און האָט געזיפצט, איבערקערנדיק זיך פון איין זײַט אַף דער אַנדערער. עפשער האָט זיך אים דערמאָנט דאָס פאַרגאַנגענע?.. די פאַרגאַנגענהײַט זײַנע. און אונדזער פאַרגאַנגענהײַט. אויך מײַן פאַרגאַנגענהײַט.

וואַרטנדיק אַף א פאַרהער, זע איך דורך די נעכט דעם זיידן אין זײַן קאָסאָוואָראָטקע, און די פּאָלעס פון זײַן לאַנגן פּידזשאַק פאָכען, ווי אין א שנעלן גאַלאָפּ רײַטנדיק. נאָר אָט דער פּידזשאַק מיט די לאַנגע פּאָלעס דערמאָנען מיר אויך מײַן צווייטן זיידן — פון דער מאַמעס צאַד. איך דערמאָן זיך, ווי ער פלעגט פאַרוואַרפן די הענט אַף הינטן. אונטערקלײַבנדיק די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע, און דערציילן, „וויאַזוי עס שלאָפט דער קייסער": ער איז צוגעדעקט מיט צוואַנציק קאָלדרעס, און אונטערגעבעט זײַנען אויך צוואַנציק קאָלדרעס. און אַרום דעם צאַרישן הויף שפּאַנען וועכטער און שיסן אַלע פינף מינוט פון האַרמאַטן: „שאַט, דער קייסער שלאָפט! שאַט!" און פון אָט די האַרמאַטן שיסט מײַן צווייטער זיידע, פון דער מאַמעס צאַד — פאָרט א געאָרגיעווער קאַוואַלער!

כאָטש צוריקגערעדט, פאַרוואָס — פאָרט? אָט דער „פאָרט" איז פון אַן אַנדערן לעקסיקאָן, וועלכן איך וואָלט געוואָלט פאַרגעסן... אָבער וואָרט נאָר צו... זע נאָר, ווי עס קריכן אין קאָפּ די געוויינלעכע אויסדרוקן. יאָ, בא אונדז אין שטאָט פלעגן אַלע אַזוי ריידן. „ער איז טאַקע אַף א מינוטקעלע א ציגײַנער!" ער — דאָס בין איך! אין מײַן געדאַנק פלאָנטערן זיך א פּידזשאַק מיט לאַנגע פּאָלעס און א קאַפּאָטע, נאָר דאָ קריכט אַרויס דאָס „ריטשענדיקע" וואָרט — „פאַרנאָ", וואָס אַף ציגײַנעריש באַטײַט עס — א ווײַסער, א גרײַזער, אַן אַלטער. איך ווייס ניט, וויאַזוי מע זאָגט „זיידע" אַף ציגײַנעריש (פונקט ווי איך ווייס ניט, וויאַזוי מע זאָגט עס אַף יידיש!), נאָר פונדעסטוועגן געדענק איך די פּאַסיקע ווערטער — אַן אַלטער, א ווײַסער, א גרײַזער. ביידע זיידעס זײַנען געווען גרײַזע, אָבער אָט דאָס „פאַרנאָ"!

אָט: איך געדענק דאָך עפּעס! הייסט עס, אַז די דאָזיקע ווערסיע איז ניט גענומען פון דער האַפּטוירע! איך ווייס ניט, וויאַזוי מע זאָגט „א קאָרעוו" אָדער „א ברודער", נאָר דאָס וואָרט „מאָראַ", „מאָר-ראָ" רײַסט זיך אַרויס פון דער פאַרגעסנהײַט. איך פאַרגוואַלטיק ניט מײַן זיקאָרן, ער אַרבעט אַליין, ווי א מאָטאָר, וואָס מע האָט געלאָזט אין גאַנג. נאָך דערמאָנט זיך דאָס גרויסאַרטיקע וואָרט „בראַווינטא". הוראַ! צוזאַמען מיטן וואָרט קומט אויף אין זיקאָרן א בילדל. איינמאָל איז געווען באַם זיידן אין מאַלינאָווקע א יאָמטעוו. אַפן יאָמטעוו זײַנען, פאַרשטייט זיך, געווען אויך ציגײַנער. מיט לאַקירטע האָר, מיט לאַקירטע בליאַסקענדיקע שטיוול און מיט בוטעלס. די בוטעלס זײַנען געווען טונקעלע, ווי די ציגײַנער, כאָטש דער בראַנפן, דער ווײַן — בראַווינטא — פון פאַרשיידענעם קאָליר. ס'האָט אויך געקלונגען דאָס וואָרט „דאדא", דאָס הייסט — פאָטער, טאַטע. צו וועמען האָט מען זיך אַזוי געווענדט, געדענק איך ניט. עפשער האָט זיך מײַן מוטער אַזוי געווענדט צום זיידן? און עפשער עמעצער פון די אָנגעפאָרענע ציגײַנער? דאָס האָב איך ניט פאַרגעדענקט. עס ווילט זיך אָבער טראַכטן, אַז אַזוי האָט מײַן מאַמע אָנגערופן דעם זיידן, און איך קאָן קומען צום דײַטש און אים דערקלערן, פון וואָס פאַר אַן אָפּשטאַם איך בין!.. די קאַפּאָטע פון מײַן זיידן, פון טאַטנס צאַד, פאַרשווינדט שטיל פון מײַן זיקאָרן, פונקט ווי אַפן באַקאַנטן בילד פונעם באַרימטן

קינסטלער, ווו עס פֿליִען צווייען, ער און זי. און ער איז אויך אין אזא קאַפּאָטע... זיי פֿליִען אַט אזוי טאַקע אינדערלופֿטן. פֿליִענדיקע מענטשן. א צײַט פֿון פֿליִענדיקע מענטשן. נײַן, ניט אָט דאָס בילד פּרוּוו איך זיך דערמאָנען, ווען איך גיי צום דײַטש. גיכער פֿון אַלץ באַמי איך זיך, אז עס זאָל ניט קומען אפֿן געדאַנק. פֿאַרקערט, איך סטאַרע זיך דערמאָנען נאָך עפּעס-וואָס פֿון מײַן „ציגײַנערשער" פֿאַרגאַנגענהײַט. אָט, זיך דערמאָנט. א ליד איז דאָס:

א רעגן גיסט,
ווי פֿון ברונעם פֿליסט...

איך גיי איבערן קאָרידאָר צום באַקאַנטן קאַבינעט, דערמאָן זיך די ווערטער פֿון דער ליד און קלאַפּ צו מיט דער דלאָניע איבערן פּוס אין טאַקט מיט דער ליד:

און אין סטעפּ ציגײַנער פֿאָרן...

יאָ, ס'איז טאַקע א ציגײַנערשע ליד. נאָר אין דער קאַמער האָב איך עפּעס ניט געקאָנט זיך דערמאָנען די ווערטער, און איצטער, ווען איך גיי, האָבן זיי ווי פֿון זיך אַליין א שיט געטאָן אונטער די קלאַנגען פֿון דער גיטאַרע:

די ציגײַנער פֿאָרן-פֿאָרן...

יאָ, דאָרט ווערט אַרײַנגעשטעלט נאָכן וואָרט „פֿאָרן" — „אַך!": „די ציגײַנער פֿאָרן, אַך!..." אָט אזוי טאַקע זינגט זיך:

די ציגײַנער פֿאָרן-פֿאָרן, אַך,
אָרעמע ציגײַנער פֿאָרן...

דאָס מאָל זײַנען די זילבערנע פּאַגאָנעס געהאַנגען אפֿן ווענטל פֿון דעם שטול. „מײַן" דײַטש איז געזעסן אָנעם מונדיר, אין א ווײַסן געשטרייפּטן העמד, א היימישער און גאָרניט קיין שרעקלעכער. ער האָט געטרונקען קאַווע. באַנאַנד מיטן טעפּעלע איז געשטאַנען מילך אין א פּאָרצעלייענעם קריגעלע, נאָר די מילך האָט ער ניט גענומען. ער האָט, אַפּאָנעם, געדאַרפֿט האָבן שוואַרצע קאַווע, און א שטאַרקערע. פֿון אָט דער שוואַרצער קאַווע זײַנען, דאַכט זיך, אַלץ טונקעלער געוואָרן דעם דײַטשס שוואַרצאַפּלען, אַרײַנגעשטעקטע אין די געל-געוואָרענע אויגן. פֿון ניט דערשלאָפֿן, פֿון אויסגעמאַטערטקײַט צי נאָך פֿון עפּעס זײַנען די ווײַסלעך פֿון זײַנע אויגן געווען באַדעקט מיט א יאַטרענדיק-ראָזעווען שליים. די קאַווע האָט צעטריבן דאָס הײַטל, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם דײַטש ניט בלויז פֿון מיר, נאָר אויך פֿון דער פֿרימאָרגן-שײַן, באַ וועלכער ער האָט אויסגעזען ווי א מעס. די קאַווע האָט צוביסלעכווײַז צעברייטערט זײַנע שוואַרצאַפּלען, און ער האָט, ענדלעך, מיך דערזען. אוועקגעשטעלט אין א זײַט דאָס טעפּעלע, האָט ער זיך מיט האַנאַע אויסגעצויגן און אָנגעהויבן רעדן, ווי מע רעדט באַם טיש אין א מישפּאָכע-הויז אין אן אָפּרו-טאָג. ער האָט אָנגעהויבן פֿון מוזיק.

באַ קיינעם, האָט ער געזאָגט, זײַנען ניט געווען אזעלכע געניאַלע קאָמפּאָזיטאָרן, ווי באַ די דײַטשן. די ענגלענדער האָבן געהאַט בלויז איין קלאַסיקער — עפּעס א סקאָט. די איטאַליענער האָבן עפּעס-וואָס יאָ געגעבן דער וועלט, אָבער דאָס אַלץ — אין לײַכטן זשאַנער. אן עכטע פֿילאָסאָפֿישע מוזיק געהערט בלויז צו זיי, די דײַטשן. פֿון אן אָפּערע מיט וווּלגאַרע אַריִעס (דאָ האָט ער א זינג געטאָן די באַקאַנטע נאָך פֿון דער קינדהײַט אַריִע פֿונעם הערצאָג) האַלט ער ניט. די איטאַליענער זײַנען ביכלאַל א געוועזענע גרויסע נאַציע — אין דער עפּאָכע פֿון דער רוימישער אימפּעריע. יאָ, אַלע גרויסע מוזיקאַנטן זײַנען פֿון דײַטשישן אָפּשטאַם!.. די ענגלענדער האָבן קונסט-בילדער, די איטאַליענער — זינגער-קאַסטראַטן, און באַ זיי, באַ די דײַטשן, איז אַלץ ערנסט — געטע, דער גרויסער וואַגנער, הײַנט די פֿילאָסאָפֿן... ער האָט אָנגערופֿן עטלעכע נעמען, און איך וואָלט אים געקאָנט דערמאָנען אויך הײַנען, נאָר איך האָב געוווּסט, אז אָט דעם קלאַסיקער קאָנען זיי ניט אָנקוקן. „מײַן" דײַטש האָט אָבער אַליין אָנגעהויבן רעדן וועגן אים. הײַנע האָט געלעבט אין דײַטשלאַנד, האָט געשריבן אף דײַטש, נאָר דער „יודען-פֿאַרשטאַנד" פֿאַטערט אַלץ, צו וואָס נאָר ער רירט זיך צו. אזא אייגנשאַפֿט האָט שוין די דאָזיקע נאַציע — „מענשען פֿאָן בעזאָנדערעם שלאַג". זיי מיינען, אז זיי זײַנען קלי-

גער פֿון אַלעמען, ווײַל אומעטום קריכן זיי דורך. אין אַלע שפּאַלטן. דאָ, אין רוסלאַנד, זײַנען זיי דורכגעקראָכן. נאָר אין דײַטשלאַנד האָט מען זיי ניט צוגעלאָזט צו דער מאַכט. אין דעם גייט עס דאָך. שוואַכע פֿעלקער געבן זיך אונטער, שטאַרקע געבן אַ ווידערשטאַנד. די דײַטשן זײַנען אַ שטאַרק פֿאָלק, זיי האָבן ניט געקאָנט רויִק קוקן, וויאַזוי אָט די גיפֿטיקע שוואָמען... וועלכע האָבן זיך אומעטום צעשפּרייט... קריסטוס איז אויך אַ יודע. דערפֿאַר זײַנען אין זײַנע לערע פֿאַראַן אַפּשוואַכנדיקע עלעמענטן, וועלכע האָבן געווירקט אַפֿילע אַף דער מעכטיקער גערמאַנישער ראַסע, שוין אָפּגערעדט פֿון די רוסן...

וואָס זשע וויל ער פֿון מיר, אָט דער מיִעסער טיפּ? און פֿאַרוואָס גיט ער ניט אָפּ קיין באַפֿעל דעם „אונטער", מע זאָל מיך וואָס גיכער אָפּשיקן אַהין, וווּהין מע שיקט אַלע טאָג אָפּ אַזויפֿיל מענטשן? ניין, ער אײַלט זיך ניט: ער קוקט זיך אײַן מיר אײַן, שמעקט מיך אַרום, ער שטודירט מיך. אין מײַן אַנוועזנהײַט שיקט ער אָפּ אין קעלער אַן אָרדנטלעכן פֿינפֿלינג און הערט אויף צו שמועסן מיט מיר וועגן מוזיק. ווען ערגעץ אונטן הילכט אָפּ, רעדט ער ניט, ער הערט זיך צו. דאָס מויל זײַנס פֿאַרמאַכט זיך, נאָר עס לעבן אויף די הענט, עס וואַכן אויף די אויגן. ער איז אינגאַנצן דאָרט, וווּ מע שיסט, און בעשאַסמײַסע שפּירט ער נאָך מיר: וויאַזוי דאָס אַלץ מאַכט אַף מיר אַן אײַנדרוק. און ער פֿרייט זיך, ווען איך טו אַ ציטער אָדער איך לאָז אַראָפּ די אויגן: „הער, הער! און קוק! אַהאַ, דו האַלטסט ניט אויס, שערעץ! ווייס זשע!..."

זײַן קאָפּ ווײַזט זיך מיר אויס צו זײַן אַ גרויסער בלײַענער שאַרבן. אַזאַ אָפּגעשליפֿענער, ווי באַ מײַן זיידן פֿון דער מאַמעס צאַד, וועגן וועלכן איך קלײַב זיך צו דערציילן דעם דײַטש מײַנעם. ער וויל אַ „ראָמאַן" — וועט ער האָבן אַ ראָמאַן. אַ ציגײַנערשן. כאַטש וואָס עס איז דאָ געווען אַפּדערעמעסן און וואָס האָב איך צוגעטראַכט שוין דערנאָך, איז מיר אַליין ניט קלאָר. ביכלאַל זע איך אַלץ, וואָס עס איז געווען ביז דער מילכאָמע, ווי אין אַ כאָלעם.

עפּעס מורמלט ער, „מײַן" דײַטש. וועגן וואָס? אַהאַ, וועגן „נאַטיור". אַלץ, זאָגט ער, איז אין דער נאַטור געזעצמעסיק. פֿריִער אָדער שפּעטער שטאַרבט אַלץ אָפּ. איז וואָס פֿאַר אַן אומגליק, אויב דורכפֿירן אָט די זאַך מיט פֿאַרנונפֿט, זאַכלעך, אַזוי צו זאָגן?

איך הער דעם מענוּוול, און איך שטעל זיך פֿאָר די זקיינים און זקיינעס, וועלכע זיי שלעפּן אַרויס פֿון די שפּיטאָלן, וואַרפֿן אַרײַן אין מאַשינען, ווי מאַטראַצן, אָנגעשטאָפּטע מיט שטרוי — סײַוויסײַ זײַנען זיי שוין קימאַט מייסים. כ'האָב אַליין געזען, וויאַזוי מע האָט אַרויסגעוואָרפֿן פֿונעם שפּיטאָל מעזשבערעסע פֿרויען: ווער דאַרף עס האָבן ניט קיין פֿולווערטיקע קינדער? אָט אַזעלכע, ווי איך, לעמאַשל? און יענע, ווער עס ברענגט אַזעלכע קינדער אַף דער וועלט: מײַנע קרויווים זײַנען אומגעקומען, דערפֿירטע צו אויסצערונג. זיי זײַנען ניט פֿעיִק צו לעבן. ניט פֿעיִק!.. דער בלוטזויגער קאָנטראָלירט מיט זײַנע ציינער די לעבנספֿעיִקײַט. קוים זיך אָנגערירט — און ס'האָבן זיך אַרויסגעקײַקלט די לעצטע טראָפּנס בלוט פֿון אַ זאַקן צי פֿון אַן אייפֿעלע. די לעצטע. סײַוויסײַ די לעצטע! אייניקע וועלן סײַוויסײַ שוין ניט לעבן, אַנדערע דאַרפֿן עפּשער מער זיך ניט מוטשען... ווי איך, אַשטייגער. לאָגיש?

די נאַטור איז אַכזאָריעסדיק. דער וואָלף עסט אויף דעם קראָליק פּאַשעט דערפֿאַר, ווײַל אַנדערש איז ער אַליין קאַפּוט. דער דײַטש צעפּירט די הענט אין מאַנזשעטן. גאָלדענע זאַפּאַנקעס (ס'איז ניט לאָגיש: צוליב וואָס דאַרף ער האָבן אַזעלכע פּרעכטיקע זאַכן, אַז זיי זײַנען סײַוויסײַ באַהאַלטן אונטערן קאַזיאָנע מונדיר?) און מעסט אָפּ אין דער לופֿט גלײַכמעסיקע שטיקער רוים: יעדערן זײַנס. איך קאָן מיט גאָרנישט ניט דערווידערן מיקויעד וואָלף און קראָליקעס. צום בײַשפּיל, איך...

דער וואָלף לאַכט: „קינד... קינד!.." דער וואָלף רוקט אָפּ אין אַ זײַט זײַן קאַווע און פֿאַרשפּיליעט דעם מונדיר: ער גרייט זיך אָנהייבן זײַן אַרבעט. אָט באַלד וועט ער פֿרעגן, צי האָב איך אים געבראַכט אַ נײַעם „ראָמאַן".

דער „אונטער" טראָגט אַרײַן פֿרישע קאַווע. אין דער אַנוועזנהײַט פֿון אָט דעם גוילעם פֿילאָסאָפֿירט ניט „מײַן" דײַטש, ווי ער וואָלט זיך געשעמט. ער ווערט שטרענגער, זײַן פּאַנעם גיסט זיך אָן מיט בלײַ, ווי דער שאַרבן מיט די איבערגעקרייצטע ביינער אַף זײַן פּילאַטקע. דער „אונטער" איז אַ מעגושעמדיקער ווערגעלעך און איז גרייט מיך נעמען פֿאַרן גאַרגל לויטן ערשטן ווונק פֿונעם באַלעבאָס. די הענט אָבער פֿון „מײַן" דײַטש זײַנען אומבאַוועגלעך, דער „אונטער" וואַרט אַף זײַן קראָליק — אַף מיר?

מע דאַרף אָנהייבן דערציילן די אָרדנטלעכע ווערסיע. יענע, וואָס כ'האָב צוגעטראַכט אין דער קאַמער. עפּשער איז עס געפֿערלעך? מע קאָן נאָך געפֿינען מײַנע „שטאַם-ברידער"... ער אײַלט זיך, דאַכט זיך, „מײַן" דײַטש. מײַנער! איך ווייס אַפֿילע ניט זײַן נאָמען. די אונטערטעניקע רופֿן אים הער האופּטמאַן...

„אך, זאַ!“ — רופט אויס הער האופטמאַן, ווען איך שטאַמל אויס מײַן נײַעם „ראָמאַן“. דאַכט זיך, צום ערשטן מאָל, זינט מיר קענען זיך, פאַרכידעשט ער זיך. ער האָט אפילע אָפּגעשטעלט דעם „אונטער“, ווען יענער איז שוין גרייט געווען אַרײַנצופירן עפּעס א מענטשן פונעם קאָרידאָר. דער דײַטש האָט צונויפגעלייגט זײַנע הענט צווישן די קני אַזוי, אַז ער איז גלײַך ענלעך געוואָרן אַף א גרויסער גראָזגריל. ער האָט זיך צעלאַכט. ער איז פאַשעט זיך פאַרגאַנגען אין געלעכטער. אַפילע די אָנגעצויגענע אַפּן הינטן הויזן האָבן זיך געוויגט פון געלעכטער, ווען ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. ער האָט זיך צוגעדריקט מיטן שטערן צום גלאָז, ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּלעשן זײַן שמייכל, מיט א זשעסט צוגערופן דעם „אונטער“ און אָפּגעגעבן עפּעס א באַפעל: ער שיקט אים ערגעץ אין הויף אַרײַן. צוליב וואָס? נאָך ווען?

6

כ'האָב א קוק געטאָן אין פענצטער, און דאָס האַרץ מײַנס איז אײַנגעפאַלן. פונעם הויז אַנטקעגנ־איבער האָט דער „אונטער“ אַרויסגעיאָגט עפּעס א פרוי מיט א שוואַרצן באַנדאַזש אַפּן שטערן. פאָכענדיק מיט די פאָלעס פונעם מאַנצבלשן פּידזשאַק, ווי מיט פליגל, האָט זי געקוויטשעט אַפּן גאַנצן הויף:

— וואָס טוסטו, טײַערער, וואָס איזדיעקעווּעסטו זיך? פאַרוואָס?

דאָס איז געווען א ציגײַנערין, זעט אויס, א היגע. כ'האָב געוווּסט: דאָ זײַנען פאַראַן ציגײַנער. דער דײַטש האָט מיך א שטורך געטאָן מיטן עלנבויגן:

— נו, האָבן מיר שוין א ציגײַנער! האַ?

דער „אונטער“ האָט אַלץ געשטופּט די ציגײַנערין אין פלייצע און געשריִען:

— קאָם, מאַטקאַ, קאָם!

איך האָב פאַרשטאַנען: מע וועט איצט ברענגען אָט די מעכאַשייפע אַהער, אין קאַבינעט, און זי וועט גלײַך זאָגן, אַז איך בין ניט קיין ציגײַנער. אָט וואָס עס האָט צוגעטראַכט דער אויסוואָרף! גיי ווייס, אַז בא דעם דאָזיקן בלוטזויגער איז שטענדיק פאַראַן עפּעס א שפּיצל. מיך כאַפּן, ווי א ייִנגעלע!..

— פיר מיך ניט אַהין, גראַזשדאַנין נאַטשאַלניק! — האָט געיאָמערט די ציגײַנערין. — בעסער וועל איך דיר אָט דאָ וואַרפן קאָרטן, טײַערינקער!

דער „אונטער“ האָט זי געצויגן פאַרן אַרבל, זי האָט זיך געוועָרט:

— פיר ניט! כ'וועל דיר, טײַערינקער, אָט דאָ וואַרפן קאָרטן: א גליקלעכער מענטש וועסטו זײַן!..



זי האָט געפּרוּווט כאַפּן דעם „אונטערס“ הענט, אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזט:

— קאָם, מאַטקאַ... קאָם!.. שנעל!...

די ציגײַנערן האָט אָבער געשריִען, ניט פאַרשטייענדיק קלוימערשט, וואָס עס קומט דאָ פאָר:

— אײַנגאַנצן פאַר אַ קליין שטיקל ברויט!.. איין שטיקעלע — און כ׳וועל דיר אויסזאָגן אַלץ, כ׳וועל גאָרנישט ניט פאַרטײַען!...

אַ גאַנץ כיטרע מעכאַשייפע, ווײַזט אויס...

דערווײַל האָט „מײַן“ דײַטש, ניט אָפּרײַסנדיק זיך פון דער שויב, מיר אַ זאָג געטאָן:

— אָט דאָס איז דײַן מוטער אָדער שוועסטער? אָדער עפּשער אפילע דײַן גראָסמוטער?.. אָדער דײַן ליבע מעדכען? אָ! ציגוינער! אָ!..

און שוין גאַנץ בייז:

— אַך, קינדער!.. אַזאַ קלוג קינד, און אַזאַ שיינעם ראָמאַן צוגעטראַכט!.. אַך, אַזאַ נאַרישער ראָמאַן!.. גיי אין קאַמער און טראַכט צו אַן אַנדערן, נאָר אַ קליגערן ראָמאַן... וועק!..

דער דײַטש האָט אַ מאַך געטאָן צום „אונטער“ מיט די פינגער, און יענער האָט אַ שטויס געטאָן די ציגײַנערן אין קעלער. מע האָט זי אויך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. די ציגײַנערן האָט אויפגעהערט צו קוויטשען און האָט פלינק, ווי אַ יאַשטשערקע, זיך אַרײַנגעשלענגלט אין איר באַהעלטעניש.

הייסט עס, אַז די ציגײַנערן איז ערגעץ בישכיינעס מיט מיר. ווען מע האָט מיך געפירט איבערן קאָרידאָר, האָב איך זיך פאַרגעשטעלט די סכעמע פונעם הויז און כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז איר קאַמער איז ערגעץ באַנאַנד מיט מײַנער. אַזוי האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, ווײַל אַפן אַנדערן טאָג האָב איך דערהערט איר פלאַפלערײַ הינטערן פענצטער. כ׳האָב אַ קלער געטאָן, אַז דאָס פירט מען זי אַפּ צו „מײַן“ דײַטש, נאָר דער „אונטער“ מיט אַ פּאָליצײַ האָבן זי אָפּגעשטעלט אין הויף. אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פונעם האַרצן: הייסט עס, אַז די דעמאַסקירונג לייגט זיך אָפּ! דער פּאָליצײַ האָט געהייסן דער ציגײַנערן וואַרפן קאָרטן דעם הער דײַטש. דער „אונטער“ האָט בלויז אונטערגעבאָמקעט: „גוט, גוט!“ און האָט צוגעזאָגט איר געבן ברויט פאַר די „קינדער“. וועגן וועלכע „קינדער“ איז געגאַנגען אַ רייד, האָב איך ניט פאַרשטאַנען. צי ניט וועגן מיר? עפּשער האָבן זיי פונדעסטוועגן באַשלאָסן, אַז איך בין איר ניט קיין פרעמדער? אַזוי אָדער אַנדערש וועט מען מיך מיט דער ציגײַנערן צונויפירן. כ׳האָב מוירע געהאַט פאַר דעם און כ׳האָב אײַנצײַטיק דאָס געוואָלט. עפּשער וועט עס צוניץ קומען, און פון מיר וועט אַראָפּגענומען ווערן די הויפּט-באַשולדיקונג — יענע, וואָס איבער איר מוטשעט מיך אַזוי „מײַן“ דײַטש.

די ציגײַנערן אין הויף האָט עפּעס געגראַגערט, דער „אונטער“ האָט הויך געקוועלט, און דערפון האָב איך געמאַכט אַן אויספיר, אַז די „נאַטשאַלסטווע“, דערונטער „מײַן“ דײַטש, איז ניטאָ אַפן אָרט. דער פּאָליצײַ האָט אויך זיך אופגעפירט צו פרײַ. ווען די ציגײַנערן האָט, אַ קלאַפּ טוענדיק איבער די קאָרטן, עפּעס אויסגעזונגען וועגן דעם קיניג אייכל, איז דער פּאָליצײַ פּאַשעט זיך פאַרגאַנגען פון היספּײַלעס: „אָ, דער הער! ער איז טאַקע דער קיניג אייכל!.. דער הער איז אַ גוטער מוזשיק!..“ און ער האָט אפילע זיך דערלויבט אַ קלאַפּ טאָן גוטברודעריש דעם „אונטער“ איבער דער פּלייצע. דער „אונטער“, ווידער, האָט אַלץ איבערגעפרעגט, וואָס זשע פּאָרט זאָגט אים די ציגײַנערן פּאָרויס, און געמורמלט: „גוט!.. ס׳וועט זײַן ברויט פאַר די קינדער!.. ס׳וועט זײַן...“ דער פּאָליצײַ האָט געקלאַפּט דעם „אונטער“ איבער דער פּלייצע: „גוט, גוט!“ און האָט געשריִען, אַז באַלד וועט ער ברענגען יענע „קינדער“.

איך בין אפילע אָפּגעשפּרונגען פונעם פענצטער, וואַרטנדיק, אַז באַלד וועט מען קומען נאָך מיר, נאָר דער פּאָליצײַ האָט זיך אַ לאָז געטאָן ניט אין מײַן קעלער, נאָר אין יענעם, ווו מע האָט געהאַלטן די ציגײַנערן. ס׳האָט זיך דערהערט אַ קוויטש, כ׳בין ווידער צוגעזאָטן געוואָרן צו דער גראַטע און דערזען, ווי איבערן הויף דרייט זיך אַ דריידל: אַ רויטער, גריינער, געלער. דאָס איז געווען אַ מיידעלע, אַ מיידעלע אין אַ בונט קלייד, אַף וועלכן ס׳האָבן זיך געמינעט רויטע, גרינע, געלע פּאַסן און האָבן זיך איבערגעמישט — אַזוי צעריסן איז געווען אַף איר דאָס קליידל. דאָס „דריידל“ האָט זיך געדרייט איבערן הויף מיט אַ פריידיקן קוויטש: דאָס מיידעלע איז, אַפּאָנעם, געווען זייער צופרידן, וואָס מע האָט עס כאַטש אַף אַ רעגע אַרויסגעלאָזט אַף דער פרײַ. זי האָט געשריִען „לאַ-לאַ-לאַ!“ און האָט געטרייסלט מיט די הענטלעך, פונקט ווי זי וואָלט זיך געשפּילט מיט פילקעס אַף גומילאַסטיק — ביז דער מילכאָמע האָבן אַזעלכע פילקעס בא אונדז פאַרקויפט כינעזער.

דער פֿאַליציי האָט געשריִען: „זאָג איר, אַז זי זאָל גיין אַ טענצל!" און געקלאַפּט די ציגייַנערן איבער דער פּלייצע. די ציגייַנערן האָט עפּעס געפֿלוידערט צו דעם קינד, ענלעך אַף אַ מין „ציפּ-ציפּ-ציפּ". דערנאָך האָב איך זיך געכאַפּט, אַז געשריִען האָט זי ניט „ציפּ", נאָר עפּעס אַנדערע ווערטער, און ווילכע ס'איז געווען דער טראַף „ציר", וואָס עס האָט באַטייַט ניט „קום אַהער", נאָר פאַרקערט: „גיי אַוועק". זי האָט געטריבן דאָס קינד צוריק אין קעלער, אָבער דער פֿאַליציי האָט שוין געהאַלטן שטאַרק דאָס מיידעלע און איר איינגערעדט: „טאַנץ, טאַנץ, ציגייַנערל! דו ביסט דאָך אַן אַרטיסטקע. דער הער וועט געבן ברויט. עמעס, הער? צוזאָט?.."

דער „אונטער" האָט צוגעבאָמקעט, כאָטש ניט זייער גערן. דאָס מיידעלע האָט זיך שוין אוועקגעשטעלט אין אַ פּאָזע אײַנמיטן הויף אַזוי, אַז איך האָב אויך זי געקאָנט זען, און איז אוועק אין טאַנץ, אונטערזינגענדיק זיך. די שמוציקע הענטלעך האָבן אונטערגעהאַלטן די פֿאַלע פֿונעם צעריסענעם קלייד. אירע דינע פֿינגערלעך האָבן אַט צעצויגן די פֿאַלע פֿונעם קליידל, ווי אַ פּילקאַליריקן פּעכער, אַט זיך צעפֿלויגן אין די זײַטן, ווי גוטאַפּערטשעווע פּוסטע הענטלעך בא אַ ליאַלקע. זיי האָבן זיך אופגעהויבן אַרויף, זיך צעוויפּגעלייגט, ווי אַף אַ קוישל מיט בלומען. איר קינדערשער מורמל איז געווען באַגלייט מיט „דערוואַקסענע" פּאָזעס, זיי זײַנען געווען לעכערלעך, ווײַל דאָס האָט געטאָן אַ קינד. און געזונגען האָט זי אויך עפּעס ווי דערוואַקסענע, ווײַל צווישן די אומפאַרשטענדלעכע ציגייַנערשע ווערטער איז פּלוצעם אַרויסגעשפּרונגען — „בידאַ". איך האָב אופגעכאַפּט באַזונדערע ווערטער און זיך אָנגעשטויסן, וואָס זיי באַטייַטן. דאָס עקזאָטישע וואָרט „מאַנדע" האָט באַטייַט „מיר". דאָס האָב איך גלייך פאַרשטאַנען, מעגלעך, אַז כ'האָב עס פריִער געהערט. אויך אַזוי זײַנען אופגעקומען אין מײַן זיקאָרן באַוואוסטע באַוועגונגען, דאָס צעהוידען זיך אַף באָרוועסע פֿיס, באַדעקטע מיט אַ ברויז הײַטל פֿון פאַרהײַלטע שניטן און קלעפּ. זי האָט געטאַנצט אַף די קליינינקע פיסלעך, אומגעלומפּערט פאַרלייגט די הענט אַף די זײַטן און שוין גאָר לעפּיש געפּרוווט טרייסלען מיט די פּלייצעס און מיט דער ברוסט, וואָס זי האָט נאָך, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט. ווען דאָס ציגייַנערל איז אומגעפאַלן מיטן קעפּעלע אין שטויב פֿונעם הויף, האָבן זיך אופגעהויבן גאַנצע קנוילן, ווי אַ רויך איבער אַ פאַרלאָשענעם שײַטער.

מער האָב איך שוין גאָרנישט ניט געזען און גאָרנישט ניט געהערט, ווײַל כ'בין, אפּאַנעם, געפאַלן כאַלאַשעס. וויפֿל צײַט איז דורכגעגאַנגען, ווייס איך ניט, נאָר ווען כ'האָב זיך אופגעכאַפּט אין מײַן קעלער, האָב איך דערפילט, אַז עמעצער קוקט אַף מיר. איך קײַקל זיך אין אַפּגרונט, און בלויז אַ דינינק פּעדעמל האַלט מיך אונטער — אַנדערש וואָלט איך זיך אַ פֿליוכע געטאָן אַפּן צעמענטענעם דיל, און קאַפּוט. דאָס שוואַרצע פּעדעמל ציט זיך אַן ביזן ראַנד און לאָזט מיך ניט אַראָפּפאַלן. אויב קוקן אַף אַט דעם פּעדעמל אַרויף-צו, פאַרוואַנדלט עס זיך דאָרט, הינטער דעם פאַרגראַטעוועטן פענצטער, אין אַ פינטעלע... אין אַ קעפל פֿון אַ טשוועקל... אין אַ ציגייַנערן...

זי האָט געקוקט אַף מיר פֿון אויבן. דערבײַ האָט זי זיך אָפּגעשלאָגן פֿון די פּרעכע הענט פֿונעם פֿאַליציי, וועלכער האָט אַלץ געפּרוווט זי אָפּשלעפּן פֿון מײַן פענצטער. זי האָט געזאָגט:

— קאַראול, ראַטעוועט!..

דער פֿאַליציי האָט געפּרוווט איר פאַרשטעקן דאָס מויל מיטן אַרבל פֿון זײַן מונדיר, ס'האָט זיך געשאַפן אַן אײַנדרוק, אַז מע פאַרגוואַלטיקט זי אינדערעמעסן, און די ציגייַנערן האָט אַלץ געגוואַלדעוועט:

— אוי! אָך, ווי איז דאָס געהערט געוואָרן אַזוינס! דעם קאָמענדאַנט אַהער! דעם הער קאָמענדאַנט!

ווי נאָר אָבער דער פֿאַליציי האָט זי געלאָזט צורו און איז אָפּגעגאַנגען אין אַ זײַט מיט אַן אויסזען פֿון אַ מענטש, וועלכן מ'האָט באַליידיקט, נאָר ווען עמען ס'איז סאָפּקאַלסאָף אַלציינס, ווו עס זאָל זיצן בייסן שפּאַציר אַט די מעשוגענע, האָט די ציגייַנערן פּלוצעם אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין מײַן זײַט און האָט כיטרע אַ ווונק געטאָן. דאָס קאַרע אויג אירס, אַזאַ קיַלעכדיקס און אַן אויסגעברייטערטס קלוימערשט פֿון שוידער, קאָלזמאַן דער פֿאַליציי האָט זי געשלעפּט פאַרן אַרבל, איז מיטאַמאָל געוואָרן ווי אַ שאַרף פֿון אַ טשוואָק, וואָס מע האָט אַרײַנגעקלאַפּט צווישן די צוגעזשמורעטע וויִעס. זי האָט אַפּנהאַרציק געכוויזעקט איבער יענעם טיפּעש, וועלכער האָט געגלייבט אירע גוואַלדערײַען. זי האָט געלאַכט פֿון אים, ביט עפּעגענדיק דאָס דינע מויל. זי האָט געלאַכט פֿונעם פֿאַליציי און פֿון מיר, וועלכער האָט געגלייבט אין דעם ספּעקטאַקל, וואָס זי האָט אויסגעשפּילט...

און אין אָט דעם מאָמענט רוקט זיך פונעם פענצטער ארויס „מײַן" דײַטש און שרײַט עפּעס צום פּאָליצײַ. וואָס שרײַט ער — פאַרשטייט אַליין ניט דער פּאָליצײַ, נאָר יעדנפאַלס נעמט ער פּילדערן, קעדיי צו ווײַזן, וואָס פאַר א וואַכזאַמער וועכטער ער איז. ער שטויסט זיך אָן, אז דער דײַטש רעדט וועגן מיר: אָדער ער רופט מיך אַרויס, אָדער ער הייסט, מע זאָל מיך אָפּשיקן צו אַלדי רוכעס... נאָר ווען דער פּאָליצײַ טיטשעט רעציכעדיק דעם גע-שמידטן מיט מעטאַל פּריקלאַד פונעם קאַראַבין דורך מײַנע גראַטעס, שרײַט דער דײַטש: „ביין!" קומט אויס, אז ניט מיך דאַרף מען אײַזאָלירן, נאָר די ציגײַנערן. און דער פּאָליצײַ הייבט אָן צו טיטשען אין איר לעבעדיק לײַב דעם זעלבן פּריקלאַד. די ציגײַנערן צעיאָמערט זיך הילכיק און שפּײַט פּלוצעם אויס אין מײַן זײַט, ווי איך זאָל זײַן אין עפּעס שולדיק. כ'האָב זיך א וואַרף געטאָן פון איר צוריק, אין מײַן קעמערל הינטער די גראַטעס, נאָר דער ציגײַנערנס געשריי איז נאָך לאַנג געשטאַנען אין מײַנע אויערן, כאָטש אורטיילנדיק לויט דעם, ווי זי האָט כיטרע מיר אונטערגעווונקען, איז מיט איר גאָרנישט קיין שלעכטס ניט געשען. אָט האָט מען פון איר דאָס קינד אוועקגענומען — און ווי ניט איר מיינט מען עס!..

דעם גאַנצן קערפּער מײַנעם נעמט דורך א טויטע מידקײַט, און איך ווייס ניט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר. אזוי ווער איך אַנשלאָפן, פאַרגעסנדיק פון אַלץ און פון אַלעמען.

די ציגײַנערן אָבער לאָזט מיך אזוי פּאַשעט ניט אָפּ, אַפילו אין שלאָף. באַנאַכט דרינגט זי אַרײַן צו מיר דורך דער באַשלאָגענער מיט שטיקער בלעך זײַטיקער טיר. זי האָט זיך צעשורשעט מיט אירע קליידלעך, געפּאַכעט מיט די מוירעדיק לאַנגע אַרבל פונעם פּידזשאַק בא מײַן נאָז, בא מײַנע אויגן... די מעכאַשייפע האָט זיך ניט צוגערירט צו מיר, נאָר כ'האָב געפילט דעם רייעך פון די אַבשלאָגן... זי האָט געטאַנצט, איבערשטעלנדיק איין פוס נאָכן אַנדערן, פונקט ווי יענע מעכאַשייפעלע, איר מיידעלע...

7

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אויף די הוילע ברעטער, און מײַן בליק האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דער אײַזערנער טיר. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז דאָס איז א כאַלעם, אז איך דאַרף נאָר זיך א ציי טאָן, דאָס געפיל פון קעלט וועט פאַרשווינדן און צוזאַמען מיט אָט דעם געפיל וועט אויך פאַרשווינדן די באַנאַכטיקע מעכאַשייפע, ווי א ווויסטער כאַלעם. אָבער ניט די קעלט, ניט די מעכאַשייפע זײַנען נישט פאַרשוווּנדן. די מעכאַשייפע האָט זיך באַוויזן אין הויף מיט אַן אַלטער שטשערבאַטער שיסל אין די הענט און האָט אָנגעהויבן פּרישטיקן. מיך האָט מען ניט אַרויסגעלאָזט, אָבער זי פלעג אַרויסגיין — פּאַרט א מעכאַשייפע! און אזוי טאָג נאָך טאָג.

זיך דורכגעוואָרטלט, ווי געוויינלעך, מיטן פּאָליצײַ, וועלכער פלעג אָט ברענגען צו איר דאָס מיידעלע, אָט שרײַענדיק אויף איר: „זאָל עס שוין בעסער זײַן צווישן מענטשן, איידער מיט אזא מעכאַשייפע!..", האָט זיך די ציגײַנערן אונטערקרעכצנדיק אײַנגעמאָסטעט אויף דער זוניקער זײַט און אונטערגעשטעלט דער זון דאָס פּאָנעם, וואָס איז אזוי אויך געווען גענוג פאַרשוואַרצט. מײַן פּיזיאָנאָמיע איז אויך געווען פון דער נאַטור א שוואַרצע, אָבער ניט אויף אַזוי פיל — אָן א לילאַוועך שאַטירונג. דער פּאָליצײַ פלעג שרײַען אויף דער ציגײַנערן „אַלטע מעכאַשייפע!", האָגאַם ווען מע וואָלט זיך גוט אײַנגעקוקט, איז די ציגײַנערן געווען לאַכלוטן ניט אזא אַלטע. און ווען, באַזעצנדיק זיך אויף דער זון, האָט זי גענומען אַראָפּוואַרפן די שוואַרצע שאַל, אונטער וועלכער ס'איז געווען נאָך איין טיכל, א פּילפּאַרביקס, איז די ציגײַנערן בעפּירעש ניט ענלעך געווען אויף קיין מעכאַשייפע, ווײַל א מעכאַשייפע איז, ווי באַוווּסט, א זקיינע, בא דער דאַזיקער אָבער זײַנען די האָר שוואַרצע, און, אַרויסשלאָגנדיק זיך פון הינטערן טיכל, האָבן זיי געגלאַנצט, ווי אָנגעשמירט מיט בריזאָלין אָדער מיט שמאַלץ. איבער דעם שנאָבלדיקן נעזל האָט זיך אַרויסגעכיינט א שרונט, אזא גלײַכער און רײַנער, ווי בא דער מעכאַשייפע וואָלט אונטער דער אייבערשטער הויט זיך באַהאַלטן נאָך איינע — א זויבער-ווײַסע. נאָר די ברויגע פיס, וועלכע האָבן זיך אַרויסגערוקט פון הינטער דעם קלייד, וואָס זי האָט פאַרקאַטשעט הויך, אזש ביז די סאַמע קני, ניט שעמענדיק זיך נישט פאַר מיר, נישט פאַרן פּאָליצײַ, נישט פאַרן „אונטער", האָבן זי אויסגעגעבן: א מעכאַשייפע, ניט אַנ-דערש! אַפילו ווען „מײַן" דײַטש האָט זיך אַרויסגערוקט פונעם פענצטער, האָט די ציגײַנערן זיך ניט געײַלט צו פאַרדעקן די פיס, און אים איז אויסגעקומען זי אָפּגיסן מיט א גאַנצן צעבער קלאָלעס. די ציגײַנערן האָט מיר אונטערגעווונקען:

— ראַקלאָ!

איך האָב שוין פריִער געהערט פון איר מויל אָט דאָס וואָרט, וואָס באַטײַט אַן אויסוווּרף, אַ גאַנעוו, און כ׳האָב דעמאָלט געמיינט, אַז דאָס זידלט זי מיך מיט אָט דעם וואָרט. איצט, לאָזט זיך אויס, איז ראַקלאָ — ניט איך, נאָר „מײַן" דײַטש. יאָ, ס׳איז געווען שוידערלעך צו וואַרטן אויף זײַנע פאַרהערן און זען זײַנע ווײַסלעכע אויגאַפּלעס. און נאָך שוידערלעכער איז געווען זיך פאָרצושטעלן, פונוואַנען ער קערט זיך אום אינדערפרי און וווּהין פאָרט ער אָפּדערנאַכט. די קאַמערן אין דער געוועזענער שפּאָרקאַסע האָבן זיך אַלץ פאַרפולט, און עסענוואַרג רײעך פון מענטשלעכן שווייס, פון פאַרזויערטער האַשטאָנע, פון הנאָי איז געשטאַנען אין אַלע קאָרידאָרן. דערנאָך פלעגט זיך אָט דער רייעך צעזייען — עס זײַנען דאָך געווען „פינפלינגען", וועלכע מע פלעג פירן צעשיסן... אָבער אָנרופן „מײַן" דײַטש — ראַקלאָ, האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט. אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָט ער אויסגעזען ווי אַ מוסטערהאַפטער אינטעליגענט, אַפילו אַן אַריסטאָקראַט! ווען כ׳האָב אים געפרעגט וועגן דעם מיידעלע, וואָס דער פּאָליציַי פלעג אַלעמאָל זי שלעפּן ערגעץ, האָט ער אַפילו אַ זיפץ געגעבן און עפּעס אַ זאָג געטאָן וועגן „קינדער", וועלכע דאַרפן, נעבעך, לײַדן אין אָט דער מילכאָמע איבער די דערוואַקסענע, זייערע עלטערן — פאַנאַטיקער, טיפּשים, קאָנען זיי בעשום־אויפן ניט פאַרשטיין די „אַלגעמיינע געזעצן פון דער נאַטור" און פּרוּוון אַרײַנשטעקן די פינגער אין דער ראָד, און דעריבער ווערט פאַרכאַפּט די גאַנצע האַנט. אויך דאָס מיידעלע לײַדט, נעבעך, איבער איר מוטער, וועלכע איז אַ ווילדע כײַע. יאָ, זי איז אַ „ווילדע טיר", פּונקט ווי אַלע ציגײַנער זײַנען „ווילדע טירע". אַגעוו, ווי אויך אַלע רוסן. אָבער! — ער האָט אויפגעהויבן צו דער סטעליע זײַן לאַנגן פינגער — דעם פּאָליציַי האָט מען שוין געוואָרנט. ער פּערזענלעך, זילבערט, האָט אים געוואָרנט, ווײַל ער, זילבערט, ווייסט: אויב ס׳איז ניטאָ קיין קולטור, קאָן מען דערוואַרטן וואָס איר ווילט! אַ לאַנד, ווו אין די דערפער שלאָפט מען איינער לעבן אַנדערן!.. נאָר אַפילו בא די קולטורעלע דײַטשן זײַנען פאַראַן באַשרענקענדיקע געזעצן. טאַבו. אויב אַ מענטש איז אויף זיי אויוועק, טוט מען אויף אים אָן אַ „שוואַרצן ווינקל" — און אין קאָנצלאַגער. געשלעכטלעכע פאַרברעכנס — אָ, ווי מיִעס עס איז! אַ שוואַרצן דרײַעק מיטן ווינקל אויף אונטן — און אַלע ווייסן, אַז דאָס איז אַ פאַרברעכער. און אָט דעם פּאָליציַי וועט ער פּאַשעט צעשיסן...

ווען איך האָב אויפן אַנדערן טאָג אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער אין הויף אַרײַן, איז שוין די מעכאַשייפע געווען אויף איר געוויינלעכן אָרט. זי האָט מיך אויך דערזען און געזאָגט, ווי עס וואָלט צווישן אונדז פאַרגעזעצט געוואָרן עפּעס אַן אָנגעהויבענער געשפּרעך:

— ראַקלאָ איז אויף ציגײַנער־לאָשן — אַ רוסישער באָכער. און דו ביסט לאַכלוטן ניט קיין ציגײַנער.

און דאָ איז צו מיר דערגאַנגען, אַז ניט פונעם גאַנאָווים־זשאַרגאָן האָט זי אַרויסגעשלעפּט אָט דאָס וואָרט. אַמאָל האָבן די ציגײַנער אויף אוקראַיִנע גערופן אַזוי די רוסישע באָכערים.

— נאָר דו ביסט אויך ניט קיין ראַקלאָ. דו ביסט אַ ביבאַלדאָ. דו ווייסט ניט? וועל איך דיר דערציילן. בי־באַל־דאָ!

כ׳האָב ניט פאַרשטאַנען, צי האָט זי דאָס געזאָגט מיט סינע צי מיט כידעש? אָדער מיט כשיוועס? גאָרנישט האָט זיך ניט געביטן אינעם פּערלמוטער־בליאַסק פון אירע אויגן. זי האָט זיך אָנגעבויגן צו מײַן גראַטע און גענומען ריידן שטיל־שטיל.

— שונעס, הער! כ׳וועל דיר דערציילן וועגן פּאַרעס סירענעס. וועגן די סירענעס וועל איך דיר דערציילן. מיט לאַנגע יאָרן צוריק האָט אַרויסגעפירט איינער אַ מענטש זײַנע שטאַמברידער פון מיצראַיִם. אַרויסגעפירט בעסאָד־סוידעס. איז אָט, פירט ער זיי, און נאָך זיי, ווער עס איז אַרויסגעגאַנגען פון מיצראַיִם, האָט דער פּאַרעס זײַנע דינער געשיקט... דאָ קאָן איך דיר זאָגן, ווער עס זײַנען געווען יענע דינער — ציגײַנער זײַנען דאָס געווען. און עפּשער ניט קיין ציגײַנער, ווײַל אַליין די ציגײַנער רעדן ניט, אַז דאָס זײַנען געווען ציגײַנער. און אָט גייען יענע מענטשן, וועלכע זײַנען אַוועק פונעם פּאַרעס פון מיצראַיִם, אַלץ גיכער און גיכער, זיי גייען, און זיי קומען צו צום יאַם. וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ יאַם, וועל איך ניט זאָגן, אַלטע לײַט האָבן גערעדט, אַז דער יאַם האָט געהייסן שמאַרצער (אַפּאָנעם, הער, דאָס איז געווען דער שוואַרצער יאַם — די זקיינים זײַנען דאָך געווען אַמעראַצים), דער זעלבער, ווו ביז הײַנט־צו־טאָג לעבן ציגײַנער, וועמען מיר רופן קרימטשאַקעס. יאָ, זײַנען זיי געקומען צום יאַם און זיי זײַנען אַוועק — יענע, וועלכע זײַנען אַרויסגעגאַנגען — די ביבאַלדאָ — איבער דער בריק. זיי אײַלן, לויפן, פאַלן, און דעם פּאַרעס דינער — דו ווייסט שוין, ווער — נאָך זיי, הער! אָבער ווי נאָר יענע מענטשן, וועלכע זײַנען אַנטלאָפן פון פּאַרעס, האָבן דער-

פֿילט די ערד אונטער די פֿיס, האָט מױשע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, די בריק האָט אַ פֿאַל געטאָן און איז אינגאַנצן פֿאַרשװוּנדן, װי זי װאָלט, שוֹנעס, אַפֿילו קײנמאָל ניט געװען! און עס זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין װאַסער פֿאַרעס אַלע דינער — דו װײסט שױן, װער עס זײַנען געװען אָט די מענטשן, — ס'האָבן זיך פֿאַרצױגן איבער זײ די װאַסערן פֿונעם ים, און ס'האָבן זיך פֿאַרװאַנדלט יענע, װער ס'איז אין װאַסער אַרײַנגעפֿאַלן, אין האַלב־מענטשן און האַלב־פֿיש. פֿון דעמאָלט אָן שװימען זײ איבערן ים און רופֿן אַרױס שטורעמס... שוֹנעס?

װעגן װעמען רעדט זי עס? איך בין אַ ביבאַלדאַ? אָבער כ'בין דאָך לאַכלוטן ניט דער, װעמען זי מײנט!... איך בין האַלב אױף האַלב. ערגעץ צװישן איר און צװישן יענע, װער ס'איז צוּפֿוּס דעם ים אַריבערגעגאַנגען. דעם רױטן ים, און ניט דעם שװאַרצן: כ'האָב אַמאָל װעגן דעם געלײענט אינײנעם מיט מײַן טאַטן... ער איז געװען אַ שװאַרצער, דער טאַטע, אין אַ קאַסאַװאָראַטקע... אָבער ניט אין אַזאַ, װי בײַ דעם זײדן!... בײַ דעם אַנדערן זײדן... יאָ, די קאַסאַװאָראַטקע פֿונעם אַנדערן זײדן, און אָט דער — פֿאַש־פֿאַפֿאַש... פֿאַש־ש־ש... איך בין... פֿאַש... ש...

צו מיר דערנעענטערט זיך מיט אַ שלאַנגען־שיפּערײַ אַ פֿיש... קױם װאָס מע הערט אים. געלע אױגן... װי בײַ „מײַן" דײַטש, װען ער רופֿט מיך אַרױס אינדערפֿרי. ש־ש־ש... — שװימט צו דער פֿיש. די אױגן זײַנען בײַ אים קײַלעכדיקע און קאַלטע, װי דער דײַטש װאָלט בײַנאַכט געזען זײער אַ װיסטן כאָלעם. און איצטער, בײַטאָג, װען ער האָט געשמועסט מיט מיר, שלאָפֿט ער אײַן בײַם טיש און סאָפּעט שטיל, דעליקאַט: ש־ש־ש...

...יאָ, אָבער װאָס קער עס זיך אָן צום דײַטש, אַז איך שלאָף דאָך און צו מיר דערנעענטערט זיך אַ פֿיש? איך שלאָף, אַנדערש װאָלט איך פֿון אים אַװעקגעשװוּמען און זיך אַרױסגעקליבן אױפֿן ברעג... אָבער דעמאָלט װאָלט ער זיך געלאָזט נאָך מיר: ער איז דאָך אַ פֿיש — אַ מענטש. און װו"אַזױ האָט עס די ציגײַנערן זיך דערװוּסט, אַז אָט דער פֿיש איז אַ מענטש? דער פֿיש איז אַ גלאַטער און אָפּגעפּאָלירטער, װי אַ קעפּל פֿון אַ סנאַריאַד. אױף אים איז גאָר־ניט בײַשטאָ: ניט קײן ליסקעס, ניט קײן פֿלוספֿעדערן — גאָרניט שטערט אים נישט אױפֿן װעג, מע זאָל אים פֿאַרהאַלטן, ביזװאַנען כ'װעל זיך אױפֿכאַפּן. אָט באַלד װעט ער צושװימען צו מיר און מיט דײַטשישער פּונקטועלקײַט מיך איבערשנײַדן מיט זײַן מאָרדע אױף צװײ גלײַכע העלפֿטן. איך מעג שרײַען װיפֿל איך װיל — אונטערן װאַסער הערט מען ניט. איך מעג שרײַען, אַז אײן טײל פֿון מײַן בלוט איז מער פֿון אַ צװײטן טײל, און דאָס איז אָנגעװיזן אין די דאָקומענטן! נאָר דער פֿיש לײענט דאָך ניט קײן „פּאַפּירן", אין זײַנע אײַז־קאַלטע אױגן זײַנען אַרײַנגעשטעלט גלעזלעך, װעלכע באַשטימען פּינקטלעך, װער דו ביסט. דעם דײַטש קאָן מען נאָך אָפּנאַרן, דעם פֿיש אָבער — קײנמאָל ניט. פֿאַרשטײט זיך, מײַן זײדע פֿון טאַטנס צד װאָלט געקאָנט אַ שנײַד טאָן דעם פֿיש מיט זײַן גאָלמעסער, אָבער ער איז געשטאָרבן און קאָן ניט קומען פֿון דאָרטן מיר צו הילף. ס'װאָלט געקאָנט זיך אָננעמען פֿאַר מיר אױך מײַן זײדע פֿון דער מאַמעס צד — פֿאָרט אַ העלד פֿון צוסימע! און ער יאַװעט זיך! נאָר דאָרט, װוּ בײַם זײדן זײַנען געהאַנגען קרײצן, איז פּוסט: דאָס זילבער מיטן גאָלד האָט מען אױסגעהאַנדלט אין די צײַטן פֿון נעפּ, און מיט דער פּוסטקײַט אָנשטאָט די קרײצן איז ער שױן קײן העלד ניט. בעקיצער, אױך ער געפֿינט זיך אין דעם זעלבן װאַסער, װי איך און דער פֿיש. איך דערמאָן זיך מיט שודער, אַז אָט דער זײדע איז געשטאָרבן פֿון הונגער בײַס דער אָקופּאַציע, װײַל קײן קרײצן און אָרדענס האָט ער שױן דעמאָלט ניט געהאַט, און דערװײַזן, אַז ער איז פֿון די געװעזענע, איז דעם זײדן ניט אָנגעשטאַנען. די מאַמע װעט אױך ניט העלפֿן, װײַל אױך זי, פּונקט װי איך, שװימט אין אָט דעם מוטנעם װאַסער און, צערעכענענדיק זיך מיט מיר, װעט דער פֿיש זיך אַרופֿװאַרפֿן אױף איר: אױב זי איז שױן געבליבן אױף דער טעריטאָריע, װוּ דער פֿיש איז דער גאַנצער באַלעבאָס, װאַרט ניט אױף קײן גנאָד!

אָבער דער פֿיש, װעלכער האָט זיך מיר געכאָלעמט בײַנאַכט, איז דאָך ניט קײן ציגײַנער? האַגאַם ס'איז געזאָגט געװאָרן אין דער לעגענדע, אַז די ציגײַנער האָבן פֿאַרפֿאָלגט די ביבאַלדאָ. אױך, יאָ, דאָס האָבן צוגעטראַכט די ציגײַנער — זײ אַלײן פֿאַרפֿאָלגט מען, װי די ביבאַלדאָ!...

ביבאַלדאָ! ס'האָט זיך באַװיזן אַ װאָרט, מיט װעלכן כ'װאָלט געקאָנט זיך אָנרופֿן אָנשטאָט יודע... זשיד... ייִד... זי, די ציגײַנערן, האָט אונטערגעזאָגט...

אױפֿן אַנדערן טאָג האָט מען זי אַרײַנגעװאָרפֿן אין מײַן קאַמער. װײַזט אױס, אָרט האָט אױסגעפֿעלט — מיט אַ טאָג פֿריִער האָט די אַלטע געבײַדע פֿון דער געװעזענער שפּאַרקאַסע געסקריפּעט, װי די זיך שיטנדיקע ציגל װאָלטן זיך צעקראָכן, זיך צעפּאָרן, געפּלאַצט.

בײַנאַכט האָבן פֿאַרבײַ מײַנע טירן געטופּעט מענטשן. אַהין און צוריק. מע האָט געהערט אױסגעשרײען. עטלעכע מאָל האָב איך אױפֿגעכאַפּט אינטאָנאַציעס פֿון „מײַן" דײַטש,

דעם האופּטמאַן זילבערט. זיי זײַנען ניט אַזעלכע צעצויגענע, ווי באַטאַג. די זעלבע קלאַנגען, דאָס זעלבע לײַכטע קאַרטאַווען, דער כריפּ אויף די אויסיִעס „כ" און „ג". די קלאַנגען האָבן זיך אָנגעוואַלגערט איינע אויפֿן אַנדערן אָדער אויף עמעצן... ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זילבערט שלאָגט עמעצן, און דערנאָך רעדט ער עפּעס אָדער ער פֿאַרבײַט די ווערטער מיט כריפּענדיקע קלאַנגען...

צוליב וואָס האָט ער באַזעצט צו מיר די ציגײַנערן? זי האָט זיך געיאַוועט מיט איר קינד. ראַדע איז געשלאָפֿן, צונויפֿגעדרייט, ווי אַ בייגל, אין אַ ווינקל פֿון די נאַרעס, פֿאַרקלעמענדיק די דלאָניעס צווישן די קני. פּונקט אַזוי, ווי איך. געווען איז זי אָבער אַ ווילדע און ניט קיין צוגעלאָזטע. כ'האָב זיך דערמאָנט, ווי דער דײַטש האָט אַ זאָג געטאָן: „טיר", דאָס הייסט אַ כײַע. דער „טיר" האָט פּלוצעם גענומען רעווען, ווי אַ ווילד כײַעלע: זי האָט געוואָלט עסן, און עסן האָט זי געוואָלט שטענדיק. אַגעוו, ווי איך. די מוטער האָט איר געגעבן פּעטש, און דאָס קינד איז גלײַך אַנשוויגן געוואָרן. בלויז אין די אויגן האָבן אַ פֿינקל געטאָן טרערן פֿון פֿאַרדראָס. די מוטער האָט אַרומגענומען דאָס מיידעלע און עפּעס געמורמלט וועגן איר שולד פֿאַר דער טאַטער. מיט וואָס איז זי געווען שולדיק? און פֿאַר וואָס זי געמוסערט?..

8

ראָט קאַלי-קאַלי,
אַ שמאַק-פֿינצטערע נאַכט...

אין דער קאַמער איז פֿינצטער — קיין שום שײַן. הינטערן פֿענצטער שפּרינגען, ווי לײַכט-זשוקלעך, שטראַלעכלעך פֿון לאַמטערנדלעך, וועלכע די דײַטשן פֿעסטיקן צו צו די קנעפּלעך אויף דער ברוסט. באַנאַכט קומען צו פֿליִען די „לײַכט-זשוקלעך" אָט נאָך איינעם, אָט נאָך אַ צווייטן — נאָך יענע, ווער עס זיצט אין די קעלערס. אין אַ באַליביקער נאַכט קאָנען אַזעלכע אויך זײַן איך, רוזיע, ראַדע. מיר ווייסן, ווער וועמען און ווּהין מע פֿירט! אינעם ברונעם פֿון דעם הויף הילכן די געקאָוועטע מיט מעטאַלענע שפּיצן שטיוול פֿון די סאָלדאַטן און עס שאַרקען די פּאַדעשוועס פֿון יענע, וועלכע מע יאָגט. פֿאַרדומפּטע געשרייען און טויבע קלעפּ. שוידער קאָן מען פֿאַרטויבן בלויז מיט שוידער...

— גאָר אַמאָל איז עס געווען... נאָך בייסן צאַר. פֿאַר אַ פֿעלד-ציגײַנער איז קיין צאַר, העכער פֿונעם אוריאַדניק, ניט געווען. און ער יאָגט דיך פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן, און בײַטן דאָס אָרט, אויב דו ווּעסט וועלן, וועט ער ניט לאָזן.

...ווידעראַמאָל האָבן דורכגעשורשעט עמעצנס דינע פּאַדעשוועס, און נאָך זיי האָבן דורכגעטופּעט געקאָוועטע שטיוול — פּונקט ווי דער ניט-גוטער האָט די לײַכטע ציגײַנערשע נעשאָמע אין סטעפּ אָפּגעפֿירט...

ראָט קאַלי-קאַלי...

— אַמאָל-אַמאָל איז עס געווען... — רוזיע דריקט צו זיך צו די טאָכטער און שטופּט זי אָפּ: — נאַ פּריאַטש!

דאָס באַטײַט — טשעפּע זיך אָפּ! איך פֿאַרשטיי שוין אייניקע ציגײַנערשע ווערטער. דאָס קינד האָט איבערגעבונדן מײַן אַליומינענעם לעפֿל מיט אַ פּאַסעקל בונטער מאַטעריע — עס שפּילט זיך אין דאַדאַ: אין טאַטן שפּילט זי זיך.

— הער אויף!.. דו האָסט ניט קיין דאַדאַ!

רוזיע שרײַט היסטעריש:

— מע לאַסקאַ!

דאָס באַטײַט: איך שפּײַ דערויף!.. אויף וועמען? אויף ראַדעס טאַטן צי אויפֿן דײַטש? פֿאַרוואָס זשע, שעלטנדיק אויף איר אויפֿן ראַדעס דאַדאַ, וואָיעט צו באַלד ווײַבעריש:

— אויף וועמען האָסטו אונדז געוואָרפֿן?..

גיי און פּרוּוו זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן, ווער האָט וועמען און ווּען געוואָרפֿן!

— אַמאָל-אַמאָל איז עס געווען... ציגײַנער זײַנען געפֿאָרן איבער דער וועלט, לעבן דערפֿער זיך אָפּגעשטעלט, צעשטעלט זייערע געצעלטן, פֿריִען האָבן געקאָכט עפּעס עסן.

אַבער ווו נעמט מען עפּעס אָפּ צו קאָכן?.. האָבן זיך געלאָזט די ציגײַנער אין נאָענטן דאָרף נאָך פּראָוויאַנט: ווו מע דרייט אָפּ א קעפּל פון א הון, ווו אפילע צוויי הינער, ווו א קליין כאַזערל כאַפּט מען ארײַן אין זאק... אזוי ווי עס פירט זיך בא ציגײַנער!... מע גאַנוועט צו א פערד, מע פארקויפט עס, מע בײַט עס אויס, מע נאַרט אָפּ דעם קוינע... דײַן טאַטע איז אן עמעסער ציגײַנער! — זאָגט רוזיע צו איר מיידעלע, און מע קאָן ניט פארשטיין, צי זידלט זי ראַדעס דאַדאַ, צי זי גרויסט זיך גאָר מיט אים.

מײַן מאַמע פלעג אויך שטענדיק זידלען דעם טאַטן, נאָר ווען עס פלעג אויסקומען צו געזעגענען זיך, האָט זי אזוי געיאָמערט, אז א שוידער פלעג ארומכאַפּן. אָבער דאָס איז דאָך מײַן מאַמע! א געבילדעטע. אן אינזשעניער-עקאָנאָמיסט, פארוואַלטערן מיט א פּלאַן-אָפּטייל, דעפּוטאַט פונעם ראַיסאָוועט. און רוזיע? א שמוציקע ציגײַנערן, און אפילע איר מיידעלע זידלט זיך, ווי א שוסטער. און וועגן איר דאַדאַ איז בכלל ניט קלאָר:

— מע לאַסקאַ!

ניין, ווײַזט אויס, איר איז לאַכלוטן ניט אַלצײַנס, אויב זי רעדט וועגן דעם אזויפיל. אפילע איך, א יונגאַטש, פארשטיי עס. איך פיל עס. און רוזיע קנײַפּט מיט אירע לאַנגע פינ-גער דעם הינערשן אקסל פונעם מיידעלע און שיפּעט:

— ע!.. א נאַרישער ציגײַנער פארשטייט ניט, אז פונעם גוירל וועסטו ניט אוועק! ער כאַפּט, ווו עס לאָזט זיך, און שלעפּט צו זיך, אפן אייגענעם ווײַב, אָף די קינדער רופט ער ארויס די גרעסטע אומגליקן! אַך, היציקע קעפּ! כ'האָב זיי דאָך געזאָגט!... נו, שונעס, הער!..

דער עלטסטער פונעם טאַבאָר, באַראָ, האָט גערעדט צו די ציגײַנער: „גאַנוועט ניט אין דאָרף, מענטשן וועלן קומען פונעם פעלד, ניט געפינען זייערע הינער, און מע וועט אײַך שלאָגן מאַקעס-רעצעך!..” ע, א נאַרישער ציגײַנער וועט דען עמעצן הערן, היציקע קעפּ! אין א שאָ ארום האָט פון אלע שײַטערס א מעכײַעדיקער רייעך פון געבראָטנס זיך געטראָגן. גייט ארום דער באַראָ, שמעקט די לופט, זידלט זיך: „באַלד וועלן מענטשן פונעם פעלד זיך אומקערן, און מע וועט אײַך, ראָמאַ, שלאָגן מאַקעס-רעצעך!..”

— דו פארשטייסט, וואָס אזוינס איז אן עכטער ראָם? — שרײַט צו מיר רוזיע. — דאָס איז!.. דאָס איז!.. עך, וואָס איז דאָ צו ריידן!..

זי טוט א מאַך האָפּענוגסלאָז מיט דער האַנט און צופּט דאָס קאָפּטל אָף דער מאָגע-רער ברוסט: עפּעס מוטשעט איר דאָרט, אינווייניק, אין סאַמע האַרצן. דער מאַן אירער? דער היציקער ציגײַנער, וועלכער...

— אוי, א פאַלק! אוי, אן אײַנגעשפּאַרטס איז אָט דער ראָם! וואָלט איך געוווּסט, אז אזוי וועט זײַן, וואָלט איך אנדערש געטאָן! דער פאָטער האָט ווי געפילט: ער האָט ניט געוואָלט פאַר קיינעם מיך אויסגעבן. און אליין פון די ציגײַנערשע מידעס זיך אָפּגעזאָגט. אָט גייט ער איבערן באַזאַר, און ציגײַנער שרײַען צו אים: „איוואַן פּעטראָוויטש, גיי אָפּ אין א זײַט — דיך קאָן נאָך א פערד פארטשעפּען!”

ווײַזט זיך ארויס, אז רוזיעס פאָטער האָט בייס דער סאָוועטנמאַכט שיר ניט דער ערשטער זיך אָפּגעזאָגט פון פערד-האַנדל און איז געוואָרן א באַאַמטער. ער האָט ניט גע-שרײַען, ווי אנדערע ציגײַנער: „זאָל לעבן קאַרלאַ מאַרקסאַ און א פערד-מאַרק זיבן מאָל אין וואָך!” רוזיעס פאָטער איז געווען א רעמאָנטיאָר אין דער רויטער ארמיי. ער האָט באַזאָרגט די ארמיי מיט פערד. עמעס, ווי איך האָב פארשטאַנען, האָט ער אויך זיך ניט פארגעסן — א ציגײַנער בלײַבט א ציגײַנער! — אהיים האָט ער זיך פונעם בירגערקריג אומגעקערט מיט צוויי פּערזענלעכע פערד!

— ווײַל וואָס איז דאָס פאַר א ציגײַנער אָן א פערד! — שעפּטשעט רוזיע.

גאָר עפּעס אנדערש מײַנע עלטערן — בא זיי זײַנען געווען בלויז קאַזיאָנע פערד, צוגע-פעסטיקטע לויטן פארנומענעם פּאָסטן. ווי נאָר עס האָט זיך פארענדיקט דער פּאָסטן — האָבן זיך פארענדיקט אויך די פערד, און דער שליטן מיטן פוטערנעם איבערדעק, מיטן קוטשער איוואַן גאַווריל'אָוויטש... דער ציגײַנער אָבער איז פון סאַמע בעריישיס צוגעווינט.

— גייט דער עלטסטער... באַראָ איבערן טאַבאָר, שמעקט מיט דער נאָז די לופט און רעדט: „גאַדזשיאָ דשאַלאַ!” רויִק אזוי רעדט ער: „מענטשן פונעם דאָרף גייען... זיי גייען מיימעסן די ציגײַנער”. און ווירקלעך, אָט גייט מען שוין — ווער מיט א קאָסע, ווער מיט א דראָנג. דער עלטסטער, באַראָ — א קלוגער ציגײַנער איז ער — זאָגט: „באַגעגענען דאָרף מען אָף יענער זײַט בריק. אויב אהערצו וועט דערגיין דער געשלעג, וועלן דערפון די קינדער און פרויען לײַדן, די פערד וועט מען אָפּנעמען...” האָבן געפאָלגט די ראָמאַ דעם עלטסטן, גענומען דובינעס מיט בלײַענע שפּיצן און האָבן זיך געשטעלט אָף יענער זײַט בריק...

רוזיע שטופּט ווידעראַמאָל אָפּ פון זיך די טאָכטער:

— טשעפּע זיך אָפּ, װײטיק מײַנער! װוּ איז דײַן דאַדאַ, דײַן טאַטע? מײַנער האָט אין דער קינדהײַט מיך ניט געװאָרפֿן. װען כ׳בין אַלט געװאָרן אַ יאָר פֿופֿצן, האָט ער מיך אַרױסגעפֿירט אױפֿן ערשטן יאַריד. ס׳איז געװען זונטיק, עפּעס אַ כאַגע. און אַ פֿערד מיר געשענקט — גאָלובאָק האָט מען עס גערופֿן. די ציגײַנער זײַנען פֿון מײַן פֿערד ניט אָפּגעטראָטן, און געפֿאָרן בין איך אױף אים בלױז אַלײן. קײן שום אַנדערער האָט ניט געװאָגט צו אים צוגײן. מע האָט מיך געקאָנט, פֿאַרשטײט זיך, אַרױסגאַנװענען. נאָר דעמאָלט, אין יענע צײַטן, האָט מען די דאָזיקע זאַך שױן געפֿירט לײַטיש. די אַלטע צײַטן, װען ציגײַנער פֿלעגן גאַנװענען די קאָלעס, זײַנען שױן אַװעק... יאָ, שונעס, הער זשע!...

...האָבן די ציגײַנער זיך באַגעגנט מיט די פּױערים אױף יענער זײַט בריק — אַזױ װי ס׳האָט געײַצעט דער עלטסטער. ער האָט זײ אָנגעזאָגט: „איר, ראָמאַ, שלאָגט ניט מיט די דובינקעס, נאָר פֿאַרטשעפּעט זײ. פֿאַרטשעפּעט זײ און װאַרפֿט זײ אַרײַן אין װאַסער! זאַמלט זיך צונױף צו צװײ, צו דרײַ, די דובינקעס הײבט אױף אין דער הײך, און אין װאַסער...״ נו, האָט מען טאַקע אַזױ געטאָן... אײַנדערלױפֿטן הײבט מען זײ אױף און מע װאַרפֿט אין װאַסער. די דובינקעס זײַנען לאַנגע, העכער פֿון די ציגײַנער... איז מען אַװעק אַ װאַנט אױף אַ װאַנט, אַ װאַנט אױף אַ װאַנט...

...װען מע האָט קאָלעס געגאַנװעט, איז מען אױך געגאַנגען אַ װאַנט אױף אַ װאַנט. און אַמאָל האָט מען פֿאַשעט זיך צונױפֿגערעדט, װער װאָס פֿאַר אַ קאָלע װעט אַװעקפֿירן... נאָר דער פֿאָטער מײַנער איז אַ שטרענגער געװען, ער האָט ניט געװאָלט, איך זאָל פֿרײַ כאַסענע האָבן... האָב איך טאַקע פֿרײַ ניט כאַסענע געהאַט... ערשט שפּעטער... פֿאַר איר טאַטן, און אַט!..

רוזיע האָט זיך אָנגעבױגן צו דער טאָכטער און איז אַנשטילט געװאָרן. הינטערן פֿענצטער האָט מען נאָכאַמאָל געהערט טריט: קאָלזמאַן דו רעדסט, הערסטו ניט, אָבער װי עס װערט שטיל — הערט מען אַלץ... עמעצן פֿירט מען ערגעץ... אונדז דערװײַל ניט... אײַנהערנדיק זיך אין די טריט אין דער שכײניש ער קאַמער, זעצט רוזיע פֿאָר:

— יאָ, אַ װאַנט אױף אַ װאַנט! און צום טאַבאָר דערטראָגט זיך בלױז דער טומל. די פֿרױען פֿאַקעװען אײַן אין די װעגענער דאָס האָב-און-גוטס, לײגן צונױף די געצעלטן. און אונטער אײן װאָגן איז געשלאָפֿן יאַשקע. אַ נאַרעלע. אָט װי, לעמאַשל...

זי האָט געװאָלט אָנװײַזן אױף מיר. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז אױף מיר! אָבער פֿאַרװאָס? כ׳בין דען נאַרישער פֿון איר? װאָס כ׳האָב זיך אַהער אַרײַנגעפּאַקט, איז זי דאָך אױך באַנאַנד. און די גאַנצע צײַט זידלט זי דעם מאַן: ער איז דאָס דער שולדיקער. ראַדען קנײַפּט זי פֿאַר דעם הינערשן אַקסל... דאָס מײדעלע כניקעט און קוקט װי אַ כײַעלע: פֿאַרװאָס קנײַפּט מען זי, אַז שולדיק איז איר טאַטע! און כניקען כניקעט זי װי אומיסטן, װײַל די מאַמע קנײַפּט זי ניט זײער װײטיקלעך. מיך האָט די מאַמע אױך אַמאָל אָפּגעשמיסן — אַ גאַנצע װאָך האָב איך גאָרנישט ניט געגעסן, האָט זי באַשלאָסן מיך אָנלערנען — קײן ברעקל ניט געגעבן. אין אַ װאָך אַרום האָב איך גענומען בעטן כאָטש אַ פֿאַרװאַלגערט שטיקל ברױט פֿונעם בופֿעט. נו, האָט זי דעמאָלט מיך גענומען פּאַטשן איבער די באַקן... נאָר ראַדע פֿאַרהײבט דאָך אַלײן די האַנט...

— אָט װעט קומען דײַן דאַדאַ, װעט ער דיר שױן געבן אַ פּסאַק!

— דאַדאַ איז אַ מורש!

— ער װעט ניט קומען! אין דעם טאַקע גײט עס, װאָס ער װעט ניט קומען!.. אַ נאַרעלע ביסטו בײַ מיר... װי יענער יאַשקע, װעלכן די מוטער האָט אונטערן װאָגן געהאַלטן. ער איז געשלאָפֿן, פּונקט װי דו װעסט באַלד אײַנשלאָפֿן װערן... דו װילסט ניט? ער האָט אױך ניט געװאָלט. און פֿרעגט בײַ דער מוטער: „װאָס איז דאָס פֿאַר אַ גערױש אױף דער בריק?״ און די מוטער ענטפֿערט אים: „דאָס שפּילן די ראָמאַ, זײ פּרוּװן אױס די קױכעס!״ יאַשקע הײבט אָן װײנען: „איך װיל אױך!..״ נו, די מאַמע האַלט אים, פֿאַרשטײט זיך, אונטערן װאָגן: „אױך מיר אַ שלעגער! זאָלן די עלטערע, די גרױסע, זיך שלאָגן. מעק אַדאַי, מײלע!..״ יאַשקע אָבער האָט זיך אױפֿגעהױבן — ער װיל זיך אױך שלאָגן, װי אַלע ראָמאַ, אָט אַ טיפֿעש!.. און...

— מײַן דאַדאַ איז ניט קײן טיפֿעש. ער איז אַ שטאַרקער. אַ גרױסער! — שרײַט ראַדע און פֿאַרהײבט אױף דער מוטער איר ברױן הענטל.

— ע, ביסט נאָך צו קלײן אױף דער מוטער די האַנט אױפֿצוהײבן! װײַל דו ביסט אָן דעם טאַטן!.. מײַן פֿאָטער איז אַ שטרענגער געװען. ער האָט מיך צוגענומען פֿונעם זעקסטן קלאַס: גענוג זיך לערנען! קײן שום טרערן און דער מאַמעס געבעטן האָבן ניט געהאָלפֿן! איז אױסגעקומען צו זיצן אינדערהײם, העלפֿן דער מוטער אין דער װירטשאַפֿט, דערענדיקן דאָס לערנען אינדערהײם — די מאַמע האָט געהײם לערער פֿאַר מיר געדונגען. פֿאַר שפּײַז. דעמאָלט, בײסן נעפּ, איז עס געװען דאָס בעסטע געצאָלטס. די מוטער האָט געקאָנט עפּעס

אָפּשפּאָרן פֿון פּראָדוקטן: דער טאַטע האָט פֿאַרדינט גאַנץ נישקאָשע. צוערשט האָט ער אַליין געקוקט נאָך די פֿערד, דערנאָך האָט ער פֿאַרדונגען דרײַ אַרבעטער... די ווירטשאַפֿט איז זיך צעוואַקסן: ס'זײַנען שוין געווען אַנדערע צײַטן, ניט ווי פֿריִער, ווען ציגײַנער האָבן גאָרנישט ניט פֿאַרמאָגט. אָבער דאָ האָט מען זיך אָנגעהויבן קלײַבן אים אַרויסצושיקן, ווי אַ לישענעץ. דעמאָלט האָט מען בײַ די באַלעגופֿים-בלוטזויגער די רעכט אָפּגענומען. „וועסט זיך מאַטריִעד זײַן אַריבערפֿאָרן אויף דײַנע פֿערדלעך, — האָט מען אים געזאָגט, — קיין סיביר — צוויי הײַזער האָסטו, אַרבעטער, פֿערד!..“

אוי, האָב איך יענע אַרויסשיקער געשאָלטן!.. דער טאַטע האָט דאָך די אַרבעטער בלויז אויפֿן סעזאָן געדונגען, דערפֿאַר אָבער האָט ער די גאַנצע סלאָבאָדע געהאָדעוועט, קיינעם ניט אָפּגעזאָגט. וואָס זשע, אַזוינס ווערט ניט פֿאַררעכנט? צוויי הײַזער!.. איינס איז דאָך מײַנס!.. כ'האָב דאָך עס מיט ציגײַנערלעך אָנגעפֿילט, אונטערגעהאָדעוועט — און אינטערנאַט געמאַכט. אויף מײַן געלט — דער סאָוועטישער בודזשעט האָט נאָך דעמאָלט גאָרנישט ניט אויסגעטיילט פֿאַר אַזאַ זאַך. ערשט דערנאָך האָט מען זיך גענומען פֿאַר מעלוכישע אינטערנאַטן. איז וואָס, דאַרף מען דערפֿאַר אַרויסשיקן קיין סיביר? עך, ציגײַנערשע גליקן!.. איז אָט, איז דעמאָלט אויסגעבראָכן אַזאַ געשלעג אויף דער בריק! און אָט דער נאַריִשער יאַשקע האָט פֿון אונטערן וואָגן זיך אויפֿגעהויבן. אַזוי זיך אויפֿגעהויבן, אַז דער וואָגן האָט זיך צעוואַלגערט. זעט די מאַמע, אַז דאָס זונעלע איז טאַקע אַ גיבער, אויב ער האָט אַפֿילו אַ וואָגן צעוואַלגערט, און זאָגט דעם עלטסטן: „נעם דעם באָכער!“ באַראַ, דער עלטסטער, איז אַ כאָכעם געווען, האָט ער געזאָגט צו יאַשקען: „נעם, יאַשקע, אַ האָלאָבליע פֿונעם וואָגן — און אויף דער בריק! שלאָג אויף רעכטס און אויף לינקס!.. אַז די סאָנים זאָלן אין וואַסער פֿאַלן!.. וועט מען דעמאָלט צו דער מוטער דײַנער זיך ניט דערקלײַבן!..“ נו, האָט יאַשקע טאַקע אַזוי געטאָן — זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער בריק, און נאָך וויאַזוי!..

דײַן דאַדאַ, ראַדע, איז אויך אַ מורש! אַ כוואַט! אָבער פּונקט ווי יאַשקע — אַ נאַרעלע... כ'האָב דאָך אים געהאַלטן אין אינטערנאַט אַלס אַ טעסלער... און דערנאָך אין קאָלווירט... מע האָט אַ מאַנצבל געדאַרפֿט האָבן. דער ערשטער ציגײַנערשער קאָלווירט, און בעראָש פֿון אים שטייט אַ ווײַבס-פּאַרשוין! בײַ מיר האָבן די ציגײַנער וואָס געטאָן: מע קומט, אַבי די צײַט איבערצוטרײַבן, די פֿערד אָנגעהאָדעוועט — און אַוועק, מע מאַכט פּיס!.. אַ מיידעלע — וואָס פֿאַר אַ פּאַרזיצער בין איך!.. נאָך גאָר אַ יונגיטשקע געווען...

איך קוק אויף רוזיען: אָט די שמוציקע ציגײַנערן — פּאַרזיצער פֿון אַ קאָלווירט? אַלץ האָט זיך בײַ מיר אין מויעך איבערגעמישט: ווי מע וואָלט אין דער פֿינצטערניש פֿון דער קאַמער די באַקאַנטע רוזיע איבערגעביטן. אַ פּאַרזיצער! בעראָש פֿון אַ קאָלווירט! קימאַט ווי אַ דירעקטאָר! — אין מײַן פֿאָרשטעלונג איז דאָס דאָך גאָר אַ גרויסער מענטש, און דאָ נאַ דיר — און אין יענע פֿריִערדיקע צײַטן — בכלל אַ יונג מיידל!.. יענע פֿריִערדיקע צײַטן!.. דעמאָלט איז אויך מײַן לאַכלוטן ניט קיין סאָלידער „דאַדאַ“, אויך אַ יונגיטשקער, געווען דירעקטאָר פֿון אַ גאַנצן אָפּרו-קאָמבינאַט!.. וואָס זשע, כ'האָב ניט געזען, ווי ער האָט אַרומגעהאָוועט איבערן הויף? אוגערקעס און פּאָמידאָרן געכאָוועט אין אייגענעם קאָמבינאַטישן גאָרטן. די אָפּרוענדיקע זאָלן זיך מעכײַע זײַן מיט וויטאַמינען. און דער געוועזענער גראַפֿישער שליטן מיטן בערישן אויבערדעק, אין וועלכן ס'איז געזעסן מײַן „דאַדאַ“, פֿלעג מיט אַ קנאַק זיך טראָגן, ווי טשאַפּײַעווס טאַטשאַנקע, צו די ספּעקטן, וועלכע האָבן זיך געבויט, — דאָרט האָט מען געדאַרפֿט כאָוועס אוגערקעס און פּאָמידאָרן אַפֿילו ווינטערצײַט. עמעס, פֿון דער גאַנצער ספּעקטן-ספּעציפֿיק האָט דער טאַטע געוווּסט בלויז איין וואָרט: „דאַיאָש!“ — ווי פֿריִער: „דאַיאָש די בעליאַקעס!“, „דאַיאָש די פּראָדראַזוויאָרסטקע!“, „דאַיאָש דעם באַלעגוף!“...

— און עמעסער באַלעגוף פֿלעג דעמאָלט זיך אויסבאַהאַלטן. ווי יענער בײַבאַלט, וועלכער האָט מיך אויסגעגעבן, מע זאָל מיך אָהער פֿאַרשפּאַרן, — ער האָט זיך אויך דעמאָלט ערגעץ פֿאַרטײַעט. כ'האָב בײַ אים פֿאַר מײַן קאָלווירט דאָס הויז רעקווירירט. האָט ער מיר דאָס אַלץ דערמאָנט!

איר דאַדאַ האָט רוזיע אין מאָסקווע אָפּגעשלאָגן פֿון סיביר, און דעם בײַבאַלט האָט זי אַרײַנגעזעצט. אַלץ האָט זי אין מאָסקווע איבערגעקערט. אַרויסגעשלאָגן פֿאַרן אינטערנאַט געלט, און פֿאַרן קאָלווירט — אַ געבײַדע, וואָס האָט פֿריִער געהערט צום באַלעגוף. עמעס, זי האָט ניט געוואָלט, נאָר מע האָט זי אײַנגערעדט: „פּאַר, טעכטערל! דו ביסט אַ גראַמאָטנע, אַלץ וועסטו אויסציגײַנערן!..“ יאָ, זי האָט רעכענען געקענט: געהאַנדלט אין צירק מיט אײַזקרעם, ווען זי איז נאָך גאָר אַ מיידעלע געווען: די מוטער האָט געמאַכט אײַזקרעם, און דער טאַטע מיט דער טאָכטער האָבן פֿאַרקויפֿט. האָט מען זי טאַקע געבעטן זיך דורכפֿאָרן אין

צענטער: „מע זאָל געבן א הויף, פערד-שטאַלן, און נאָך פּײַקעס — מע זאָל קאָנען דערציִען ביז דער נײַער גערעטעניש. אנדערש זײַט מוחל!..״ און וויִאזוי ניט פאָרן, אויב די ציגײַנער האָבן באשלאָסן מאכן א סאָף מיטן וואָגלערישן לעבן, דאָס אלטע פארגעסן!.. אָך, ציגײַנער, ציגײַנער, וויִאזוי זשע האָט איר פריִער געלעבט: ווי אין א מײַסעלע — וואָס ווײַטער, אלץ שרעקלעכער!

...און יאָשקע האָט גענומען פאָכען מיט דער האָלאָבליע אף לינקס און אף רעכטס — אלע סאָנים פארטריבן! האָבן אָנגעזאָטלט ראָמאַ די פערד, אויסגעקערעוועט די וועגענער — און הײַדאַ! פאָרן זיי א שאָ, פאָרן זיי צוויי — מע יאָגט זיי ניט נאָך. און וואָס נאָך האָט א ציגײַנער אין יענע צײַטן געדאַרפט האָבן: פרײַהײַט און א בראַון פערד!.. ווי אין א מײַסעלע.

און אין קאָלווירט זײַנען פערד געווען אינגאַנצן צוועלף. נעווײַלעס, ניט קיין פערד! כ׳האָב אין דער הויפּט-שטאָט וועגן דעם דערציילט — האָט מען אונדז אָנגעהויבן שיקן... אגיטאטאָרס-פּראָפּאַגאַנדיסטן! דאַרפן דען ציגײַנער אזוינס האָבן? מע גלייבט אָבער ניט, אז ציגײַנער זאָלן אין פעלד ארבעטן. האָב איך איבערצײַגט, געבראַכט א דעלעגאַציע פון דער וועבערײַ-פאבריק. איז אוועק א באַקאַנטשאַפט. און וואָס פאַר א ווירטשאַפט האָבן מיר דעמלט געהאַט — זייער א גרויסע. מישטיינסגעזאָגט: זקיינים באַם שײַטער און פּוסטע שײַערס! די שעפּן האָבן אונדז געגעבן עפּעס-וואָס פון זייערע וועגענער, נאָר מער האָבן זיי אליין ניט געהאַט. לאָווע — געלט דאַרף מען. און א געבײַדע. כ׳האָב בא יענעם בײַבאַלט-באַלגוף איין געבײַדע רעקווירירט, איז כאָטש א הויף געווען. אָט א כאָליִרע, איבער אים זיץ איך טאַקע דאָ!..

איך הער און גלייב ניט מײַנע אייגענע אויערן. רוזיע — פאָרזיצער פון א קאָלווירט! „פרײַהײַט״ — אזוי האָט זי אָנגערופן איר קאָלווירט. ציגײַנערשע פרײַהײַט. איינער פון די ערשטע קאָלווירטן. קאָן אזוינס געשיקט זײַן? און איך? איך אליין בין דען ענלעך אף יענעם אינטעליגענטישן ייִנגל: א זויבערן, א געוואַשענעם? אָט וואַלגער איך זיך אף די הוילע נאַרעס, ארומגענומען מיט דער שמוציקער ציגײַנערן! און וויִאזוי ווערסטו דאָ זײַן א ריינינקער, אז אף דער גאַנצער טורמע איז פאַראַן איין פאַרזשאַווערטער קראַן. דערצו נאָך אין הויף, — זיך ניצן מיט אים קאָן מען בלויז, ווען מע לאָזט דיך ארויס פון דער קאַמער. און פליי שפּרינגען איבער מיר, ווי איבער ראַדען, וועלכע קנאַקט זיי די גאַנצע צײַט מיט די שמוציקע נעגל.

— וואָס, ביסט כאָסערדייע? — זידלט זי איר טאָכטער. — אויך מיר א טאָכטער פון א פאָרזיצער, פון א דערציִערן, פון א דירעקטריסע פון אַן אינטערנאַט! אף צוויי שטעלעס. דער דאָזיקער ציגײַנערשער אינטערנאַט איז אויך געווען איינער פון די ערשטע. ס׳האָט זיך געוואָלט איבערדערציִען די געוועזענע וואַנדערער — מאַכן פון די גאַנאָווים באַזעסענע מענטשן!

...פאָרן ציגײַנער איבערן סטעפּ, לויפן פון די פויערים, ווען מע האָט באַגאַנוועט. און דער אוריאַדניק האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר זייער א כיטרען. קאָלזמאַן די ציגײַנער האָבן איבערן וועג געיאָגט, האָט ער א מענטשן דרײַ הונדערט גלײַך דורכן וואַלד אוועקגעפירט. און הינטערן וואַלד האָט מען די ציגײַנער דערשאָסן. דער אוריאַדניק מיט די מוזשיקעס, און ראָמאַ מיט די קינדער און מיט די וועגענער. ס׳האָט א מאַך געטאָן דער אוריאַדניק מיט דער שווערד — און ס׳איז אוועק א גאַנג. אלע ציגײַנער האָט מען אויסגעהארגעט. אלע ביז איינעם. דער באַראָ איז געווען געוועכט. ער האָט דאָך געוואָרנט... און די פויערים האָבן דערווײַל גענומען טיילן דאָס ציגײַנערשע האָב-און-גוטס: לאָווע איז לאָווע! וויפל מענטשן זײַנען אומגעקומען איבער געלט!.. שונעס?

דער אוריאַדניק איז א כיטרער געווען, און ער האָט באַשלאָסן: קעדיי די מענטשן זאָלן זיך ניט צעשלאָגן פאַרן געלט, דאַרף מען אלץ באַגראָבן אין דער ערד. אנדערש וועלן די מוזשיקעס איבער אָט די פאַרשיידענע שמאַטעס איינער דעם אנדערן צעמיימעסן. און וועגן פערד איז שוין אָפּגערעדט! און ער האָט ארויסגעגעבן א באַשלוס: דעם גאַנצן טאַבאָר מיט די וועגענער, מיטן האָב-און-גוטס, מיט די קינדער, פרויען און פערד באַגראָבן אין דער ערד — און קיינער וועט צו קיינעם קיין טײַנעס ניט האָבן. מע זאָל ניט אויסשעכטן איינער דעם צווייטן. יאָ, א כיטרער מענטש איז ער געווען! ער האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט — האָט מען א גרוב צעגראָבן. א גרויסע — א מעטער צען. א מאַך געטאָן מיט דער אנדערער האַנט — אלץ אין אָט דער גרוב ארײַנגעוואָרפן: לאָווע, און גאָלדענע כפייצים, און קאָלערליי זאַכן, און די פערד, און דעם געשפּאַן... מ׳האָט אלץ ארײַנגעוואָרפן אהין און פארגראָבן... נאָר...

...איבערן הויף האָבן נאָכאַמאָל געגומען שאַרקען שפּיציקע שטיוול — די דײַטשן האָבן זיך אומגעקערט פֿון דער באַנאַכטיקער „אַרבעט". און, דאַכט זיך, אויך די טריט פֿון „מײַן" דײַטש האָבן זיך געהערט אין דער שטילקײַט. ווײַל בײַ „מײַן" דײַטש זײַנען די שטיוול ווײַט-כינקע, בלישטשענדיקע, אויף אַ דינער-דינער פּאָדעשווע. איינמאָל, ווען ער האָט מיך אַרויס-גערופֿן בײַטאָג, האָט זיך פֿון זײַנע שטיוול אָפּגעשיט ערד — דער באַדינער האָט זיי ניט דערייניקט. דער דײַטש האָט אָט דעם געלן ליימיקן פֿלעק מיטן אַנדערן שטיוול זייער פֿלײַסיק אָפּגעריבן. ווער ווייסט, וויפֿל מענטשן האָט ער מיט אָט דעם לײַכטן שטיוול אין גרוב אַראָפּגעשטויסן! דערבײַ נאָך צוגעטאָפּטשעט... צוריק האָבן די דײַטשן זיך אומגעקערט קאַיאָר שוין איינע אַליין. עפּשער זײַנען איך און די ציגײַנערן בכלל איינע אַליין געבליבן... נאָר רוזיע שעפּטשעט שוין ווײַטער.

...און איינע אַ מישפּאָכע איז אָפּגעשטאַנען. שטענדיק שטייט עמעצער אָפּ. האָבן יענע ציגײַנער, וועלכע זײַנען אָפּגעשטאַנען, דעריאָגט דעם טאַבאָר, וואָס האָט שוין ניט געלעבט, און געטראָפֿן בלויז האַלאָוועשקעס... מענטשן האָבן זיי דערציילט: אַזוי און אַזוי — דער טאַבאָר איז אינגאַנצן אומגעקומען... ניטאָ, און שוין!... האָבן יענע, וועלכע זײַנען געקומען, אויסגעהערט, וואָס מע האָט זיי דערציילט, באַקוקט די האַלאָוועשקעס: יאָ, דער טאַבאָר איז ניטאָ! און מע האָט זיך געלייגט שלאָפֿן... אַטאַטש מאַנדער, זאָגט מען דיר!

דאָס לעצטע האָט שוין געהאַט אַ שײַכעס צום מיידעלע, וועלכע האָט מיך אַרומגענומען פֿאַרן האַלדז. רוזיעס אויגן בלינצלען מיט האַס. עפּעס דערברענט אין איר אינווייניק. און זי שעלט: דאַוואַל, דאַוואַל-דאַד — גאָט, הייסט עס, גאָט דער פּאָטער האָט ניט געראַטעוועט! ניין, זי איז ניט קיין גלויביקע! און דאַדאַ — דעם מיידעלעס פּאָטער איז אויך פּונקט ניט געווען דאָרט, ווו מע האָט געהאַרגעט. ער האָט געוווּסט נאָך פֿון פֿריִער, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט ציגײַנער: ווער עס פֿלעג קומען אין קאַלווירט, פֿלעג ער אופֿנעמען, ווי אַ סעקרעטאַר באַם פֿאָרזיצער, מיט די פֿערד, אָבער אָפּלאָזן פֿלעג ער שוין אָן די פֿערד. ער האָט מיט לאָווע געצאָלט. אַ מורש איז ער דעמלט געווען. אַ שיינער. אַ יונגער!

רוזיע נעמט אַרויס פֿונעם בוזעם אַ זעקעלע. אין וועלכן עס ליגן מאַטבייעס, אַ ציילעמל און אַ פֿאָטאָגראַפֿיע. אויף דער פֿאָטאָ — אַ שיינער ציגײַנער אין אַ ברייטראַנדיקן הוט מיט העלע אויגן. אָן אויסגעגאָסענער האַרי לאַיד. ווי אין קינאָ. און אַ בליק איז בײַ אים אַ קלאָרער, פּונקט ווי ער וואָלט געזען, ווו זײַן פֿרוי און קינד זיצן, ער ווייסט און פֿאַרשטייט, וואָס מע דאַרף טאָן!

— ראָם?

— נאַנע, ביבאַלדאָ! — טוט מיט ביטל אַ וואָרף רוזיע.

כ'בין אַנשוויגן געוואָרן אַ באַליידיקטער, און ראַדע האָט מיך אַרומגענומען באַם האַלדז:

— דוקכאַנע טוקע? — האָט זי שטיל געפֿרעגט. — עס טוט דיר ווײ?

מיר האָט טאַקע שטאַרק וויי געטאָן. נאָר רוזיע האָט זיך נאָכאַמאָל צערעדט:

— הער נאָר, וואָס באַליידיקסטו זיך? אויב איך וואָלט דיך דערמיט געוואָלט אויסגעבן, וואָלט איך דאָס שוין פֿון לאַנג געטאָן!... וואָס פֿאַר אַ, שונעס, אונטערשייד! כ'וואָלט דיך אופֿגעגעסן! די בײַבאַלטן האָבן מיך אופֿגעפֿרעסן, כ'וועל אַרויסגיין — וועל איך זיי מיט אָט די הענט דערשטיקן! כ'וועל זיי מאַכן אַ פֿינצטערע וועלט!... ניט איך וועל זיי דערשטיקן, אונדזערע ראָמאַ וועלן זיי געפֿינען און די גאָרגלס איבערשנײַדן! אָן אַ מישפּעט... אויסער אונדזערן — דעם ציגײַנערשן!... אַטאַטש מאַנדער, זאָגט מען דיר!

דאָס איז ווידער צו ראַדען, זי זאָל זיך אָפּטשעפּען פֿון מיר.

— טעדיאָוו! — האָט זי זיך געכאַפּט. — וואַרט אויס. איך קאָן דאָך דיך דערהאַרגענען!... און וואָס זאָל מען טאָן, אַז דאַדאַ האָט אונדז דאָ איבערגעלאָזט, און מיר זינגען מיט דיר לידעלעך, מיר קאַטשען זיך אויף די בײַכער און טאַנצן אויפֿן קאָפּ!... מײַסעלעך דערציילן מיר!... נו, גוט, הער זשע, שונעס!...

די לעבעדיק געבליבענע האָבן געשטעלט זייער געצעלט בײַ די האַלאָוועשקעס פֿונעם טאַבאָר, געלאָזט די פֿערד זיך פּאַשען אין פֿעלד... מיט גלעקעלעך. זיצן זיי בײַם שײַטער, שמועסן וועגן דאָס און יענץ. פֿלוצעם הערן זיי — די פֿערד עפּעס קלינגען שטאַרק. און זיי זעען אַ סאַך פֿערד. זײַנען זיי אַהין אַוועק און פֿלוצעם זיך אָנגעשטויסן אויף אַ טאַבאָר... יאָ, אויפֿן זעלבן טאַבאָר, וועלכער איז אומגעקומען! די ראָמאַ זיצן בײַ שײַטערס, פֿירן וועגן עפּעס אַ געשפּרעך. זאָגט יענער, וועמען מע האָט געשיקט נאָך די פֿערד: „לאַטשי ראַט! אַ גוטע נאַכט! און אונדז האָט מען געזאָגט, אַז איר זײַט שוין ניטאָ, איר זײַט אַלע אומגעקומען! לאָזט זיך אויס, אַז איר זײַט דאָ, אויף וויפֿל איך זע אײַך, ווי זיך אַליין... דער טאַבאָר לעבט!"

און דער אַלטער ציגײַנער, דער וואַזשאַק, באַראָ — אַ גרויסער כאַכעם — ענטפֿערט: „נאַנע! מיר זײַנען ניטאָ! ניטאָ!..“

האָט זיך איבערגעשראָקן יענער ראָם, ווען מע האָט נאָך די פֿערד געשיקט: „וואָס זשע וועל איך אונדזערע זאָגן? אַז כ׳האָב אײַך געזען צי ניט געזען?“

און דער אַלטער — באַראָ, דער גרויסער כאַכעם — ענטפֿערט: „זאָג, וואָס דו ווילסט. און אָט דעם ציבעק מיט טוטין גיב זיי איבער... אַנטשולדיק, אַליין קאָן איך ניט! ווען ס׳וועלן זיך צעקרייען די דריטע העגער, וועלן מיר שוין ניט זײַן!.. און דעם ציבעק גיב אָפּ... וואָלאַ־דיקן...“

איך האָב אויפֿגעציטערט, ווען די ציגײַנערין האָט פּלוצעם אָנגערופֿן מײַן נאָמען — כ׳האָב ניט געטראַכט, זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, אַז כ׳האָב עפּעס אַ שײַכעס צו איר מײַסעלע! אָבער רוזיע האָט אויף מיר ניט געקוקט, זי האָט געקוקט אויפֿן גרויען אינדערפֿרי׳עדיקן פֿענצ־טער, ווי אויף אַ שײַטער, וועלכער רויכערט זיך. געקוקט, ניט לייגנדיק קיין אכט אויפֿן מענטשן, וועמען זי האָט ערשט נאַרוואָס געזאָגט, ער זאָל נעמען דעם ציבעק!.. זי איז געזעסן און האָט געשוויגן. דערנאָך האָט זי זיך צעשרי׳ען — די ווערטער האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך די האָר, וועלכע האָבן פֿאַרדעקט איר פּאָנעם:

— ער איז ניטאָ! איך זע — ער איז ניטאָ!

זי האָט געפּרוווט זיך אונטערהייבן, פּונקט ווי זי וואָלט זיך אַ צי געטאָן צו עמעצן אַ הויכן, נאָר באַלד זיך אַראָפּגעגליטשט צוריק:

— איך זע — ער איז ניטאָ! און אומזיסט האָבן מיר מיט ראַדען לידער געזונגען, אויפֿן בויך געטאַנצט, געוואָלט צו דער באַגעגעניש דערלעבן!.. וואָס נאָר האָבן מיר געטאָן, אָבער ניט באַוויזן — ער איז ניטאָ און וועט ניט זײַן!.. וואָס האָסטו, נעווײַלע, געזונגען: „סאָסנעס און יאָדלעס...“? אומזיסט האָסטו געזונגען. אומזיסט האָט זיך דערנידעריקט די ציגײַנערין: דײַן דאַדאַ איז ניטאָ און וועט ניט זײַן!.. טזשאַסאַל טראַ שעראָ!..

דאָס האָב איך שוין פֿאַרשטאַנען: אַ בראָך אין דײַן קאָפּ! אין וועמענס? אין ראַדעס? אין איר אייגענעם? אין יענעם, צו וועמען זיי זײַנען ניט דערגאַנגען, ווער ס׳איז געבליבן בלויז אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע אינעם זעקעלע, וואָס זי טראָגט אויף דער ברוסט?

— און איך... אויך מיר אַ דערצי׳ערן, מישטיינסגעזאָגט... פֿרעמדע האָב איך דערצויגן, און אויף מײַן אייגענעם קינד איז קיין צײַט ניט געווען! ציגײַנערלעך. כ׳האָב זיי געפֿירט קיין מאָסקווע אויף עקסקורסיעס, די מאָרדעלעך שײַנען. ווער פֿאָרט עס? רוזיע פֿאָרט! וועמען פֿירט זי? די קינדער אירע פֿירט זי! אָט וויפֿל, קיין אײַנהאָרע, קינדער פֿאַרמאָגט רוזיע! און איצטער אָט — בלויז צווייען זײַט איר!.. גוט, כ׳האָב דיך ניט אויסגעגעבן... די דײַטשן, ווי ביבאַלדאָ! פֿאַרגעדענק מיך: כ׳וועל צו דיר קומען! באַנאַכט... אַפֿילע פֿון יענער־וועלט... אומבאַדינגט וועל איך קומען!.. מייסים קומען אומבאַדינגט באַנאַכט... באַטאָג שלאָפֿן זיי, באַנאַכט קומען זיי... ביז די דריטע העגער...

לאַטשאָ ראַט — אויף ציגײַנעריש: אַ גוטע נאַכט.
לאַטשאַ ראַט — באַטײַט אויך גוט בלוט!..

9

די ציגײַנערין האָט ווידעראַמאָל זיך צעמורמלט איבער דער אײַנגעשלאָפֿענער ראַדע, און מיר האָט זי פּלוצעם געזאָגט:

— זע נאָר, דו הערסט זיך אײַן, ווי די ציגײַנערין וואָלט טאַקע דעם עמעס געזאָגט! דעוואָלאָוולע, וואָס האָסטו אָנגעשטעלט דײַנע באָלעכעס?

און זי האָט פּוילבלעך פֿאַרלייגט די הענט אויף דער פּלייצע, אַנטבלויזנדיק די אונטער־פּאַכוועס — זייער וואַרעמקײַט האָב איך געפֿילט אַזוי, ווי דעם אָטעם פֿון איר מײַסעלע. געפֿילט אויף אַ מעהאַלעך: זי איז געשלאָפֿן, אומגעאַרעמט מיט איר טעכטערל, און אויף מיר האָט זי געקוקט נאָר פֿונדערווײַטנס, האַגאַם אונדזערע נאַרעס זײַנען געווען ניט גאָר קיין ברייטע. זי האָט באַמערקט, ווי איך קוק, און אַ בורטשע געטאָן:

— זע נאָר, כ׳בעט אײַך, ווי ער האָט עס אויסגעגלאָצט די אויגן, ראַקלאָ!

און איך האָב דערפֿילט, ווי איך וואָלט עפּעס צוגעגאַנוועט בײַ אָט דער פֿרוי. וואָס? פֿערד, וואָס אין איר קאָלווירט האָט זי געהאַט אײַנגאַנצן צוועלף? און מײַן טאַטע און מאַמע פֿלעגן פֿאָרן אויף צוויי — יעדער אויף זײַנעם. אָבער קיין פֿערד האָב איך בײַ איר ניט גענומען.

און צי איז ביכלאַל געווען אינדערעמעסן יענער קאַלווירט, וועגן וועלכן זי האָט דערציילט, — איז אומבאַוווּסט. עפּשער וועט זי מאָרגן זאָגן:

— דו הערסט, ווי איך וואָלט טאַקע דעם עמעס דערציילט, און דו גלייבסט. גאָט מייַנער!

א פּערלמוטער-גלאַנץ, דורך וועלכן כ׳האָב ניט געקאָנט זיך דורכשלאָגן, האָט פאַרהילט אירע אויגן. מאָדנע, וואָס ער האָט מיך ניט געשראָקן אַצינדער, ווי פריִער, נאָר געוואָרעמט, פּונקט ווי א שײַטער: זײ בריִען, בראָטן, פונעם פלאַם און פונעם רויך טרערן זיך די אויגן, און פון אונטן ווייעט מיט וואָרעמקייַט. און אָט זאַמלט זיך אָן אונטן אָט די וואָרעמקייַט. א וואָרעמקייַט, וואָס עס ווילט זיך איבערגעבן אַן אַנדערן. וועמען? ראָדע האָט א מאַמע, זי וואָרעמט דאָס מיידעלע. איך בין שוין א סאַך אַלט — זעכצן. אין פאַרגלייַך מיט דער מע-כאַשייפע איז עס א קלייניקייַט. און זאָגן איר, אַז עס קומט אויף אין מיר א וואָרעמקייַט צו איר, א סוידעספּולע און צאַרטע, וואָלט זי מיך אויסגעלאַכט: „אַמענדער!..” עפּשער פאַרגעסן אָט די פרוי, ווער זי זאָל ניט זיין. א מעכאַשייפע?.. א פאַרזיצער?.. א דירעקטריסע?.. „א זאַכ-לעכע ציגייַנערן” — א טרעפּערן?..

„מייַן דייַטש האָט באַשטעטיקט, אַז רוזיע האָט ניט בלויז זיך פאַרנומען מיטן קאַלווירט, אַנטבאַלעגופּעוועט און פאַרכאַפּט בא כאַשעווע באַוערן, פּויערים-באַלעבאַטים, די ערד, זי איז אויך געווען דער פאַרזיצער. דער דייַטש ווייסט אַלץ וועגן דעם קאַלווירט, אָבער ניט דערפאַר פאַרורטיילט ער זי, ניט דערפאַר. דאָס מעדכען, דאָס מיידעלע אויסנוצן צוליב שמוציקע צילן — אָט פון וואָס עס איז אופגעבראַכט דער אַנשטענדיקער דייַטש! דו אַליין גיי, וווהין דו ווילסט, טו, וואָס מע הייסט דיר, — אויב דו ביסט שוין יאָ די „געוועזענע מאַכט”, אָבער צוליב וואָס דאָס קינד אַרייַנפלאָנטערן! (איך דערמאָן זיך דעם פּאַליציי און די עקלהאַפטיקע לידעלעך, וועלכע ראָדע האָט אים דעקלאַמירט. דאָס האָט די מוטער זי אויסגעלערנט? ניין. ביז דער מילכאָמע האָט זי אָט דאָס מיידעלע ניט גאָר געקענט. דאָס טעכטערל איז געוואַקסן קימאַט אָן א מוטער. בא דער באָבע און דעם זיידן. רוזיע פלעג זיך פאַרנעמען מיט מאַנצבלשע איניאָנים.) א פאַרזיצער פון א קאַלווירט דאַרף דאָך גיין אין די הויזן! אָט די סאָוועטן האָבן פאַרוואַנדלט א פרוי אין דער רועך ווייסט וואָס!..” — דער דייַטש מאַכט מיט די הענט.

זילבערט ווייסט, אַז די ציגייַנערן האָט מיט עפּעס אָנגעפירט אויך איצט, בייס דער מילכאָמע! נישקאָשע, ער וועט זיך דערגריבלען, מיט וואָס! עפּעס-וואָס ווייסט ער שוין, דאָס איבעריקע וועלן מענטשן דערציילן. אָט ווי, לעמאָשל, סאַס, דער בעקאָוועדיקער באַוער, דער בייַבאַלט. קימאַט א דייַטש, וועלכער איז נישט געגאַנגען ניט אין קיין ציגייַנערישן, ניט אין א יידישן קאַלווירט. נו, וואָס פאַר אַן אַרבעטער זיינען די ציגייַנער? דאָ ניט לאַנג צוריק האָט מען זיי געפּרוווט, אָט די ציגייַנער, אויסשטעלן אין א ריי... צוליב דעם... ניט וויכטיק, צוליב וואָס!.. האָבן זיך די דאָזיקע ציגייַנער באַלד ווידער צונויפגעמישט אין א סטאַדע!.. א שוואַרצע, נידעריקע אומע!..

פּלוצעם האָט זיך זייַן שלעפעריקער בליק אַראָפּגעלאָזט און זיך א גליטש געטאָן איבער די שפּאַלטן פונעם דיל. עפּעס האָט ער געקלערט. דערבייַ האָט ער געהאַלטן אין איין טייַנען, ווי א פלאַט, וואָס איז געבליבן שטעקן אף איין אָרט:

— ניין, ציגייַנער קאָנען אַרבעטן בלויז אף די דייַטשן! אָדער — טויט! ווייַל זיי ווייסן ניט פון קיין אָרדענונג. מענטשן, וועלכע פאַרשטייען, וואָס עס איז אַזוינס אָרדענונג, האַלטן אונטער די דייַטשן. אָט איז יענער באַוער געקומען צו גיין און האָט דערציילט דעם עמעס וועגן דער דאָזיקער ציגייַנערן: ווי דען אַנדערש, מע דאַרף זאָגן דעם עמעס! אָבער ער האָט נאָך ניט אַלץ דערציילט.

דער דיל איז געווען א ברודיקער, אַן אויסגעטאָפּטשעטער. איבער אים איז מען געגוג געגאַנגען. באַזונדערס באַנאַכט. טיפע צאַראַפּינעס זייַנען פאַרבליבן אף די געפאַרבטע ברע-טער, ווי מע וואָלט עמעצן געשלעפּט און ער האָט זיך אייַנגעקלאַמערט מיט די אָפּצאַסן. מיט די פּאָדקאָוועס. א לעבעדיקן האָט מען געשלעפּט? פריִער אָדער שפּעטער וועט מען מיך אויך שלעפּן. אין מוזיי פונעם פאַרשוווּנדענעם פאָלק. אָדער ניט אינגאַנצן פאַרשוווּנדענעם, אויב דער דייַטש גלייבט מיר ווידער און ווידער און לייגט מיר פאָר צוטראַכטן אַלץ נייַע און נייַע „ראָמאַנען” און „מייַסעס”. דער מוזיי איז ווייַט — אַזש אין פּראָג, און איך בין דאָ ווי א לעבעדיקער עקספּאָנאַט. ער אינטערעסירט זיך, פרעגט אויס, און איך לייַג וועגן עפּעס אַן אינטערנאַט, ווו מע האָט מיך קלוימערשט דערצויגן, דערפאַר קען איך ניט די שפּראַך פון די ציגייַנער און איך ווייס ניט ווער עס האָט מיך געבוירן. עפּשער טאַקע ציגייַנער. אבי דער דייַטש זאָל ניט האַלטן אין איין איבערכאַזערן: „יודע!” האַגאַם אויך פון ציגייַנער האַלט ער ניט:

— אָ, דאָס איז אַ נאַרישע נאַציע! מע שטעלט זיי אין אַ ריי, און זיי קענען אַפילע ניט ציילן ביז פינף!..

ווידעראַמאָל וועגן פינפלינגען! דאָס האַרץ טוט אַ פאַל אַראָפּ ערגעץ אין סאַמע וויַיטן ווינקל פון מייַן וועזן: עפשער גאָר אינגיכן וועט ער, אַפרייִיקנדיק מיט מייַנע שיך די רעשט-לעך פאַרב אָפּן דיל, אַוועקשלעפּן אויך מיך? פון מיר וועט קיין שום שפור ניט בלייַבן. וואָלט איך כאָטש געווען אַן עמעסער ציגייַנער אין שטיוועלעך מיט פּאָדקאָווקעס, אַ פאַרשייַט שעדל, וואָס וועט אַפילע פון יענער-וועלט זיך אומקערן צוגאַסט צו אָט דעם בלייכן, ווי אַ מעס, דייַטש, — איז גאָר אַן אַנדער זאַך! ניט קיין איבערגעשראָקענער אָף טויט, נאָר אַ פרייַער: אַוועק — געקומען, ווידעראַמאָל אַוועק צו דער נייטיקער צייַט. דאָס איז — פרייַהייַט, אַ פרייַע נעשאָמע, וואָס קיינער קאָן זי ניט צאַמען, קיין שום אָרדענונג: ווער אין גאַניידן, ווער אין גענעם, און ווער אין דער דושעגובקע, אין דער גאַז-קאַמער! בא די דייַטשן איז אַלץ אויס-גערעכנט לויט דער אָרדענונג. אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַן אָרדענונג, אויב אַלע — סייַ די יידן, סייַ די ציגייַנער, סייַ די רוסן זייַנען מענטשן, נאָר מע שטעקט זיי אַרייַן אין קעמערלעך!.. אַ קעמערל פאַר די „יודע"! אַ קעמערל פאַר די „ציגוינער". אַ סעקציע פאַר די „רוסיש"!.. אַלעמען איבער די קעמערלעך! און פונעם קעמערל — קיין טראָט! דער דייַטש האָט אַפילע זיך צעקוויטשעט, אויסהערנדיק מייַן נייעם „ראָמאַן" וועגן דעם אינטערנאַט:

— אינטערנאַט? קאָמונע? אין אינטערנאַט האָט געאַרבעט דייַן סאַמע בעסטער פרייַנט — די ציגייַנערן. אַ קאָפּ! אַ דירעקטאָר! זי האָט געאַרבעט אין דייַן קאָמונע? אָט אַן אידיי: געבן די ציגייַנער אַן ערן-גראַמאָטע! אַ באַלוינונג! געבן אַ שפּראַך. ס'איז ניטאָ אַזאַ שפּראַך! דויטש איז דאָ! יודע האָט צוגעגאַנוועט בא די דויטשן די שפּראַך. די ציגייַנער גאַנ-וועוען בא דער גאַנצער וועלט! גאַנוועוען די שפּראַך, גאַנוועוען דעם גלויבן! די ציגייַנער זייַנען קאַטויליקער, פּראָטעסטאַנטן!.. די שמוציקע מעדכען-ציגוינער — דירעקטאָר פון אַן אינטערנאַט! און זי דאַרף לערנען די קינדער. און דיך אויך!..

ער האָט געטייַטלט מיטן פינגער און געגומען לאַכן. זייַן געלעכטער איז אָבער געווען אַ נערוועזער, ענלעך אָף אַ געגעצערייַ. ער האָט געקלאַצט מיט די ציין, ווי ער וואָלט עמעצן איינגעשלונגען, אַלעמאָל, ווען ער האָט געעפנט דאָס מויל.

— אינטערנאַט — דאָס איז אַ נייַער ראָמאַן? — האָט ער מיך געפרעגט און האָט פויל אַ גענעץ געטאָן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט באַלד זיך אַראָפּגליטשן פונעם שטול און אַנשלאָפן ווערן.

— זילבערט האָט זיך זייער איינגעמאַטערט פון דער אַרבעט. אַ שווערע אַרבעט. אַר-בייַטען, אַרבייַטען!.. טאָג און נאַכט. אוי, אָט די נאַכט! און דער קליינער יודע פאָן ציגוינער-אינטערנאַט האָדעוועט זילבערטן מיט מייַסעלעך. ניט קלוג! ניט לייַטיש! ניט גוט! זייער ניט גוט!..

איך האָב זיך אָנגעכאַפּט פאַרן וואָרט „אַרבייַטען" און אַ פרעג געטאָן, צי קאָן מען מיך, ביז מע האָט מיך ניט אָפּגעשיקט אין פּראַגער מוזיי, שיקן אָף אַרבעט? עפשער וועט זילבערטן איבערבלייַבן ווייניקער אַרבעט, אויב איך...

— אָך-אָך! — האָט אַזש אָנגעהויבן דעם דייַטש צו טרייסלען פונעם באַפאַלענעם גע-לעכטער אינמיטן איינדרעמלען. — אַרבייַטען? דו קענסט צעשטעלן די ציגייַנער אין פינפלינ-גען? ניין?

ווידעראַמאָל פינפלינגען!

— אָך-אָך!.. זילבערט דאַרף אַ טראַכט טאָן מיט קאָפּ!

ער האָט אַרויסגערופן דעם „אונטער" און באַפוילן מיך אַרויספירן. דערבייַ האָט ער צוגעמורמלט — „אַרבייַטען", „קאָפּף", און איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט: זאָגן דעם „אונטער", אַז דער פאָן נאַטשאַלניק האָט באַפוילן מיך אָפּשיקן אָף אַרבעט! און דער פאָן נאַטשאַלניק האָט דערווייַל שוין געפּאָפט און געזען זייַנע דייַטשישע כאַלוימעס...

10

הוראַ! מע האָט מיך געשיקט אָף אַרבעט. צוזאַמען מיט די לאַגערניקעס. אין דער ריי (גאָט צו דאַנקען, אָף פינפלינגען האָט מען אונדז ניט צעטיילט) האָב איך דערזען קאָלקען און זיך געשטעלט לעבן איר. קיינער האָט מיך ניט קאָנטראָלירט — זיך צוגעשטעלט, איז צוגעשטעלט! און אָט בין איך געגאַנגען באַנאַנד מיט קאָלקען, מיט מייַן קאָלקען! ער האָט, פאַרשטייט זיך, געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער זעט מיך צום ערשטן מאָל. דאָס איז פאַרשטענד-

לעך: אױף יעדנפֿאַל. נאָר װי ער װאָלט קלױמערשט אונטערגעיאָגט אַנדערע — ער איז געװען אַ מין עלטערער פֿון דער גרופּע — האָט ער מיך דערנעענטערט צו זיך.

— נו, װי דיר גליקט אָפּ, שעד אײנער! — האָט קאַלקע געזאָגט, װען מיר זײַנען שױן געגאַנגען פּוסטריט. — אָנגעטראָפֿן אױף זאַלץ.

גאַנץ פּאַשעט געזאָגט. װי מיר װאָלטן ערשט נעכטן זיך צעשײדט. װאָס זשע, זיך טײלן מיט דערײַנערונגען פֿאַר אַלעמען אין די אױגן? דערנאָך שױן האָבן מיר דערצײלט אײנער דעם אַנדערן אַלץ, אױעקזועצנדיק זיך אין גראָז בײַ דער זײַט. די װאַגאָנען מיט זאַלץ האָט מען געטריבן איבער דער שמאָלער אײַזנבאַן גלײַך אין צענטער פֿון דער שטאָט און דאָרט אױסגעלאָדן. אַזױאַרום זײַנען מיר מיט קאַלקען געזעסן בײסן איבערײַס אױפֿן צענטראַלן סקװער, ס׳הײסט אױפֿן געװעזענעם סקװער. און איך האָב זיך גלײַך דערמאָנט די צײַט, װען קײנער האָט מיך ניט געטריבן אױף דער אַרבעט מיט דער לאָפּעטע. און נאָך אױף אױסלאָדן זאַלץ. האַגאַם מיט אָט דעם זאַלץ האָט מיר פּאַשעט אָפּגעגליקט: פֿאַר זאַלץ האָבן די פּױע־רים טאַקע דאָ אױפֿן אָרט געגעבן ברױט, שמאַנט, קאַװענעס. װאָס נאָר דו װילסט. און זיצנדיק אױף די ברוכשטיקער פֿון אונדזער געװעזענעם גליקלעכן לעבן, האָבן מיר מיט קאַלקען גע־ריבן אױף בײדע באַקן סאַלע מיט ברױט, ציבעלעס און אױף פֿאַרבײַסנס — ריפּטלעך קאַװענעס. קאַװענעס זײַנען געװען אַן אַ שיר. סאַלע האָבן מיר מער געשמעקט, אײדער געביסן.

די פּאָליצײַען האָבן ניט געשטערט אונדזער קאָמערציע. זײ זײַנען געזעסן אין אַ זײַט, אַלײן געהאַנדלט מיט זאַלץ און געמאַכט זיך ניט װיסנדיק, װאָס מיר טוען דאָס זעלבע. עמעס, אַמאָל האָבן זײ צוגענומען, אױב עמעצער פֿון אונדז האָט אײַנגעהאַנדלט עפּעס בעסערס. שמאַטעס האָבן זײ גלײַך רעקװיזירט: „סײַװיסײַ דאַרפֿט איר עס ניט האָבן, זאָגט אַ דאַנק, װאָס איר האָט די בײַכער אָנגעשטאָפּט!..“

דאָרט איז געװען אױך יענער פּאָליצײַ, װעלכער האָט געצװוּנגען אונדזער ראַדע (איך האָב אַזױ טאַקע אַ קלער געטאָן: „אונדזער ראַדע“) טאַנצן. אױך דאָ האָט ער זיך אינטערע־סירט ניט אַזױ מיט עסנװאַרג, װי מיט פֿרױען. ער האָט צוגערופֿן אײנע, עפּעס זײער הײס איר געגומען אַרײַנשעפּטשען אין אױער, װײַל בײַ דער פֿרױ זײַנען אַרױסגעטראָטן רױטע פֿלעקן אױף די באַקן. דער פּאָליצײַ און די פֿרױ זײַנען ערגעץ אַװעק. מיר האָט זיך אױסגעװיזן, אַז זײ האָבן זיך אַרײַנגעשמוגלט אין סאַרטיר, אַן אױסגעפּאַרבטן אין װײַסן — אַמאָל איז דאָס געװען דער צענטראַלער געזעלשאַפֿטלעכער קלאָזעט אין דער שטאָט. כ׳האָב געזען, װי זײ האָבן פֿאַרקערעװעט הינטערן װינקל...

די זון האָט מעשוגענערװײַז געסאַרפּעט, און פֿון דעם קלאָזעט האָט געצױגן אַ שרעק־לעכער רײעך, אַ ביסל אַ פֿאַרדומפּטער מיטן רײעך פֿון קאַלך.

איך האָב געהערט קאַלקעס דערצײלונג, װיאַזױ אים לעבט זיך אין לאַגער, װיאַזױ זײ שלאָפֿן ענג אײנער לעבן אַנדערן, נאָר מע קאָן אױסהאַלטן — ס׳איז ניט הײס. און אױב ס׳איז קאַלט, קאָן מען צו עמעצן זיך אַפֿילע צוטוליען.

דער לאַגער האָט געהײסן „דולאַג“, און האַגאַם ער איז געװען באַשטימט פֿאַר קריגס־געפֿאַנגענע, זײַנען דאָרט שלאַכטלײַט געװען גאָר ניט קײן סאַך. עפּשער האָט מען זײ גע־האַלטן אין אַנדערע, מער שטרענגע „אַנשטאַלטן“, צי ביכלאַל איז געװאָרן װײניקער קריגס־געפֿאַנגענע. אַזױ אַז קאַלקען לעבט זיך נישקאָשע: ער איז שטאַרקער פֿון די פֿרױען און זקײנים, אין דער רײ נאָכן ביסל באַלאַנדע באַװײַזט ער זיך דורכרײַסן נאָך אײדער מע הײבט אָן צו שלאָגן. און שלאָגן שלאָגט מען, אױב דו האָסט ניט באַװיזן צו קומען באַצײַטנס. ער, קאַלקע, באַװײַזט קימאַט שטענדיק, נאָר אַנדערע שלאָגט מען מאַקעס־רעצעך. אָבער סײַװיסײַ דאַרף מען מאַכן די פֿלײטע פֿונדאַנען. אײנער האָט פֿאַרגעלײגט לױפֿן אין װאַלד: עמעצער געפֿינט זיך דאָרט, אָבער מע דאַרף האָבן געװער...

כ׳האָב געטראַכט װעגן מײַן װײַטערדיקן גורל. „מײַן“ דײַטש װאָגעט זיך מיט מיר, כ׳װײס אַלײן ניט פֿאַרװאָס. ער שמועסט מיט מיר, הערט מיך אױס און גלײבט ניט, פֿאַרשטײט זיך, אין מײַנע מײַסעס. און אין אײן שײנעם טאָג קאָן עס אים דערעסן װערן... נײן, ניט אין אײן שײנעם טאָג, נאָר אין אײן פֿינצטערער נאַכט... איך װײס עס דאָך, זײ אַרבעטן באַזונדערס פֿלײַסיק דורך די נעכט...

קאַלקע האָט מיר געײצעט מאַכן די פֿלײטע אַפֿילע נאָך הײַנט, קאַלזמאַן מע האָט מיר דערלױבט אַרױסגײן פֿון דער טורמע... שױן הײַנט!.. און װאָס זשע װעט זײַן מיט רױזיען? מיט ראַדען? האַגאַם װאָס פֿאַר אַ באַשיצער בין איך זײ, אָבער דאָך... ציגײַנער פֿלעג מען

דאָך אויך אויסשטעלן אין פֿינפֿלינגען. די ייִדן האָט מען שוין איבערגעשאָסן אין העסקעם מיטן באַפֿעל. אָף די גאַסן איז געהאַנגען אַ באַפֿעל. קאַלקע האָט אַליין געזען. און וואָס שייַעך די ציגײַנער, איז אַזאַ באַפֿעל ניט געווען. קאַלקע ווייסט אויך — מענטשן האָבן דער־ציילט: עפּעס איינער אַ פּאַראַשוטיסט האָט ניט געלונגען זיך אַראָפּגעלאָזט אָף דער ערד, און די דײַטשן האָבן בײַ אים, שוין אַ טויטן, געפֿונען אַ מאַפּע. און אָף אָט דער מאַפּע איז דאָס ציגײַנערשע דאָרף באַצייכנט מיט אַ רויט רינגעלע. עפּשער איבער דעם וועט מען אַלע ציגײַנער אומברענגען. ווי די ייִדן.

— און דו האַלטסט אין איין טײַנען: כ׳בין אַ ציגײַנער, אַ ציגײַנער! מע וועט אויך מיט דיר אָפּטאָן דאָס זעלבע. עפּשער וואַרט עס „דײַן" דײַטש אָף דעם? די ייִדן, וועלכע האָבן געטײַנעט, אַז זיי זײַנען ציגײַנער, האָט מען ניט געטשעפּעט. אויב, געוויינלעך, זיי זײַנען געווען ענלעך אָף ציגײַנער. מע האָט דורכקאָנטראָלירט די הויט. פֿאַרברוינטע האָט מען איבערגעלאָזט. דערווײַל, ביז אַ צווייט מאָל. דאָס איז רײַנער עמעס, איך קאָן זיך שווערן מיט וואָס דו ווילסט — כ׳האָב אָט די דײַטשן שוין דערלערנט מיט אַלע פּראָטים. צוערשט אַלע ייִדן, דערנאָך די ציגײַנער. און רוסן ליגן שוין אין גריבער אָן אַ שיר. און וויפֿל נאָך וועלן האָבן אַזאַ גורל! ווײַל מיר, רוסן, זײַנען אַ סאַך, ניט איבערצוציילן. וויפֿל דו זאָלסט ניט איבערהאַרגענען, וועסטו אַלע ניט צעשיסן. אַזוי אַז מע דאַרף מאַכן פּיס. ווײַל „דײַן" דײַטש, ווער ער זאָל ניט זײַן, וועט זײַן אַ גוטער נאָר אין קיווער. אַזוי אַז אַנטשליס זיך...

איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף אַוועקגיין. אָבער ניט איצטער, ניט הײַנט. איך בין שטענדיק געווען ניט קיין אַנטשלאָסענער, און דאָ אָט — די ציגײַנערן...

— נו, וועט מען דיך אופֿהענגען ניט ווי קיין „יודע", נאָר ווי אַ „ציגוינער" — וועט דיר בעסער זײַן?.. כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט: צו זיי איז אַ פּאַראַשוטיסט געפֿלויגן...

איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דער דײַטש קאָן מיך מער אָף אַרבעט ניט אַרויסלאָזן און וועט פֿריִער אָדער שפּעטער מיך אַרײַנשטעלן אין אַ פֿינפֿלינג. ער וועט זיך אָנשפּילן מיט די געשפּרעכן מיט מיר — און פֿאַרטיק. ער וועט דאָך מיך, ווירקלעך, ניט איבערלאָזן אַלס אַ לעבעדיקן עקספּאָנאַט פֿון דער פֿאַרשווונדענער נאַציע! עפּעס האָט ער נאָך דערמלט וועגן אַ בעסוילעם געערדט אין פּראָגער געטאָ. דאָרט ליגט מען איינער אָפּן אַנדערן אין עטלעכע פּלאַסטן. אָט וועט ער אַוועקלייגן אויך אונדז, די איבערגעבליבענע, צו פֿינף אין אַ גרוב, ווי יענעם ציגײַנערשן טאַבאָר, וועלכער איז באַגראָבן עפּשער ערגעץ דאָ נאָענט. נאָר וואָס קאָנסטו שוין טאָן, אַז מע וועט דיך סײַוויסײַ דערהאַרגענען, אַבי זיך ניט אײַזדיעקעווען!.. אָט וואָס עס איז שרעקלעך. און „מײַן" דײַטש האַלט מיך די גאַנצע צײַט אין אַ דירעקטער באַוואוסטקײַט פֿון אַזאַ מעגלעכקײַט.

און ס׳וועט קומען דער טאָג... ריכטיקער געזאָגט, די נאַכט... ס׳איז דאָך קלאָר!

אָבער ווי־אַזוי קאָן איך אַוועקגיין, אַפֿילע ניט געזעגענענדיק זיך מיט רוזיען און ראַדען?..

— און אויב קיין אַנדערער שאַנס וועט ניט זײַן? — שיפּעט שוין קאַלקע. — אָט איז דער פּאָליצײַ ערגעץ פֿאַרשוווּנדן, און ביז וואָס־ווען... וועלן מיר שוין זײַן האָ־האָ ווו! די איבעריקע האָבן זיך אויך אָנגעפּרעסן, מע דרעמלט זיך, זאַמינקע!.. נו, מאַכן מיר די פֿלייטע?

אויב כ׳וועל ניט אַנטלויפֿן, וועט מיך קאָנטשען „מײַן" דײַטש! אָבער — מעק אָדאָי! — איך טראַכט שוין אַפֿילע אַ ביסל אָף ציגײַנערש. און וואָס אויב אויך מײַנע ציגײַנערנס אַוועק־פֿירן מיט זיך? נאָר דאָס קאָן זיך מאַכן, אויב מע וועט מיך נאָכאַמאָל אַרויסלאָזן אָף אַרבעט. און אויב מע וועט אויך זיי אַרויסלאָזן. וואָס זשע טוט מען? סאָ? — אָף ציגײַנערש באַטײַט עס: וואָס? איך קאָן דאָך ניט לויפֿן איינער אַליין!..

כ׳האָב זיך בעפּירעש דערפֿרייט, ווען פֿון הינטערן סאַרטיר האָט זיך באַוויזן מיט זײַן פּרויענצימער דער פּאָליצײַ. און קאַלקע האָט געזאָגט:

— אַן עק! דו האָסט קאַליע געמאַכט דעם איניען, לעמעשקע! איך אַליין בין אויך, פֿאַרשטייט זיך, אַ טיפּעש. ניט געוואָלט דיך איבערלאָזן דאָ אַליין... ווי נאָר איך גיי פֿאַרבײַ די טויערן פֿון דער טורמע, קלער איך: אָט וועל איך אָפּזוכן מײַן פֿרײַנטל און מיר וועל מאַכן די פֿלייטע... אָן דיר האָט זיך עפּעס ניט געוואָלט... ערנוואָרט!..

ער, קאַליע, קאָן ניט אָן מיר, און ווי־אַזוי קאָן איך אָן זיי — אָן רוזיען און ראַדען? ערנוואָרט!

איך שיט אָן מיט פֿאַרגעניגן זאַלץ דער פּרוי, מיט וועלכער דער פּאָליצײַ האָט געהאַט צו טאָן הינטערן סאַרטיר. זי שטעלט אונטער די פּאָלע פֿונעם קלייד, איך זאָל וואָס מער אָנשיטן...

11

קיינער, אַפילע קאָלקע, וועט ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס איך אײַל זיך ניט צו אַנטלויפן. מיך אַליין איז אַפילע מאָדנע. און איך קער זיך אום אין דער קאַמער. כ'האָב זיך געסטאַרעט ניט זען רוזיעס טונקעלע פּאַכוועס און ניט שפּירן נאָך דעם, ווי זי פאַריכט די ברעטעלקעס — ווי היימיש זי מאַכט עס, אַ פּיר טועדיק מיט דער פלאַטשיקער האַנט איבער דער דינינקער פּלייצע... ניין, ס'איז ניט יענע ציגײַנערן, וועלכע דרייט און קאַרטשעט מיט די פּלייצעס אין טאַנץ! ביכלאַל איז זי דאָך אַ דירעקטאָר פונעם אינטערנאַט, פאַרזיצער פונעם קאָלווירט... אַגעוו, עלטער פון מיר...

נו, איז וואָס, אַז עלטער? איך מיין דאָך גאָרניט... עפּעס אַזוינס... איך קלער ניט... איך טו נאָר אַ וואָרף שטרענג:

— לאַטשע ראַט!

די נאַכט האָט זיך אויסגעגעבן פּאַר אַ ניט-רויִקער. אין כאָלעם האָב איך געזען אַ דינינקע פּלייצע... און דאָס קינד פונעם שיינעם ציגײַנער, וואָס איז ענלעך אַף האַ״י לאַיד... דאָס ליגט ער אַף די נאַרעס, און רוזיע... עפּעס אַזאַ קישעף: רוזיע שטייט איבער מיר, ווי אין יענער נאַכט, ווען זי האָט זיך מיר געכאָלעמט אין געשטאַלט פון אַ מעכאַשייפע!

רוזיע... איז געשטאַנען ניט איבער איר מאַן, נאָר איבער מיר. כ'האָב זיך אופגעכאַפּט אין דער פינצטער פון ווייטיק: די ציגײַנערן, די מעכאַשייפע צי עפּעס אַ טײַוול רײַסן פון מיר אַראָפּ די קליידער...

ס'איז געווען ווייטיקלעך און אַ ביזאַיען: איך ליג לאַכלוטן אַ נאַקעטער, אײַנגאַנצן אין שראַמען, וועלכע מע זעט אַפילע אין דער כאַשכעס פון דער קאַמער. פונוואַנען אָט דער ווייטיק פלוצעם — ווען כ'האָב אַפּדערנאַכט זיך געלייגט, האָט גאָרניט מיר וויי געטאָן?..

וואָס זשע זאָל עס הייסן? נאָר איך שלאָף דאָך פאַרט, און אין שלאָף קומט צו מיר צו גיין די מעכאַשייפע. זי שטייט איבער מיר, אַנטבלויזנדיק אומפאַרשעמט אירע קני... און זי שטרעקט צו מיר אויס אירע שאַרפע נעגל... פון יעדן אָנריר פון אָט די נעגל גייט דורך איבער מײַן קערפּער אַ שוידערלעכער ווייטיק... און איך קאָן ניט באַשטימען, ווו איך בין: אין דער קאַמער אָדער... און דער גאַנצער קערפּער ברענט, ווי מע וואָלט אים געסמאַליעט, און אויב די מעכאַשייפע וועט זיך אָנרירן צו מיר!.. אַזאַ מין ווייטיק!.. אַזאַ וויי... ווייטיק!.. פאַרוואָס רײַסט זי פון מיר שטיקער? פאַרוואָס?.. און שעפּטשעט נאָך צו דערבײַ:

— קערעווע זיך אויס!.. אַף דער פּלייצע... אַף דער זײַט... נו, קערעווע זיך אויס! און שטילער!..

פאַרוואָס שטילער? פאַרוואָס האָט זי מוירע? אָט וועל איך אומיסטן איצטער אַ געשריי טאָן!..

— שטילער, זאָגט מען דיר, ראַפּאַטשי!

און איך ליג ווירקלעך פּאַר איר, אַ צעפלאַסטעטער אַף די נאַרעס, ווי אַ געלבלײַכיק פּרעשעלע, וואָס ווייסט ניט, ווהין אַוועקצופויזען, און מע שנײַדט עס, מע מוטשעט עס און מע רעדט נאָך צו דעם אַף אַ מעכאַשייפעדיקן לאָשן:

— דוקכאַנאָ טוקע?

אַזוי פלעג ריידן ראַדע, און איך ווייס, וואָס אָט די ווערטער באַטײַטן: „עס טוט דיר וויי?“ נאָך אַ מין ווי טאָן: איבער די פרישע ווונדן — מיט די נעגל!. צי מיט די ציין — זי בייגט זיך אָן אַלץ נידעריקער און נידעריקער, אָט-אָט וועט זי זיך אײַנבײַסן!..

— טערפּע צו!

פאַרוואָס זאָל איך עס טערפּען? מײַן לעבן באַשטייט שוין פון לאַנג פון דורכוויסיקע ליידן. אָט דער יעזויִט דער דײַטש רײַסט פון דיר שטיקער — לײַד: טראָג איבער זײַנע געלעכטערלעך און שמוציקע טנועס. דו ווילסט בלײַבן אַ לעבעדיקער — לײַג, דריי זיך אַפן קאָרעק, פאַרפּאַס מײַסעס ניט געשטויגן, ניט געפלויגן. דעם פּאָליצײַ — אָט די שמוציקע כײַע — לײַד!..

— נו, לײַד צו אַ ביסעלע, טײַערינקער!..

טײַערינקער!.. אַרום און אַרום זײַנען איינע שיידים!... אַלע זײַנען זיי מילדינקע, שטילינקע — פונקט ווי יענער דײַטש, נאָר אַז עס קומט די צײַט, נעמען זיי רײַסן פון דיר שטיקער... מיט די ציין!

רוזיע מורמלט מיר „לײַד צו“ און דערנעענטערט צו מײַן צעריסענעם לײַב איר פּאַנעם, וואָס אין דער פינצטער איז עס ווײַס... באַטאָג איז עס אַ ברוינס, און באַנאַכט — אַ ווײַס...

דער דײַטש איז באַטאָג אַ שלאָבעריקער, און באַנאַכט איז ער אַ לעבהאַפטער... אָט באַלד וועל איך אַ געשריי טאָן, און ער וועט קומען צו לויפֿן — באַנאַכט שפּאַנט ער איבער דער טורמע...

— שטילער, מע וועט דערהערן!

נו, איז וואָס!.. זאָל מען דערהערן!.. דער רוער נעמט אים, אָט דעם דײַטש, ער איז עפּשער אַ בלוטזויגער, נאָר ער רײַסט אָבער ניט די הויט ביז בלוט! און אָט די מעכאַשייפֿע... זי האָט זיך אָנגעבויגן... באַלד וועט זי זיך אײַנבײַסן... אַ מעכאַשייפֿע, אַ מעכאַשייפֿע!.. און איך האָב געשטוינט — פֿאָרזיצער פֿון אַ קאָלווירט, דירעקטאָר פֿון אַן אינטערנאַט!.. דאָס איז באַטאָג, און באַנאַכט ווער איז זי?.. זי בייגט זיך אָן! אָט באַלד!..

מיט די ליפּן... מיט דער צונג... לעקט זי אָפּ דאָס בלוט! און עפּשער איז שוין דאָס גאַנצע בלוט מײַנס אויסגעטרונקען, און איצטער באַלעקט זי די ווונדן?.. צוליב וואָס? פֿאַרוואָס דאַרף זי מוירע האָבן?.. נו, בין איך געשטאָרבן, כ׳בין אומגעקומען — ווער וועט האָבן צו איר טײַנעס?.. צוליב וואָס באַלעקט זי מיך? מיט די ליפּן... מיט דער צונג... ער איז אַ שערשאַווער, נאָר אויב פֿירן מיט אים איבער דער ווונד, ווערט לײַכטער... און איך פֿאַרשטיי עס שוין — הייסט עס, אַז כ׳האָב זיך אויפֿגעכאַפּט ענדגילטיק...

איך שווים אַרויס פֿונעם שטיקנדיקן בייזן כאָלעם...

אַ מעכאַשייפֿע?.. פֿאַרוואָס — אַ מעכאַשייפֿע?.. ניין, זי רײַסט ניט פֿון מיר די הויט, נאָר לעקט אָפּ די ווונדן... יאָ, אָבער פֿונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען, אָט די ווונדן? נו, מירן זיך שפּעטער פֿאַנאַנדערקלײַבן: עפּשער איז דער דײַטש, ביזוואַנען כ׳בין געשלאָפֿן, געקומען צו גיין און האָט צעפּאַסעוועט מיר די גאַנצע ברוסט, דעם בויך?.. און אָט די מעכאַשייפֿע... זי האָט ניט דערצו קיין שום שײַכעס. פֿאַרקערט, נאָך דעם, ווי זי רירט זיך צו, ווערט לינדער דער ווייטיק... אַ מעכאַשייפֿע... אַ פֿאָרזיצער... אַ דירעקטאָר... אַ פֿרוי...

— נו, האָט דיך, טײַערער...

טײַערער!.. ליבינקער!..

— ...דאָס זאַלץ דיך אײַנגאַנצן צעגעסן!..

דאָס זאַלץ?.. וואָס פֿאַר אַ זאַלץ?.. איך קוק זיך אײַן אין די שראַמען אויף מײַן גוף און באַמערק, אַז זיי ציִען זיך דאָרט, ווו צו דער הויט האָבן זיך צוגערירט די בעט פֿון דעם העמד און פֿון די טרוסיקעס. און עס זײַנען ניטאָ אויף מיר (איך ליג באַנאַכט אין דער קאַמער בײַ דער לעוואָנע-שײַן) נישט קיין העמד, נישט קיין הויזן, נישט קיין... פֿון די טרוסיקעס זײַנען פֿאַרבליבן איינע טראַנטעס... אַ ביזאָיען פֿאַר רוזיען! אָבער זי אַליין שעמט זיך ניט: זי האָט זיך אָנגעבויגן איבער מיר, די קני אַנטבלויזט — זי לעקט אָפּ דאָס זאַלץ, וואָס האָט זיך אײַנגעגעסן אין מיר פֿאַר אָט דעם טאָג אַרבעט. אַנדערע, לעמאָשל, קאַלקע, האָבן פֿון זיך אַלץ אַראָפּגענומען, געאַרבעט קימאַט נאַקעטע, אָבער איך האָב אויך דאָרט זיך געשעמט. אַ מאָגערער. אײַנגעפֿאַלענע מוסקולן. האָט דאָס זאַלץ זיך אָנגעשטאָפּט אין די נעט פֿון די קליידער — אוי, ווי עס טוט וויי, אויף ניט אויסצוהאַלטן!

— עס טוט דיר וויי? האָסט אין שלאָף געשריִען...

איך טו אַ כאַפּ די רעשטן פֿון מײַנע שוואַרצע טרוסיקעס און פּרוּוו מיט זיי זיך פֿאַרדעקן, אָבער רוזיע זאָגט:

— שעם זיך ניט, דו...

זי לעקט אויס דאָס זאַלץ פֿון אַ ווונד.

— דו ביסט אַ ייִנגעלע, און איך בין אַ זקיינע... דערצו נאָך האָב איך דאָך אַ מאַן, כאָטש...

זי האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן וועגן דעם מאַן, נאָר איז אַנשוויגן געוואָרן — מע הערט בלויז, ווי די נאַרעס סקריפּען אונטער: זי בייגט זיך אָן איבער מיר... איצטער, ווען כ׳האָב זיך שוין אויפֿגעכאַפּט ענדגילטיק, איז געוואָרן קלאָר: אין דער קאַמער איז קיין קראַן ניטאָ, קומט אויס מיט דער צונג!.. וויפֿל זײַנען אין איר לעבן געווען אָט די „קומט אויס"? אַנומלטן האָט זי דערציילט וועגן דעם מאַן:

„כ׳האָב כאַסענע געהאַט פֿאַרן סעקרעטאַר. ווען מע האָט מיך אויסגעוויילט פֿאַרן פֿאָרזיצער פֿונעם קאָלווירט. כ׳האָב זיך לערנען געוואָלט, אָנגעקומען אין דער טימיריאַזעווער אַקאַדעמיע, אָבער ס׳איז אויסגעקומען צו שלעפּן דעם קאָלווירט... „פֿרײַהײַט" האָט ער געהייסן... וואָס איז עס פֿאַר אַ פֿרײַהײַט, ווען די ציגײַנער איז אויסגעקומען צו דער ערד מיט שטריק צובינדן! מע לעבט אַ ביסל בײַ מיר — און „אוועק!". ווײַטער! ווידער צום וואַנדער-לעבן. די פֿערד זייערע האָדעוועט מען אונטער, און מע פֿירט נאָך מײַנע אָוועק. פֿאַר אַ פֿרוי, נאָך איינער אַליין, איז זייער שווער. נו, האָב איך כאַסענע געהאַט פֿאַר מײַן סעק-

רעטאר, מײַן געהילף. און ער האָט זיך גענומען באַלד צו דער אַרבעט! גלײַך די שרויפֿן פֿאַרדרייט. אַ מאַנצבל!... דערנאָך האָב איך אים קינדערלעך געבוירן. פֿיר! אוי, אַן אומגליק אויף מיר!..

זי טוט אַ ווונק אויף ראַדען, וועלכע שלאָפֿט, צונויפֿגעדרייט ווי אַ בייגל, אין ווינקל פֿון די נאַרעס.

— זי שלאָפֿט זיך שטיל, דאָס גליק מײַנס. זיך אײַנגעמידט. וואָס פֿאַר אַ טאָג איז עס געווען!

— איצטער נאָך אָט מיט מיר!.. דאָס איז דאָך... דאָס איז דאָך... אומבאַקוועם!

רוזיע ענטפֿערט, אַרויסשפּײַענדיק די רעשטלעך זאַלץ, פֿאַר וועלכן כ׳האָב אַ שטיק סאַלע באַקומען און אַ קאָוועניע:

— האַלץ איז באַקוועם, און אַ מענטש ניט?

וואָס פֿאַר אַ האַלץ? לאָזט זיך אויס, אַז בייס איך האָב עפּעס עסנוואַרג געקראָגן (רוזיען און ראַדען האָב איך עטוואָס דערפֿון געבראַכט — וויפֿל דער פּאָליצײַ האָט דערלויבט: „וועמען טראַגסטו: דער עלטערער, צי עפּשער אינטערעסירט דיך מער די ייִנגערע?”), האָבן זיי מיט ראַדען און מיט נאָך אייניקע פֿרויען דעם דיל מיט די צינגער געלעקט. מײַן בלוטזויגער האָט באַפֿוילן: ס׳איז, זעט איר, באַ אים ברודיק אין קאַבינעט!

איך האָב זיך דערמאָנט אָט דעם דיל, איבער וועלכן קײַלעכדיקע מעסלעסן טופּעט עמעצער. אָט ווי, לעמאַשל, יענער מ׳יעסער „אונטער”. דער פּאָליצײַ... דער דײַטש האָט דערוויזן, אַז ס׳איז פֿאַראַן עפּעס ערגערס, איידער דער טויט, האַגאַם וואָס קאָן זײַן נאָך ערגער פֿונעם טויט אַליין? אָבער מע קאָן דערפֿירן אַ מענטשן צו אַזאַ צושטאַנד, אַז ער זאָל אַליין בעסער אויסקלײַבן דעם טויט.

רוזיע האָט געהאַרעוועט, געהאַרעוועט, זיך פֿאַרמאַטערט, אָפּגעווישט דעם שווייס און זעצט פֿאָר ווײַטער איר דערציילונג וועגן דעם פֿאַרמילכאָמעדיקן לעבן:

— ...נו, האָב איך ניט זייער געוואָלט פֿאַר אים כאַסענע האָבן, אָבער דערנאָך...

זי ווערט אויף אַ מינוט אַנשוויגן, און איך הער זיך אײַן ניט אַזוי אין דעם ווייטיק, ווי אין אירע ווערטער.

— ...און גאָרנישט! צוערשט האָב איך אים אַ פֿליִער געבראַכט צו פֿירן מיט זיך, ווען כ׳בין געקומען דעם קאָלווירט אופֿנעמען. און ער, מײַן קינפּטיקער מאַן, האָט פּונקט דעמלט דעם שליטן געגרייט, קעדיי פֿאָרן צום וואָקזאַל... און ווי נאָר ער האָט דערזען!.. וואָס זשע, דעמלט זײַנען אַלע מיידלעך געווען פֿאַרליבט אין פֿליִער... ס׳איז דאָך זייער אַן אומגעוויינלעכע זאַך — פֿליִען!

רוזיע האָט אָפּגעווישט דעם שטערן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיט אומעט אַ קוק געטאָן אין גרויען קוואַדראַטל פֿונעם טפּיסע-פֿענצטערל.

— אָבער — עס קומט אויס! דריי זיך ניט!

און זי האָט ווידעראַמאָל גענומען אָפּלעקן דאָס זאַלץ אויף מײַן קליינעם הינערשן קערפּער. אַ קלייניקײַט, אַ פֿליִער!

— דער פֿאָטער האָט אַלץ מיר אַ פֿרינץ געזוכט... אַ קוטשעראַוון, אַ צאַרטן... נו, אָט אַזאַ, ווי דו, לעמאַשל...

פֿון אומגערײַכטקײַט בין איך אַזש פֿאַרשטאַרט געוואָרן.

— נאָר ניט פֿון געמיינעם גראַד, — רוזיע האָט אַנטשיידן מיך איבערגעקערט, ווי אין באַד, אַפֿן בויך און זיך גענומען פֿאַר דער פּליי׳צע, ווו דאָס זאַלץ האָט אויסגעגעסן אַלע קריזשעס.

— און אויך ניט קיין פֿאַרשײַטע דרייקעפּ. אַזעלכע ציגײַנערס זײַנען, פֿאַרשטייט זיך, אַן און פֿאַר זיך קראַסאַוועצעס, נאָר — דאָס האָב איך אַזוי געזאָגט. און אויס: מײַן סעקרעטאַר האָט דאָס בלויז אויסגעהערט און האָט גענומען אַלע דרײַ קינדער. בלויז ראַדען אָפּגעגעבן מיר. מיט איר איז באַקוועם צו שפּילן קאָמעדיעס. „פּאַן, גיב אַ שטיקל ברויט פֿאַרן זויג-קינד! פּאַן, דאָס קינד וויל עסן!..”

רוזיע האָט זיך צעאָמערט מיט אַן עקלהאַפֿט קאָל — מיט אַזאַ, ווי כ׳האָב עס געהערט, ווען כ׳האָב זי דאָס ערשטע מאָל דערזען. און ווידעראַמאָל האָט גענומען נאָיען דאָס האַרץ: אָט אַזעלכע זי איז — עפּשער איז דאָס איר עמעסער טאָך, און דאָס איבעריקע איז אַזוי, אַז עס זאָל זײַן באַקוועמער „שפּילן קאָמעדיעס”.

— ...ווײַל איך קוטשע אײַן ראַדען אין אַ קאָלדרעכל, ווי אַ זויג-קינד, און טראָג עס... ערגעץ בעטל איך עפּעס אויס, ערגעץ וואַרף איך קאָרטן, און נאָך ערגעץ: „פּאַן, גיב אַ ברויט!.. אַ שטיקעלע!.. פּאַן, דאָס קינד וויל האַם-האַם!..” אַמאָל אַפֿילע בעט איך מילך — ווי

ראַדע וואָלט געווען טאַקע אַ זויג-קינד... וויפֿל האָט זי מיט מיר איבער די דערפֿער געוואַגלט, זיך אָנגעהערט. און אויסגעלערנט אַזויפֿיל מיִעסע ווערטער!..

רוזיע האָט זיך נאָכאַמאָל אונטערגעהויבן, זיך אָפּגעריסן פֿון מיר און האָט אַ פֿיר געטאָן מיט איין האַנט איבער דער אַנדערער:

— אַזויפֿיל קויטיקע מענטשן פֿאַראַן, עס ווילט זיך די גאַנצע צײַט אַרומוואַשן פֿון דעם!.. די ביבאַלדאָ אויך. האַגאַם אַ גוט פֿאָלק. די ציגײַנער אַכטן זיי... ליג, ביבאַלדעלע! זי האָט אַ שנעל געטאָן מיט די פֿינגער איבער מײַן קאָפּ, זיך אָנגעבויגן און גענומען שעפּטשען, לעקנדיק מיט די ליפּן די פֿאַרוווּנדעטע ערטער:

— דו מיינסט, אַז איך ווייס ניט, ווער דו ביסט?.. מײַן מאַמע איז עפּשער אויך אַ... ביבאַלדאָ. און עפּשער ניין, נאָר מענטשן דערציילן... אַז דו ווייסט קלוימערשט זייער אַ סאַך, און דערפֿאַר טאַקע האַלט ער דיך אַזויפֿיל, דער דײַטש!..

איך האָב געשוויגן: אַזאַ מין ווערסיע איז מיר ניט געקומען אויפֿן זינען.

— און דו זאָג טאַקע גאָרניט. זאָל עס בײַ דיר בלײַבן. מאַך אַ שווײַג — איך דאַרף עס ניט האָבן... אָבער ווער האָט עס וועגן אײַנעם אַ מענטשן אונטערגעזאָגט?

כ'האָב נאָך געהאַלטן אין איין טראַכטן, וויאַזוי רוזיע האָט איר טעכטערל אויסגענוצט צוליב אויסקלײַאַנטשען עפּעס, אויסגעציגײַנערט, ווי אין עכטע „זאַכלעכע ציגײַנערן“, און זי פֿאַרגיט מיר שוין נאָך איין רעטעניש... ווי נאָר עפּעס-וואָס, כאַפּט מען זיך גלײַך פֿאַרן מעסער... איינער אַזאַ האָט זיך צו מיר געשאַרט, אָבער גיין אין זאַגס איז בײַ אים ניט געווען קיין צײַט — ער האָט געהאַלטן אין איין זיצן אין די טורמעס...

נישט קיין פֿינגערל האָט אונדז,
אוי, צעשיידט, צעשיידט...

זי זינגט שטיל, ווי זי וואָלט געשעפּטשעט. און פּלוצעם:

— עך, ווען דו וואָלסט געווען אַ ביסל עלטער!..

איך האָב זיך אויפֿגעהויבן אויף די עלנבויגנס, נאָר רוזיע האָט אַנטשיידן מיך אָפּגעשטעלט:

— ...און איך — אַ ביסעלע ייִנגער!.. די יאָרן גייען אַוועק, און מיר כאָלעמט זיך נאָך אַלץ דורך די נעכט אַ פּרינץ...

הייסט עס, אַז איר כאָלעמען זיך אויך די זעלבע כאַלוימעס, ווי מיר. און עפּשער קום איך איר אַפֿילע צו כאָלעם...

— ניט צו פֿאַרגלײַכן מיט דיר! מײַן מורש, ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, איז אַפֿילע פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט געקומען צו לויפֿן אַהיים — פֿאָרט אַ ציגײַנער! פֿון די דײַטשישע אַרבעטן זיך אָפּגעבעטן אויף אַ שאָ און איז שוין פֿאַרבליבן אויף אַ גאַנצער נאַכט. מיר האָבן מיט אים דרײַ קינדער, נאָר מיר זײַנען זיך צעגאַנגען...

עפּעס פֿאַרשטיי איך ניט, וואָס עס איז בײַ איר פֿאָרגעקומען מיטן מאַן. כאָסענע געהאַט, ווײַל אַזוי „האָט זיך באַקומען“, דערנאָך ליב באַקומען, און איצטער זאָגט זי, אַז זיי זײַנען זיך צעגאַנגען!.. איך הער דאָס אַלץ אויס און מאַך בלויז דעם אויספֿיר, אַז אַן אַנדערער, אַן עכטער מורש, וואָלט אויף מײַן אָרט שוין פֿאַרשטאַנען, וואָס מע דאַרף, און איך בין אַ טעמפּער יונגו!

— אָט ביסטו אַ קלוגינקער, אַ געבילדעטער... און אַ מילדער... ווידער ווי מיט אַקרעפּ אָפּגעגאָסן!

— אַ ראַכמאָנעס אויף אײַך — אויף דיר און אויף ראַדען.

ס'האָט גענומען נאָגן דאָס האַרץ, ווי מע וואָלט עס אין זאַלץ אײַנגעטונקען. זי פֿאַרגלײַכט מיך מיט ראַדען, מיטן קינד! נו, וואָס בין איך פֿאַר אַ מורש! אָט איר מאַן איז גאָר אַן אַנדערער. ער איז אַן אַנטשיידענער.

— מיר האָבן מיט אים אָפּגערעדט: געלעבט צוזאַמען, נאָר שטאַרבן וועלן מיר באַזונדער.

אָט וואָס פֿאַר אַ מורש איז איר מאַן!

— דו מיינסט, אַז רוזיע איז אַ ווילדע כײַע: באַווײַזט יעדערן פֿאַטרול איר קינד — גיב אַ שטיקל ברויט!.. רוזיע איז דען אַ כײַע?.. ווען דו וואָלסט נאָר אָט יענעם מענטשן מיר אָנגעוויזן!..

— וואָס פֿאַר אַ מענטש? — כ'האָב זיך אַפֿילע אַ הייב געטאָן און דערפֿילט, ווי שטאַרק די ציגײַנערן האָט מיך פֿאַרקלעמט מיט אירע קני, ווי זי וואָלט מיך באַזאָרגט.

— אַ געוויינלעכער!.. מיט וואָנצעס, מיט אַ באָרד, אין אַ היטל... אַ ווינטערדיקס... און געווען איז עס זומער, ווען כ'האָב אים באַגעגנט... כ'בין מיטן קינד אין איינער אַ שטוב אַרײַנגעגאַנגען, קעדיי בעטן עפּעס עסנוואַרג, און דאָרטן זײַנען שוין אַנדערע... בעטלערס. די באַלעבאָסטע האָט זיי אַפילו מיט סאַלע מעכאַבעד געווען... האָב איך זיך צעשריִען: „פּאַר אַט די געזונטע מזשיקעס איז פאַראַן אַלץ — מילך, און סאַלע, און פאַר אַ קינד?.." יענער מענטש האָט מיך ניט איבערגעשלאָגן... ער האָט געבעטן די באַלעבאָסטע, זי זאָל געבן ראַדען מילך. אין אַ קווערטל. און ווי נאָר מײַן מיידל האָט דאָס הענטל אויסגעשטרעקט, האָט ער זיך צעלאַכט. „מע זאָגט דאָך פאַרט, אַז די ציגײַנער זײַנען אַרטיסטן!.. ס'איז דאָך בײַ דיר ניט קיין זויג-קינד..." און איך ווייס דאָך אַליין, וואָס פאַר אַ קינד איז בײַ מיר!.. די דײַטשן אָבער שטויסן זיך ניט אָן.

זאָג איך איר, אַז זילבערט ווייסט עפּעס וועגן דעם. און אויך דער פּאָליצײַ. ענטפערט רוזיע רויק:

— איך ווייס. אָבער וואָס איך האָב געטראָגן אין דער סאָסקע, ווייסט קיינער ניט. בלויז דו. שווער זיך, אַז דו וועסט קיינעם ניט זאָגן!..

שווער איך זיך, הגם כ'האָב ניט געוווּסט, וויאַזוי מע טוט עס. זאָגט מיר רוזיע:

— יאָ, געטראָגן... פּאַפּירלעך: וואָס פאַר אַ פּאָליצײַ איז אַן אויסוואורף, ווו איז דער סטאַראָסטע אַן אייגענער מענטש, ווו עס שטייען אײַן די דײַטשן... קיינער ווייסט ניט וועגן דעם... כ'האָב אַפילו פון דער שטאָט אין שמוציקע, פאַרשטונקענע אונטערווינדעלעך — אין ראַדעס אונטערווינדעלעך! — רעפּועס געטראָגן. פונעם דאָקטער. קלוימערשט אַף אַן אופנאַם צו אים געקומען... פון נ-סקער וואַלד... דער וואַלד איז טאַקע אַזאַ פאַרבליבן — אַן נ-סקער: איך אַליין קאָן אַפילו יענעם מענטשן ניט געפינען — אינעם היטל... ווײַל כ'בין צופעליק אַהער אַרײַנגעפאַלן: יענער בלוטזויגער, וועלכן כ'האָב אַנטבאַלעגופּעוועט אַמאָל, האָט מיך דערקענט און אויסגעגעבן... בין איך ניט דערגאַנגען צו יענעם וואַלד און צו יענעם מענטשן. עפשער ווייסטו?..

איך האַב זייער געוואָלט קומען צו הילף רוזיען. איר שעפּטשערײַ האָט בײַ מיר אַרויסגערופן פרייד. כ'בין פּאַשעט אַנציקט געוואָרן. אָבער, צום באַדויערן, האָב איך ניט געוווּסט יענעם מענטשן אינעם ווינטערדיקן היטל. און ווי פּרעכטיק וואַלט געווען, ווען איך וואָלט געזאָגט: „איך ווייס אָט יענעם נ-סקער וואַלד און יענעם מענטשן! דאָס איז דער כאַווער..." און דאַן וועט רוזיע, וועלכע רירט זיך צו מיט די ליפּן צו מײַנע ווונדן, מיך אַ קוש טאָן.

נו, כאַטש אין באַק. נאָר אַפּאַנעמעסן, און ניט איבערן זאַלץ. אין מיר האָט אַלץ געזונגען — אַלע איווורים, און אַפילו ווערטער פון דער באַוווּסטער ליד האָבן זיך געגומען באַמבלען אין קאָפּ: „ווען דער פרײַנט איז פאַרוווּנדעט, קומט זײַן כאַווערטע פאַרבינדן די ווונדן די הייסע זײַנע..." ווונדן זײַנען בײַ מיר, עמעס, ניט פון קוילן, נאָר פון זאַלץ, ווײַל כ'האָב זיך ניט דערטראַכט צו אויסטאָן זיך, ווען כ'האָב געאַרבעט, אָבער ווען זי שעפּטשעט, שפּילט שוין ניט קיין שום ראָליע, פונוואַנען זי איז, די ווונד, אַפילו דאָס, וואָס זי זאָגט איצטער:

— יאָ... מיטן מאַן זײַנען מיר זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען... איצט בין איך דאָ געבליבן שטעקן, און דאָרט, ווו ער געפינט זיך, דערנעענטערט זיך אַ שטורעם... עפּעס האָבן מענטשן גערעדט, אַז יענעם ראַיאָן קלײַבן זיך די דײַטשן איבערנישטערן!.. שלעכט, זייער שלעכט!..

איך האַב געהערט און ניט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס רעדט זי. מיר איז געווען אַ גרויסער שאָד, וואָס איך קאָן ניט אומקערן יענע מינוטן, ווען זי האָט זיך אָנגעבויגן איבער מיר און איר דינע פּלייצע האָט זיך אַנטבלויזט... אין קאָפּ איז געשטאַנען אַ טומל. כ'האָב געטראַכט: וואָס פילט זי, ווען זי דריקט זיך צו מיט איר באַק צו מײַן באַק?.. רוזיע נעמט מיך אַרום מיט איר דינער האַנט אַרום האַלדז...

— שונעס, הער! סײַוויסײַ קענסטו ניט יענעם מענטשן אינעם ווינטער-היטל אינמיטן זומער, דער דײַטש אָבער ווייסט אַלץ וועגן דיר און וועגן מיר... אַזויאַרום, בלײַבט בלויז צו וואַרטן, ביז מע וועט נאָך אונדז קומען... ווער עס וועט קומען, ווייסטו אַליין... און מע וועט אונדז צעשיידן... און עפשער, הער, וועט מען אונדז פאַרקנאַסן?.. טאַקע אינדערעמעסן, ליבינקער מײַנער, פרינץ מײַנער, אַזוינס טרעפט דאָך... דאָס פלעג טרעפן אַ סאַך מאָל — אַלעמאָל, ווען מענטשן גייען אַוועק פון דער וועלט ניט מיט זייער אייגענעם ווילן... און דאָס וועט זײַן!.. שונעס, הער זשע מיך אויס!..

12

...האָט א פּאַטער געהאַט א זון, וועלכער האָט ניט געוווּסט פון קיין שום יעסורים. קומט ער צו די עלטערן און פרעגט: „פאָטער און מוטער, וואָס זײַנען אזוינס לײדן און צאַרעס?"
„מיר ווייסן ניט, וואָס אזוינס זײַנען לײדן און צאַרעס — פרעג בא דער באָבען, עפשער ווייסט די באָבע?" פרעגט ער בא דער באָבען: „באָבע, האַ, באָבע, וואָס אזוינס זײַנען לײדן און צאַרעס?" ענטפערט די באָבע: „נו, ייִנגעלע, לײדן און צאַרעס — דאָס איז אונדזער ציגײַנערשער גוירל — ראָמאַנע ראַנדאַ. לאָמיר זאָגן, דו האָסט עפּעס צוגעגאַנוועט, לאָמיר זאָגן, מע וועט דיך פּאַקן, צעשלאָגן, מע וועט דיך אײַנזעצן — אָט דאָס זײַנען לײדן און צאַרעס".
זאָגט דער זון: „איך וויל אליין אויספּרוּוון, וואָס אזוינס זײַנען לײדן און צאַרעס".
אזוי האָט ער געזאָגט און איז אוועק אין וואַלד. ער האָט צוגעגאַנוועט א פערד, האָט אים געכאַפּט דער באַלעבאָס פונעם פערד און אים אופגעהאַנגען אף א בוים אין וואַלד.
טרויערן די עלטערן: דער זון איז פאַרפאַלן געוואָרן! מע האָט אים באַוויינט, פונקט ווי מע וואָלט אים באַגראָבן. הינטער-אײַגיק. ווײַל אַנדערש האָבן זיי ניט געקאָנט — דער זון האָט זיך געדאַרפט אומקערן פאַרזיכערט, און ער איז ניטאָ. איינמאָל איז איינער אַן אָרעמער ציגײַנער געפאָרן דורכן וואַלד, זיך אָפּגעשטעלט, און פלוצעם הערט ער באַנאַכט, ווי עמעצער זינגט:

לעבן דעם טײַך, לעבן דעם דונײַ...

דאָס איז די ליד וועגן רוזשען און ווײַדען.

בא דעם פּאַטער כ'האָב געלעבט,
קיין שום זאָרגן ניט געהאַט...

און ער דערזעט א מענטשן, וואָס הענגט אף א בוים. האָט ער א קוק געטאָן אף אָט דעם מענטשן און אים דערקענט — דאכט זיך, ס'איז דער זון פון יענעם רײַכן ציגײַנער.
נו, ער האָט זיך, געווײַנלעך, א ביסל דערשראָקן, איז אוועק צום פּאַטער פונעם אופגעהאַנגענעם און זאָגט אים: „כ'האָב געזען אײַער זון. ער הענגט אף א בוים. און ווען עס קרייען די דריטע הענער, בלאָנקעט ער איבערן וואַלד — מע האָט אים, אפּאַנעם, דערהארגעט, מאַראַ".
זײַנען געקומען אין וואַלד די עלטערן, אראָפּגענומען דעם זון, אוועקגעלייגט אין קאָפּ-ליצע. און ווי נאָר עס קומט די נאַכט, לעבט ער אוף, ווי עס באַלאַנגט פאַר א מעס, און באַטאָג קערט ער זיך ווידער אום אין דער טרונע. און די עלטערן האָבן באַשלאָסן אים כאַ-סענע מאַכן...

דזשאַן קכּאַרען ע רוזשאַ...

דאָס איז ווידעראַמאָל די ליד וועגן רוזשען און ווײַדען. אין יענעם מײַסעלע, — דער-ציילט רוזיע, — האָט מען געפונען א פײַן ציגײַנעריש מיידל, מע קומט צו איר און מע רעדט איר א שידעך...

ציגײַנער, א גוט-מאָרגן,
אַדעליקע, אָן זאָרגן...

זי זינגט אונטער שטיל, נאָר מיט אזא קלינגענדיקער שטים, ווי זי וואָלט פאַרגעסן, וווּ מיר געפינען זיך און וואָס מיט אונדז קומט פאָר!
„מע קומט צו גיין, מע רעדט א שידעך..."
דער געוויש הינטער דער וואַנט דערמאָנט, וווּ מיר געפינען זיך. עמעצער איז געקומען אין רוזיעס געוועזענער קאַמער — ניט צוליב א שידעך איז דאָך אהין געקומען עמעצער פון די ציגײַנער! און פון דער פרײַ וועט קיינער ניט, אפילע דער סאַמע דרייסטער ציגײַנער, ניט קריכן אין שטײַג. דערצו נאָך, וויאזוי וועט ער זיך דורכקלײַבן אין דער טורמע?..
דאָס האַרץ פאַלט בא מיר אַרויס — הייסט עס, דער מעס! רוזיע שווײַגט. פון יענער זײַט פענצטער הילכט עפּעס: ווי עמעצער וואָלט פון די נאַרעס די שטרוי אראָפּגעוואָרפן,

דערנאָך מיט די קני א שטויס געטאָן אין דיל. ער קאָנטראָלירט, הייסט עס, צי עמעצער האָט זיך אונטער די נאַרעס ניט באהאלטן. די גראַטעס א צי געטאָן — און זיי האָבן זיך צעקלונגען, ווי סטרונעס פון א גיטאַרע... אין פענצטער זעט מען, ווי איבערן הויף בלאָנדזשעט ארום א שטראַלכל פון א לאַמטערן: די שכיינישע קאַמער דורכגעשניטן — קיינעם ניט געפונען... דער מעס?.. פאַרשטייט זיך, אז ניין. עפשער האָט א דייטש עפּעס אהער פאַרבלאָנדזשעט? און עפשער ניט צופעליק? עפשער זוכט ער עס זי, קעדיי זי אריינשטעלן אין א פינפלינג?

מיר האָבן זיך פאַרטײַעט. רוזיע האָט זיך צוגעדריקט צו מײַן ברוסט. מיר וואַרטן. מע הערט, ווי דער מעס האָט זיך שווער אוועקגעזעצט אַף די נאַרעס. ער רייכערט. עמעצע מיידסים רייכערן ניט, דאַכט זיך... ס'איז שטיל. יעדנפאַלס האָט עס ניט צו אונדז קיין שײַכעס. און עפשער גרייט מען דאָס די קאַמער פאַר נײַינקע?.. מיר באַרויקן זיך, און רוזיע זעצט פאָר, שעפּטשענדיק, מע זאָל ניט דערהערן אין דער שכיינעסדיקער קאַמער...

...האָט מען, הייסט עס, פאַרקנאַסט דאָס מיידל. מע זאָגט איר בלויז: „זײַ וויסן, אז אונדזער זון איז אזא פאַרנומענער מענטש, אַף א גאַנצן טאָג פאָרט ער אוועק, אהין-אהער, אַפן יאַריד — בלויז באַנאַכט קאָן ער קומען זיך שאַדכענען צו אײַך. אויך באַנאַכט קאָנען מיר אָפּשפּילן די כאַסענע".

נו, דער פאָטער פונעם כאָסן איז א רײַכער, ס'איז א לווינבאַרע זאַך. האָבן די עלטערן פון דער קאַלע געקלערט און געטראַכט און געגעבן די האַסקאָמע, אז די כאַסענע זאָל זײַן באַנאַכט.

הינטער דער וואַנט האָט עפּעס זיך צעשיפּעט... איבערן צעמענטענעם דיל האָבן זיך צעסקריפּעט מעטאַלענע שטעכלקעס: הייסט עס, אז דער מעס. איז ניט קיין ציגײַנער — ער איז א דײַטש... און ער גייט ניט אוועק!.. וואָס דאַרף ער דאָ האָבן?

...יאָ, ווי נאָר די נאַכט פאַרענדיקט זיך, זאָגט ער איר: „טײַערע מײַנע, איניאַנים, איניאַנים!" — און פאָרט אוועק. און אָפּדערנאַכט, אזייגער צוועלף, קערט ער זיך אום, און זיי לעבן, ווי מאַן-און-ווײַב אין אָט דער קאַפּליצע. און באַטאָג פאָרן אויך אַלע קרויווים אוועק. זאָגט דער מאַן צום ווײַב: „אָט נעם די שליסלען פון אַלע צימערן, און מיט אָט דעם קליינינקן שליסעלע באַנוץ זיך ניט". דאָס יונג ווײַבל איז אָבער זייער נײַגעריק צו וויסן: גייט זי אוועק, עפנט אויף די טיר, און דאָרט ליגט איר מאַן אין טרונע!

נו, האָט זי שוין זיך אָנגעשטויסן, וואָס עס איז די מײַסע. איז זי געקומען צום גאַלעך און זאָגט: „וואָס טוט מען? אָט אזא אומגליק!"

עס הערט זיך, ווי ס'האָבן א קלונג געטאָן שליסלען — דער מעס האָט באַשלאָסן, ווײַזט אויס, נעלעם ווערן... דאַנקען גאָט!

...ענטפערט דער גאַלעך: „טו אָט וואָס. ווען ס'וועלן אוועקפאָרן די עלטערן, ס'וועט אוועקפאָרן דער שווער, די שוויגער, טו א רות דײַנע ברידער, זיי זאָלן זיך יאַווען באַנאַכט, און ווען דער מעס וועט זיך דאַרפן לייגן אין דער טרונע, כאַפּט אים און פירט אים אין קלויסטער אַרײַן. פערציק טעג זאָלסטו טפילע טאָן".

דער טויט-פאָטער גיט אַלעמען אין דאַרף אזא אייצע.

האָבן זיי טאַקע אזוי געטאָן. מע האָט געבונדן דעם מעס און אים אוועקגעשלעפּט אין קלויסטער אַרײַן. און גענומען האָט זי פערציק טעג טפילע טאָן. ווי נאָר עס קומט די נאַכט, הייבט זי אָן טפילע טאָן. זי טוט טפילע — און דער ניט-גוטער נעמט אָף איר זיך וואַרפן, שפּײַט זיך, קנײַפּט זי.

יענער, וואָס הינטער דער וואַנט, האָט זיך צעכאַרקעט און א שטופּ געטאָן מיטן פוס די טיר — ער גייט אוועק, דאַנקען גאָט!

...זי קאָן ניט אויסהאַלטן — עס פאַלט אַף איר אָן א שלאָפלאָזיקײַט.

נאָר דער גאַלעך צייכנט אָן מיט קרײַד א קרײַז, באַשפּריצט דאָס אָרט מיט הייליקן וואַסער, און דער ניט-גוטער האָט שוין ווײַטער ניט אזוי שטאַרק זיך געוואָרפן אַף איר. בעקיצער, פערציק טעג האָט זי טפילע געטאָן — און ס'האָט זיך בא זיי אָנגעהויבן א נײַ לעבן...

...אָט אזוי טרעפט אמאָל. אין דער מײַסע צי אין דער ליד וועגן רוזשען מיט ווײַדען. עמעס, אין דער ליד גייט רוזשע ארום און קלײַבט צונויף ווײַדן, וועלכן מע האָט געהאַקט אַף שטיקער, גליד צו גליד!..

וואָס וועט זיך באַקומען בא מיר מיט רוזיען? ווער נאָך וועמען וועט גייך?.. יענער, וועלכער איז הינטער דער וואַנט, וועט ניט קומען אהער?..

יאָ, גיך ווערט דאָס מײַסעלע געזאָגט, אָבער ניט אזוי גיך טוט זיך עס. אפילו אזוינס. און איך בין נאָך א לעבעדיקער געווען, און זי אויך. און זי האָט אראָפּגעלעקט דאָס זאַלץ

פֿון מײַנע װוּנדן און מיך צוגעדריקט צו זיך. װי זי װאָלט מירע געהאַט, מע זאָל מיך ניט צונעמען בײַ איר... כ׳האָב זיך געשעמט, זיך געװאָלט אַרױסדרײען פֿון אונטער אירע הענט, נאָר זי האָט געזאָגט:

— נאָך אָט דאָ. און אָט דאָ. עמעס, עס טוט שױן ניט װײ?

און האַגאַם, װי נאָר זי האָט אַװעקגענומען אירע ליפּן, האָט דער װײטיק מיך װידער־אַמאָל שרעקלעך געמאַטערט, האָב איך געשעפּטשעט:

— נײן, עס טוט שױן ניט װײ!.. עס טוט שױן ניט װײ...

זי האָט מיך געקושט אין דער ברוסט, װוּ די נעט אױפֿן העמד האָבן זיך אײַנגעשניטן מיטן זאַלץ, און ס׳האָט מיך אַ ציִ געטאָן צו איר. כ׳האָב זיך צוגעהערט, װאָס עס טוט זיך הינטער דער װאַנט, דערנאָך אין קאָרידאָר. און רוזיע איז דאָך אַ פֿרױ, און זי שעפּטשעט מיר אין אױער:

— יענע, די ציגײַנערן, קומט צו אים אין דער קאַפּליצע, און ער איז אַ לעבעדיקער, אָבער בלױז ביז די ערשטע הענער. און זי װײסט, אַז ער איז אַ מעס. און אָט טוט זי זיך אױס... און װאַרפֿט אַראָפּ דאָס קאָפּטל.

דער פּידזשאַק איז אױף רוזיען ניט געװען — די נאַקעטע הענט גלאַנצן פֿון שװײס אין דער האַלב־פֿינצטערניש פֿון דער קאַמער, דורך די גראַטעס פֿון װעלכער עס שלאָגט זיך דורך די לעװאָנע־שײַן. און שאָטנס גײען איבער רוזיעס הענט און קריכן צו די פּאַכװעס, װעלכע ציִען מיך צו אַזױ, אַז דער קאָפּ מײַנער גײט כאַדאָראָם... און זאָל זיך דער מעס שאַרן איבערן קאָרידאָר!..

— און די מאָניסטע...

זי רײַסט פֿון זיך אַראָפּ די קאָרעלן פֿון קײַקעלעך — אַזױ אַז זײ צעשיטן זיך איבערן דיל. מײלע, מירן זײ מאָרגן צונױפֿנעמען, אױב מיר װעלן לעבן... בלױז אָט יענער אינעם קאָרידאָר זאָל ניט דערהערן!

— און דעם קולאָן...

דער קולאָן, װעלכער באַהאַלט זיך בײַ רוזיען אױף דער ברוסט, װי אַ פֿאַרטײַעטער הונט, טוט אַ פֿלי הינטער דער פּלײצע, אַנטבלױזנדיק אַ טונקל גריבעלע...

— און די דוקאַטן...

קײן שום דוקאַטן פֿאַרמאָגט ניט רוזיע. און דאַנקען גאָט, װײַל אַנדערש װאָלטן זײ זיך צעקלונגען און ס׳װאָלט זיך געיאָװעט יענער, פֿונעם קאָרידאָר. עס כאַפּט מיך אַרום אַ פּאַ־כעד, איך הײב זיך אונטער אױף די נאַרעס, נאָר די ציגײַנערן װאַלגערט מיך װידער אַװעק. איר איז אַלציינס, װער עס שאַרט זיך דאָרט הינטער דער טיר: אַ דײַטש צי אַ מעס... בײַ איר איז דער אײגענער זײדע אַרױסגעקראָכן פֿונעם קײװער און האָט באַנאַכט אַ מעטער צװײ הונדערט געשלעפּט די באָבע פֿאַרן העמד... און אַלע האָבן דאָס געזען!.. באַנאַכט! און אָט יענער, װער עס בלאָנקעט לעבן אונדזער קאַמער, איז װער?

— קינד מײַנס!.. קינד מײַנס, — זאָגט רוזיע און לײגט אַרױף מײַנע הענט אױף איר ברוסט. — די פֿינגערלעך זײַנען בײַ דיר צאַרטע, װײכע...

איך האָב מירע צו רירן מיט די הענט, קעדײ ניט אָפּשרעקן דאָס מײַסעלע... ערגעץ אונטער מײַן דלאָניע קלאַפּט איר האַרץ... און ניט ראַדען, נאָר מיך רופֿט זי אָן „מײַן קינד". און איך װער פֿאַרשעמט, נאָר ס׳איז מיר אָנגענעם. און װאָס װעט זײַן װײַטער? װאָס װעט זײַן? אינעם קאָרידאָר הערן זיך טריט, און אינעם מײַסעלע?.. אינעם מײַסעלע... און עפּשער איז עס אײנס און דאָס זעלבע!..

זי נעמט אַראָפּ פֿון זיך דעם פֿאַרטעך, און ציט מיך צו...

— פֿאַרשטײסט, ס׳איז דאָך אַ מעס! האַגאַם אַן אײגענער מאַן... אַ מעס! אַ מעס!.. ...װעגן װעמען רעדט זי עס? ניט װעגן יענעם, װער עס שטעלט זיך אָפּ בײַ אונדזער טיר?.. ער האָט שטיל זיך אָפּגעשטעלט און שטעקט אַרײַן שטילערהײט דעם שליסל אין לעכל...

רוזיע ציט מײַנע הענט צו זיך אױף דער ברוסט.

— אַ מאַן איז ער!.. פֿאַרװאָס זעט מען אים? ער װיל אָפּטרעטן דעם װעג? ע, ער װעט אַװעקגײן, נאָר דערנאָך װעט ער קומען, דורך די נעכט!.. און רוזיע װעט, װי אינעם מײַסעלע, אַראָפּנעמען פֿון זיך אַ קלײדל... אַ קלײדל נאָך אַ קלײדל!.. קעדײ דערציִען ביז די דריטע הענער!.. ניט קײן געליבטער איז דאָס זעלבע, נאָר אַ מעס... אױ, איך זע אים, איך זע אים!.. עפּעס איז עס ניט צום גוטן!..

רוזיע טוט זיך אַ װאָרף צו מיר, דריקט זיך צו מיטן גאַנצן קערפּער, און איך פֿיל, װי

עס ציטערן אירע קני. איך פֿאַרשטיי ניט, פֿאַרוואָס רוזיע ציטערט אַזוי, נאָר אַליין דריק איך זיך צו איר אויך צו.

— ער איז דאָ!.. דאָ איז ער! — שרײַט זי שעפּטשענדיק. זי וואַרפֿט ניט אַראָפּ, ווי אין יענעם מײַסעלע, די קליידלעך. און דאַנקען גאָט, ווײַל איך ווייס ניט, וואָס איך זאָל טאָן, אויב זי וועט אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די קליידער. איך קוק אויך אַזוי מיט שוידער אויף דער נאַקעטער, ברוינער קני, וואָס בלאַנקט אין דער לעוואָנע-שײַן...

— ס'וועט זײַן אַן אומגליק! ס'איז אַ סימען פֿון אַ מעס! — ציטערט אויף רוזיע און שטופּט מיך אָפּ. איך פּרוּוו אומגעלומפּערט זי אומקערן אין מײַנע אָרעמס, נאָר די הענט אירע, די פֿינגער, די נעגל ווערן שטעכיקע — גיי ניט צו! ווי ס'וואָלט גאָרנישט ניט געווען... דאָס האָט זיך מיר אַלץ געכאָלעמט... צי זיך פֿאַרגעשטעלט אינעם מײַסעלע? און וואָס איז געווען? גאָרנישט. אַ מײַסעלע...

— ניט אומזיסט האָב איך דיר וועגן דעם מעס דערציילט! כ'האָב דיר דערציילט, און אָט איז ער געקומען!

דער שליסל דרייט זיך, ווי פֿון זיך אַליין... איך הער דאָס בוילעט, האַגאַם רוזיע טומלט, שטופּט מיך אָפּ...

— אוי, אַן אומגליק! — שרײַט זי, ניט אָפּרײַסנדיק די הענט פֿון מײַן ברוסט, אָבער ניט קוקנדיק אויף מיר. די אויגן אירע זײַנען צוגעמאַכט, און בלויז איך אַליין זע, ווי לאַנגזאַם עס עפֿנט זיך די טיר פֿון דער קאַמער...

— אַוועק, ראַפּאַטשי!..

יענער, ווער עס רוקט זיך אַרײַן אין דער טיר, איז לאַכלוטן ניט קיין פּרעשל — אַ גרויסער איז ער, און אַ ווײַסער...

— פֿאַרנעם זיך פֿונדאַנען, ראַקלאַ!

דאָס איז שוין צו יענעם, האַגאַם זי זעט אים ניט. און יענער שטייט אין דער טיר אַ הויכער-הויכער, אָנגעשפּאַרט די הענט אין דער אייבערשטער פּלאַנקע פֿון דער טיר... און פֿון הינטער די פּאַכוועס הענגט אַראָפּ עפּעס אַ ווײַס אָדער אַ גרויס, ווי טאַכריכים... אָט, אַרויסגערופֿן, אַליין האָט זי אים אַרויסגערופֿן! נאָר זי זעט אים ניט, זי פֿילט אים בלויז, ווײַל זי שרײַט צו מיר:

— גיי אַוועק, ייִנגעלע, אומגליקלעכער שילער! גאָרנישט דאַרפֿסטו ניט טאָן מיט רוזיען.

דאָס זאָגט זי ניט צו מיר, נאָר צום מאַן, וועלכן זי האַלט פֿאַר אַ מעס. דער מעס, וועלכער איז געקומען בײַנאַכט. ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ מעס.

— ווי קומסטו זיך גלײַכן צו אַ פֿרײַער ציגײַנערקן! — שרײַט זי שעפּטשענדיק פּונקט אין יענעם מאָמענט, ווען דער מעס, אַראָפּנעמענדיק לאַנגזאַם זײַן האַנט פֿון דער טיר-ראַם, טוט זי אַ רוף מיט זײַן ווײַסן פֿינגער. — אַ פֿרײַע בין איך, און וווּהין איך וויל, אַהין וועל איך גיין!

איך גיי אַראָפּ פֿון זינען. זי זעט ניט דעם מעס, נאָר רעדט צו אים. איך זע זײַן ריזיקן ווײַסן ווען, נאָר איך קען ניט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט, קיין איין קלאַנג... און יענער האַלט זי אין איין רופֿן מיטן פֿינגער... צו זיך... אָט וועט זי אויפֿמאַכן די אויגן אָדער אַזוי־ווי אַ לונאַטיק אַוועקגיין מיט אים. ער איז אַ שטאַרקער. ניט צו פֿאַרגלײַכן מיט מיר. ער קען אַנשטילן די פֿרײַע ציגײַנער — זי האָט אַליין וועגן דעם דערציילט. זי וועט אַוועקגיין מיט אים אָן אַ קלאַנג... ענדלעך, צעעפֿנט זי די אויגן.

— ער!.. כ'האָב דאָך געזאָגט — ער וועט קומען!..

אַ ווײַסע, זייער אַ לאַנגע האַנט ציט זיך צו מײַן רוזיען.

— ביז די דריטע הענער!.. איצטער דאַרף מען אויסוואַרטן...

די פֿיגור אין דער טיר וויל ניט וואַרטן, זי רוקט זיך אָן אויף אונדז. אַ ווײַס העמד, אַ ווײַס פּאָנעם. ווײַסע פּיס, גראָבע און געדרונצלטע, ווי בײַ אַ העלפֿאַנד...

— אַלץ... אַלץ פֿון זיך אַראָפּנעמען!..

רוזיע רײַסט פֿון זיך די קליידער, זי רײַסט זיי משוגענערווײַז, אײַלנדיק.

— כ'האָב דאָך געזאָגט — ער וועט קומען!.. כ'האָב געוווּסט!..

איך פּרוּוו זי אָפּהאַלטן, נאָר אומזיסט, ווײַל זי האָט זיך זינלאָז פֿאַרפּלאָנטערט אין אירע קאָפּטלעך, ווי אין אַ צוואַנג-העמדל. איך האַלט זי פֿון הינטן, ווײַל כ'בין אַליין פֿריטשמע-ליעט און כ'האָב מורא, אַז יענער וועט מיך אָפּוואַרפֿן, ווי אַ ייִנגל אַ סאָפּליאַק. ער איז דאָך אַ מורש: זעט, וואָס פֿאַר אַ ריזיקער ער איז און אַ שטאַרקער!.. ער אײַלט זיך ניט כאַפּן רוזיען: ער וואַרט, ביז זי אַליין וועט זיך אַ וואָרף טאָן אין זײַנע לאַפּעס, בעטנדיק, מע זאָל

איר פאַרציַיען. ער איז דער באַלעבאָס. ווי נאָר ער האָט א טיטשע געטאָן אין מיר מיט זיַין פינגער, האָט זי גענומען מיך אָפּשטופן, ווי א ייִנגעלע, א ראַפּאָטשי. און ער רוקט זיך דערוויַיל אָן אַף איר, נישט קוקנדיק אַף מיר, ניט אַף ראַדען... ער שפּאַנט מיט זיַינע ראַגלאַים — וויַיסע־וויַיסע פּיס... ער גייט אַף דער ציגיַינערן מיט זיכערקיַיט, לאַכלוטן ניט אַזוי, ווי איך, דער ראַפּאָטשי... און די האַנט זיַינע ציט זיך צו איר. די אויגן זיַינען בא אים מוטנע, איַנגאַנצן בלינדע — גאָרנישט זעט ער ניט, נאָר ער קוקט אַף רוזיען, וועלכע רוקט זיך אַלץ וויַיטער אָפּ צו דער וואַנט.

זיך האַלטן ביז די דריטע הענער, רוזיע! זיך האַלטן!

אָט האָט ער זיך אופגעהויבן איבער אונדז, און איך, קוקנדיק פון אונטן, פאַרשטיי שוין, פאַרוואָס ער איז אַזאַ ריזיקער!.. און איך פאַרשטיי, פאַרוואָס ער טאָפּטשעט זיך אַף איין אָרט, שרעקנדיק בלויז מיך און רוזיען.

וויַיל דאָס איז דער „אונטער"... אָט יענער... דער שמוציקער, וועלכער האָט טיַינעס צו די רוסישע דערפער, ווו אַלע שלאָפן איַינעם, איינער לעבן אַנדערן... איצטער שטיי איך אַף זיַין וועג: א ראַפּאָטשי, א ייִנגעלע, פונדעסטוועגן!.. אַן אייִדעס. ער האָט זיך געיאָוועט אָנעם מונדיר, אָן די הויזן — אין די גאַטקעס... קעדיי ניט צו דערקלערן, צוליב וואָס ער איז געקומען... אין אַזאַ אויסזען איז אַלץ קלאָר... ער מוקעט עפּעס אומפאַרשטענדלעכס און וואַלגערט זיך אַרוף אַף רוזיען... אין מיַין אָנוועזנהייט!.. אין דער אָנוועזנהייט פון ראַדען!.. ס'האָט דאָך ניט קיין באַדיַיטונג: מיר זיַינען דאָך ווילדע כיַיעס — „ציגוינער", „יודע!.." און אָט...

פלוצעם ווערט זיַין וויַיסע פיגור גרוי, דערנאָך שוואַרץ — עס באַליַיכט אים פון דער זיַיט א לאַמטערנדל. הינטערן לאַמטערנדל — זילבערטס סאָווישע אויגן, איך דערקען זיי גליַיך, ווי נאָר דער דיַיטש נעמט פירן מיטן שטראַל איבער אונדזערע פיגורן — איבער רוזיען, איבער מיר, איבער ראַדען. יענער, דער „אונטער", אינטערעסירט אים ניט. יענער שטייט אין די גאַטקעס און קלאַצט מיט די שטיוול: „יאַוואָל, הער האויפּטמאַן! איך בין..." ניין, דער „אונטער" אינטערעסירט ניט זילבערטן, די פיגור אין דעם נאַכט־העמד און אין די גאַטקעס פאַרבליַיבט אויסער דעם ליכט־שטראַל.

— זאָ: ווי צוזאַמען!.. — זילבערט האָט טאַקע אַזוי געוווּסט.

ער פרעגט ניט, פאַרוואָס מיר האָבן זיך פאַררוקט אין ווינקל פון די נאַרעס און זיך צוגעדריקט איינער צום אַנדערן.

— איך האָב איַיך באַזעצט צוזאַמען און איר האָט דאָ געמאַכט א פּי־שטאַל.

אין דער פינצטערניש גרויט די פיגור פונעם „אונטער" אין אונטערשטן גרעט, נאָר דעם הער האויפּטמאַן אינטערעסירט ער ניט.

— זילבערט שטודירען... זילבערט האָט געוווּסט. דיך, דאָס קינד, האָט שטודירט זילבערט. פערדאַטש!

ער טיטשעט מיטן פינגער אין מיר:

— כ'האָב געוווּסט!..

זילבערטס אויגן שימערירן אין דער נאַכט — אָט ווער ס'איז דער מעס, וועלכער האָט זיך אַריַינגעריסן צו אונדז קאַיאָר.

זילבערט ציט צו אונדז זיַין האַנט. מע זעט זי ניט, זי איז אויסער דעם ליכט־שטראַל, אָבער מיר וויַיזט זיך אויס, אַז דאָס רירט זיך אָן דער מעס צו רוזיעס נאַקעטער קני. און זי דריקט זיך אַלץ שטאַרקער צו מיר... און דער דייטש לאַכט, און דער שטראַל הוידעט זיך איבער אונדז:

— איַי־איַי־איַי! א מעדכען באַנאַנד!.. א קליין קינד... אָדער מע דאַרף אופהענגען א שוואַרץ ווינקל. אַלע איַיך — דיר, דער ציגיַינערן, דעם קינד? א שוואַרצן דריַיעק. איַין, צוויַי, דריַי!.. הערדע, א סטאַדע! זילבערט האָט געוואָלט וויסן, וואָס עס איז בא איַיך אינוויַיניק — בא די רוסן, בא די יודע, בא די ציגוינער!.. אך, קינד! קלוגינקע קינדער, וועלכע רעדן וועגן מוזיק! הערדע, סטאַדע!.. אַלע — קאַפּוט!.. אַלע!..

ער פירט אָפּ דעם שטראַל פון רוזיעס קני. אַף דעם טאַקע וואַרט איך. איצטער איז מיר אַלציינס. דאָס, וואָס ער טראַכט וועגן „קלוגע קינדער", ס'הייסט וועגן מיך, און וואָס ער וועט מיט מיר טאָן דערנאָך.

— קאָם! — גיט זילבערט אָפּ א קאָמאַנדע אַרויסגייענדיק.

— יאַוואָל! — טופּעט אוועק נאָך דעם האויפּטמאַן דער „אונטער".

13

אף מאָרגן שיקט מען אָפּ אונדז צוזאמען — מיך און רוזיען — אף ארבעט. און צוזא־מען דערוויסן מיר זיך פון קאָלקען און פונעם פּאָליצײַ:

— אָט א כיטרע פאָלק, די ציגײַנער, — זיפצט דער פּאָליצײַ. — זיי האָבן אונדז גע־וואָלט איבערשווינדלען! נאָר ס׳האָט זיך זיי ניט אײַנגעגעבן!

— דו אליין האָסט עס געטאָן! — האָט פלוצעם געזאָגט קאָלקע, און איך האָב זיך פארכידעשט, וואָס ער האָט אזוי פרײַ זיך צערעדט מיטן פּאָליצײַ.

דער פּאָליצײַ האָט זיך ניט באַליידיקט אף אזא דערקלערונג, ער האָט בלויז געזאָגט:

— וואָס איך! ס׳איז ניט מײַן זאך... דער דײַטש האָט געגעבן אזא קאָמאנדע...

דאָ האָט קאָלקע א מאך געטאָן מיט דער האנט און האָט מיך אָפּגערופן אין א זײַט:

— דײַנע איז ניט צופעליק פונעם קאָלווירט „פרײַהײַט”?

— וואָס זשע!

— גלאט אזוי...

— פון דאָרטן. דיר קאָן איך עס זאָגן בעסאָד.

— הייסט עס, האָט זי דאָרט עמעצן געקענט?

— געוויינלעך — דער פּאָרזיצער! דיר קאָן איך...

— איז זאָג איך אליין, אז דאָרט איז קיינער... קיין איין מענטש איז איצטער ניטאָ אין יענעם קאָלווירט... קיינער ניט... צוערשט האָט מען די פרויען צעשטעלט אין א ריי... די מאנצבלען האָבן זיי באַגראָבן...

— אליין באַגראָבן זייעריקע, — האָט צוגעגעבן דער פּאָליצײַ, וועלכער האָט זיך פלו־צעם באוויזן לעבן אונדז. — אזוי, א צאָרע!.. דאנקען גאָט, וואָס עס איז ניט אויסגעקומען צוגאָבלעך צו שיסן... ווער דאַרף האָבן איבעריקע זינד?.. כאָטש ציגײַנער, אָבער פאָרט מענטשן... איינס א ציגײַנערל האָט מען אריינגעוואָרפן לעבעדיקערהייט, אָבער ווי נאָר מע האָט עס פארשאָטן, האָט עס זיך באַרויקט... גאָט זאָל אָפּהיטן!..

און נאָך א זיפץ:

— די דײַטשן אליין האָבן געמאכט קאפוט... אונדז האָט מען ניט פארטרויט אָט די זאך... גאָט זאָל אָפּהיטן!.. אויך די מאנצבלען פארשאָטן מיט ערד...

— דאָס האָבן שוין מיר, — האָט געזאָגט קאָלקע שטיל. — זיי האָבן אונדז געצוווּנ־גען, די שלענג!.. און די מענטשן האָבן געשריִען! אוי, ווי זיי האָבן געשריִען!..

— אייניקע האָבן די העמדער צעכראסטעט, געוויזן — ווײַסע זײַנען זיי: ניט קיין צי־גײַנער, לאָזט אונדז אָפּ! עמעצן האָט מען טאקע אָפּגעלאָזט... איינער האָט צוערשט פון די זשידעס בא די ציגײַנער זיך אויסבאהאלטן, דערנאָך פון די ציגײַנער צו די רוסן זיך ארי־בערגעוואָרפן...

— צוערשט די ייִדן, דערנאָך די ציגײַנער, און איצטער — די סלאוויאנער... דיר וועט זיך דאָך אויך ניט אײַנגעבן צו ראטעווען זיך, אויסוווּרף! — טוט א זאָג קאָלקע דעם פּאָליצײַ. די דאָזיקע נאכט האָט זיי אָפּאָנעם אויסגעגלײַכט — דעם ארעסטירטן און דעם אופזעער. — די אויגן דיר ארויסרײַסן, דײַנע פרעכע אויגאנעס!..

— וואָס איך? איך אליין האָב פארלוירן דעם שלאָף — זיי כאָלעמען זיך מיר באנאכט! בא דער טראנשיי! הײַנט קיין אויג ניט צוגעמאכט... הער א מײַסע: קימאַט צוויי הונדערט! גאָט מײַנער, כאָטש ציגײַנער, אָבער געטויפטע דאָך. מע זאָגט, דער גאלעך איז צום קאָמענ־דאנט געגאנגען, מע זאָל אין אנדערע ראיאָנען ניט טשעפּען... פּראוואָסלאוונע דאָך... אָבער די דאָזיקע — אלעמען קאפוט!..

פלוצעם האָט עפּעס א הילך געטאָן הינטער מײַן פּלייצע. כ׳האָב א קוק געטאָן: רוזיע איז געלעגן אף א הויפן זאלץ. דעם זעלבן זאלץ... דאָס טיכל אירס האָט זיך אראָפּגערוקט, און ראדע האָט זיך מיט דעם געשפּילט אין „דאדא”...

„געלעבט צוזאמען, נאָר שטארבן וועלן מיר באזונדער!..”

אפן גרויען זאלץ איז דאָס קינדערש פּענעמל געווען ווי א זון אפן טונקעלן הימל. דערפאר אָבער גיסט זיך צונויף רוזיעס פּאָנעם מיטן פלאסט זאלץ, און זי זעט אויס אזוי מילד...

רויזען האָט געבראכט צו די געדאנקען דעם טעכטערלס געשריי. ראדע האָט גערעוועט, ווי זי וואָלט פארשטאנען, וואָס עס איז געשען. די מוטער האָט מיט א הילפלאָזער האנט געשארט איבערן גראָז, ביזוואנען זי האָט זיך ניט אָנגעשטויסן אפן מיידעלעס קערפּערל.

און אופגעהויבן צוזאַמען מיט מיר דאָס סעקטערל, וואָס איז געלעגן אַפן גראָז, ווי א גוטאַפּערטשעווע ליאַלקע. בײדע האָבן געשוויגן. געשוויגן האָבן אויך קאַלקע און דער פּאָליציי. בלויז עפּעס א געוועזענער פּליער מיט בלויע פּעטליצעס און טונקעלע פּלעקן פון קוביקעס האָט געריסן פונעם קאָפּ דעם שמוציקן באַנדאַזש. א גרויע, ווי דאָס זאַלץ, אַף וועלכן מיר זײַנען אַלע געזעסן. א גרויס, ווי רוזיעס פּאָנעם. ער האָט געריסן דעם באַנדאַזש, און קאַלקע האָט געשעפּטשעט וועגן אים:

— פון זיבעטן אַראָפּ. אײַנגאַנצן כאַסערדייע. זײַן פרוי איז דאָרט געווען. מע האָט גערעדט — זייער א שיינע. אײַנדערפרי איז ער אַהין אַנטלאָפן. פאַר קיינעם ניט געהאַט קיין מוירע. מענטשן האָבן דערציילט: ער האָט געהאַלטן אין איין שרײַען, מע זאָל אויסגראָבן זײַן ווײַב. און עמעצער האָט אים טאַקע צוליב געטאָן.

— וועסט אײַנגיין אַף אַזוינס: גאָט זאָל אָפּהיטן! — האָט א בורטשע געטאָן זיך אונטער דער נאַז דער פּאָליציי.

— מ'האָט אָנגעהויבן גראָבן, און דער קייווער — ווי ער וואָלט א לעבעדיקער געווען!.. ער האָט זיך צעהוידעט אונטער די פיס!.. בלוט איז דאָרט, אונטער דער ערד, א גאַנצער טײַך: ביז די קני האָט דערגרייכט דאָס בלוט אין יענער טראַנשיי. און ווי נאָר מע האָט גענומען פאַנאַנדערגראָבן!..

— ער האָט זיך פון זיבעטן געריירט! — האָט נאָכאַמאָל א בורטשע געטאָן דער פּאָליציי.

— עמעס! ווי נאָר מע האָט צעראַיעט דעם קייווער, ווו בא צוויי הונדערט מענטשן ליגן... צוזאַמען...

— האָט ער זיך א ריס געטאָן, דער קייווער! — דער פּאָליציי האָט אַפילע דאָס פּאָנעם פאַרשטעלט מיט די הענט, ווי עס וואָלט אין זײַנע אויגן דאָס פאַרגאָסענע בלוט א שפּריץ געטאָן און זיך צעגאָסן איבער זײַן קײַלעכדיקן פּאַרצעף. — פון עפּעס א גײַסט עפּשער, גאָט מײַנער! — ער האָט זיך איבערגעציילעמט.

— פון א גײַסט, פון א גײַסט! — האָט געמורמלט קאַלקע און האָט אויך שיר זיך ניט איבערגעציילעמט. — א פּוס...

— א פּרוויִשער, — האָט צוגעגעבן דער פּאָליציי, ווי ער וואָלט אַליין דאָס געזען, האָגאַם דער פּליער איז אַנטלאָפן, פאַרשטייט זיך, אָן א וואָך.

— און אָט דער פּוס טוט א שפּרונג!.. און טוט זיך א וואַרף!.. בעסער מאַכן זיך אַליין דעם טויט, איידער אַזוינס אויסהערן.

זע נאָר, ווי עס גליקט אים, קאַלקען! אוי, ווי עס גליקט אים! אויב ניט אין טורמע, ניט אין דער קאַמער, איז נאָ דיר א בעסוילעם!..

— מע האָט דערקענט, לויטן שיכעלע, וועמענס פּוס דאָס איז... נאָר ניט דעם פּליערס... און ער קערט וועלטן!.. ניין, ניט זײַן פרוי האָט מען געפונען... ניט די פרוי זײַנע!..

רוזיע האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט, און ווי ניט געהערט. די אויגן אירע האָבן זיך אָפּגעשטעלט און האָבן געקוקט פאַרבײַ אונדז. מיך האָט זי ניט באַמערקט, ראַדען האָט זי געשלעפּט פאַר דער האַנט, ווי א ליאַלקע איבערן שטויביקן וועג. אַרבעטן האָבן מיר אין יענעם טאָג ניט געקאָנט. זילבערט האָט זיך ניט באַוויזן — ער האָט, ווײַזט אויס, זיך אויסגעשלאָפן נאָך דער באַנאַכטיקער אַווידע זײַנער. דער פּאָליציי האָט אונדז אָפּגעלאָזט:

— גייט זיך, גאָט איז מיט אײַך! אויך דו, קאַלקע, מאַרשיר אין לאַגער אַרײַן... אָבער מיין ניט מאַכן די פּלייטע — כ'וועל נאָכשפּירן... די דײַטשן וועלן דיך פּאַקן... האַקלאַל, ס'וועט אײַך ניט אָפּגיין גלאַט, און אויך מיך וועט מען איבערן קאָפּ ניט קיין גלעט טאָן... און א קאָפּ... א קאָפּ דאַרף מען האָבן... אָן אים קאָן מען זיך ניט באַגיין... עך, נעמען א ביסל סאַמאַהאָן, און טאַקע א פּערוואַטש! ווו איז אַהינגעקומען מײַן קאָפּ? גאָט זאָל אָפּהיטן!..

אין דער קאַמער האָט רוזיע זיך געלאָזט אויסטאָן. כ'האָב אַראָפּגענומען פון איר דעם פּידזשאַק און דאָס טיכל. זי האָט צעלאָזט די האָר, זיך אַוועקגעזעצט און גענומען קוקן אין פענצטער. כ'האָב זיך דערמאָנט, ווי זי האָט מיר געזאָגט: „געלעבט צוזאַמען, נאָר שטאַרבן וועלן מיר באַזונדער!" איצטער האָט זיך באַקומען, אַז זי איז אויך פון מיר באַזונדער, און מיטן טעכטערל. זי איז ערגעץ דאָרט... צווישן יענע... די מייסים...

באַנאַכט, ווען מיך האָט אַוועקגעוואַלגערט דער שלאָף און ראַדע האָט אונטערגעסאָפּעט אין איר ווינקל, האָב איך זיך אופגעכאַפּט פון עפּעס א יאָמער... און א קרעכצערײַ. רוזיע האָט געזונגען. געזונגען אַף ציגײַנעריש, נאָר איך האָב שוין געוווּסט אָט די ליד:

זאַשקונדיאַ, זאַדיכאַיאַ
ווײַדאַ אָ רוזשע...

די ליד איז געווען וועגן ווײַדא דעם ציגײַנער און וועגן זײַן רוזשען. וויאַזוי ער, ווײַדא, האָט געוואָלט אוועקפאָרן און כאַסענע האָבן פאַר רוזשען. ניט כאַסענע האָבן, נאָר „נעמען". ניט זיך שאַדכענען, נאָר נעמען, צוליב דעם האָט ער געפּאַדערט, מע זאָל אים געבן אַ פערד אַ גרויס, אַ צײַמל אַ זילבערנס, שלייעס זײַדענע, און אַ זאָטל אויך אַ זילבערנעם, אַ טשערקעסער. און ער איז אוועקגעפאָרן אַפן דוני־טײַך, ווו מיידלעך האָבן העמדלעך געוואַשן. און ער האָט געפּאַדערט, מע זאָל צו אים רופן רוזשען. און ער האָט פאַרברענט איר האַרץ.

אָ, ווײַדא, ברודערל מײַנער,
וואָס האָסטו מיר אָפּגעטאָן,
אָן פײַער מיך פאַרברענט,
אָן וואַסער מיך דערטרונקען...

און פאַר אָט דער רוזשען האָט ער פאַרגעלייגט אַ גרויסן נאַדן, גרויס געלט. און ער האָט טאַקע רוזשען אַרויסגעגאַנוועט. האָבן דעריאָגט אירע ברידער דעם גאַנעוו. מע האָט אים געשלאָגן, דערנאָך מיט שווערדן און מעסערס אַף שטיקלעך צעשניטן.

נאָר רוזשע האָט ניט פאַרלאָזט איר אומגעקומענעם געליבטן.

און רוזשע גייט פון הינטן,
און ווײַדאס שטיקלעך זאַמלט זי צונויף
אין זײַדענעם פאַרטעך.
...יאַי טשכוואַל!

יאַי! רוזיע האָט געוואָיעט אָן ווערטער, בלויז אַמאָל אַרײַנגעשטעלט די ווערטער: „יאַי! יאַי טשכוואַל! יאַי!..." זי איז געזעסן אַף די נאַרעס, ווי בײַ אַ שײַטער, און זיך געהוידעט, אַנטבלויזנדיק די לענגלעכע מיידלשע קני. אַזאַ האָט זי זילבערט ניט געזען. וואָלט ער אַ קוק געטאָן אַף איר אַצינד:

...יאַי טשכוואַל!

14

ער איז ניט געקומען צו אונדז. אָנשטאָט אים זײַנען געקומען סאָלדאַטן, אַ סאַך סאָלדאַטן, און דער „אונטער". עפּשער דערפאַר, וואָס דאָס איז געווען אַ מאַסן־אַקציע. עפּשער האָבן זיי געאײַלט, זיי האָבן געדאַרפט פאַרלאָזן די שטאָט און מאַכן אַן אַלגעמיינע רייניקונג.

— דו!.. און דו!.. שטיי אויף! — האָבן זיי געשריִען צו מיר, צו ראַדיען, און צו רוזיען, וועלכע איז ניט געשלאָפן, נאָר געלעגן און געקוקט אין סופיט. זי האָט זיך אופגעהויבן און איז אוועקגעגאַנגען. רויק. לאַכלוטן רויִק, ווי אַ טויטע. אוועק נאָך די מענטשן אין גרינע רעגנמאַנטלען. אין דער שוואַרצער לאַך פון דער טיר. ווי אַ גרויער קוואַדראַט איז געהאַנגען אין דער פינצטערניש פון דער וואַנט דאָס פענצטער. זי האָט ניט גערעדט. אויב אַ מענטש רעדט, קאָן מען אים נאָך מיט עפּעס טרייסטן. און אויב ער וואָיעט בלויז דורך די נעכט? ווי רוזשע, וועלכע האָט פאַרלוירן איר ווײַדא. איינמאָל האָט זי אַזוי אַ קוק געטאָן אַף מיר, אַז כ'האָב זיך דערפילט אַלס שולדיקער אין ווײַדאס טויט. די פערלמוטער־אויגן האָבן געלויכטן מיט האַס. ווי אַמאָל מיט צאַרטקײַט. גיי פאַרשטיי, ווען דו ביסט שולדיק און ווען גערעכט! ווײַזט אויס, זי האָט אַ קלער געטאָן, אַז דאָס האָבן מיר אַרויסגערופן דעם אומגליק.

איצט איז זי געגאַנגען פאַרויס, ווי אַ פאַרוואָרטײַלטע, נישט קוקנדיק ניט אַף מיר, ניט אין דער זײַט. איך אָבער דריי מיט די אויגן — איך זוך „מײַן" דײַטש. ער באַווײַזט זיך ניט. קיינער פאַרפירט ניט מיט מיר קיין געשפּרעך וועגן מאָצאַרטן. דער עקספּערימענט האָט זיך פאַרענדיקט, איצטער — ווי אַלעמען — מיט דער קני אין הינטן, און קריך אין דער מאַשין, וואָס איז פול מיט מענטשן. און צווישן אַלעמען — רוזיע. אין אירע אויגן גלאַנצט דער זעלבער פערלמוטער. ווי אַף איר קעמעלע, מיט וועלכן זי פאַרקעמט איצט די האָר. צוליב וואָס! אַלציינס וועט מען באַלד... אַלעמען!.. סײַ יענע, וועלכע מע האָט גענומען פון דער טורמע, סײַ פונעם לאַגער, ווײַל פון פאָרנט האָט אַ שווינדל געטאָן קאַלקעס סטולע פלייצע. מע

דאַרף זיך האַלטן לעבן אים נעענטער. אָבער רוזיע אײַלט זיך ניט, זי האַוועט ניט, זי האָט אופגעהערט אפילע צו קעמען די האָר. זי וועט ניט באַווײַזן — אָט וואָס מע דאַרף פאַרשטייך! עס הייבט זיך שוין אָן.

איינער א סאָלדאַט האָט אונטערגעוואָרפן ראָדען אין דער הייך, ווי א פילקעלע, און א צווייטער האָט זיך אָנגעצילט... איך האָב זי אַרויסגעכאַפּט, צוגעדריקט צו זיך. אויב רוזיע־רוזשע זעט ניט דאָס קינד, דאַרף דאָך עמעצער דאָס טאָן!.. און אָט דער עמעצער בין איך. די סאָלדאַטן לאָזן מיר, איבער דאָס קינד — זיי איז אַלצייינס! עס שווינדלען גענעצנדיקע מײַלער. מ'איז ניט דערשלאָפן. אויך זיי איז אלציינס: באַזונדער צי אייניינעם... אָט ווייפל מיר זײַנען אין דער מאַשין. קאַלקע האָט זיך באַגריסט מיט מיר פאַר דער האַנט, ווי מיר וואָלטן אף עפּעס א וועטשערינקע געקומען, און האָט גענומען זיך אַרומקוקן אין אַלע זײַטן — ער קוקט, ווי'אַזוי ווערט מען נעלעם. און מיר וועט שוין גאָרנישט ניט העלפן. ווײַל איך בין מיט א קינד אף די הענט און מיט אָט דער פרוי.

איך טראַכט: צוליב וואָס האָב איך זיך דערבידעריקט, געפרווּט ראַטעווען מײַן נישטיק לעבן. מע האָט אונטערגעקליבן אַלעמען, יאָ, אַלעמען! און ס'איז ניטאָ קיין האָפענונג. קיינער האָפט אפילע ניט, אפאַנעם. איך דערמאָן זיך פּלוצעם אן אַנעקדאָט, וועלכן ס'האָט אונדז דערציילט שוורא:

„אוי, זאָגט מיר, וואָס פאַר א טאָג איז הײַנט?" — פרעגט א ייד, וועלכן מע פירט אפן עשאַפאָט.

„וואָס פאַר א כילעק, סײַוויסײַ וועסטו שטאַרבן!" — ענטפערן די קאַנוואָירן.

„ניין, פונדעסטוועגן?"

„מאָנטיק..."

„זע נאָר, ווי די וואָך האָט זיך אָנגעהויבן!.."

פון דער נאָז רינט, ווי פון א רינווע בײַס א שלאַקסרעגן. נאָר וואָס קאָנסטו טאָן? פאַרשקען איז ניט באַקוועם — מע קאָן נאָך מאַכן א באַמערקונג: מענטשן פאָרן דאָך, אַזויפיל מענטשן! עפּשער איז נאָך עמעצן באַשערט זיך אומקערן.

מײַן זיידע האָט אַמאָל שטאָלצירט, וואָס זײַן זון, דער זון פון א שטעטלדיקן פאַבריקמאַכער, האָט באַקומען א שאַנס אומצוקומען מיט א שטאָלץ פאַרהויבענעם קאָפּ בײַס דער באַרימטער טריפּאָליער טראַגעדיע. ווי'אַזוי וואָלט מײַן פאָטער געקוקט אף דעם, אויב איך וואָלט אין זײַן אָנווועזנהייט גענומען פאַרפאַסן „ראָמאַנען" פאַר זילבערטן! נאָך נעכטן האָט עס אויסגעזען אַזוי נאַטירלעך, פאַרשטענדלעך, און הײַנט האָט זיך אין דער גרויקײַט פונעם פרימאָרגן געעפנט א קלאָרקײַט — גאָר אן אַנדערע, אן ענדגילטיקע קלאָרקײַט. אַמאָל האָט מײַן זיידע מיר דערציילט א מין מײַסעלע, וואָס דער באַרימטער רעזשיסער וואַכטאַנגאָוו האָט פאַרוואַנדלט אין א ספּעקטאַקל, צי דעם ספּעקטאַקל אַליין, וואָס האָט געהייסן „דער דיבעק". וועגן א גײַסט, וועלכן קיינער זעט ניט, נאָר וואָס לעבט אין אונדז. און דאָרט איז געווען א פראַגע, אף וועלכער איך האָב ניט געוווּסט דעם ענטפער, נאָר וואָס האָט מיך איבעראַשט: „צי איז אן עמעס, אַז די נעשאָמע פון יענע, וועלכע זײַנען געשטאָרבן פאַר דער צײַט, לעבן מיט אונדז און רינגלען אונדז אַרום?" עס טרעפט, אַז די נעשאָמע, א בלאָנדזשענדיקע נעשאָמע באַזעצט זיך אין א לעבעדיקן מענטשן, גיסט זיך צונויף מיט זײַן נעשאָמע. אָט דאָס איז א דיבעק. אינעם מײַסעלע אָבער איז ער א העלד, און ער שטאַרבט פון ליבע (פאַשעט פון ליבע — ווי אין דער ציגײַנערשער לעגענדע). ער שטאַרבט, נאָר זײַן געליבטע רעדט מיט זײַן קאָל. מיט די ווערטער פון „שיר־השירים", וועלכן דער זיידע האָט געקענט אף אויסווייניק, ווײַל ער האָט זיך געלערנט אין כיידער:

„אָ, דו פרעכטיקע, געליבטע מײַנע, דו ביסט וווּנדערלעך! און דער רייעך פון די נאָזלעכער דײַנע איז ווי פון אן עפּל..."

דער פאַרדומפּטער רייעך אין דער מאַשין האָט מיר געשטערט צו טרוימען, נאָר פונדעסטוועגן איז געקומען די לעצטע קלאָרקײַט: איך גיס זיך צונויף מיט דער נעשאָמע מיט דער פרעכטיקער לייע, אָדער ווי זי האָט דאָרט געהייסן, אין דעם מײַסעלע וועגן דעם דיבעק, גערעדט מיט איר קאָל... כ'וועל זיך שטעלן אָנשטאָט איר אָדער כ'וועל זי פאַרשטעלן מיט זיך... אַזוי האָב איך באַשלאָסן, קאָלזמאַן די מאַשין האָט אונדז געיאָגט צום אָרט. ווי עס האָבן זיך גערדאַרפט פאַרענדיקן מײַנע יעסורים.

כ'בין דער ערשטער אַראָפּגעשפּרונגען אף דער ערד, ווען די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט אינעם שטאָטישן פּאַרק — מ'האָט אונדז געפירט ניט ווײַט — כ'האָב אַראָפּגענומען ראָדען און געגעבן די האַנט רוזיען. אירע פינגער זײַנען געווען קאַלטע, און כ'האָב א טראַכט געטאָן, אַז מײַן גײַסט האָט אין איר זיך ניט באַזעצט. מיר זײַנען געווען צעשיידט דורך אָט

דעם גרויען קאַאָר, אין וועלכן — וויפל דו זאָלסט ניט טראַכטן וועגן עפּעס פּראַקטיקס, — איז אַלץ געווען מאַרעשכוירעדיק און עקלהאַפט.

לאַמטערנדלעך האָבן געלויכטן פון אונטן און פון אויבן, און די קעפ האָבן געשוועבט אין הימל אַרײַן, צונויפגיסנדיק זיך מיט די צווײַגן פון ריזיקע ביימער, וועלכע זײַנען געוואקסן אינעם פּאַרק. די מענטשן האָבן אָנגעווירן סײַ די קעפ, סײַ דעם קלאַנג, ווײַל געגאַנגען זײַנען מיר איבער אַ ווייכער, זייער אַ ווייכער ערד.

די ערד איז געווען אַ ווייכע, ווײַל מע האָט זי ערשט באַרוואָס אויסגעגראָבן. די פרישע ערד האָט פאַרשלונגען די קלאַנגען פון טריט, ווי זי האָט געדאַרפט אויך פאַרשלינגען אונדז אַלעמען. די טראַנשיי איז געווען אַ לאַנגע. זייער אַ לאַנגע. און כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז אָרט וועט קלעקן פאַר אַלעמען.

קאָלקע האָט געוואָרטשעט: אַ גאַנצע וואָך האָט ער דאָ געגראָבן, און איצטער קאָן מען אים דערפאַר ארויסווײַזן קאָוועד, ער זאָל זײַן דער ערשטער אין אָט דעם קייווער. אָדער בכלל אַ פלי טאָן אויסער דער ריי. צוביסלעכווײַז האָט ער זיך גענומען שאַרן אָפּ צוריק. איך אָבער האָב אַזוי טאָן ניט געקאָנט — כ'בין געווען ניט איינער אַליין. ראַדע האָט מיך געהאַלטן פאַר דער האַנט, ווי דעם דאַדאַ אירן, און האָט וועגן עפּעס געפּלאַפּלט. ווו זשע זאָלסטו דאָ זיך באַהאַלטן!..

אינגיכן האָט זיך באַנאַנד באַוויזן איינער אַן אײַזנבאַנער, וועלכן כ'האָב נאָך אין דער טורמע געזען — „מײַן" דײַטש פלעג אים ניט איין מאָל, ווי מיך, אַרויסרופן אָף אַ פאַרהער. צו אָט דעם אײַזנבאַנער האָב איך געפילט גרויס דערעכערעץ, כ'האָב אים פּאַשעט ליב באַקומען פאַר זײַן שטאָלצער אופירונג. אויך דאָ האָט ער זיך אופגעפירט מיט שטאָלץ, פונקט ווי ער וואָלט ניט געפילט, אַז דאָס זײַנען די לעצטע רעגעס אונדזערע. ווען די מאַשין האָט אונדז אַהער געבראַכט, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען, ווי אַ קאַץ, זיך אײַנגעבויגן, אַ קוק געטאָן ערגעץ אונטער דער מאַשין, צווישן די רעדער: עפּשער האָט ער זיך געוואָלט באַהאַלטן? דאָס פּאָנעם זײַנס איז געווען אַ געשטופּלטס, ווי צעלעכערט פון שראַפּנעלן. איצט האָבן עס געשניטן די שטראַלן פון לאַמטערנדלעך, אָבער ער האָט זיך ניט אָפּגעקערט, זיך ניט פאַרשטעלט מיט די הענט. ער איז געשטאַנען און געוואַרט. די שטופּלען אָף זײַן פּאָנעם זײַנען געווען פונקט אַזעלכע, ווי בא מײַן מאַמען און ווי בא רוזיען, און דאָס האָט אים געמאַכט אין מײַנע אויגן נאָך מער נענטער און ליבער.

דער אײַזנבאַנער האָט מיך, ווײַזט אויס, אויך דערקענט, נו, אוודע, מיר פלעגן זיך דאָך ניט איין מאָל באַגעגענען בא זילבערטן. מיר האָבן קיינמאָל אפילע מיט קיין וואָרט זיך ניט איבערגעוואָרפן, נאָר זיך געפילט, ווי קרויווים.

איצטער האָט ער גענומען ראַדען פאַר דער צווייטער האַנט. ער האָט, ווײַזט אויס, צו שטאַרק זי געדריקט, ווײַל ראַדע האָט אַ פישטשע געטאָן: „אוי, דאַדאַ!", און ס'איז ניט געווען קלאָר, וועמען האָט זי אָנגערופן — טאַטע. כ'האָב דערפילט, אַז דער אײַזנבאַנער ציט ראַדען צו זיך. צוליב וואָס? ער האָפט עפּשער מיט דער הילף פונעם מיידעלע ווייכער מאַכן

די הערצער פון די דײַטשן, אַרויסרופן בײַ זיי ראַכמאָנעס? ניין, ניט צוליב דעם. כ'האָב אַ צי געטאָן ראַדען צו זיך, נאָר דער אײַזנבאַנער איז געווען שטאַרקער פון מיר. דאָס מיידעלע האָט אַ קרעכץ געטאָן און האָט גענומען טרייסלען מיטן קאָפּ אַזוי, אַז דער שאָטן איר האָט זיך צעיאָגט איבערן בוים. דערנאָך איז דער שאָטן פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער פינצ-טערניש: דעם מיידעלעס הענטל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון מײַנער, ווי אַ שלענגל. כ'האָב אַ קוק געטאָן דעם אײַזנבאַנער אין פּנים אַרײַן און דערזען אַזאַ שטאָלץ אין זײַן בליק, אַזאַ זיכערקײַט, אַז כ'האָב אַ קלער געטאָן: „עפּשער קאָן טאַקע מיט אים זיך ראַטעווען ראַדעס מער, איידער מיט מיר אָדער מיט רוזיען, וועלכע איז געוואָרן גלײַכגילטיק צו אַלץ, וואָס עס קומט פאָר. נאָך אין דער מאַשין האָט ער עפּעס גערעדט וועגן דעם, אַז עמעצער פון אונדז קאָן זיך עפּשער נאָך אַרויסדרייען פון די טײַוולאָנישע הענט... און כ'האָב אָפּגעלאָזט ראַדעס הענטל...

דערנאָך האָב איך זיך באַמיט זיך דורכשלאָגן צווישן דעם אוילעם נאָכן מענטשן אינעם פּרענטש פון אַן אײַזנבאַנער (אייגנטלעך, האָב איך לויט אַט דעם פּרענטש נאָך אויפן ערשטן פאַרהער בײַ זילבערטן באַשטימט זײַן פאַך) און האָב געשלעפּט נאָך זיך אויך רוזיען. די פינ-גער אירע זײַנען געווען קאַלטע...

דער אײַזנבאַנער, ווען מיר האָבן אים דעריאָגט, האָט מיך אַ שטויס געטאָן מיטן עלנ-בויגן: „וווּהין שטופּסטו זיך? דו זעסט דען ניט — קינדער!" — און ער האָט נאָכאַמאָל אַ שלעפּ געטאָן ראַדען ערגעץ אין דער טונקלקײַט פונעם אוילעם. איך אַליין וואָלט אָפּגע-שטאַנען, נאָר די גלײַכגילטיקע רוזיע האָט עפּעס אַרויסגעשטאַמלט, און כ'האָב זיך גלײַך ווידער אַ וואָרף געטאָן צו דעריאָגן דעם מענטשן, וועלכער האָט אַוועקגעפירט אונדזער ראַדען.

ער איז געשטאַנען לעבן אַ ריזיקן בוים, צעשפּרייטנדיק די הענט, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט אים אַרומנעמען. כ'האָב פאַרשטאַנען: ער האָט ערגעץ איבערגעגעבן ראַדען. הינ-טערן בוים. אין דער פינצטערניש... אויף דער פרײַ...

און אונדז האָט מען גענומען צעשטעלן אין אַ ריי. ניט לויט פינפלינגען, ווי כ'האָב געוואַרט, נאָר אין איין אַלגעמיינער קייט, לענגויס דער טראַנשיי. די ריזיקעביימער אָבער האָבן געשטערט אויסצוגלײַכן די ליניע פון די צעשטעלטע מענטשן, געבראָכן די קייט. דעמלט האָבן די דײַטשן גענומען אונדז גרופּירן צו צווייען. רוזיען האָט מען בײַ מיר אַרויס-געריסן פון די הענט. כ'בין געבליבן איינער אַליין: אָן רוזיען און אָן ראַדען. די ציגײַנערין האָט עפּעס געמרוקעט און זיך געצויגן צו מיר, נאָר מע האָט זי צונויפגעבונדן מיט אַ פרוי אין אַ ווינטער-מאַנטל. ריכטיקער געזאָגט, זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ מאַנטל מיט אַ פוטערנעם קאָלנער. ווײַזט אויס, מע האָט זי גענומען נאָך ווינטער. איך האָב נאָכאַמאָל אַ טראַכט געטאָן, אַז די דײַטשן רייניקן אָפּ די רעשטלעך.

די מענטשן-מאַסע האָט זיך געכוואַליעט אַט אין איין זײַט, אַט אין אַ צווייטער, שטויסנ-דיק איינע די אַנדערע. עמעצער האָט אַ קרעכץ געטאָן און איז גלײַך אַנשוויגן געוואָרן: ווײַזט אויס, מע האָט אין אים אויסגעשאָסן, און דער קלאַנג האָט אָפּגעהילכט אין דער מענטשן-מאַסע. מ'האָט זיך אײַנגעשטילט. מע האָט גאָרנישט ניט געקאָנט זען: די ביימער, ברעכנדיק די קייט, האָבן פאַרשטעלט אַלץ, וואָס עס קומט פאָר באַנאַנד. וואָס האָבן גע-טראַכט די דײַטשן, אויסקלײַבנדיק אָט דאָס אָרט? זיי האָבן געוואָלט אונדז איזאָלירן אַזוי, אַז איינע זאָלן ניט זען, וויאַזוי עס קומען אום די אַנדערע? קאָלקע האָט דערציילט, אַז מיט די ציגײַנער זײַנען געווען „אומאָנגענעמלעכקײַטן": אייניקע באָכערים האָבן זיך אַרופגע-וואָרפן אויף אַן אָפיצער, אים שיר ניט דערשטיקט. מע האָט זיי, געוויינלעך, דערשאָסן, אָבער די דײַטשן האָבן, אָפּאָנעם, ניט געוואָלט ריזיקירן.

מע האָט אונדז צעשטעלט צו צווייען — איינעם האָט מען דערשאָסן, דעם אַנדערן איבערגעלאָזט דערווײַל... ביז עס וועט ניט זײַן קיין קאָמאַנדע פון די אָפי-צערן: ערגעץ אין דער זײַט האָט געאַרבעט אַ מאָטאָר און עס האָבן געסטאַרטשעט שאָטנס פון דײַטשן מיט הויכע דענעקעס אויף די פוראַזשקעס. ווײַזט אויס, אויך „מײַן" זילבערט איז צווישן זיי. אָבער איצט האָב איך געשפּירט ניט נאָך אים, נאָר נאָך מײַן צווייטן — דעם אײַזנבאַנער. די שטיוול זײַנע האָבן זיך אַרײַנגעקוועטשט אין דער ערד, פּונקט ווי ער האָט אַליין געוואָלט זיך פאַרטיפן אין איר.

ניין, ער האָט זיך ניט באַהאַלטן. ער איז אַליין אַרויסגעגאַנגען און זיך געשטעלט אויפן אָרט פון אַן אַלטיטשקן מיט אַ בערדל פונעם אַלפאַרבאַנדישן סטאַראָסטע קאַלינין. און דעם אַלטיטשקן האָט ער אָפּגעשטופּט ערגעץ אין דער פינצטערניש. ווי ראַדען. דער האַמין איז געוואָרן שיטערער. צי דערפון, וואָס מע האָט די גאַנצע צײַט געשאָסן, צי ווײַל מענטשן

זײַנען ערגעץ פֿאַרשוווּנדן. אַליין דער אײַזנבאַנער האָט ניט געקאָנט אָפּגיין — אים האָט אָוועקגעשטעלט איבער דער טראַנשיי גופֿא זילבערט. ער האָט אויך מיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַרן אָרבל און אָוועקגעשטעלט באַנאַנד.

דער אײַזנבאַנער איז געשטאַנען, אײַנגעקלאַמערט מיט די הענט אין די העלע קנעפּלעך — צילברעטלעך, איבער וועלכע מע האָט געדאַרפֿט שיסן. אַף אונדז האָט מען אָנגעפֿירט די שײַן: די פּראָזשעקטאָרס האָבן געאַרבעט פֿונעם מאָטאָר. באַנאַנד מיט די ריזיקע ביימער האָבן די מענטשן אויסגעזען זייער קליינינקע. אויך מײַן אײַזנבאַנער. כ'האָב געקוקט דורך זײַן פּלייצע אין אַלע זײַטן — געזוכט רוזיען און אין ערגעץ זי ניט געקאָנט געפֿינען. די דײַטשן האָבן געשריִען און אונדז געזידלט: „פּערדאַמטע!" און „פֿערפֿליוכטע!". אָט בינדט מען אונדז צוזאַמען — מיך, מיטן אײַזנבאַנער, רוזיען — מיט אַ דאַמע אין אַ זומער-מאַנטל.

און דער אײַזנבאַנער, ווי נאָר מע האָט מיך צו אים צוגעבונדן, נעמט גלײַך באַוועגן מיט דער האַנטפֿלאַך — זיך אויסצודרייען. נאָר וואָס פֿאַר אַ כײַלעק: פֿונדאַנען וועסטו סײַוויסײַ שוין ניט אַנטלויפֿן! עפּשער איז אים ניט אָנגענעם צו אַנערקענען, אַז איך פֿיל דעם ציטער פֿון זײַן הייסער האַנט? אָבער דער אויסזען איז בײַ אים אַזאַ רויִקער! צוליב וואָס זשע דרייט ער מיט דער האַנט? ער וויל דערווײַזן, אַז אים איז ניט שרעקלעך? נאָר איך דריק זיך צו זײַן האַנט און פֿיל, ווי עס ציטערן זײַנע פֿינגער. מיט דער פֿרײַער האַנט באַמיט ער זיך אויסצוגלײַכן זײַן פֿרענטש. צוליב וואָס? אין אַ מינוט אַרום וועט זיך אַלץ אויסוואַלגערן אין קלעפּיקע שטיקער בלאָטע. פֿונדעסטוועגן, צוליב וואָס טוט ער עס? איך גופֿא טראַכט בלויז וועגן איינס: כאָטש נאָכאַמאָל זען רוזיען — און ווײַטער גאָרניט... גאָרניט...

איך וויל זען, וויאַזוי זי וועט פֿאַלן, קעדיי בעסער זיך פֿאָרשטעלן, וויאַזוי זי וועט דערנאָך זיך אופֿהייבן, ווען ס'וועט קומען די צײַט זיך אומקערן אַף דער ערד.

פֿאַרבײַגייענדיק לענגאויס דער ריי, דערלאַנגט דער „אונטער", יענער סאַמע, דער שמוציקער ווערגעלעץ, פֿון דער גראָבהויטיקער קאָבורע דעם פּיסטאָלעט און שיסט. בײַסן שאָס טרײַפּלט זיך עטוואָס דאָס דעקל פֿון דער קאָבורע — עס פֿליט אויף, ווי אַ פֿליגל פֿון אַ האָן. דער האָן טוט אַ מאַך מיטן פֿליגל — און נאָך איין מענטש איז שוין ניטאָ...

און אין יענעם מאָמענט, ווען כ'האָב אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ אין רוזיעס זײַט, קעדיי זי זאָל זען, ווי איך וועל אַ פֿאַל טאָן (און פֿאַרגעדענקען, וויאַזוי כ'וועל אופֿשטיין), האָט זיך באַנאַנד דערהערט אַ טויבער קלאַפּ אין דער ערד, און דער אײַזנבאַנער איז פֿאַרשוווּנדן. ער איז אַליין אַרײַנגעשפּרונגען אין דער טראַנשיי, אָן דעם „אונטערס" הילף. ער האָט, אַפּאַנעם, זיך אויסגעגליטשט... אָט וועט ער זיך אומקערן צוריק. נאָר דער פֿליגל פֿונעם האָן האָט שוין אַ קלאַפּ געטאָן אין אַן אַנדער אָרט. ניין, דער אײַזנבאַנער האָט זיך ניט אופֿגעהויבן... און אויך מיך האָט ער נאָך זיך ניט אָוועקגעשלעפּט: ער האָט באַצײַטנס פֿאַנאַנדערגעבונדן דעם שטריק.

אַ קלאַץ — און אַ שאָס... ווידעראַמאָל דערנענטערט מען זיך צו מיר... אַלץ ווערט פֿאַרשטאַרט אין דער ברוסט, און אונטער די פֿיס פֿאַלט אַרונטער די ערד... איצטער דעריאָג איך דעם אײַזנבאַנער. איך שטעל אַרויס די ברוסט: זאָל רוזיע מיך דערזען דאָס לעצטע מאָל!.. צוויי מאָל קנאַלט דער פֿליגל פֿון דער קאָבורע, און... איך פֿלי... איך בין מער ניטאָ!..

...אָבער אויב איך טראַכט, הייסט עס, אַז כ'בין נאָך... איך זע, ווי עס צאַפּלט דער פֿליגל פֿון דער קאָבורע — און אַ מענטש פֿליט!.. אַראָפּ! איך אָבער, דאַכט זיך, פֿלי ניט אַראָפּ, נאָר אַף אויבן!..

מיך ציט פֿאַר דער האַנט רוזיע: הייסט עס, אַז זי איז דאָ נאָענט. ווער וועט אַ פֿלי טאָן: איך אָדער זי? איך האָב ניט מוירע, כ'האָב נישט מוירע פֿאַר גאָרניט און פֿאַר קיינעם!.. אַבי רוזיע איז מיט מיר, און מיר פֿליִען!.. איבער דער ערד... ווי יענע צווייען אַפֿן בילד, וואָס איז געהאַנגען באַם זיידן...

איך פֿלי און כ'האָב אין דר'ערד זילבערטן. פֿון אויבן זעט ער אויס ווי אַ פֿליגעלע און ניט ווי קיין מענטש!.. ער ציט צו מיר די הענט אין צופֿיל ברייטע אַרבל... ברייטע זײַנען זיי צוליב דעם, ער זאָל קאָנען זיך אַרויסגליטשען און פֿליִען נאָך מיר... אָבער דאָ וועט מען אין אַ מונדיר מיט אַ שאַרבן ניט אופֿנעמען! מע וועט ניט אופֿנעמען!

באַנאַנד מיט מיר איז רוזיע, און כ'האָב פֿאַר גאָרנישט ניט מוירע. אַפֿילע פֿאַר דעם, וואָס די שיטער געוואָרענע קייט שטעלט מען ווידעראַמאָל אויס צו צווייען. מיך — אײַנצווייען מיט רוזיען.

ראָדע איז פֿאַרבליבן אַף דער ערד: קאַלקע וועט נאָך איר קוקן — אַ באָכער איז ער אַ זיכערער. כ'האָב געזען, ווי ער האָט זיך אַ שמוגל געטאָן אין דער פֿינצטערניש גלײַך נאָך

ראַדען און דעם אַלטיטשקן מיטן בערדל פֿונעם זיידע קאַלינין... אַזוי אַז דאָס קינד וועט ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן...

און איך מיט רוזיען פֿליִען... און די האָר אירע פֿלאַטערן אויפֿן ווינט. דעריבער וויל זי זיך פֿאַרקעמען. צוליב וואָס — זי איז אויך אַזוי פֿרעכטיק מיט צעלאָזטע האָר! אָבער זי וויל! גאָט צו דאַנקען, וואָס זי וויל כאָטש עפּעס! זי איז דאָך געווען אַזוי גלײַכגילטיק צו אַלץ! איצטער אָבער, ווען מיר זײַנען שוין אַזוי ווײַט פֿון יענער ערד, ווו דעם טאַטאַר פֿאַרגראָבט מען אין דער ערד און עס פֿאַרבלײַבט בלויז אַ ציבעק, קעדיי עמעצער זאָל קאָנען פֿאַרייכערן פֿונעם שײַטער, ווען מיר וועלן זיך אומקערן אויף דער ערד, — וויל זי זיך פֿאַרקעמען... אין דער קאַפּליצע דאַרף דער מעס זײַן אַ שיינער! און ס'איז מיר גרינג אויפֿן האַרצן. און אַלץ אַרום לײַכט זיך — ניט פֿון דעם ברענענדיקן ציבעק, וועלכן איך זע אין דער פֿינצטערניש. עפּשער דערפֿאַר, וואָס עס לײַכט זיך רוזיעס פּערלמוטער-קעמעלע? און עס שײַנט פּונקט אַזוי, ווי אירע אויגן — רעטענישפֿול און וווּנדערלעך!...

פּערלמוטער... אַלץ ווערט פֿאַרדעקט מיט פּערלמוטער, פֿאַר וועלכן איך האָב אַמאָל אַזוי זיך געשראָקן. איצטער אָבער האָב איך שוין ניט מוירע — סאַפּקאָלסאַף בין איך דאָך אויך אַליין... פֿון דער מאַמעס צאַד... אַזוי אַז איך בין דאָרט, אויף יענער זײַט פֿונעם פּערלמוטער!

אוואַדע וואָלט זיך „מײַן" געוועזענעם דײַטש געוואָלט, אַז פֿון אונדז מיט רוזיען זאָל גאָרנישט ניט פֿאַרבלײַבן! אָט מיט וואָס עס פֿאַרנעמט זיך אָט דער מאָנסטער, אָט דער אײדעלער אינטעליגענט באַנאַכט — ער פֿאַרניכטעט אַזעלכע, ווי מיר מיט רוזיען... נאָר זי גיט מיר אין דער האַנט איר פּערלמוטער-קעמעלע, איך זאָל פֿאַריכטן מײַנע האָר. דערנאָך וועל איך עס איר אומקערן, דאָס קעמעלע... דערנאָך... אָדער זי וועט מיר אָפּגעבן דעם ציבעק, וועלכן ס'האָבן איבערגעלאָזט די אָוועס... אירע... און מײַנע...

דער דײַטש אָבער האָט דאָרט, מיט אונדז, ניט וואָס צו טאָן. ער האָט געלײַגט, אַז ער האָט ניט קלוימערשט מוירע פֿאַרן טויט, אָבער אַליין האָט ער זיך באַהאַלטן הינטער פּראָ-זשעקטאָרס, וועלכע ברענען, ווי אומלעשבאַרע ציבעקעס... דאָס זײַנען אונדזערע ציבעקעס, און ער וועט זיך ניט אויסבאַהאַלטן!...

דער „אונטער" פֿליט צו אונדז צו, ווי אַ האָן, און אויב עמעצער פֿון אונדז — איך אָדער רוזיע — וועט זיך איצט צעקלאַפּן, פֿאַלנדיק פֿון דער הייך, וועט דער צווייטער דערזינגען די ליד וועגן רוזשען און ווײַדען, וועגן לייען און כאַנאַנען, וועגן דער פּרעכטיקער שולאַ-מיס... עמעצער וועט דערזינגען — איך מיט איר קאָל, אָדער זי מיט מײַן קאָל. דאָס איז שוין אָפּהענגיק פֿון דעם, פֿון וועלכער זײַט וועט צופֿליִען דער האָן...

ייִדיש — כ. ביידער

רינג נאָך רינג

א דאנק דיר, יוגנט

איך כאַזער איבער דאָס, וואָס פריִער
פארבאָרגן עמעץ האָט געטריַי,
און אויב איר ווילט, איז א פארפירער
דער אָוואר, וועלכער קומט אפסניַי.

ס'וועט עמעצער נאָך טייַנען, מעגלעך,
אז ערגער ווער איך פונדערפון.

איך כאַזער איבער זיך טאָגטעגלעך,
פונקט ווי די שטענדיק נייַע זון.

א דאנק דיר, יוגנט! כאַזער איבער
דייַן גרויסן קישעף נאָכאמאָל.
און זאָל די שוין פארשטעלטע ליבע
צעשרייַען הויך זיך אף א קאָל.

דער גאנעוו פון פרעמדער נויט

(און אלטע געשיכטע)

...יאָ, פון אים מיר קלייַבן נאכעס
אין דער שטאָט פון לאנג,
אלעמען, ווער קראנק און שוואך איז,
ער פארשפּאָרט א גאנג.

און דער שכיינע יאכנע-דוואָסיע,
וואָס איז שוואך און קוואר,
גראָז א ביסל אָנגעקאָסיעט
פאר דעם באָק דעם נאר.

ס'איז א קלאל: דעם שוואכן שאנעווע,
ברענג אים זאלץ און ברויט.
אין א שפּאס מע רופט אים גאנעוו
פון א פרעמדנס נויט.

דארפט איר מער — ווען אינעם העקדעש
האָט געצאנקט א ייִד,
אָפּגעדאוונט אין בעסמעדרעש
האָט ער דאַן פאר אים.

אין די פיס בא אים — צוויי וויכערס...
שטייסט שוין בא דער טיר,
גרייט זיך לאָזן אין דייַן שליכעס,
נאָר ער לויפט פאר דיר.

אָט אזוי, ביז גאָר ניט פלוצעם —
שטעלט אייַך פאָר די קונץ —
די אָקטיאבער-רעוואָליוציע
איז אריַין צו אונדז;

האוועט אום, קעדיי א טויווע
טאָן דיר, אויב דו לאָזסט.
א באזונדער מין געניווע,
זאָג אייַך, איז דאָס...

אינעם שטעטל האָט די פראצע
ווייל געלאָזט זיך גיין, —
האָט ער די עקספּראָפּריִאציע
דורכגעפירט אליין!

איינמאָל שוין אוועקגעלאקכנט
אויך בא מיר א גאנג —
עפּל צוויי איבערן פארקן
מיר פון סאָד דערלאנגט.

דעם פּאָסעסער ניט געשאנעוועט,
אים געמאכט צו טעל,
יענער האָט געשריגן: גאנעוו! —
אייַנגעלייגט די וועלט.

נאָר געטאָן ער האָט די ארבעט
פאַר די אַרעמעלײַט,
זיך פאַרקאַטשעט בײדע ארבל,
ניט געהאַט קײן צײַט...

שפּעטער האָט ער ס׳גאַנצע לעבן
בלויז ארײַנגעבראַכט —
ווען מען ברויט אין שטוב א לעבל,
ווען מען בריוו פון שלאַכט.

ס׳לויפט די צײַט, עס לויפן יאָרן,
טריט די עלטער שפּאָרט.
מע איז טאַקע אַלט געוואָרן,
גלייבט מיר אויפן וואָרט.

ס׳גײט אראָפּ א מענטש פון גאַנעק —
קײפן זאַלץ און ברויט,
כ׳קוק זיך צו: דאָס איז דער גאַנעוו
פון א פרעמדנס נויט!

רוף איך אים: „אַדויני זאָקן,
עקסעלענץ פון גוטס!..”

ס׳האָט זײַן אויסזען מיך דערשראָקן...
זאָג איך אָן א פּוץ:

„אין געזונט האָסט זיכער מאַנגלען,
ביסט מיט יאָרן זאַט.
פאַר דײַן טויווע שיק א גאַנג מיך,
מענטש פון טויוועס צאַד.

עפּשער ברענגען וויטאַמינען
פון אַפּטייק דיר שנעל?
עפּשער נאָך מיט עפּעס דינען?
ליבער מענטש, באַפעל!”

וועלכן סאָף ס׳האָט די געשיכטע,
זאָג איך אײַך גענוי.
ס׳קוקט אויף מיר דער מענטש מיט ווירדע,
און ער זאָגט אַזוי:

„אז איך דאַרף דיך האָבן, כ׳לײקן
ניט, מײַן פרײַנט, אַצינד.
פאָלג א גאַנג דעם ווײַבל טײקעף,
וואָס געבוירט א קינד”...

א וואָרט אויף די שלוישים פון וואסילי נאזאראָוון

...דער פאַרשטאָרבענער וואסילי נאזאראָוו האָט פאַרקויפט פון זיך אַלץ ביזן לעצטן העמד, דעם אָנצוג און די שיך, פאַרן אויסגעלייזטן געלט אוועקגעפאָרן קײן מאָסקווע, כלאָפּאָטשעט דאָרט אָנדערהאַלבן כאַדאָשים און זיך דערשלאָגן, אז דאָס פעלד, וואָס מע האָט געזאָלט פאַרנעמען מיט סקלאַדן, איז אומגעקערט געוואָרן דעם קאָלווירט.

(פון דער צײַטונג „ריאזאנסקאיא פּראוודא”)

געשטאָרבן ביסטו בלויז פאַר זיך,
צו אונדז א זאָג געטאָן האָסט נאָרוואָס:
ווען ס׳טוט אײן מענטש זיך אויס די שיך,
פון דעם עס גײט דער קלאַל ניט באָרוועס.

ווען ס׳טוט אײן מענטש זיך אויס דאָס העמד,
פון דעם עס ווערט דער קלאַל ניט נאַקעט.
געפאַלן ביסט אויף מײַנע הענט,
דאָס פעלד געשטאַנען איז צעאַקערט.

געשטאָרבן ביסטו בלויז פאַר זיך,
געבראַכט פאַר אַנדערע דאָס לעבן.
פון צוגעמאַכטן אויג די ליכט
דעם גאַנצן קלאַל אוועקגעגעבן.

דאָס פעלד איז אויסגעפּוצט געוועזן —
באַלד שוין באַפּרוכפּערט, ווי א קאַלע,
און דו שוין האָסט עס ניט געזען,
נאָר ס׳פעלד — עס רײַפט פאַר מענטשן אַלע.

זיקאָרן

קיינער ציילט אינעם וואַלד ניט די שטאַמען,
פייגל זיינען פאַראַן אָן א צאָל.
כ׳האָב געהאַט אין מיין לעבן איין מאַמע,
כ׳האָב פאַרלאָרן די מאַמע איין מאָל.

צום זיקאָרן כ׳וועל גאָרניט דערלייגן,
אין דעם לעבן האָט גאָרניט קיין סאָף.
די פון לאַנג שוין געשטאָרבענע פייגל
פליען היינט נאָך אַרום אין מיין שלאָף.

עפשער זיינען דאָס גייסטער, וואָס דראָען
גוטס און שלעכטס ווידער אופלעבן דרייסט.
יאָ, איר האָט פון דער שיינקייט האַנאָע,
נאָר אויך ליידן זי ברענגט אייך, — איר ווייסט?

גאָרניט ווערט ביזן גרונט ניט פאַרדאָרבן,
פלאַסטן לייגן זיך אָפּ אָן א שיר.
ס׳וועט מיין מאַמע, וואָס איז שוין געשטאָרבן,
ווידער ווען-ניט-איז שטאַרבן מיט מיר.

און א גליק איז, וואָס מיינס איז נאָך ווייניק
אָפּ צו שליסן פון לעבן דעם קריין.
איך האָב איבערגעגעבן מיין אייניק
פון דער מאַמען א לעבן א ניים.

אונדזער פאָדעם — ער איז ניט פאַרלאָרן,
און די זון איז פון אונדז ניט פאַרשטעלט,
ווייל אין מיין פילגעפלאָגטן זיקאָרן
וועט ניט אונטערגיין קיינמאָל די וועלט.

דו פעלסט מיר

די גרויסע וועלט איז קלוג געפּאַסט,
אין ווינטער קלייבט שוין פרוכט דער זומער.
עס פעלט דעם פערד א שווערע לאַסט,
עס פעלט דער ראָד א וועג א קרומער.

איך ווייס, וואָס ס׳וויל דער הירש, די לאַם,
וואָס ס׳וויל דער וואָלף און וואָס דער הונט
וויל.
עס פעלט א שווערע שיף דעם יאַם,
עס פעלט דעם ווינט א גרינגע ווינטמיל.

דער פידל קלאָגט זיך אָפּ א קאָל,
סע שווערט זיך ציטעריק די האַרפע.
עס פעלט דעם פעלד א סערפּ פון שטאָל,
עס פעלט דעם וואַלד א זעג א שאַרפע.

איך גיי צו דיר מיט האַרטן שפּאַן,
און וועג איך זאָג דיר ניט קיין פּראַטים.
דער שטילער טאָל פעלט דעם ווולקאַן,
און מיר עס פעלט דיין שטילער אָטעם.

דער פּיזאַנער טורעם

ער פאַלט (דאָס ווייסן אַלע)
דערפאַר, ווייל ער איז קרום.
מע זאָגט, ער וועט נאָך פאַלן
אין טויזנט יאָר אַרום.

אליין א גלייכער איז ער,
נאָר קרומערהייט ער שטייט,
שטייט פעסט, אַזוי ווי ביז-היער,
און פאַלן שטענדיק גרייט.

מע זאָגט, ער איז א באַלן
דאָ אייביק שטיין באַגליקט, —
ער איז דאָך שוין געפאַלן
מיט טויזנט יאָר צוריק...

די וועלט איז שטאַרק פאַרמאַטערט,
דעם טורעמס צײַט פאַרגייט.

עס פאַלן אימפּעראַטאָרס,
און ער אַלץ שטייט און שטייט.

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

טו אָן א מי זיך, כאַווער,
א טראַכט געבן מיט טאַלק
אײדער דו זאָגסט, א זשוואוער:
— אַהאַ! ס'פאַלט אײַן מײַן פאַלק!..

צוגאַסט אין פוילן

טיפע נאַכט. איך שלאָף געשמאַק,
צוגעדריקט צו פוילן.
ס'איז די קישן פול געפּאַקט
מיט מילכאָמע-גרוילן.

ווי פאַרטרײַבן, ווייס איך ניט
דעם קאָשמאַר פון נעכטן.
פוילן וואַרעמט מיך און בריט
אָן א מיין א שלעכטן.

מאַמע טײַערע, וויג אײַן
מײַנע יאָרן שפּעטע...
אין דעם כאַלעם קומט אַרײַן
וויטעגזאָן פון געטאָ!

די מילכאָמע איז שוין אויס?
דער פאַשיזם אויכעט?
מיטאַמאָל עס שפּאַרט אַרויס
א טרעבלינקער רויכל...

פוילן זאָגט מיר האַרט און שטיל:
דו, צעדרייטער נאַווי,
ווייס: עס האָט נאָך אַרבעט פיל
די אַרמיי-לודאָווי.

טיפע נאַכט. איך שלאָף געשמאַק,
צוגעדריקט צו פוילן.
ס'איז די קישן פול געפּאַקט
מיט מילכאָמע-גרוילן.

אינדערהיים בא אונדז איז אַלץ נאָרמאַל

עפּשער האָט איר עפּעס-וואָס צו פרעגן?
ס'איז געגאַן א רייד דאָ וועגן אײַך...
מ'איז געווען שוין, זאָגט איר, אוילע רעגל,
האָט פון דעם זיך אויסגעלאָזט א טײַך.

שוין געזען מע האָט ירושאָלאַים,
קיין ניו-יאָרק געגאַנגען אויך מע איז,
און ניט דאָ, ניט דאָרטן ביז אדהײַעם
פילט מען ניט די ערד אונטער די פיס.

דאָרט עס פעלט אויס שניי, און דאָ פעלט רעגן,
דאָ און דאָרט איר זײַט בעדיל האדאל.
עפּשער האָט איר עפּעס-וואָס צו פרעגן?
אינדערהיים בא אונדז איז אַלץ נאָרמאַל.

בלויז אזא, ווי איך...

מיך
קאָן אָפּשטעלן בלויז אזא, ווי איך,
אף דער ערד מיך אוועקלייגן א קאַלטן.
און אזא, ווי דו,
וועט טראָגן מײַנע שיך,
מײַנע אָפּגעטראָגענע מאַלבושים אַלטע.

מיך
וועט יאַרשענען אַן אַנדערער, ניט דו —
ניי פאַר זיך ניט פאַר דער צײַט קיין בעגעד —

דו,
א שוואכער און א נישטיקער דערצו,
קאַנסטו זײַן דען מײַן צאד שעקענעגעד?

בלויז אזא, ווי איך, וועט אָפּהאלטן מײַן דראנג,
און געשען וועט עס אין א מינוט א שלעכטער,
ווען ניט בײַשטיין וועט מײַן קויך און מײַן געדאנק
אין געוועט אָף דעם, ווער קליגער איז, גערעכטער.

דו
וועסט קוקן פון דער זײַט, צו א סטערוויאטניק גלײַך,
און מיט מײַן דאלעס וועסטו ווערן רײַך.

אזוי, ווי דו

אונדזער וועלט מיט אלע וועלטן
פירט זיך אוף אזוי, ווי דו,
ווען באַרויבסט, ניט קיין פארשטעלטע,
בא די אנדערע די רו,
און די אנדערע, פארבאַרגן,
ווייסן ניט ווו אויס, ווו אײַן,
ווארטן, זאָלסט זיי ברענגען מאָרגן
אָף א טעלערל די שײַן,
און בא אירע ווייכע שטראלן
זאָלן זיי אזוי, ווי דו,
זייער וועלט מיט וועלטן אלע
זען אין אומרו און אין רו.

Безвековье

ניט צוגעפוצט און ניט באַנײַט
דערגייט צו אונדזער אינדערוואָכן
די ביז-עפּאָכעדיקע צײַט,
די ביז-היסטאָרישע עפּאָכע.

פאר אונדז עס ליגן אָנגעגרייט,
פארהילט מיט נעפּלען און זאווייען,
די ניט-עפּאָכעדיקע פרייד,
די ניט-עפּאָכעדיקע ווייען.

די ביז-עפּאָכעדיקע צײַט,
ווען מענטש האָט ניט געהאט קיין דייע,
דער וועלט דער הײַנטיקער אנטלײַט
אירע גערוישן און געשרייען.

און דאָך — פון אונדזער אײַג פארשווינדט —
אזא איז שוין דעם מענטשס מאראָכע —
פון יענער צײַט דער שניי, דער ווינט,
די היץ פון יענער ניט-עפּאָכע.

עס טרעפט, די אייביקײַט — זי שרײַט
פון אונדז אליין ארויס מיט בראָכע,
דאן קומט ארײַן אין אונדזער צײַט
די ביז-היסטאָרישע עפּאָכע.

150-טער געבורטסטאָג
פון מענדעלע מויכער-ספאָרים

אין צוזאמענהאנג מיטן 150-יאָריקן געבורטסטאָג פונעם זיידן פון דער ייִדישער ליטעראטור מענדעלע מויכער-ספאָרים, וועלכער ווערט אָפּגעמערקט אין דעקאבער הײַנטיקס יאָר, האָט „סאוועטיש היימלאנד" שוין פארעפנטלעכט אין די לעצטע נומערן א רײ מאטעריאלן. פאָר־זעצנדיק די פובליקאציעס, דרוקן מיר הײַנט צוויי נאָוועלעס וועגן מענדעלען פון אירמע דרוקערס שעפערישער ירושע.



מענדעלע אין עלטער פון 25 יאָר

אירמע דרוקער

א גילגל פון א נאָמען

מענדעלע מויכער־ספאָרים איז אליין א בוך.
(שאָלעם-אלייכעם)

דער הויפּט-העלד מיט אלע בײַזײַטיקע פארשוינען און פארשוינדלעך האָבן שוין געהאט אראָפּגענידערט פון די פארמעקטע, ווידער אָנגעשריבענע און צוגעשריבענע פּילגאָרנדיקע שורעלעך און זיך באזעצט אין דעם ענגן ציכטיקן פערלדיקן קסאוו.

אפן שארבלאט איז געווען אָנגעשריבן מיט קליינע אויסיעס: „דאָס קליינע מענטשעלע" אָדער „א לעבנס-באשרײַבונג פון ייִצכאָק-אווראָם טאקיף". דאטירט 1864-טער יאָר.

דער מעכאבער האָט אָבער זײַן ווערק ניט געהאלטן פאר פארענדיקט. ער האָט גע־סאָפעקט, צי איז ביכלאַל פאראן אן ענדע, ווען אַלעמאָל איז מעגלעך א נײַער אָנהייב. ווען א שרײַבער וואָלט פארמאָגט צען לעבנס, וואָלט אים ניט גענוג געווען אף איבערצוארבעטן איבעראנײַס איינס און דאָס זעלבע ווערק.

און מאכמעס דעם טאקע, האָט דער מעכאַבער ליב געהאַט זיך דורכשמועסן מיט זײַנע געשטאַלטן, ניט נאָר בײַ דער ערשטער באַקאַנטשאַפט, ניט נאָר בײַס שילדערן זיי, נאָר אויך דאַן, ווען ער האָט זיי שוין געהאַלטן באַם אַרויספּראַוואַדיען אין וועג אַרײַן.

— גיי זיך, גיי זיך, — האָט דער מעכאַבער אָפּגעשטויסן פון זיך זײַן נײַ-געבוירענעם העלד. — אַזאַ ביסטו און אַזאַ האָסטו זיך באַקומען. אַט דאָס איז דײַן גרויס און דאָס איז דײַן הויז, שענער און בעסער האָב איך דיך ניט געקאָנט באַשאַפן, אַ קליין מענטשעלע, און פּאַרטיק!

— אַ קליין מענטשעלע און אַ קליין מענטשעלע איז דאָך ניט גלײַך, — האָט ייִצחאָק טײַקעף זיך גענומען בעטן באַם מעכאַבער, — איר אַליין האַלט דאָך, אַז דאָס סאַמע קלענסטע מענטשעלע איז אַ גרויסע וועלט פאַר זיך... פאַרגעסט ניט, אַז איידער איך בין געוואָרן „אַ וואָרגער", בין איך אַליין געווען אַ געוואָרגענער — ווער ס'האָט נאָר געהאַט גאָט אין האַרצן, דער האָט מיך געוואָרגן.

דער פאַרטיידיקער אינעם מעכאַבער האָט זיך פאַרטראַכט. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך געפּרוּווט נייגן אויף דער זײַט פונעם טאַקיף, אַזוי גלײַך האָט זיך אין אים צעבייזערט דער באַשולדיקער: אַ געוואָרגענער איז ערגער ווי אַ געבאָרענער, זײַן שולד איז נאָך אַ סאַך גרעסער, אויף זײַן פּלייצע איז דורך דער אַקער פון אַלדאָס בייז, איז וויאַזוי זשע האָט ער געקאָנט טאָן אַזויפיל בייז לעגאַבע אַנדערע?

ייִצחאָק טאַקיף האָט זיך פאַרופן אויף זײַן טשוווע טאָן:

— אַדוינע מעכאַבער, זאָל אײַער גרימצאָרן ניט פאַרבלענדן אײַערע אויגן, זעט אײַן אין מיר ניט נאָר דעם וואָרגער, נאָר דעם באַל-כאַראַטע, וואָס האָט זיך מיסוואַדע געווען אויף זײַנע זינד און איז געוואָרן אַ באַלטשווע, און טשווע, כאַראַטע און ווידוי קאָנען דאָך מעוואַטל זײַן די גרעסטע גזירע!

דער פאַרטיידיקער האָט שיר די איבערהאַנט ניט גענומען אינעם מעכאַבער, און דאָס האָט צוגעגעבן מער קוראַזש דעם באַשולדיקער צו וואַרפן אומבאַראַכמאָנעסדיק זײַנע גיפּטיקע פײַלן!

— כאַראַטע? כאַראַטע איז ניט מײַסע-סויכער! און וועגן אַ באַלטשווע, ווייסט איר דאָך, וואָס דאָס פאָלק זאָגט — ניע גאַנוויי אי ניע פּאַסטיי...

ווידוי קויפט אויס די זינד נאָך באַם אָנהייב לעבן, באַם סאָף לעבן איז עס ניט מער ווי מוירע פאַרן טויט.

דערזעענדיק, אַז ס'איז אַ פאַרפאַלענע זאַך, אַז דער מעכאַבער וועט גאָרניט אָפּשאַפן און גאָרניט ענדערן אין זײַן שטרענגן אורטייל, האָט ייִצחאָק טאַקיף גענומען אײַנשטיין אויף דעם, אַז דער אורטייל זאָל דערשײַנען אויף דער שפּראַך, מיט וועלכער דער מעכאַבער האָט זיך ביז איצט באַנוצט.

— ביז איצט האָט איר דאָך געשריבן אַפן לאָשן פון די נעוויִים, איז פאַרוואָס זשע קומט עס מיר, אַז גראַדע איך דאַרף ווערן דער אָנהייב פון אײַער ייִדיש-שרײַבן? וואָלט איר מיך באַשריבן אין לאָשנקוידעש, וואָלט עס געווען אַ האַלבע צאָרע, וואָלט עס געווען כאַטע פּאַקרישקע, וואָלטן וועגן מיר געוווּסט איינער פון טויזנט, צען פון אַ שטאָט, און אין ייִדיש מאַכט איר מיך צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר קינד און קייט.

— הער אַ מײַסע, אַט דאָס מיין איך דאָך! — איז דער מעכאַבער שטאַרק צופרידן געווען, וואָס דער געטראָפענער האָט אים צוגעטראָפן — אַנדערש קאָן עס גאָרניט זײַן! „אַ טאַטד ווּפּגקרצ

זאָג מיר, מײַן שפּיל-פייגעלע, אויף וועלכן לאָשן האָסטו גערעדט דאָס גאַנצע לעבן דײַנס? אויף ייִדיש, דוכט זיך, איז וויאַזוי קאָן מען דיך באַשרײַבן אויף אַן אַנדער לאָשן? אין יעדן וואָרט פונעם לאָשן, אויף וועלכן דו האָסט גערעדט, זײַנען פאַרהיט אַלע דײַנע טנועלעך און האַוויִעסן, אַלע דײַנע גרימאַסן און פּאַטעמקעס.

וואָס מיינסטו זיך, ווערטער שיטן זיך ווי סעטשקע, ווי פּאַלאָווע? אַ וואָרט איז אַ לעבעדיק באַשעפעניש, מיט זײַן קנייטש, מיט זײַן קרעכץ, מיט זײַן ניגן און מיט זײַן נעשאָמע. איך הער אַ וואָרט, דוכט זיך וואָס, אַ פּאָשעט וואָרט, און אין זײַן קלאַנג דערהער איך און דערזע פאַר זיך אַ לעבעדיקן מיט אַלע פּישטשעווקעס, אַט דעם, וואָס האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט.

איך ווייס, איך ווייס, ניט איינער נאָך וועט זיך מיט מיר אַמפּערן, און ניט איינער נאָך וועט אויף מיר אָנפאַלן פאַר מײַן ייִדיש-שרײַבן, און דאָס איז דער בעסטער סימען, אַז איך האָב גוט געטאָן, אַז איך האָב אָנגעהויבן צו דער צײַט.

דעם מעכאַבערס פּנים האָט זיך געמינעט, זיך געענדערט, אַלע ווײַלע אַן אַנדער פּנים, אַלע ווײַלע האָט ער פֿאַרגעשטעלט אַן אַנדער געשטאַלט, יעדן מיט זײַן אויסזען און יעדן מיט זײַן קאָל. אַ וועלט מיט קוילעס:

ער סיקעט און ציקעט, אַ מעשונעדיק פּאַלצעט-קוויטשל: — סטײַץ! סטײַץ! וויאַזוי איז דאָס געסען? וויאַזוי טוט מען עס? בײַטן אַ לאָסן איז, לעהאַוודל, ווי בײַטן אַן איסע. מיט דער ערסטער זיך ניט געגעט און מיט דער צווייטער אָן כופּע וועקידוסן, סאַראַ כילעל האַסעם, סאַראַ כאַרפּע, סאַראַ בוסע! ווײ געסריגן, פֿאַרלאָזן די האַרנטע, וואָס הייסט לאָסנקוידעס, און אַוועק צו דער סיפֿרע, דער דינסט, צום זאַרגאָן. דער מענץ איז אַראָפּ פֿונעם דערעך האַיאָסער, פֿונעם גלײַכן וועג. אַזעלכע זאַכן ווערן ניט געסענקט! קערט זיך אומעט, ווײַל דערנאָך וועט זײַן צו ספּעט.

ער האָט אונטערגעכאַפּט אַ בלעכענע שטים, אַ היקעוואַטע, אַ סוקעוואַטע, אַ פֿאַרקילט-הייזעריקע, אַ גאַרגל-שטיקנדיקע און לאַקריץ-טריפֿנדיקע:

— קערט זיך אום! קערט זיך אום! ווײַל דערנאָך וועט זײַן שפּעט!

אַלס צייכן, אַז ער וועט זיך ניט אומקערן, אַז ער האָט פֿעסט באַשלאָסן גיין מיט זײַן אָנגעמערקטן וועג, האָט דער מעכאַבער אײַנגעטונקט זײַן פּען אַף אונטערצושרײַבן זײַן ערשט ווערק אין ייִדיש. די פּען איז ווי פֿאַרגליווערט געבליבן אין זײַן האַנט...

איצט, ווען ער הייבט אָן שרײַבן ייִדיש, איצט, ווען ער ווענדט זיך צו די ברייטע מאַסן פֿון פֿאָלק, איז וויאַזוי שרײַבט מען זיך אונטער, אַז מ׳זאָל גלײַך דערפֿילן, אַז דאָס רעדט אַן אייגענער מענטש?

— עפּשער שלוימקע?

— ניין, עס טויג ניט, עס קלינגט בען-יעכידעש צעפּעסטעט. ניין, אַ צוגעמאַכטע פּאַ-ניבראַטסטווע.

און עפּשער זאָל איך הייסן ווי איך הייס?

— שאָלעם-יאַנקעוו? שטרענג!

— איז וויאַזוי זשע פּאָרט?..

דער מעכאַבער האָט אָנגעהויבן רעכענען נעמען און פֿאַמיליעס, און צו אים אין קאַבינעט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צענדליקער און הונדערטער פֿאַרשוינען, פֿאַרשוינען, וואָס ער האָט געדענקט פֿון דער סאַמע פֿריִער קינדהײַט, פֿאַרשוינען, וואָס זײַנען שוין לאַנג אַף דער וועלט ניטאָ, טאַנאַך-פֿאַרשוינען, פֿאַרשוינען פֿון פֿאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, וועלכע ער האָט געהאַט אויסגעלייענט אין פֿאַרשיידענע ראָמאַנען און מײַסע-ביכלעך.

ס׳איז געוואָרן אַן אײַנגעלויף, ווי דער אײַנגעלויף פֿון ווערטער אַפֿן רוף פֿונעם מעכאַבער. די פֿאַרשוינען האָבן זיך לויטן אַלעפֿבייס געשטעלט אין דער ריי און איינער האָט געפּרווט איבערשרײַען דעם צווייטן:

— מײַן נאָמען גייט אײַך, מײַן נאָמען פּאַסט אײַך!

— איך בין אַוועק פֿון דער וועלט אָן אַ נאָמען, איז זײַט זשע אַזוי גוט און גיט אַ נאָמען נאָך מיר.

— מײַן נאָמען האָט אין לעבן מיר מאַזל געבראַכט, אַ מאַזלדיקער נאָמען, איז זאָל זײַן מיט מאַזל!

— מײַן באָמען איז אַלט, מײַן נאָמען איז נײַ, מײַן נאָמען איז אייביק, קיין בעסערן נאָמען וועט איר ניט געפֿינען, מיט מײַן נאָמען וועט איר אין דער אייביקײַט ארײַן!

און נאָר איינער, ערגעץ-ווו אין דער לעצטער ריי פֿאַרשלאָגן אין אַ ווינקעלע, האָט ניט אָנגערופֿן זײַן נאָמען. ער האָט זיך געטוליעט צו דער וואַנט, זי זאָל כאָטש ווי-עס-איז פֿאַרשטעלן זײַנע פֿאַרלאַטעטע פּלודערן, דעם צעפּליקטן לאַפּסערדאַק, אין וועלכן עס האָט זיך קוים געהאַלטן זײַן קליינטשיק אויסגעדיווערט און אויסגעדאַרט גופֿל.

די בענדלער-שלייפֿן פֿון זײַנע ברילן, ווי ענג ער האָט זיי ניט געפּרוווט פֿאַרציִען, האָבן זיך ניט געוואָלט האַלטן אַף זײַנע אויערן, נאָך אַ לאַנגן באַברען זיך מיט זיי, האָט ער די ברילן אַרופֿגעזעצט אַף דער נאָז און זיי אונטערגעשפּאַרט מיט אַ פֿינגער פֿון זײַן רעכטער האַנט.

דער אין ווינקל-פֿאַרשלאָגענער מענטש האָט הויך פֿאַרהויבן זײַן קאָפּ און זײַן בליק ניט אָפּגעריסן פֿון די ביכער-שראַנקן. אָו-וואַ! אָו-וואַ! — האָט ער אַלע ווײַלע זיך געצופּט מיט דער לינקער האַנט זײַן שפּיציק ווײַס בערדל. — אַ וועלט מיט ספֿאָרים! סאַראַ טײַערע ספֿאָרים! סאַראַ שיינע בונדן! אין מײַנע צײַטן זײַנען גאָרניט געווען אַזעלכע ספֿאָרים!

דאָס געשריי און דאָס געפּילדער פֿון די פּאַרשוינען, וואָס יעדער איינער פֿון זיי האָט אויסגערופֿן זײַן נאָמען, ווי מ׳רופֿט אויס דעם נאָמען פֿון גאָר א געהויבענער סכוירע, איז פֿון מינוט צו מינוט געוואָרן אַלץ טומלדיקער.

— שטילער! טילער! — האָט דער מעכאַבער געשפּאַנט הין און צוריק איבערן קאַבינעט מיט זײַן אופֿגעהויבענער האַנט, זיך אַלע ווײַלע אָפּגעשטעלט און יעדן איינעם פֿון די פּאַרשוינען איבערגעפֿרעגט:

— אַט איר, זײַט מויכל, ווי האָט איר געהייסן אין א פּאַשעטן מיטוואָך?

— און איר, האָט קיין פֿאַריבל ניט און כאַזערט איבער נאָכאַמאָל אײַער נאָמען און פּאָטערס נאָמען, אי דעם רעב, אי דעם בערעב...

— מעשאָלעם, זאָגט איר, אַזוי האָט מען אײַך א נאָמען געגעבן און אַזוי האָט איר טאַקע געהייסן?

— און בא אײַך זײַנען אַזש דרײַ כײַעס אין איין נאָמען — בער — לייב — וואָלף, טשיקאַווע כ׳לעבן!...

— און איר?

— און איר?

— שעמט זיך ניט און זאָגט אַרויס מיט א פֿול מויל אײַער פֿולן נאָמען.

באַם ווינקל-פֿאַרשלאָגענעם מענטש האָט זיך דער מעכאַבער לאַנג פֿאַרהאַלטן, אים באַטראַכט פֿון אַלע זײַטן, אָפּגעגאַנגען אוןווידער צוגעגאַנגען און פּלוצעם אויסגעשריגן, ווי ער זאָל דערזען דעם טאַטן פֿון יענער-וועלט — רעב סענדערל! סענדערל מויכער-ספּאָרים! דאָס זײַט איר, האַ? א ברייטן און פֿײַנעם שאָלעם-אַלייכעם אײַך! אָט אײַך האָב איך געזוכט, אָט איר האָט אויסגעפּעלט, אָט אײַך באַדאַרף איך! קומט אהער אויבנאָן, זעצט זיך, זײַט מויכל, און פֿילט זיך ווי בא זיך אינדערהיים. אײַ, רעב סענדערל, סאַראַ אָנגעלייגטער גאַסט איר זײַט בא מיר! סאַראַ גליקלעכע באַגעגעניש!

די פּאַרשוינען מיט די פֿײַנע נעמען זײַנען געבליבן ווי אָפּגעשמיסענע, פֿאַרגליווערטע, בא קיינעם האָט זיך דאָס מויל ניט געעפֿנט און קיינער האָט זיך פֿון אָרט ניט געקאָנט רירן.

דער אַלט-באַקאַנטער נאָמען פֿונעם אַלט-באַקאַנטן מויכער-ספּאָרימניק האָט אָוועקגעפֿירט דעם מעכאַבער אין אַלטע, לאַנג פֿאַרשוווּנדענע צײַטן, האָט אים אומגעקערט אין קאַפּוליע, אומגעקערט צו זײַן קינדהײַט:

...א סימכע אין שטעטל, קינדער לויפֿן פֿון אַלע זײַטן אַפֿן שול-הויף, סענדערל מויכער-ספּאָרים האָט זיך באַוויזן מיט זײַן בײַדל. ס׳וועט זײַן צו זינגען און צו זאָגן. ווײַ, ווײַ, וויפֿל נײַע מײַסעס וועט מען זיך אָנקויפֿן, וויפֿל נײַע מײַסעס וועט מען זיך אָנהערן פֿון אים, פֿון סענדערלען אַליין! אָנהערן זיך אומזיסט, אָן א גראָשן געלט. אַדעראַבע, ער וועט זײַן העכסט צופֿרידן, אַז מ׳וועט אים אויסהערן.

דעם ערשטן באָרעכהאַבאָ גיבן אָפּ קינדער דעם פֿערדל, וואָס פּאַשעט זיך אַפֿן שול-הויף, סענדערל מויכער-ספּאָרימס פֿערדל בריקעט זיך ניט, בײַסט זיך ניט, האָט קיין פֿאַריבל ניט, און שטייט פּאַקאָרנע, ווען מ׳צופּט פֿון אים די לעצטע האָר פֿון זײַן געוועזענער קאַלטענעוואַטער גריווע, פֿון זײַן אויסגעליניעטן אָרעמען שטערן עק.

סענדערל מויכער-ספּאָרימס פֿערדל איז שטאַרק שטומפּיק אַף די ציין, ניט אַזוי פֿון אַלטקײַט, ווי פֿון לאַנגן ניט-דערעסן.

קינדער וויקן סוכאַרעס אין דער גרויסער קופּערנער בעסמעדרעש-קוואָרט, מיט וועלכער מ׳גיסט אוף די קויהאַנים פֿאַרן דוכענען.

זיי שטויסן שטיקלעך און ברעקלעך צוקער, וואָס יעדער איינער האָט געהאַלטן פֿאַר א מיצווע אָפּשלעפּן אינדערהיים לעקאָוועד אַזאַ גאַסט.

דער קיבער איז זייער א שיינער, און נאָך שענער זײַנען די מײַסעס, וואָס ווערן דערציילט וועגן אים, וועגן אַלטן אויסגעמאַטערטן פֿערדל.

— דאָס איז דאָך ניט קיין פּאַשעט פֿערד! — אַזוי זאָגט אוראָמטשע דעם באַלעבאָס׳ זונדל, וואָס איז שוין א מיוון אַף פֿערד און ווייסט אַלע פֿערדישע געשיכטעס. — וואָלט עס געווען א פּאַשעט פֿערד, וואָלט עס זיך אָפּגעשטעלט אַפֿן מאַרק, וואָלט עס געשטאַנען ערגעץ-ווּ אין א שטאַל, נאָר ווײַבאַלד זײַן אָרט איז אין שול-הויף, איז דאָס א הייליק פֿערד.

— יאָ, יאָ, א הייליק פֿערד, — זײַנען ייִנגלעך מאַסקים.

— ניין, עס הייבט זיך גאָרניט אָן, — דערווידערט בערעלע דעם באַגרעבערס, — מײַן טאַטע שיקט דאָך אָפּ אַלעמען אהינצו... אַזוי אַז ער ווייסט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַף דער-וועלט און סײַ אַף יענער-וועלט...

און טאַקע פֿון אים אַליין, פֿון מײַן טאַטן, האָב איך געהערט, אַז סענדערל מויכער-ספּאָרימס פֿערד איז גאָר קיין פֿערד ניט, ס'איז אַ גילגול, אַ זינדיקע נעשאָמע בעצוראַס פֿערד. אין בעסמעדרעש טאָר דער גילגול ניט אַרײַן, ער קאָן זיך נאָר אויפֿן שול-הויף פּאַשען, און אַנשטאָט הייליקע טפֿילעס שלינגען נעבעך צעטראָטן גראָז.

דער אַמאָליקער קינדערשער ציטער פֿאַרן אומשולדיקן פֿערדל, וואָס דאַרף זיך אַרומשלעפּן אויף דער וועלט מיט אַ זינדיקער נעשאָמע, העלט אויף איצט אויפֿן מעכאַבערס פּאָנעם אַ זוניקן שמייכל. ער איז צופֿרידן פֿון דער דערמאָנונג און פֿאַרצייכנט זי גלײַך אין זײַן סייפֿערל האַזיכרוינעס, אינעם בלאָקנאָטל. עס קאָן אַמאָל אויסוואַקסן אין אַ פֿײַנעם פּיירעש, אין אַ מאָשל, אין אַן אַלעגאָרישער פֿאַרשטעלעניש...

...אַן עלעלדיקער אָפּדערנאַכט, שוין לאַנג נאָך מײַרעוו, די באַלעבאַטים זײַנען זיך צעגאַנגען. ער, דער מעכאַבער, באַגלײַך מיט צענדליקער אַנדערע ייִנגלעך, גאַפֿט פֿון סענדערל מויכער-ספּאָרימס מײַסעס, וואָס זײַנען אָן אַן ערעך שענער און פֿאַרכאַפּנדיקער פֿון די, וואָס זײַנען באַשריבן אין די מײַסע-ביכלעך.

וויפֿל וואַסערן זײַנען פֿון יענער צײַט אַדורך, וויפֿל שטורעמווינטן האָבן זיך דורכגעטראָגן? דער דאָר פֿון די זיידעס איז שוין לאַנג פֿאַרשוווּנדן, דער דאָר פֿון די טאַטעס איז שוין אויך אַוועק אין דער פֿאַרגאַנגענהײַט, און ער, סענדערל, שטייט אים איצט פֿאַר די אויגן, ווי אַמאָל, מיט צענדליקער יאָרן צוריק.

...סענדערל דערציילט פֿון זײַנע יאַזדעס...

...פּלאַצט באַ מיר אַ דאָר, פֿאַרקרעמפּעוועט מען עס און מע רירט ווײַטער. דאָס בײַדל גייט שווער, ריפּעט און סקריפּעט, נאָר מע שטייט ניט אויף איין אָרט, אַז מע פֿאָרט, באַגעגנט מען זיך, און אַז מע באַגעגנט זיך, רעדט מען, דערציילט מען, אַז מע פֿאָרט, דערוויסט מען זיך אַזוינס אַז די האָר שטעלן זיך קאַפּויר, פּאַסירן פֿאַרשיידענע פּאַסירונגען, טרעפֿן זיך פֿאַרשיידענע געשיכטעס פֿון טויזנט און איין נאַכט. ניט אומזיסט שטייט געשריבן: אַז וויל צו די, וואָס לאָזן זיך אין וועג.

אַ יאַזדע איז ווי אַ פֿיש-געפֿאַנג, אַמאָל מער און אַמאָל ווייניקער, נאָר ס'האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפֿן אַזוינס, אַז מײַן בײַדל זאָל כאַסוועכאָלילע בלײַבן אַ פּוסטע — אָן מײַסעס, אָן געשיכטעס.

אַז מע פֿאָרט, פֿאַרפֿאָרט מען אין אַ וואַלד. אין וואַלד זײַנען דאָ אַ סאַך ביימער. יעדער בוים האָט זיך זײַנע צווײַגן, און צווײַגן קאָנען אויך ניט אײַנשטיין אויף איין אָרט!.. ווען אַ ווינטל גיט אַ בלאָז, הוידען זיי זיך, זינגען זיי פֿון פֿרייד, ווערן זיי אַזוי איבעראַשט, אַז זיי אַרט ניט און זיי טוט ניט ווי, וואָס אַ סאַך בלעטער רײַסן זיך פֿון זיי אָפּ און פֿאַלן, פֿאַלן.

שיין איז דער טאָל, הויך איז דער באַרג און לויטער איז דאָס פֿלייצנדיקע טײַכל. גרעזעלעך און בלימעלעך רייצן, רופֿן און פֿאַרשיקערן מיט זייערע רייכעס און געווירצן. און ווי שיין ס'איז די ערד, אַזוי אויסגעפּוילט און שיין איז דער הימל, ווען די זון גייט אויף און ווען די זון פֿאַרגייט.

אַלץ איז שיין און אַלץ וואָלט גוט געווען אויף גאָטס וועלטל, ווען ניט די רויב-פֿייגלען און פֿאַרצוקנדיקע כײַעס, וואָס לאָקערן אויף יעדן טריט.

איז אָט, קינדערלעך, הערט אויס אַ מײַסע, וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר אויף איינער פֿון מײַנע יאַזדעס. וואַיעהי האַיוים פֿאָר איך אַרויס מיט מײַן פֿערד-און-וועגעלע...

— טפּרו-טפּרו-טפּרו! — גיט זיך אַ כאַפּ אויף דער מעכאַבער פֿון זײַנע דערמאָנונגען, שטעלט אָפּ דאָס פֿערדל און בעט רעב סענדערלען, ער זאָל אויף אים קיין פֿאַריבל ניט האָבן. — אײַער מײַסע וועלן מיר פֿאַרצוקערן, נאָר לאָמיר זי דערווײַל אויף אַ ווײַלע אָפּלייגן אין אַ זײַט. איצט איז פֿאַר מיר דער מאַרשרוט אײַערער וויכטיקער ווי די מײַסע.

אין בלאָקנאָטל איז פֿאַרשריבן געוואָרן:

פֿאַרוואָס זאָל איך ניט גיין אויף די וועגן פֿון סענדערל מויכער-ספּאָרים? אָט ווי ער, שטענדיק זײַן אין דער געדיכטעניש פֿון לעבן, אַרומפֿאָרן, זיך באַגעגענען, הערן, זען, באַטראַכטן יעדן נעפֿעש, וואָס קומט אויפֿן וועג, יעדן בוים און יעדעס גרעזעלע, פֿון אַלץ מאַכן די נייטיקע פֿאָטראַוועס, באַשרײַבן, דערציילן, פֿלעכטן אַן אומגליק בעטאָך אומגליק, אַ מײַסע בעטאָך מײַסע, אַרײַנזאָגן אַ ביסל מוסער און פֿאַרײַנוועגס לאָזן אַ טרער, זיך אויסגיסן דאָס האַרץ.

און נאָך איז צוגעגעבן געוואָרן אין בלאָקנאָטל:

מיט דעם נײַעם נאָמען קרוינען ניט נאָר זיך אַליין, דעם מעכאַבער, נאָר אויך איינעם פֿון מײַנע באַשטענדיקע הויפּט-העלדן, וואָס ווי אַ צווייטער, זאָל ער שטענדיק זײַן אַ דריטער. צוזאַמען מיט מיר טיאַקען און וויאַקען איבער אַלע בלאָטעס, אַרויסהעלפֿן אין אַן אייס-

צאַרע, זיך צוקוקן, צוהערן, מיר אונטערזאָגן, אַן אייצע געבן, אַ נייטיק וואָרט אונטערזאָגן, אוכדוימע...

— אײַ, רעב סענדערל! — איז דער מעכאַבער איבעראַשט געוואָרן פון זײַן נײַעם אײַנפאַל. — ניט נאָר אײַער נאָמען וועט מיר צוניץ קומען, נאָר אויך אײַער פערד-און-וועגעלע, אײַער ריפּען און סקריפּען, אײַערע יאַזדעס...

ארויסבאַגלייטנדיק מיט גרויס ליבע, רעספּעקט און אָפּשײַ זײַן אַלטן באַקאַנטן פרײַנט רעב סענדערל מויכער-ספאָרים, האָט זיך דער מעכאַבער געווענדט צו די פאַרגליווערטע פאַרשווײַגענע:

— און איר קאָנט זיך גיין, גייט זיך אין אײַער רו אַרײַן! האַלעמײַ זאָלט איר זיך מאַטריער זײַן!...

* * *

„דאָס קליינע מענטשעלע" האָט אַנגעשפּאַרט קיין אָדעס, זיך אָפּגעשטעלט אין דער רעדאַקציע פון דער ייִדישער וואָכנשריפט „קאָל מעוואַסער".

שרײַבער, זשורנאַליסטן און לייענער זײַנען ווי אַף אַ בייז-ווונדער געלאָפן אין רעדאַקציע אָנקוקן „דאָס קליינע מענטשעלע", אָנקוקן, ווי דער העברעיִשער מעכאַבער איז געוואָרן אַ זשאַרגאָנישער, ווי שאָלעם-יאַנקעוו אַבראַמאָוויטש איז געפאַנגען געוואָרן אין קלאַמערן און דעם איבנאָן האָט פאַרנומען אַ נײַער נאָמען סענדערל מויכער-ספאָרים.

די אָדעסער ליבהאָבער און באַשיצער פון דער הייליקער שפּראַך האָבן זיך געוויצלט און געכויזעקט, אויס שאָלעם-יאַנקעוו, נאָר צוליב וואָס זיך באַהאַלטן אונטערן נאָמען סענדערל מויכער-ספאָרים, אַז עס קליידט אים אַזוי דער נאָמען „דאָס קליינע מענטשעלע"...

אַלע האָבן געוואָרט און יעדן האָט אינטערעסירט, וואָס וועט אָף דעם ווערק זאָגן דער רעדאַקטאָר אַלעקסאַנדער צעדערבוים.

ווען „דאָס קליינע מענטשעלע" איז אַרײַנגעפאַלן צו צעדערבוימען אין די הענט, האָט ער עס אָפּגעוואָרפן פון זיך און איז אַופגעשפּרונגען אַ דערשראָקענער.

— וואָס? ווידער אַ פאַמפלעט? ווער איז דאָס קליינע מענטשעלע? וועמען מיינט ער עס, דער מעכאַבער? וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרשטעלעניש? וואָס איז דאָס פאַר אַ סענדערל? איז עס ניט קיין אָנצוהערעניש, אַז איך, אַלעקסאַנדער, האָב אַמאָל געהייסן סענדערל? סאַראַ בוצפּע! אין מײַן וואָכנשריפט שיקן אַ פאַמפלעט קעגן מיר, דאָס דאַרף מען קאָנען!...

זײַן לאַנגע אײַנגעבויגענע נאָז איז נאָך לענגער געוואָרן, דאָס רעכטע אויג, וואָס איז בײַ אים שטענדיק געווען קלענער, האָט איבערגעשטיגן דאָס לינקע. אַלץ אין אים האָט געשריגן — איך בין ניט קיין סענדערל! מײַן נאָמען איז אַלעקסאַנדער! ווו נאָר אַ קאַהאַלשער איניען קאָן מען זיך אָן מיר ניט באַגיין, ווו אַ צאַרע, וואַלגערט מען אַרוף אַף מיר, און אַט האָסטו דיר, אַט דאַנקט מען דיר אָפּ.

ניין, אַזוי וועט עס ניט גיין, מ'באַדאַרף בײַטן דעם נאָמען פונעם ווערק און דעם נאָמען פון מעכאַבער.

דער רעדאַקציע-מיטאַרבעטער האָט דערוויזן, אַז ס'איז אומעגלעך ענדערן דעם נאָמען פונעם ווערק. „דאָס קליינע מענטשעלע" איז ניט גלאַט אַ נאָמען, נאָר דער הויפּט-געדאַנק, וואָס איז דורכגעוועבט דורך און דורך אינעם ווערק. דאָס איז דער טאַך, די קאַוואָנע און פונעם מעכאַבער.

און וואָס שײַך דעם פּסעוודאָנים פון שאָלעם-יאַנקעוו אַבראַמאָוויטש, איז אין דעם ניט פאַראַן די מינדסטע פאַרבאַרגענע אָנצוהערעניש קעגן רעדאַקטאָרס פּערזאָן.

צעדערבוים האָט אָפּגעלאָזן „דאָס קליינע מענטשעלע", באַטראַכט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל דעם „סענדערל מויכער-ספאָרים", וואָס האָט זיך פאַרקליבן אינעם אויבנאָן פון ווערק. ער האָט געטראַכט און געטראַכט און מיט עטלעכע דיקלעכע שטריכן פאַרמעקט דעם נאָמען סענדערל און אויבן, מיט דריבנינקע אויסיגלעכער אָנגעשריבן — מענדעלע.

און אַזוי איז שוין דער נאָמען מענדעלע פאַרבליבן אַף אייביק. מיט דעם נאָמען האָט זיך אַבראַמאָוויטש געעלטערט און איז געוואָרן דער זיידע פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

גאָספּאָדינו מענדעליִו באַראָף מען ניט

אבראמאָוויטש האָט זיך לאַנג ניט געקאָנט צופּאַסן צום נאָמען מענדעלע, אים האָט אַלץ ווי געטאָן פאַרן נאָמען פונעם קאַפּוליער מויכער-ספאָרימניק סענדערל, וואָס איז אַרונטערגעפאַלן אונטער צעדערבוימס כּשאַד און אויסגעמעקט געוואָרן אויף שטענדיק.

— מענדעלע, — פלעגט אבראמאָוויטש זיך אויסריידן דאָס האַרץ פאַר זײַן פרוי און פאַר זײַנע פרײַנט, — איז עפּעס ניט דאָס, ס'איז ווי אַן אָנטליִענער מאַלבעש, וואָס שטייט אויף פון לײַב.

א נאָמען דאַרף עפּעס זאָגן, א נאָמען דאַרף דערמאָנען, טאָר ניט לאָזן פאַרלאָרן גיין פון די געדעכענישן אָט דעם, וואָס לעבט אין אונדז, צווישן אונדז...

א קינד, אַז עס קומט אויף דער וועלט, איז וואָס עס טוט זיך אויף צווישן טאַטע-מאַמע ביז מע געפינט אויס דעם פּאַסיקן נאָמען — ווײַל ער נאָך זײַן טאַטן, זאָגט זי, אַז איר טאַטע איז ניט ערגער פון זײַנעם.

שטעלט ער אַרויס דעם זיידן, זאָגט זי, אַז נאָך א זיידן וועט זיך שטענדיק געפינען אַן אייניקל, וואָס וועט טראָגן זײַן נאָמען, איר פעטער, וואָס איז יונג אַוועק פון דער וועלט, איז בילכער.

געפעלט אים מוישע, געפעלט איר יִצחאָק, ער שטייט אײַנגעפעסט פאַר זײַן מישפּאָכע, און זי טרעט אויף קיין האָר ניט אָפּ פון איר מישפּאָכע, מע ייִכעסט זיך, ווי באַם ווערן כאַסן-קאַלע.

הײַנט וואָס איז שוין דאָ צו ריידן וועגן א נאָמען פון א שרײַבער? א נאָמען זאָגט א סאַך, א נאָמען דאַרף זאָגן א סאַך!..

פאַלינען, אבראמאָוויטשעס פרוי, איז דאַפקע דער נאָמען מענדעלע בעסער געפעלן געוואָרן ווי סענדערל.

די קינדער און א סאַך פון זײַנע נאָענטע פרײַנט איז ניט געפעלן געוואָרן ניט מענדעלע און ניט סענדערל.

— נו, און מאַרק טווען געפעלט אײַך? — האָט זיך אבראמאָוויטש געבייזערט, וואָס זײַנע סאַמע נאָענטסטע פאַרשטייען ניט דעם טאַך און מיין פון זײַן פּסעוודאָנים.

סאַמועל קלעמענס איז צוזאַמען מיט מיר אין איין יאָר געקומען אויף דער וועלט. זײַן יוגנט איז אַדורך אויפן טײַך מיסיסיפּי צווישן די מאַטראָסן-יונגען, וואָס האָבן געמאָסטן און שטענדיק געוווּסט די טיפן און די הייכן פון די וואַסערן, דעם גאַנג פון די טײַכן.

ווערנדיק א שרײַבער, האָט סאַמועל קלעמענס זיך א נאָמען געגעבן מאַרק טווען. דאָס איז ניט געווען קיין שפּאַס, קיין הומאָריסטיש שפּיצל, נאָר א טיפער מיין דערבײַ. מיט דעם פּסעוודאָנים האָט קלעמענס געוואָלט, אַז די ליבע מאַטראָסן-יונגען זאָלן אים שטענדיק שטיין פאַר די אויגן, און ער, דער שרײַבער, זאָל שטענדיק וויסן דעם גאַנג און הייך פונעם לעבן, ווי זיי וויסן דעם גאַנג, די טיפן און הייכן פון די וואַסערן...

די מויכער-ספאָרימניקעס, דאָס זײַנען אויך מאַרק טווענס, א באַזונדער אַרט מאַרק טווענס — זיי האָבן מיט זייערע סקריפּענדיקע רעדער געמאָסטן די פאַרשאָטענע זאַמדן, די בלאָטעס, די הייכן און טיפן פון אַלע אומגליקן און צאָרעס.

נישקאָשע, זיי שטייען מיר אָן, די מויכער-ספאָרימניקעס, ס'איז דאָ א סאַך וואָס צו לערנען בא זיי.

די געשיכטע מיטן נאָמען האָט לאַנג ניט געקאָנט פאַרגעסן ווערן. און שטענדיק, ווען נאָר מ'פלעגט דערמאָנען פאַר אבראמאָוויטשן צעדערבוימען, פלעגט ער זיך אָנצינדן — זאָל איך ניט הייסן מענדעלע, אויב איך וועל אַמאָל פאַרגעסן סענדערלען. אויב איך וועל זיך פאַר אים ניט אָפּרעכענען...

* * *

עס זײַנען דורכגעגאַנגען יאָרן. אבראמאָוויטש האָט זיך באַזעצט אין אָדעס און איז באַרימט געוואָרן אַלס מענדעלע מויכער-ספאָרים.

צעדערבוים האָט זיך באַזעצט אין פּעטערבורג, ער איז באַרימט געוואָרן אַלס דער אַרויסגעבער פון דער העברעישער און ייִדישער פּרעסע, פון דעם „וועסטניק רוסקיך יעוו-

דייען" און „ראסוועט". נאָכדעם האָט ער זיך אַ נאָמען געמאכט אַלס ערשטער קאָכלעפל, וואָס איז אויסגעבונדן און אויסגעקניפּט מיט דער העכסטער נאטשאַלסטווע, בא וועמען ער שלאָגט אָפּ די שוועל און האַלט אין איין אויסבעטלען טויוועס.

— ניטאָ אַזאַ פּאָדערטיר, — האָט צעדערבוים זיך אַליין ניט אויפגעהערט רימען, — זי זאָל זיך פאַר מיר ניט עפענען. ניטאָ אַזאַ גובערנאַטאָר און אַזאַ פּאָליצמייסטער, איך זאָל בא אים ניט זײַן, איך זאָל בא אים עפּעס ניט פּויעלן. וואָס דאַרפט איר מער, דעליאַנאָוו, דער מיניסטער פון פאָלקס-בילדונג, נעמט מיך אויף אין יעדער צײַט, אַפילע אויסער זײַנע אָפּי-ציעלע אויפנאַם-שטונדן.

אַרײַנפאַלנדיק אין היספּיצלעס פון זײַנע אויפטועז, פלעגט צעדערבוים זיך אונטערשרײַבן אַלעמאָל אונטער אַ מער קאָנקרעטיקן פּסעוודאָנים.

אַבראַמאָוויטש האָט געוווסט, אַז דרוקן אַ פּאַמפלעט קעגן צעדערבוימען וועט קיינער זיך ניט דערוועגן. אָבער נישט שרײַבן האָט ער שוין מער ניט געקאָנט, און ס'איז אַוועק אַ בריוו-אויסטויש צווישן מענדעלע מויכער-ספרים פון טונעיאַדעווקע און רעב סענדערן פון באַלטונעווע.

די אַדרעסירטע בריוו אין באַלטונעווע זײַנען איבערגעכאַפּט געוואָרן אין אַ סאַך שטעט און שטעטלעך. מ'האָט זיי איבערגעשריבן און געכאַזערט אָף אויסווייניק.

אומעטום האָט מען געקוואָלן און געקײַכט פאַר געלעכטער — רעב מענדעלע האָט שוין אויעקגעפּאַטערט נאָך אַ באַלטויווע.

עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך ניט געפּוילט און איבערגעשיקט אָט די בריוו אָף זייער ריכטיקן אַדרעס קיין פּעטערבורג צו אים, צו צעדערבוימען.

צעדערבוים איז געווען שטאַרק געטראָפן, איין קלייניקײַט, אים, אַלעקסאַנדערן, אָנרופן מיט זײַן אַלטן קליינשטעטלדיקן נאָמען סענדער, אים, דעם פּעטערבורגער, מאַכן פאַר אַ באַלטונעווער, וואָס שטאַמט פון שוירעש באַלטון — אַן אָנצוהערעניש אָף זײַן פּלאַפּלערײַ.

מענדעלע האָט געוווסט, אַז צעדערבוים האָט שטאַרק ניט ליב אַדעס. אַדעס איז געווען דער וואַלקן, וואָס פאַרטונקלט זײַן שײַן. די דאָרעמדיקע שטאָט דערמאָנט אים, אַז ער, דער פּעטערבורגער צעדערבוים, דער לאַנד-שטאַדלען, וואָס קען פּערזענלעך אַלע אָנגעזעענסטע רעגירונגס-באַאַמטע, האָט אַמאָל, ניט היינט געדאַכט, אין אַדעס געציפּערט, געכעזשבנט און געציילט פרעמדע קאַפּיטאַלן — געווען אַ בוכהאַלטער אין אַ מאַנופאַקטור-געשעפט!

נאָר דאָס וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צאָרע, אין אַדעס האָט ער געהאַט אַ קראָם פון פאַרטיקע קליידער, זיך אַליין אויסגעלערנט צושנײַדערײַ פון די פראַנצויזישע מאָדע-זשור-נאַלן און איז געווען פאַרבונדן מיט די אַדעסער שנײַדער-יונגען.

מענדעלע האָט אָנגעטאַפּט איך אָט דאָס שוואַכע אָרט און גענומען דערמאָנען צעדער-בוימען דאָס, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט פאַרגעסן.

ערשטער בריוו

א גרוס פון די אַדעסער שנײַדער איבערגעגעבן דורך מענדעלע פון טונעיאַדעווקע צו סענדערן פון באַלטונעווע.

ליבער רעב סענדער!

גרויסער אַלעקסאַנדער, וועמענס נאָמען עס קײַקלט זיך ווי אַ ווידערקאָל פון איין עק וועלט צום צווייטן, זײַן ליכט זאָל שײַנען און באַשײַנען די וועלט!

עס דרייט זיך אונדז דער קאָפּ און עס שווינדלט אונדז אין די אויגן, ווען מיר ווענדן אונדזער בליק צו אַזאַ הויכן צעדערבוים ווי איר זײַט! וואַקסן זאָלט איר אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז קיין שום ריז זאָל זיך ניט קאָנען פאַרגלײַכן מיט אײַך. אָמיין.

דער רייעך פון אײַערע טויוועס צעטראָגט זיך ווי דער רייעך פון די בעסטע געווירצן. איר שטעלט זיך פאַר גאָרנישט ניט אָפּ און ציט די פּאַסטריגעס פון יעדן בעגעדל און יעדן מונדירל... איז זאָל גאָט געבן, אַז איר זאָלט זיך בעקאָוועד גאָדל שטענדיק קאָנען באַגיין אָן אַ נאָדל, אַז איר זאָלט קיינמאָל ניט בלײַבן אָן אַ שטאָך אַרבעט, אײַערע פיס זאָלן קיינ-מאָל ניט מיד ווערן לויפנדיק און אײַער מויל זאָל זיך קיינמאָל ניט צומאַכן און האַלטן אין איין בעטן, אַז מע בעט, בעט מען אויס!

דאָס, וואָס איר האַלט זיך ווי אין די שנײַדער-יאָרן בא דער מאָדע, דאָס איז אַלפּי אונדזער שנײַדערשן סייכל זייער אַ וויכטיקער איניען. ווײַבאַלד איר זײַט אין דער מאָדע,

וועט איר קיינמאָל ניט אָפּשטיין און קיינמאָל כאַסוועכאַלילע ניט אָפּגעשטויסן ווערן פון דער הויכער נאַטשאַלסטווע. ווער-ווער, נאָר מיר, שנײַדער, ווייסן דאָך, אַז קיין בעסערע באַשטע־לער ווי נאַטשאַלסטווע איז גאָר אױף דער וועלט ניטאָ. טאָ האַלט זיך פעסט בײַ זיי און גיט זיי נאָך אַלע ווייטיקן.

לעבט אײַך בעשאָלעם מיט אונדזערע פרידליאַנדס, פּאָליאַקאָווס און גינצבורגס, וואָס האָבן מער ווי א דרײַערל אױף שאַבעס, דערצו נאָך מיט א גרויסן שעם אױף דער וועלט. אַרום א פעטן טאָפּ איז זיך גוט צו רײַבן.

אונדז פרייט שטאַרק דאָס האַרץ, וואָס אויך איצט האָט איר צו טאָן מיט זשורנאַלן, פּראַוודאַ, ניט מיט קיין פּראָנצויזישע מאָדע־זשורנאַלן, נאָר מײלע, זאָל זײַן פון א קאָזאַק, אַבי צום לעבן!..

בײַ אונדז, אָדעסער שנײַדערס, איז קיין איבעריקע נײַס ניטאָ. ווי זאָגט מען עס, די נאָדל גייט און דער שלימאַזל גייט נאָך, קוים וואָס מע פאַרדינט אױפן שטיקל ברויט.

איז דערמאָנט זיך, גרויסער אַלעקסאַנדער, אַז איר אַליין, ניט הײַנט געדאַכט, זײַט געווען אַמאָל ניט מער ווי א סענדער און אָפּגעלעקט א ביינדל פון שנײַדערײַ.

מיר מיינען כאַסוועכאַלילע ניט קיין נעדאָווע, מיר מאַכן נאָר א שנײַדערשן כעזשבן. נאָר ווי קומען מיר צו אַזױנע הויכע מאַטעריעס רעדן מיט אַזאַ באַלכעזשבן, ווי איר, וועגן כעזשבוינעס.

איז זײַט זשע אַזוי גוט און איך א פּרײַער מינוט גיט א רעכן אויס, וויפל איר האָט אָפּגעריסן, וויפל איר האָט ניט דערגעבן און וויפל איר האָט פאַרדינט אין אונדזערע ברידער שנײַדערס, וואָס האָבן געניית פאַר אײַער קראָם פון גרייטע קליידער. דאָס וועט הייסן אי א כיוו אָפּגעצאָלט, אי א מיצווע אַרײַנגעכאַפּט, אי א טויווע געטאָן. איר האָט דאָך ליב טאָן טויוועס!

זײַט געזונט און שטאַרק און פאַרבלײַבט אױף אייביק און שטענדיק דער גרויסער באַל־יוישער און דער נאָך גרעסערער באַלטויווע, וואָס הערט זיך ניט אױף זאָרגן פאַרן קלאַל ייִס־ראָעל.

פון אונדז אַמכאָ שער און אײַזן, אײַערע געוועזענע קאָלעגן.

אָדעסער שנײַדערס.

צווייטער בריוו

א שיינעם דאַנק פאַרן שנײַדערשן גרוס, איבערגעגעבן דורך סענדער פון באַלטונעווע צו מענדעלע פון טונעיאַדעווקע.

א שיינעם דאַנק, רעב מענדעלע, פאַרן שנײַדערשן גרוס, וואָס איר האָט מיר איבערגע־געבן. ווײַזט אויס, שוין א פאַרפאַלענע זאַך. אין אײַך האָט זיך באַזעצט א מעפיסטאָפל, ווי א דיבוק, ניט אַרויסצוטרײַבן אים פון אײַך.

אָן א ביס און אָן א ריס, אָן א קרעל, אָן א געלעכטערל און אָן א כויזעקל קאָנט איר זיך גאָרניט באַגיין. גאַגאָל און שטשעדרין האָבן אײַך געלאָזט גריסן...

זיי האָבן אײַך אַראָפּגעפירט פון גלײַכן וועג, זיי האָבן אײַך געפּאַטערט, זיי האָבן אײַך פאַרסאַמט מיטן גאַליקן ביטערן סאַם, וואָס הייסט סאַטירע.

מעוואַטל מאַכן, אויסלאַכן, מאַכן צונישט, דאָס איז פון די סאַמע גרינגסטע זאַכן. ווען איר זאָלט וויסן, ווי דאָס פאָלק נייטיקט זיך אין טויוועס און ווי שווער עס קומט אָן יעדע טויווע, וואָלט איר אַזוי ניט גערעדט. א באַלטויווע איז בײַ אײַך, לעהאַוודל, ניט בעסער ווי דער ערגסטער ייִדן־פײַנט.

איר וואָלט אָפּנעם געוואָלט, איך זאָל אָנהייבן ריידן אױף אײַער קליאַטשע־לאָשן קעגן די „פּאַנסקע צאַפּעס”, ווי איר דערלויבט זיך אָנרופן אונדזערע האַרן און מיניסטאָרן, אין וועמענס זכוס מיר אַלע לעבן. אָ, ניין! דאָס וועט קיינמאָל ניט געשען!..

איר דערשאַצט ניט, רעב מענדעלע, דעם קויעך פון א זיפּץ און פון א טרער. א הייסע טרער קאָן שטיינער שפּאַלטן. דער איינציקער פּלאַסטער צו אַלע אונדזערע מאַקעס איז נאָר א גוט האַרץ פון א מיניסטער, א גוט וואָרט פון א פּאָליצמייסטער.

אין אײַער שנײַדערשן גרוס איז פאַראַן נאָר א בייזע אָנצוהערעניש, וויבאַלד א נאָגיד, א באַלעבאָס, א געשעפטסמאַן, איז עס א פּיאַווקע, וואָס זויגט אויס די בלוטן פון עם אַרבע־טער און האָרעפּאַשניק. דאָס איז גאָר א געפערלעכע אַפּיקאָרסעס, דאָס הייסט פּאַשעט טרייס־לען די יעסוידעס פון אונדזער אָרדענונג.

און ווײַטער, באַ לײַטן, אַז אַ מענטש ווערט אופגעריכט, גרויסט מען זיך מיט דעם און מע דערמאָנט קיין וואָרט ניט, אַז אַמאָל איז ער ווײַט ניט געווען דאָס, וואָס איצט. און איר טיטשעט מיט די פינגער, קוקט אים אָן, דעם אַלעקסאַנדער, ער האָט גאָר געהייסן סענדער און געהאַט אַמאָל אַ שײַכעס צו שנײַדערײַ.

וואָס איז שײַעך צו רעדן — קינע! פון קינע קומען אַלע אומגליקן. קינע געבוירט אומזיסטיקע סאָנים, און אַן אומזיסטיקער סוינע איז דער סאַמע געפערלעכסטער סוינע.

נאָר לאָזן סאָנים ריידן צעזעצטערהייט. אַלעקסאַנדער וועט ניט אופהערן טאָן טויוועס פאַרן קלאַל יִסראָעל.

לאַנגע בייזע ווינטן בלאָזן, דער צעדערבוים בלײַבט אַ צעדערבוים.

דריטער בריוו

מענדעלע פון טונעיאַדעווקע זאָגט שאַרף אַרײַן סענדערן פון באַלטונעווא און בעט אים, אַז ס'זאָל זײַן לעראָצן די רייד פון זײַנע לעפצן.

איך אײַל מיט מײַן ענטפער, רעב סענדערל, ווײַל איר האָט מיך שטאַרק אופגעבראַכט מיט אײַער פאַבריקן בריוו. די מינוטן פון קאַס, זאָלט איר וויסן, זײַנען די בעסטע מינוטן אַף אָנצופאַלן. די מוזע פון סאַטירע דאָס איז קאַס. מיט קאַס טאָר מען ניט איבערנעכטיקן, עס וועפּט זיך אויס ווי אַ האַרבע מאַשקע — אָט ביסטו טויט-שיקער, זיך דורכגעשלאָפן — און דו שטייסט אוף אַ ניכטערער ווי גאָרניט געווען.

איר האָלדערט, רעב סענדער, ווי אַן אָנגעבלאָזענער אינדיק און קאָנט זיך גאָרניש אָפּלויבן פון אײַער אַלעקסאַנדער-נאָמען. נאָר ווער-ווער, איר ווייסט דאָך מינאַסטאַם, אַז ניט יעדער אַלעקסאַנדער איז אַ מוקדן...

אײַער פאַמיליע צעלייגט איר אַף טעלערלעך — צעדערבוים אַהער, צעדערבוים אַהין. אײַער פאַמיליע איז אײַך אַזוי שטאַרק געפעלן, אַז איר האָט זי אַפילע איבערגעזעצט אַף העברעיִש און שרײַבט זייער אָפּט אונטער אֶרז, אָן אָנדײַטונג, אַז איר געהערט צו די שטאָלצע, אַז אײַערע פּיס קניִען זיך אַליין פאַר יעדן טשינאָווניקל, ווי די פּיס פון די קעמלען אין די זאַמדן פון מידבער.

קיין איין לעץ אין דער וועלט וואָלט ניט געקאָנט צוטראַכטן קיין גרעסערן כויזעק ווי דאָס, וואָס איר הייסט צעדערבוים, ס'איז פונקט ווי אופהענגען אַ שילד אַף אַ קלייט פון זעגעכץ, אַז דאָ פאַרקויפן זיך די שענסטע בלומען מיט די פײַנסטע בסאָמים.

אײַער צײַטונג הייסט דער „המליץ” און איר אַליין שטעלט זיך אומעטום אַרויס אַלס מיליץ יוישער. ווען איר וואָלט כאָטש איינמאָל ווי ס'דאַרף צו זײַן אַראָפּגעניִדערט איימעק האַבאָכאָ, אינעם טאָל פון געוויין, וואָלט איר מער ניט געטריפט מיט קיין בוימלדיקע צוקער-זיסע ריידעלעך. איר וואָלט געשריגן, יעדעס וואָרט אײַערס וואָלט ווי אַ האַמער געבראָכן און אופגעריסן שטיינער! איר וואָלט ניט פאַרוויגט, נאָר געוועקט, געשטורעמט!

יאָ, יאָ, קליאַטשע-לאָשן, ס'מעג אײַך אָנשטיין! גענוג מיט אײַער קליאַטשע-לאָשן.

איר לאַכט פון מײַן געלעכטער, פון מײַן כויזעק, יאָ, געלעכטער איז פאַר אײַך פרעמד, דער כאַניפישער שמייכל, וואָס גייט קיינמאָל ניט אַראָפּ פון אײַערע ליפּן, האָט באַרויבט באַ אײַך דאָס געלעכטער.

באַ וויקטאָר הוגאָ איז פאַראַן אַ ווערק, וואָס הייסט „דער מענטש, וואָס לאַכט”, וועגן אײַך וואָלט מען געקאָנט אָנשרײַבן אַ סייפער — דער מענטש, וואָס לאַכט ניט.

לאַכן הייסט ווידערשפעניקן, און שמייכלען הייסט אונטערגעבן, שאָלעם מאַכן מיט אַלדאָס בייז.

וואָס שײַעך גאַגאָלן און שטשעדרינען, מעגן אַלע אײַערע דעליאַנאָווס די קאַפּאָרע ווערן פאַר זייער מינדסטן נאָגל. דעליאַנאָווס קומען און פאַרשווינדן, לאָזן נאָך זיך ניט איבער קיין זייכער, און אַזעלכע, ווי גאָגאָל און שטשעדרין, זײַנען אייביק.

אײַך שרעקט זייער סינע. איז האָט קיין מוירע ניט, זייער סינע דאָס איז דער דונער און בליץ, וואָס ברענגען מיט זיך דעם רעגן אַף באַפרוכפּערן, אַז אַלץ זאָל בליִען, אַז אַלץ זאָל וואַקסן, אַז אַלץ אַרום זאָל זײַן שיין.

שרײַבער מיט קאַלטע לונג-און-לעבערס, וואָס צעלייגן קיינמאָל ניט די שײַטערס פון סאַטירע אין זייערע ווערק, זײַנען קיין שרײַבער ניט. פון זיי איז ניט קאַלט און ניט וואַרעם. זיי געהערן צו די טויטע נעפאַשעס, און זאָלן זיי זײַן ווײַט אָפּגעשיידט פון אונדז.

נאָר ווי ביטערע גאַל עסט ניט אויס דעם זשאַווער, דרינגט ניט אַרײַן קיין שטראַל פֿון ליכט און האָפֿענונג.

איר, רעב סענדער, האַלט שטאַרק פֿון אַ טרער, נאָר אײַער טרער איז אַ וואַסערדיקע, אַ מוטנע, ווי די טרער פֿונעם קליינשטעטלדיקן טראַגיקער, וואָס ברעכט די פֿינגער, רײַסט זיך די האָר און פּרוּווט מיט הויך קנאַקנדיקע ווערטער אײַנרעדן, אַז ער לעבט טאַקע איבער. נאָר ווער גלייבט אַזאַ, אַז אַלץ איז בײַ אים געמאַכט, אַז ער איז פֿאַלש פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. גאַגאָלס און שטשעדרינס טרער, געלײַטערט דורך געלעכטער, איז אַ בלוטיקע טרער, זי ליגט פֿאַרבאָרגן אין די סאַמע טיפֿענישן פֿון האַרצן, ווי דער דימענט אין די טיפֿענישן פֿונעם יאַם. זייער טרער רירט, זייער טרער ליכט און באַלויכט אַלע פֿינצטערע וועגן און אָנוועגן.

איך פֿאַרשטיי, רעב סענדער, איר טראָגט אַ האַרץ אויף גאָגאָלן און שטשעדרינען, ווײַל זיי בײדע האָבן שטאַרק אָנגערירט אײַערע טשינאָווניקעס, אײַערע האַרץ און האַרעלער, פֿאַר וועמען איר האַלט זיך אין איין בוקן. נאָר אויב עמעצנס אַ שוואַכער קאָפּ האָט באַקומען אַ זונענשלאָג, קאָן מען זיך דערפֿאַר ניט בייזערן אויף דער זון און שרײַען, אַז די זון איז איבעריק און ברענגט שאָדן אויף דער וועלט.

פֿון אײַער בריוו, רעב סענדער, איז אויך צו זען, אַז איר קימערט זיך זייער שטאַרק פֿאַר די יעסוידעס פֿון דער אָרדענונג, פֿאַרן וווּל פֿון די אַלע פּיאַווקעס און בלוטזויגערס, איר פֿאַרלאַנגט אַפּאָנעם, אַז אַלץ זאָל זײַן ווי ס'איז און ס'זאָל ניט געשען קיין שום נײַס אונטער דער זון.

נאָר דאַ קום איך ווידעראַמאָל פֿאַרומערן אײַך דאָס האַרץ, ווײַבאַלד אויף דער וועלט האָבן זיך באַוויזן אַזעלכע ווי גאָגאָל און שטשעדרין, קאָן שוין די וועלט ניט זײַן אַזאַ ווי זי איז געווען. צו שאַרף און סמיק זײַנען זייערע פֿײַלן.

פֿאַראַן נאָך, רעב סענדער, אַ סך, אַ סך וועגן וואָס צו ריידן מיט אײַך, ווײַל אַלץ, וואָס בײַ אײַך איז טאָג, איז בײַ מיר נאַכט, און אַלץ, וואָס בײַ אײַך איז שוואַרץ, איז בײַ מיר ווײַס. יעדער מענטש, ווײַזט אויס, איז אַ מין באַזונדער וועלטל פֿאַר זיך, ווי זאָגט מען, יעדער מענטשל האָט זיך זײַן טענדוענצל...

זײַט געזונט און שטאַרק און זאָל אײַך זײַן לעראָצן די רייד פֿון מײַנע לעפֿצן, האַקאָטן מענדעלע.

פּ ע ר ט ע ר ב ר י ו ו

סענדער פֿון באַלטונעוואָ פּרוּווט דערווײַזן מענדעלען פֿון טונעיאַדעווקע, אַז ער איז באַשיידן און הערט ניט אויף זיך אַליין לויבן אין טאָג אַרײַן.

ווײ, ווײ, רעב מענדעלע, וואָס איר האָט דאָס געמאַכט פֿון מיר אין אײַער לעצטן בריוו. איר האָט שוין ניט געוווּסט, וואָס אויסצוטראַכטן און האָט מיר פֿאַרגליכן צו אַ קליינשטעטל-דיקן טראַגיקער. איז מיט וועמען זאָל איך אײַך פֿאַרגלײַכן? ווײַל ווער נאָך, ווי איר, קאָן אַזוי די מעלאָכע פֿון פֿאַרשטעלן זיך.

אײַער ווערעלע איז אַ צעבראָכנס, אַ סקריפּענדיקס, אײַער פֿערדל, קוים וואָס עס פּלאָנ-טערט מיט די פֿיס, און איר אַליין מאַכט זיך פֿאַר אַ ניונקעלע, אַ נעבעכל, וואָס קאָן קיין צוויי ניט ציילן, וואָס קאָן קיין פֿליג אָפּן וואַנט ניט אָנרירן און טרעט אָפּ אַלעמען דעם וועג— אַני האַקאָטן מענדעלע.

און אָט דאָס מענדעלע, אַז עס גייט אַרײַן אין גרימצאָרן, אַז עס צעפּאָכעט זיך מיט דער טונעיאַדעווקער בײַטש, איז זאָל גאָט אָפּהיטן! דוכט זיך, קליין און דערלאַנגט דעם גרעסטן. איר טאַטשעט די וואָרצלען פֿונעם צעדערבוים און פֿאַרגעסט, ווי איר אַליין און צענד-ליקער אַזעלכע, ווי איר, האָבן זיך געפֿונען אין די הייסטע צײַטן אינעם שאָטן פֿון דעם צע-דערבוימס צווײַגן. איך און ניט קיין אַנדערער האָב אַרײַנגעפֿירט אין דער ליטעראַטור אַלע עלטערע און ייִנגערע העברעיִשע און ייִדישע שרײַבער פֿון מײַן צײַט.

איך און ניט קיין אַנדערער האָב אויף מײַנע פּלייצעס צוויי דורעס שריפֿטשטעלער אי-בערגעטראָגן, ניט געשלאָפֿן און ניט גערוט, טאָג ווי נאַכט זיך מאַקריוו געווען אַלץ לעטווי-וועס האַקלאַל.

איר, רעב מענדעלע, לאָזט מיר די גאַנצע צײַט שפּילקעס, אַז איך בין ניט באַשיידן, נאָר איין גאָט ווייסט דעם עמעס, אַז איך האָב זיך קיינמאָל ניט געלאָזט וואַרטן אויף קאָוועד,

זיך ניט געלאָזט בעטן און אַלעמען אויסגעשטרעקט די האַנט מײַנע, אַלעמען געהאָלפֿן, איך זאָל אַזוי געהאָלפֿן ווערן ווו איך וועל זיך קערן און ווענדן.

קיינמאָל האָב איך קיין פֿרײַע מינוט, קיינמאָל האָב איך קיין צײַט ניט. מיר דוכט, אַז ס'איז נאָך ניט געווען אַזאַ צײַט, אַז אַ מענטש זאָל אַזוי קיין צײַט ניט האָבן, ווי איך האָב קיין צײַט ניט!

פֿיר אַזייגער פֿאַרטאָג שטיי איך שוין אויפֿן פֿוס-בענקעלע און שרײַב ביז צען אַזייגער אָן אויפֿהער.

דאָס ערשטע גיב איך אַוועק אַ גאָב מײַנע סאָנים. פֿאַרגעסט ניט, אַז איר זײַט בײַ מיר ניט דער איין-און-איינציקער... דערנאָכדעם לייג איך דעם פֿונדאַמענט, איך שרײַב אָן אַ קעלער. ווערט פֿאַרטיק דער קעלער, נעם איך זיך צום בוידעם, צום לייטאַרטיקל, און ערשט דערנאָך גייט אַוועק אַ סעדרע פֿון בריוו.

מע באַוואַרפֿט מיך מיט בריוו, לויט די קאָנווערטן, לויט די אָנגעשריבענע אַדרעסן, לויט די קסיווע'לעך, לויט די אויסלייגעכצן פֿון די נעמען, לויט די שיטערדיקע אויסי'עס פֿון וואָרט „רעדאַקציע" און לויט דער גרייס און געדיכטעניש פֿון וואָרט „גאָספּאָדין" דערקען איך דעם מעכאַבער און ווייס אַף צו פֿרי'ער, וואָס ער האָט דאָרט אָנגעשריבן. ווידערשפּעניקע מיימאָרים אַף גאָט, אַפֿן קייסער, אַף מאָשי'עכן און אַף נענאַטעקע גלײַך אין קאָרב אַרײַן.

אַף אַ פֿאַרליבעניש סײַ אין דיכטונג און סײַ אין פּראָזע ענטפֿער איך קורץ און שאַרף: איך בין שוין אַלט און די טעמע איז פֿאַר מיר צו יונג.

וועגן אַ סרייפֿע, וועגן אַ מאַגייפֿע, וועגן אַן אויפֿגעריכטן באַלעבאָס, וועגן אַ באַלטויווע, וועגן אַ לײַטישן גובערנאַטאָר און אָנשטענדיקן פּאָליצמייסטער — גלײַך צום דרוק.

פֿאַרענדיק איך מיט די בריוו, דערמאָן איך זיך וועגן אַ ניט-אָנגעשריבענעם מיימער וועגן אַן ערשט דערשינענעם סייפֿער, וועגן אַ נײַ אויפֿקומענדיקן טאַלאַנט, און איך שרײַב, שרײַב אָן אָן אויפֿהער!

די געדאַנקען באַווײַזן בײַ מיר ניט נאָכלויפֿן נאָך דער פּען, ניטאָ וווּ אַ טראַכט צו טאָן וועגן אַן אויסדרוק, וועגן אַ וואָרט. בײַ מיר האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפֿן, איך זאָל איבערשרײַבן, איבעראַרבעטן, בײַ מיר איז שטענדיק די ווייץ מיט דער פּאָלאָווע, דאָס קערל מיטן שאָלעכץ.

פֿון זשאַרגאָן רעדט מען שוין ניט. אַז איך שרײַב אין זשאַרגאָן, איז מײַן האַנט אַ שנעלצוג, ווי זאָגט מען עס: „יאַק ריידעלע, אַבי דאָברע מיינעלע".

נאָך דעם הייבט זיך אָן אַ סעדרע „פּראָשעני'עס", „זאַיאַווליעני'עס", „זשאַלאָבעס", „קאַסאַציעס" אאַוו. אדג.

גלײַך נאָך דער קאַטאָרזשנער שווערער פּען-אַרבעט הייבט זיך אָן דאָס ריידערײַ, דאָס געבעטערײַ. ווען ס'זאָל פֿאַרצייכנט ווערן אַלץ, וואָס איך ברענג אַרויס פֿאַר די פֿאַרשיידנסטע מיניסטאָרן און אָנגעזעענסטע לײַט, וואָלט יעדער טאָג זיך באַקומען אַ גראָבער סייפֿער.

הײַנט וווּ איז אַ יובילײ, אַ באַנקעט, אַ לעווײַע, אַ כאַסענע, אַ געבורטסטאָג, אַ כאָגע. און מיר פֿיקן די צונג באַדאַרף מען ניט, ווען איך לעב אָפּ דרײַ מאָל אַזויפֿיל, ווי איך האָב שוין אָפּגעלעבט, וואָלט מיר ניט אויסגעפֿעלט קיין רייד-מאַטעריאַל, וואָלט איך נאָך אַלץ געהאַט פֿון וואָס צו ריידן.

איך ווייס ניט נאָר די געשיכטע פֿון פּעטערבורג, פֿון יעדער גאַס, פֿון יעדן הויז און פֿון יעדן אײַנוווינער, נאָר מיר זײַנען זייער גוט באַקאַנט די פֿאַרבאָרגענע, די סוידעס פֿון דער שטאָט. וועקט מיך אויף אינמיטן דער נאַכט, וועל איך אײַך דערציילן אַלץ, וואָס עס טוט זיך הינטערן נאָגל בײַ יעדן איינעם פֿון די רעדלפֿירער.

די גאַנצע וועלט-ליטעראַטור מיט אַלע אירע אינטריגע-ראָמאַנען פֿאַרמאָגן ניט קיין צענטכיילעק אינטריגע-שטאָף, ווי איך איינער טראָג אין זיך אַליין.

ווי איר זעט, רעב מענדעלע, קאָן איך ניט, ווי איר, זיך אונטערשרײַבן אַני האַקאָטן. וואָס איר זאָלט ניט זאָגן און וואָס איר זאָלט ניט אויסברײַען, בין איך געווען און בלײַב — צעדערבוים.

פֿ י נ פֿ ט ע ר   ב ר י ו ו

מענדעלע פֿון טונעיאַדעווקע דאַנקט סענדערן פֿון באַלטונעוואַ פֿאַר זײַן ענטפֿער, מיט וועלכן ער האָט זיך אַליין גוט אויסגעפּאַטשט.

לאַנג לעבן זאָלט איר, רעב סענדער! מיט אײַער לעצטן בריוו האָט איר מיר פֿאַרשפּאָרט

און אַרבעט ענטפֿערן אײַך אויף יעדן פּונקט באַזונדער. איר גיט זיך אַליין אַרויס מיט די פּאַטראַכעס. אײַער גרעסטער אומגליק איז טאַקע דאָס, וואָס איר זײַט אומעטום אַ מעכוטן און טאַנצט אויף אַלע כאַסענעס. אַ מענטש באַדאַרף זײַן הייס אָדער קאַלט, אָבער ניט לעבלעך, מילכיק אָדער פֿליישיק, נאָר ניט פּאַרעווע.

צוויי דוירעס,— באַרימט איר זיך, — האָט איר איבערגעטראָגן אויף אײַערע פּלייצעס. באַקומט זיך, אַז מוישע ראַבײנו אין פֿאַרגלײַך מיט אײַך איז אַ וועוועריקל, ער האָט זיך אַפֿילע מיט אײן דאָר ניט געקאָנט ספּראַווען...

און ווערדליק איר הייבט אַ מאַטקע, האַוועט און שמײַעט, וואַקסט אויס דאָרט, ווו מע זייט אײַך ניט, איז מעג אויך פֿיגאַראָ הייצן באַ אײַך די הרובע — אַן אינטריגע אַהער, אַן אינטריגע אַהין, אַן אינטריגע דאָ, אַן אינטריגע דאָרטן...

איר דערמאָנט אַזויפֿיל אינטריגעס, אַז אײַך לוינט צו עפֿענען אַן אינטריגע-געשעפֿט, אַזאַ געשעפֿט קאָן אויך אַרײַנברענגען אַ סאַך מער האַכנאָסע, ווי דער אַמאָליקער אָדעסער מאַגאַזין פֿון פֿאַרטיקע קליידער. מסתּמא וועט אײַך אָפּשלאָגן די טירן, קונצנמאַכער, סטענגעציער, ספּאַליגעשמירערס און פֿליאַטקעמאַכערס זײַנען אויף דער וועלט, באָרעכהאַשעם, מער פֿאַראַן ווי עכטע שרײַבער.

איצט אַ פּאָר ווערטער וועגן אונדזער שרײַבערישער מעלאָכע:

צו ייִדיש באַציט איר זיך ווי אַ שנײַדער-באַלעבאָס צו אַ דערשלאָגן לערן-ייִנגל, וועמען ער צווינגט ניאַנטשען זײַנע קינדער, פּאָלגן אַ גאַנג, אָנהאַקן האָלץ, טראָגן די פּאָמעניצעס. דערבײַ האַלט ער אים אין איין זידלען און אין איין סטראַשען, אַז ווײַטער פֿון דער פּאָמעניצע וועט ער ניט אַוועק. קיין באַלמעלאָכע וועט ער ניט ווערן און קיין לײַט וועט פֿון אים קיינמאָל ניט זײַן.

פֿע, רעב סענדער, אויף אַזוינס וואָלט איך זיך אַפֿילע אויף אײַך ניט געריכט.

ייִדיש איז אַ יונג לאָשן, און ווײַל ס'איז יונג, איז דער „יאַק ריידעלע" נאָך מער געפֿערלעכער.

וואָלטער האָט געהאַט געזאָגט, אַז „פֿאַר זעקס יאָר קאָן מען זיך אויסלערנען אַלע הויפּט-שפּראַכן, נאָר די מוטער-שפּראַך דאַרף מען לערנען דאָס גאַנצע לעבן", ווײַל זי טראָגט אין זיך אַלע אוצרעס, וואָס ליגן פֿאַרבאָרגן אינעם וואָרט.

די מוטער-שפּראַך איז געגליכן צו דער מוטער ערד, וואָס נערט אונדז מיט אַלע זאַפֿטן, מיט אַלע געוויקסן און באַצירט אונדזער לעבן מיט די שמעקנדיקע פֿאַרביקסטע בלומען.

אין דער מוטער-שפּראַך איז אונדזער קינדהייט און יוגנט, אונדזערע דערמאָנונגען, פֿאָרשטעלונגען, זעונגען און דערקענטעניש, די פֿאַרבן, קלאַנגען און בילדער, און וועלכע אַ שרײַבער קאָן ניט ווערן קיין שרײַבער.

די צײַט, ווען מ'האָט אַרײַנגעקוקט, וואָס אין קרוג טוט זיך און דער קרוג אַליין האָט קיינעם ניט אינטערעסירט, איז שוין אַדורך.

דער בעסטער ווײַן אין אַ ניט-פּאַסיקער שלעכטער קיילע מוז זויער ווערן, און איר, רעב סענדערל, פּרוּווט אַלץ פּאַטערן די קיילע. נאָר געדענקט, אַ שפּראַך איז ניט קיין שטיינדיקע בלאָטע. דאָס איז אַ פֿליסיקער טײַך, וואָס טראָגט אָפּ און וואַרפֿט אַרויס פֿון זיך אַלע אָפּפֿאַלן און אומריינקייטן.

איר באַרימט זיך, רעב סענדערל, אַז אײַערע אײַליק שרײַבנדיקע הענט יאָגן אַריבער אײַערע לויפֿנדיקע פֿיס. מיר איז פּאָשעט אַ ראַכמאָנעס אויף אײַך.

אַ מענטש שרײַבט אַזויפֿיל יאָרן און האָט קיינמאָל ניט פֿאַרזוכט דעם ביטערן טאַם פֿון זוכן און ניט קאָנען געפֿינען דאָס פּאַסיקע וואָרט.

אַזויפֿיל יאָרן, אַז איר שרײַבט און אײַך איז קיינמאָל ניט באַשערט געווען דער צאַר פֿון זיך אַליין ניט געפֿעלן ווערן.

דוכט זיך, אַז דער גרעסטער סוינע קאָן אַזוי ניט צונישט מאַכן, ווי דער עמעסער קינסטלער מאַכט זיך צוניש אין די שווערע שאָען, טעג און וואָכן, ווען עס גייט ניט, ווען עס באַקומט זיך גאָרניט.

וואָס טראַכט ער ניט אויס וועגן זיך אַליין? וואָס פֿאַר אַ ביטער וואָרט זאָגט ער זיך אַליין ניט אַרײַן?

ער שעמט זיך דאָך ווײַזן אויפֿן גאַס, ער פֿילט זיך שולדיק פֿאַר יעדן איינעם, אַלעמען איז ער מעקאַנע און יעדן איינעם שטעלט ער העכער פֿון זיך.

און באַ אײַך אַ קוואָקע אַהער, אַ קוואָקע אַהין, און דאָס גראָשנדיקע אייעלע איז שוין מיט מאַזל געקומען אויף דער וועלט.

שרײַבן הייסט קאָנען זיך אַליין לייענען, און זיך אַליין לייענען הייסט שלײַפֿן און שלײַפֿן, פֿאַריכטן, ענדערן, אָנהייבן איבעראַנײַס, שרײַבן און איבערשרײַבן נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל.

איר אַפֿאָנעם האַלט, אַז וויבאַלד איר שרײַבט פֿאַר יענעם, איז זאָל אײַך יענער לייענען. איר פֿאַרגעסט, אַז ווערטער זײַנען ווי סאָלדאַטן אויף אַ שלאַכט. ווועסט ניט אָנפֿירן מיט זיי, וועסט ניט צעשטעלן יעדן אויף זײַן אָרט, וועסט ניט באַפֿעלן, וואָס יעדער איינער האָט צו טאָן, צעלויפֿן זיי זיך און די שלאַכט איז פֿאַרשפּילט.

דערבײַ דאַרף מען ניט פֿאַרגעסן, אַז ווערטער זײַנען ניט איינס געקליידט, שפּאַנען ניט אַלע באַגלײַך ווי אויסגעמושטרירטע סאָלדאַטן. יעדער וואָרט האָט זיך זײַן מאַלבעש, זײַן גאַנג, זײַן טאָן, זײַן מיין, זײַן סאָד, זײַנע טיפֿעניש, און צו טיפֿעניש איז ניט אַזוי גרינג זיך דערגרונטעווען. אויף אַ וואָרט דאַרף מען האָרעווען, שטאַרק האָרעווען. וואָס קלאָרער דאָס וואָרט, אַלץ קלאָרער דער געדאַנק.

עפּעס אַ קלײניקײַט אַ וואָרט? דאָס וואָרט קאָן פֿאַרייניקן און קאָן צעשיידן, קאָן פֿאַר־טונקלען און אויסלײַטערן סודעס, פֿאַרטרײַבט אין געמויזעכץ און פֿירט נאָך זיך אַהין, ווו קיין מענטשלעכער פֿוס האָט נאָך ניט געטראָטן.

אַ וואָרט, איין וואָרט, און די פֿאַרליבטע זײַנען די גליקלעכסטע אויף דער וועלט. אַ וואָרט, איין וואָרט, און אַלץ איז פֿאַרפֿאַלן, אַלץ איז פֿאַרשפּילט.

נאָר גענוג, רעב סענדער, איר האָט דאָך מיר שוין אַמאָל געהאַט געשריבן אין איינעם פֿון אײַערע בריוו, אַז אַלע מײַנע געדאַנקען און אַרויסזאָגונגען וועגן ליטעראַטור און לעבן קריכן אײַך אַפֿילע אין דער לינקער פּייע ניט, איך זאָל דאָס אַלץ איבערלאָזן פֿאַר מײַנע טאַלמעטוירע־ייִנגלעך.

אינדערעמעסן, צו וואָס קאָן טויגן מײַן וואָרט, אַז איר פֿאַרמאָגט נײַן מאָס רייד.

פֿאַרן געזעגענען זיך האָב איך צו אײַך איין באַקאָשע: אַזוי ווי איר טוט אַלעמען טויווס, טאָ טוט מיר די איין־און־איינציקע טויווע. הערט אויף שרײַבן אין ייִדיש, דאָס וואָלט געווען אײַער גרעסטער פֿאַרדינסט פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור.

איך וואָלט נאָך מיט אײַך גערעדט, איז האָפֿערדל שעלי, דאָס פֿערדל מײַנס דרייט מיטן עק, שנאָרעט מיט די נאָזלעכער, טופּעט מיט די פֿיס, עס ציט אים אין וועג אַרײַן.

יאָ, מ׳דאַרף פֿאָרן. אויסער טונעיאַדעווקע און אויסער באַלטונעווע זײַנען נאָך פֿאַראַן, באָרעכהאַשעם, אַ סאַך שטעטלעך און אַ סאַך שטעט, און אויסער רעב מענדעלע און רעב סענדערל, זײַנען נאָך פֿאַראַן אַ סאַך פֿאַרשוינען, וואָס זײַנען ווערט צו באַשריבן ווערן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז ווען איך וועל נאָר באַגעגענען אין וועג, וועל איך גלײַך איבער־געבן אַ גרוס פֿון אײַך, און ווי נאָר כ׳וועל זיך אַ ביסל אָפּפֿאַרטיקן מיט מײַנע מײַסעס און געשיכטעס, וועל איך זיך אַ נעם טאָן צו אַזאַ שײַנדל, ווי איר, און אָנשרײַבן וועגן אײַך אַ סייפֿער קעפֿי איר האָט פֿאַרדינט. זאָל די וועלט וויסן, אַז זינט צעדערבוימס זײַנען געוואַקסן, איז נאָך אַזאַ צעדערבוים, ווי איר, ניט אויסגעוואַקסן.

האַקאָטן מענדעלע.

* * *

ווען מענדעלע פֿון טונעיאַדעווקע האָט איבערגעריסן זײַן בריוו־אויסטויש מיט סענדערן פֿון באַלטונעווע, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן בריוו פֿון אַלע זײַטן:

— רעב מענדעלע, לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן און שרײַבט ווײַטער. אײַערע ניט־גע־דרוקטע בריוו האָבן אונדז פֿאַרשאַפֿן פֿיל פֿאַרגעניגן.

— אײַ, רעב מענדעלע, אײַ, האָט איר אַרײַנגעצימבלט, אײַ, האָט איר אַרײַנגעזאָגט, געזונט זאָלט איר זײַן און קיינמאָל ניט וויסן פֿון קיין צאַר.

האַלעווײַ, — האָט מענדעלע וואָרעם זיך געזעגנט מיט די לייענער פֿון זײַנע ניט־גע־דרוקטע בריוו, — האַלעווײַ זאָלן מיר אַלע מער ניט וויסן פֿון קיין צאַר, ס׳זאָל אין זיבעטן זײַן לייענען בריוולעך און שרײַבן בריוולעך.

שרײַבט, מײַנע טײַערע לייענער! שרײַבט אויס אַלץ, וואָס עס טוט זיך בײַ אײַך אויפֿן האַרצן. נישקאָשע, פֿאַר מיר האָט איר זיך ניט וואָס צו שעמען.

שרײַבט פּאַשעט: מענדעלען מויכער־ספֿאָרים. גאַספּאַדינו מענדעליו באַדאַרף מען ניט.



ליטעראַרישע געדענק-דאַטעס

מוישע-לייב האַלפּערן

(1932—1886)

דער גאַסן-פּויקער

זינגט דער פֿויגל פֿרײַ און פֿריילעך,
ציטערט אַף זײַן טראָן דער מיילעך,
ציטערן איז ניט קעדײַ,
זינג איך ווי דער פֿויגל פֿרײַ,
און געשווינד,
ווי דער ווינט,
טאַנץ איך העפקער, טאַנץ איך בלינד,
גאַס אַרײַן און גאַס אַרויס! —
בין איך קראַנק און אַלט און גראָוו,
ווּעמען אַרט עס — האָ-האָ-האָ!
פֿאַר אַ קופּער-גראָשן בלויז,
פּויק איך, אַז די פּויק זאָל פּלאַצן,
און איך דזשינדזשע אין די טאַצן,
און איך דריי זיך רונד אַרום —
דזשין, דזשין, דזשין, בום-בום-בום,
דזשין, דזשין, בום!

לוסטיק לאַך איך מיט און שפּרינג
אָט אַזוי אין ווילדן רינג,
ווילד און פֿרײַ,
סײַוויסײַ
מיטן שפּרונג גייט אַלץ פֿאַרבײַ.
צוגעווווינט צו אַלדאָס בייז,
קנײַפּ איך ברויט אַ שטיק פֿון טאַש,
און איך זשליאָקע פֿון דער פֿלאַש,
ברענט דאָס בלוט, און רינט דער שווייס —
פּויק איך, אַז די פּויק זאָל פּלאַצן,
און איך דזשינדזשע אין די טאַצן,
און איך דריי זיך רונד אַרום, —
דזשין, דזשין, דזשין, בום-בום-בום.
דזשין, דזשין, בום!

אָט אַזוי זיך דורכגעריסן,
דורכגעריסן, דורכגעריסן,
טאַנץ, ווי לאַנג עס טאַנצט זיך נאָך,
נאָך אַ יאָר און נאָך אַ וואָך.
קומט אַ מיידל אַ מאַכשייפֿע:
צינדט זי אָן אין מיר אַ סרייפֿע,
נעם איך זיך נאָך ווילדער דרייען,
און איך פּרעס צונויף די ציין,
און איך ברום:
— מיידל, קום!
גיב די הענט און נעם אַרום:
הייסער טאַנצט זיך עס צו צוויי.

ס'האָט אזא, ווי דו, א שלאַנג,
מיך פארלאָזן ערשט ניט לאנג.
קרענקט דאָס הארץ און פלאַצט פון ווײ —
פויק איך, אז די פויק זאָל פלאַצן,
און איך דזשינדזשע אין די טאַצן,
און איך דריי זיך רונד ארום —
דזשין, דזשין, דזשין, בום-בום-בום.
דזשין, דזשין, בום!

לאַכן קינדער לוסטיק, מונטער,
פאַל איך ניט בא זיך ארונטער,
נאָך א שאָ!

קראנק און גראָוו? —
ווּעמען ארט עס, האָ-האָ-האָ!
הונט און שלעפּער, לומפּ און ווינט,
טאַנץ איך העפקער דורך דער פרעמד!
האָב איך ניט קיין ראָק, קיין העמד!
האָב איך ניט קיין ווייַב, קיין קינד!
פויק איך, אז די פויק זאָל פלאַצן,
און איך דזשינדזשע אין די טאַצן,
און איך דריי זיך רונד ארום —
דזשין, דזשין, דזשין, בום-בום-בום,
דזשין, דזשין, בום!

האמער, סערפּ און שטערן

א לויב דער קראַפט אין דער מאָרגנזון,
דער קראַפט — אונדזער ברידערשאַפט:
א לויב דעם יאם און די כוואַליעס די בערן,
די רויטע גליִענדיק-רייזיקע בערן,
וואָס טאַנצן צום לעצטן, צום לעצטן שטערן,
צום מאָרגנשטערן, צום מאָרגנשטערן,
א לויב, א לויב דער קראַפט.

א לויב דעם פויסט אין דער מאָרגנזון
באם האמער, באם ערשטן הייב:
א לויב צו די האמערס, וואָס זינגען צוזאמען,
אין אלע געזונטע פויסטן צוזאמען,
ווי כוואַליעס פון יאם צו דער זון אין פלאַמען,
צו דער מאָרגנזון אין וואָלקן-פלאַמען, —
א לויב דעם האמער, א לויב.

א לויב דעם פעלד אין דער מאָרגנזון
און דעם סערפּ, דעם שניטערס הערב:
א לויב צו די טויזנט מילן, וואָס זינגען,
ווען פורן און באַנען און שיפן שפּרינגען
מיט ברויט איבער יאם און לענדער שפּרינגען, —
א לויב, א לויב דעם סערפּ.

א לויב דער פאָן, וואָס ברילט אונדזער ליד.
איבער טייַוול, גאָט און טראָן;
א לויב דיר, ברודער, דו אונדזער געטרייַער,
וואָס שפּאַנט פאָרויס מיט דער פאָן א געטרייַער,
פאָרויס מיט דער פאָן קעגן פייַנט און פייַער
אונדזער בלוט אין קאמף, אונדזער הארץ אין פייַער —
די פאָן, די פאָן, די פאָן.

ס א ל י ו ט

בא אונדז אין לאַנד איז אויך עפּעס דאָ —
און ווּ קיין לאַמטערן-סלופּ איז ניטאָ,
איז דאָ א בוים — און דאָס מיינט דאָך קלאָר,
אז א נעגער איבער צוואנציק יאָר

מעג האסן אלץ, וואָס שטרעקט זיך ארוף
צו האלטן דעם, וואָס מע הענגט אים אוף.
נאָר יענעם, וואָס איך האָב שטארבן געזען,
קיין פופצן איז ער ניט אלט געווען.

די ווײַסע אלטע מויד האָט ניט אויסגעזען זיס.
א פארזשאווערט שלאָס אף אן אלטן וואליס
די נאָז מיטן פיסק. — און די הענט מיט די פיס,
איך זאָל דיר — זיך צורירן הויט צו הויט
צו אזא מין פליאקע איז בעסער — טויט.

דו ביסט דו. — דאָס האָט זי אים אָנגעקלאָגט. —
און דו ווייסט בא מיר הענגען, האָט זי געזאָגט.
עס איז וואָר — ער האָט אין טויט-שרעק פאסקודנע געלאכט;
נאָר געלאכט האָט זי אויך און די סמאָלע געבראכט,
און באקוקט דעם בוים איבער זיך אין דער הויך.
און די פרייד פון האמויין בא דעם ערשטן רויך,
איך שווער — פון א מעשוגאָים-הויז,
אין א סרייפע הערט מען אזוינס ניט ארויס.

און דער ערשטער לעפל סמאָלע באם האריץ
איז הייס אף הייס, און שווארץ אף שווארץ.
און די אויגן ניט בליץ, נאָר א ווײַס געשטאריץ.
און דאָס לײַב — עס רײַסט זיך פון דער הויט;
ניט אנדערש, עס וויל זיך אויסטאָן פון טויט.

אָבער ניט נאָר האָט מען דעם באָהעמניק
פארוואָרפן ארום האלדז א שטריק,
נאָר די פאָן פון דער רעפובליק האָט מען אויך
ארופגעצויגן אין דער הויך —
און דער הימל איז בלוי — אים גייט ניט אָן —
און באם ווינט איז א סימכע מיט דער פאָן,
און איך — א געשלאָגענער הונט — ניט א וואָרט.
ניט ארײַנגעלייגט גאָרניט — א שוטעף צום מאָרד.

נאָר מע דארף ניט פארשלינגען א כאזער-שטאל
צו ברעכן מיט דער גרינער גאל,
דאָס באזאָרגט שוין דער גאלעך, דער כאָכמע-קוואל —
איבער די שווארצקײַט — זאָגט ער — איז גאָטס א גרײַז,
איז א זינד זי צו לאָזן זיך מישן מיט ווײַס.

און איך זאָג דיר — ס'איז ניט דער קרעכץ פון צווײַג,
ניט דער שטריק, מיטן גאנצן קלאפערגעצײַג,
ניט דאָס פעדערל אין ווינטגעטרײַב,
וואָס האָט פארזאמט זיך צו קלעפן צום לײַב,
נאָר דו — דאָס טרויער-געשטאנק פון דער וועלט,
וואָס האָט זיך פון ווײַטן אנידערגעשטעלט,
מיט די הענט, דורך די קעשענעס, באם דיך,
פארטראכטן א ליד פאר דער וועלט און פאר זיך.

זון־אויפגאנג אין מאנהעטן

דער מענטש איז, ווי עס ווייַזט אויס, א בעקער, וואָס ארבעט באנאכט, און א טאטע צו די קינדער. די מאמע — אז מע וויל, איז געגאנגען אייַנקויפן, אָדער זי איז אוועק מיט א באָרדער, אָדער זי איז שוין, ווער ווייסט, ווי לאנג געשטאָרבן עפּשער.



פאקסימילע פון מ.־ל. האלפערנס א ליד

עס איז שווער צו זאָגן, וואָס דאָס איז —
אָט אין פּארטאָג, און א מענטש מיט צוויי פּיס,
וואָס ער שלעפּט זיך איבער פינף גאָרנס ארוף.
און אָט איז א טיר, וואָס ער עפנט אוף,
הערט זיך ארויס א טשאד פון דאָרט,
פון לאקס, וואָס ברענט, שטופּט ער זייַן באָרד
אריַין פאָרויס און דערנאָך דעם קאָפּ;
זיצט אינמיטן שטוב אף א טאָפּ
א קינד, וואָס הריזעט א שטיקל קויל.
קוקט דער מענטש מיט אן אָפן מויל,
ביז ער קומט אריַין און גיט א ברום,
דרייט אויס דאָס פּאָנעם און קוקט זיך אום
א מיידל פון זיבן, וואָס שטייט בא דער קיך,
שארט זיך אפיר אין צוויי גרויסע שיך,
א ייִנגל פון פינף פון אונטערן טיש.
און איינס פון דריַי מיט פלעדערוויש
און מיט פּיסלעך, וואָס זייַנען דין און קרום,
גיט נאָכאמאָל דער מענטש א ברום,
שטרעקן די קעפּ פון א ווינקל ארוף
דריַי אנדערע, וואָס הייבן זיך אוף.
גיט דער מענטש א זיפץ און ציט זיך אויס
און שלעפּט א ברויט פונעם בוזעם ארויס
און צעטיילט עס מיט הענט צוויי געלע,
ווי וואקס.
ברענגט אויך דאָס מיידל דאָס שטיקל לאקס,
עסט מען, אזויווי אף א געוועט.
לייגט זיך דער מענטש דערווייַל אפן בעט,
ציט זיך זייַן אָטעם, אזוי ווי א זעג.
גיבן זיך אלע אף דר'ערד א לייג
און מאכן אים נאָך. בלייַבט דאָס מיידל שטיין
און קוקט, ביז זי לאָזט ארויס מיט געוויין
פון האנט דאָס שטיקל ברויט, וואָס זי האלט.
גיבן זיך אלע, ווי כייַעס פון וואלד,
א וואָרף אף דעם, ביז סע ווערט א קנויל,
ווי פון זיבעצן הענט מיט אן איינציק מויל —
וויינען שוין עטלעכע מיטאמאָל.
שריַיט איינער זיי איבער הויך אפן קאָל
מיט דעם הימן, וואָס מע זינגט דאָ אין לאנד.
פאלט אראָפּ דער זייגער פון דער וואנט
און וועקט אוף די גאס; הייבט זי זיך אוף
און וואַרפט, ווי מיט שטיקער אייַזן ארוף;
בראזגעט אין איינציקן פענצטער די שויב,
וואָס איז צוגעדעקט מיט געדיכטן שטויב.
גיט דער מענטש פון שלאָף א טרייסל
דעם קאָפּ
און ער לייגט זיך מיטן פּאָנעם אראָפּ;
קריכט א רויט שטיק מאַרגנשייַן
פארע־הייס — דורכן פענצטער אריַין,
און לייגט זיך אוועק, ווי גאָלד א שטיק,
אף דער לאטע אונטער זייַן גארטל־שטריק.
שטעלן זיך אלע אויס אין א ראָד
און זיי דרייען זיך אין א קאראהאָד
ארום זייַן בעט מיט אזא גוואלד,
ווי ווילדע ארום א פייַער אין וואלד,
ווען זיי בראָטן אָפּ א מענטשן אף טויט
צוליב דעם, וואָס זיי האָבן ניט קיין ברויט.

די פײַער-מענטשעלער

ווי א טפיסע אַף אײַזערנע ריגלען פארמאכט,
איז געלעגן די שטאָט אין יענער נאכט.
עס האָט אפילע ניט געברענט
קיין גאסנלאָמפּ ארום די ווענט.

נאָר ווען דער בעטלער אין בלוטיקן קלייד
האָט אָנגעקלאפּט מיט דער שקלאפּן-קייט,
וואָס ער האָט געשלעפּט אַף אלע פיר, —
האָט זיך אופגעעפנט יעדע טיר.

אָבער ניט מ׳האָט געזען א געכאָלעמט ליכט,
ווי מע זעט אין שלאָף אמאָל אומגעריכט;
נאָר פון בעטלערס טאַרבע ארויס — זײַן ברויט
האָט געלויכטן, אזויווי א מאָרגנזון רויט.

און הינטער אים מיט א זויג-קינד פאָרויס
איז געגאנגען די ליבע, ליכטיק און גרויס;
און דער טרויער הינטער איר געשטעלט
האָט געטראָגן דאָס קראנקע הארץ פון דער וועלט.

און די זקיינים האָבן גאָרניט געזאָגט,
נאָר זיי האָבן אלע פאר פרייד געקלאָגט;
און די קינדער האָבן נאקעטערהייט
געקוקט מיט אויגן, ווי שטערן, פאר פרייד.

און ניט מע האָט זיך אליין דעם וועג
פארלייגט מיט טויטע און וויסטן געיעג;
נאָר מיט קעפּ און אָרעמס צו טורעם ארוף
האָט מען געקוקט צו דעם ליכט, וואָס גייט
אוף.

אפן טורעם — פון קיינעם ניט געהיט —
האָבן אופגעבליט און ארונטערגעגליט
זיבן פײַער-מענטשלעך, וואָס האָבן גענייט
פאר דעם טויט א גאָלדן טויטן-קלייד.

און ווי א ווונדערלעך גלאָקן-געקלאנג,
האָט ארונטערגעלויכטן זייער געזאנג
איבער גאָר דער שטאָט, — ווען זי האָט געגייט
פאר דעם טויט דאָס גאָלדענע טויטן-קלייד.

בראָניק

צום 100־טן געבורטסטאָג פון יאנקעוו ריוועס

דער באוווּסטער ייִדישער שרײַבער יאנקעוו ריוועס איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל אָסווע, ווײַסרוסלאנד, בא אָרעמע עלטערן, וועלכע האָבן זיך פארנומען מיט פישערײַ. אין דער פריִער יוגנט האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. אליין א שנײַדער, איז ער צוערשט געווען טעטיק צווישן די שטעטלדיקע באלמעלאָכעס, און ווען ס׳האָט אויסגעבראָכן די ערשטע רוסישע רעוואָליוציע, האָט ער געקעמפט אַף די באריקאדעס צוזאמען מיטן אופגעשטאנענעם פאָלק. נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע טרעט י. ריוועס ארײַן אין דער קאָמוניסטישער פארטיי. אין די יאָרן פונעם בירגערקריג איז ער געווען א טוער אין דער באָלשעוויסטישער אונטערערד אין ווײַסרוסלאנד. די דאָזיקע געזעלשאפטלעך־פּאָליטישע טעטיקײַט געפינט שפּעטער אָן אָפּשפּיגלונג אין זײַנע ווערק „אונטערערד” (1924), „יאן דזעמבאָ” (1938), „פארבאָרגענע קוייכעס” (1941), „באָלשעוויקעס” (1965).

די ערשטע דערציילונגען האָט י. ריוועס געדרוקט אין „ווילנער וואָכנבלאט”, אין דער צײַטונג „דער שטערן”, אין זשורנאל „דער שנײַדער”.

זינט עס האָט אָנגעהויבן צו דערשײַנען „סאָוועטיש היימלאנד” ווערט י. ריוועס א שטענדיקער אוטאָר פונעם זשורנאל. דאָ האָט ער פארעפנטלעכט דעם ראָמאן „דער וועג צום זיג”, די גרעסערע דערציילונג „א שטיין איז געפאלן”. שוין נאָך זײַן טויט (1975) דרוקט דער זשורנאל די אווטאָביאָגראפישע דערציילונג „ביזן לעצטן אָטעם”.

יאנקל ריוועסעס ווערק זײַנען דערשינען אין פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל” אין באזונדערע אויסגאבעס: „דער וועג צום זיג” (1975), „באָלשעוויקעס” (אין 1965, אין דער איבערזעצונג אַף רוסיש). צום 100־טן געבורטסטאָג פונעם שרײַבער האָט דער מאָסקווער פארלאג „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא” ארויסגעלאָזט זײַנע געקליבענע ווערק אין דער רוסישער איבערזעצונג.

פּובליציסטיק

XX צוזאמענפֿאָר פון דער ייִסראָעלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי

אין דעקאבער 1985 איז פֿאָרגעקומען דער XX צוזאמענפֿאָר פון דער ייִסראָעלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אלס געסט זיַינען געקומען דעלעגאציעס פון קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון 19 לענדער, צווישן זיי א דעלעגאציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד מיט א באריכט-פּאָרטראָג איז ארויסגעטראָטן דער גענעראַל-סעקרעטאר פון דער פּאַרטיי מייער ווילנער.

מיר ברענגען דאָ איייניקע אויסצוגן פון דעם פּאָרטראָג.

צווישן די צוויי צוזאמענפאָרן פון דער ייִסראָעלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט זיך זייער פּאַרשאַרפּט די צווישנפעלקערלעכע לאַגע און ס׳האָט זיך געשטאַרקט די געפאַר פון א דריטער וועלט-מילכאָמע, וועלכע שטעלט אין סאַקאָנע די עצעם עקזיסטענץ פון דער מענטשהייַט.

אין אונדזערע צייַטן איז דער קאַמף פאַר שאָלעם — דער גוירלדיקער קאַמף.

די ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי טאַדלט די רעגירנדיקע פּאָליטישע קרייַזן אין ייִסראָעל, וועלכע זיַינען גרייט צו שטיצן און אָנטיילנעמען אין יעדן שריט פון דעם אמעריקאנער אימפּעריאַליזם און פון נאַטאָ, וואָס פירט צו א וועלט-מילכאָמע.

אין צוזאמענהאַנג מיט דער געשפּאַנטער לאַגע און אַפּטע מילכאָמעס אין ראַיאָן פונעם נאָענטן מיזרעך קאָנצענטרירט זיך די אופמערקזאמקייַט אין ייִסראָעל ארום די ראַיאָן-פּראַגעס. אן אטאָם-מילכאָמע איז אָבער א געפאַר פאַר דער עצעם עקזיסטענץ פונעם ייִסראָעל-פאָלק, ווי פון אנדערע פעלקער. דעריבער איז אין די עצעמדיקע אינטערעסן פון דעם ייִסראָעל-פאָלק ארייַנטראָגן א צושטייַער אין אויסמייַדן א דריטע וועלט-מילכאָמע, קעמפנדיק אנטשלאָסן קעגן דער פּאָליטיק פון די ייִסראָעלדיקע רעגירונגס-קרייַזן, וועלכע שטיצן וואשינגטאָן אין די צוגרייטונגען צו א „שטערן-מילכאָמע”, וואָס עס באַטייַט א וועלט-קאַטאַסטראָפע.

די שפּיצן-קאָנפערענץ, וועלכע איז פֿאָרגעקומען אין נאָיאַבער 1985 אין זשענעווע צווישן די פירער פון ססר און פשא מ. גאָרבאַטשאָוו און ר. רייגאן, האָט דערוועקט בא די פעלקער נייַע האָפענונגען אף דעם, אז עס וועט געמאַכט ווערן א סאָף צום מעטורעפדיקן וואָפן-געיעג, און דאָס וועט אנטשפּאַנען די צווישנפעלקערלעכע לאַגע און צוריק אופשטעלן דעם דעטאַנט אין די צווישנפעלקערלעכע באַציִונגען. דאָס עצעם צו שטאַנד קומען פון אַזאַ שפּיצן-קאָנפערענץ צום ערשטן מאָל נאָך 6 יאָר איז א פּאָזיטיווע דערשייַנונג. דער קאַמף פון די פעלקער, דערונטער פון דעם אמעריקאנער פּאָלק, פאַר שאָלעם האָבן געצוואונגען די רייגאן-רעגירער אראָפּצוגיין פונעם הויכן בוים פון אָפּזאָג. אין זשענעווע זיַינען אויך אונטערגעשריבן געוואָרן עטלעכע אָפּמאַכן. די צענטראַלע פּראַגעס זיַינען אָבער געבליבן ניט געלייזט: פשא זעצן פאָר דאָס אָפּוואַרפן דעם סאָוועטישן פאָרשלאָג וועגן אָפּשטעלן די אטאָם-עקספּערימענטן, פאַרסירנדיק דעם געשפּענסט-פּלאַן פון א „שטערן-מילכאָמע”. דעריבער איז אויך נאָך דער שפּיצן-קאָנ-

פערענץ אין זשענעווע די העכסטע אופגאבע צו שטאַרקן דעם קאַמף פאַר שאָלעם, פאַר אָפּשטעלן דעם וואָפן-געיעג, רעדוצירן די אַטאָם-וואָפענונגען, אַנולירן דעם פּלאַן פון א „שטערן-מילכאָמע".

אינעם קאָמיוניקע פון דער דערמאָנטער שפּיצן-קאָנפערענץ זײַנען גערופן געוואָרן אונטערצושרײַבן די צווישנפעלקערלעכע קאָנווענץ פאַר פאַרבאָטן די פאַרשפּרייטונג פון אַטאָם-וואָפן אַלע מעדינעס, וועלכע האָבן זי נאָך ניט אונטערגעשריבן. ייִסראָעל איז איינע פון די דאָזיקע מעדינעס און די איינציקע אין אונדזער ראַיאָן, וואָס האָט נאָך ניט געכאַסמעט די קאָנווענץ. די קאָמפּאַרטיי רופט צום געזעלשאַפטלעכן קאַמף פאַר אַנולירן די געפערלעכע אַטאָם-צוגרייטונגען פון ייִסראָעל און פאַר אונטערשרײַבן די קאָנווענץ פאַר פאַרבאָטן די פאַרשפּרייטונג פון אַטאָם-וואָפן.

די באַציִונגען צווישן ייִסראָעל און פּססר זײַנען איבערגעריסן געוואָרן אין רעזולטאַט פון דער אַגרעסיווער מילכאָמע, וואָס די ייִסראָעל-רעגירונג האָט אָנגעהויבן מיט דער אַמעריקאַנער שטיצע אין יון 1967. דער עמעס איז, אַז דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט קיינמאָל ניט געענדערט זײַן פּרינציפּיִעלע שטעלונג לעגאַבע מעדינאַס-ייִסראָעל. פּססר דערקלערט קעסיידער, אַז ער זעצט פאָר צו אָנערקענען די רעכט פון מעדינאַס-ייִסראָעל אַף סוווערענער עקזיסטענץ, אַף זיכערקײַט און פרײַער אַנטוויקלונג, ווי אַלע מעדינעס. מיר האָבן ניט קיין צווייפל אין דעם, אַז דער סאָוועטנפאַרבאַנד איז גרייט צו באַנײַען די דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט מעדינאַס-ייִסראָעל, אויב ס'וועלן באַזײַטיקט ווערן די סיבעס, וואָס האָבן דערפירט צום איבערײַסן די דאָזיקע באַציִונגען.

פּססר פירט ניט קיין אַנטי-ייִסראָעלדיקע פּאָליטיק. דאָס אָפּיציִעלע ייִסראָעל פירט אַן אַנטיסאָוועטישע פּאָליטיק און, ווי ס'האָט דאָס באַצייכנט מיט א צײַט צוריק ניט קיין אַנדערער, ווי דער פּרעמיער-מיניסטער ש. פּערעס, איז ייִסראָעל א פּאָדערשטע פּאָזיציע אין גלאָבאַלן קאַמף פונעם אימפּעריאַליסטישן לאַגער קעגן פּססר. ייִסראָעל האָט אונטערגעשריבן און האַלט אָן א סטראַטעגישן בונד מיט פּשא קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. ייִסראָעל איז די איינציקע מעדינע, וועלכע האָט געשלאָסן אַן אָפּיציִעלן בונד, געריכטעט קעגן דעם לאַנד פון דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע.

ביז גאָר ערנסט איז די פּאָליטיק פון דער מאַאַראַך-ליקוד-רעגירונג און פון דער ציִוניסטישער אָנפירונג אַף דער צווישנפעלקערלעכער אַרענע. זיי האָבן געפּרוווט סאַבאָטירן די שפּיצן-קאָנפערענץ. זיי האָבן אָרגאַניזירט די ווילדסטע העצע קעגן פּססר, נעמענדיק אַפילע אונטער זייער שוץ די כוליגאַנעס, וועלכע האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין דער „אעראָפלאָט"-געזעלשאַפט אין זשענעווע, שילדערנדיק די דאָזיקע פּראָוואָקאַטאָרן אַלס העלדן. זייערע פּראָוואָקאַציעס קעגן פּססר האָבן אַלץ איבערגעשטיגן.

די ייִסראָעל-רעגירונג פאַרגיסט קראָקאָדיל-טרערן וועגן פאַרכאַפּן אעראָפּלאַנען. מיר פאַרורטיילן אַלע טעראָר-אַקציעס, דערונטער דאָס פאַרכאַפּן אעראָפּלאַנען און שיפן. צי איז ניט קיין צוויִעס, ווען מע טאַדלט, פון איין זײַט, דאָס פאַרכאַפּן אעראָפּלאַנען און אין דער זעלבער צײַט דערקלערט מען דעם פאַרברעכער מענדעלעוויטש, וועלכער האָט געמאַכט א פּרוּוו צו פאַרכאַפּן א סאָוועטישן אעראָפּלאַן און איז געשטאַנען בעראָש פון דער באַנדע, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין „אעראָפלאָט" אין זשענעווע, אַלס העלד.

דרײַ מעדינעס פירן א באַזונדערס אַגרעסיווע פּאָליטיק: פּשא, ייִסראָעל און דאָרעם-אַפריקע. דער אַפּאַרטעיד-רעזשים פון דאָרעם-אַפריקע געפינט זיך איצט אין א טיפן פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן און עקאָנאָמישן קריזיס. דער באָדן ברענט אונטער די פיס פון די ראַסיסטן פון דער ווײַסער מינדערהייט. ייִסראָעל האַלט אָן די ענגסטע קאָאָפּעראַציע מיט אָט דעם ראַסיסטישן רעזשים. ס'איז צו מערקן א קעגנזײַטיקע שטיצע פון דיפּלאָמאַטישן, פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און האַנדלס-שטאַנדפּונקט, און, לויט די באַריכטן פון דער וועלט-פּרעסע, אויך פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט און אַפילע אין דער פאָרשונג, אַנטוויקלונג און עקספּערימענטן אין געביט פונעם אַטאָם-וואָפן. די דאָזיקע פּאָליטיק איז א שאַנד-צייכן פאַר ייִסראָעל.

די ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פּאָדערט, ס'זאָל געמאַכט ווערן א סאָף צו דער דאָזיקער שענדלעכער קאָאָפּעראַציע מיטן ראַצכישן ראַסיסטישן רעזשים אין דאָרעם-אַפריקע.

דאָס פאַרשאַרפן זיך פון דער צווישנפעלקערלעכער לאַגע איבער דער שולד פונעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם און זײַנע פאַרבינדעטע באַטײַט ניט, אַז די אימפּעריאַליסטן גייען פאָרויס אין דער פאָרווירקלעכונג פון זייערע פּלענער. אין פאַריאָר צווישן 19-טן און 20-טן צוזאַמענפאָרן זײַנען געוועזן פיל דורכפאַלן פאַר די אימפּעריאַליסטן און ס'זײַנען פאָרגעקומען באַדײַטנדיקע ענדערונגען לעטוּוועס די אַנטי-אימפּעריאַליסטישע און רעוואָליוציאָנערע קויכעס. דאָס ליקווידירן די מיליטערישע דיקטאַטורן אין אורוגווײַ און בראַזיליע איז א בולטער אויסדרוק פון דער צײַט.

ות במאבק נגד הכיבוש, הגזענות וסכנת הפאשיזם,
לעצמאות, לשוויון, לדמוקרטיה ולזכויות העובדים
النضال ضد الاحتلال، العنصرية وخطر الفاشية،
للاستقلال، للمساواة للدمقراطية ولحقوق العاملين

אף די פֿאָטאָגראַפֿיעס, וועלכע מיר פּובליקירן דאָ אין צוזאַמענהאַנג מיטן XX צוזאַמענפֿאָר פֿון דער ייִסראָעלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זעען מיר דעם פּרעזידיום און דעם זאַל פֿון אָט דעם פּאַרטיי־פֿאָרום. עס ווערט אויך געבראַכט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַ פֿאָלקס־דעמאָנסטראַציע אין טעל־אָוויוו — אַן אויסדרוק פֿון דעם קלאַסנקאַמף, וואָס קומט פֿאָר אין אָט דעם לאַנד.

די ייִסראַעלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז סאָלידאַריש מיטן העלדישן קאַמף פון דעם ניקאַראַגואַנער פאָלק אין דער פאַרטיידיקונג פון זײַן פרײַהײט.

אין מײַרעוו-אייראָפּע האָט זיך אַנטוויקלט א שטאַרקע פאָלקס-באַוועגונג, וואָס קעמפט קעגן דער מילכאָמע-געפאַר, קעגן די אַמעריקאַנער באַזעס אף דער טעריטאָריע פון אייראָפּע, פאַר פרידלעכער קאָעקזיסטענץ מיט די סאָציאַליסטישע לענדער, פאַר פאַרטיידיקן די זעלבשטענדיקײַט פון יעדער מעלוכע.

אין צײַט-אָפּשניט צווישן 19-טן און 20-טן צוזאַמענפאָרן איז געוואָרן נאָך מער מאַמאָשעסדיק דער איבערוואָג פונעם סאָציאַליזם איבערן קאַפּיטאַליזם. ס'האָבן זיך שוין לאַנג געענדיקט די פאַרבײַגייענדיקע צײַטן פון „פּראָספּעריטי" פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, ווען די בורזשואַזע אידעאָלאָגן האָבן געפּרוווט פאַרשפּרייטן א טעאָריע, אַז דער קאַפּיטאַליזם קאָן זיך אַנטוויקלען אָן קריזיסן. די פּראַקטיק פון די 70-ער און 80-ער יאָרן האָט דערוויזן, אַז דער אַלגעמיינער קריזיס פונעם קאַפּיטאַליזם האַלט זיך אין פאַרטיפערן. די מאַסן-אַרבעטלאָזיקײַט, אָט די פּלאָג פונעם קאַפּיטאַליזם, איז געוואָרן א כראָנישע מאַסן-דערשײַנונג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. עס שטײַגט די אָרעמקײַט, ס'פאַרשאַרפט זיך דער פּאָליטישער, עקאָנאָמישער, געזעלשאַפטלעכער און מאָראַלישער קריזיס. גוואַלדטאַטן, פאַרברעכנס, נאַרקאָטיק און פּאָרנאָגראַפיע הערן ניט אויף צו פאַרשפּרייטן זיך.

אין פּסס און אין די אַנדערע לענדער פון דער סאָציאַליסטישער געמיינשאַפט זײַנען ניטאָ קיין עקאָנאָמישע קריזיסן, ס'איז ניטאָ קיין אַרבעטלאָזיקײַט. דער רעאַלער אַרבעטסלוין שטײַגט קעסיידער. דער טעמפּ פון בויען דירעס איז אין די דאָזיקע לענדער די העכסטע אין דער וועלט. די ביודזשעטן אף געזונט-פאַרהיטונג, דערציִונג, קולטור, סאָציאַלער פאַרזיכערונג אדג. וואַקסן יאָר-יערלעך. די בילדונג אין אַלע לענדער וואַלט געקאָנט נאָך שנעלער שטײַגן, ווען ניט דער וואָפן-געיעג, וואָס דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם און די נאַטאָ צווינגען אף זיי אויף.

אין צײַט-אָפּשניט צווישן 19-טן און 20-טן צוזאַמענפאָרן האָט זיך געשטאַרקט די שפּאַנונג אין מיטעלן מיזרעך און אין פּערסישן אײַנגוס. די אַמעריקאַניש-ייִסראַעלדיקע אַגרעסיע אין ליוואַן קעגן די פּאַלעסטינער-ליוואַנער פעלקער, דאָס דויערן פון דער איראַקיש-איראַנישער מילכאָמע, די שטרעבונג פון פּסשא און נאַטאָ צו באַהערשן דעם ראַיאָן, פאַרוואַנדלענדיק אים אין א באַזע קעגן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, — דאָס אַלץ דערלאָזט ניט צו שאַפן געהעריקע צווישנפעלקערלעכע באַדינגונגען פאַר לייזן דעם ייִסראַעל-אַראַבישן קאָנפליקט, אין צענטער פון וועלכן עס שטייט די פּאַלעסטינער פראַגע. דער הויפּט-אָפּהאַלטער פון לייזן די דאָזיקע פראַגע איז דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, זײַן הויפּט-פאַרבינדעטער אינעם ראַיאָן איז מעדינאַס-ייִסראַעל.

ס'איז ניט קיין צופאַל, וואָס די אַגרעסיווע און אַנעקסיע-פּאָליטיק פון דער ייִסראַעל-רעגירונג שטיצט זיך אף וואַשינגטאָן און ווערט געשטיצט דורך וואַשינגטאָן. די ייִסראַעל-רעגירער שטעלן די מעדינע צו דער דיספּאָזיציע פון פּסשא אלס באַזע קעגן די נאַציאָנאַל-באַפרײַערישע באַוועגונגען, קעגן די זעלבשטענדיקע מעדינעס און קעגן פּסס.

די דויערנדיקע ייִסראַעלדיקע אָקופּאַציע, דאָס אויפשטעלן קאָלאָניזאַציעס אף די אָקופּירטע געביטן, דער רויב פון באָדנס און די אכזאַריעסדיקע אונטערדריקונג פונעם פּאַלעסטינער פאָלק אף די אָקופּירטע געביטן, די טפיסעס, די קאָלעקטיווע שטראָפן, וואָס ווערן אַרויפגעלייגט אף גאַנצע שטעט, אף דערפער און פּליטים-לאַגערן, די גיירושים און דראָונגען מיט מאַסן-גיירושים, דאָס דערשטיקן די פּאַלעסטינער קולטור, דאָס שליסן אוניווערסיטעטן — דאָס אַלץ ווערט אויסגענוצט מיצאַד די אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן, מיצאַד די ייִסראַעלדיקע רעגירנדיקע קרײַזן אף אַרויסרופן פאַרצווייפלונג און קאַפּיטוליאַנטישע שטימונגען בא דעם אַראַבישן פּאַלעסטינער פאָלק.

אַן אָביעקטיווע אָפּשאַצונג פון דער לאַגע אין דער וועלט און אין ראַיאָן ווײַזט, אַז די קויכעס-פאַרהעלטענישן ענדערן זיך צום שלעכטן פאַרן אימפּעריאַליזם און זײַנע פאַרבינדעטע, לעטוויועס דעם סאָציאַליזם און די אַנטי-אימפּעריאַליסטישע קויכעס אף דער וועלט, אַרײַנגערעכנט דעם מיטעלן מיזרעך. די רעזולטאַטן פון דער מילכאָמע אין ליוואַן איז איינער פון די באַווײַזן דערפון. ס'זײַנען נאָך קיינמאָל, ווי איצט, אַזוי ברייט ניט אַנערקענט געוואָרן די רעכט פונעם פּאַלעסטינער פאָלק מיצאַד דער צווישנפעלקערלעכער געמיינשאַפט.

די אַנטוויקלונג אין די לעצטע יאָרן האָט נאָכאַמאָל באַוויזן, אַז די אָפּיציעלע פּאָליטיק סײַ פון ליקוד און סײַ פון מאַראַך און פון די אַנדערע פּאַרטייען פונעם ייִסראַעלדיקן הערשנדיקן אַפּאַראַט, פירט ניט צו קיין אַלגעמיינעם גערעכטן און סטאַבילן שאָלעם, נאָר צו מילכאָמעס, פאַר פאַרייביקן די אָקופּאַציעס

און פֿאַרשקלאַפֿן ייִסראָעל צו דער סטראַטעגיע פֿונעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם.

די איינציקע מעגלעכקייט אײַנצושטעלן אַן עכטן אַלגעמיינעם, גערעכטן און סטאַבילן שאָלעם מיטן פּאַלעסטינער פֿאָלק און מיט אַלע אַנדערע שכיינים דרינגט אַרויס פֿונעם פּלאַן פֿון דער ייִסראָעלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכער איז באַזירט אויף גערעכטיקייט און פּאָליטישן רעאַליזם און אויף רעספּעקטירן די רעכט פֿון אַלע פֿעלקער און מעדינעס, פֿאַרמישטע אינעם ייִסראָעל-אַראַבישן סיכסעך.

די פּאַרטיי לייגט פֿאָר אַ פּלאַן פֿאַר אַן אַלגעמיינעם גערעכטן און סטאַבילן שאָלעם לעטויוועס אַלע פֿעלקער:

1) ייִסראָעל זאָל זיך צוריקציִען פֿון אַלע אַראַבישע שטאָכים, וואָס זי האָט אָקופּירט זינט זי האָט אָנגעהויבן די אַגרעסיווע מילכאָמע אין יוני 1967.

2) עס זאָלן רעספּעקטירט ווערן די רעכט פֿונעם פּאַלעסטינער פֿאָלק צו זעלבסטבאַשטימונג און צו אויפֿשטעלן אַ זעלבשטענדיקע מעדינע אין דער מייַרעוודיקער גאַדע, אײַנגעשלאָסן, מיזרעך-ירושאָלאַיִם און דעם אַזאַ-פּאַס.

3) ראַמאַט גאָלאַן זאָל אומגעקערט ווערן צו סיריע.

4) עס זאָל געזיכערט ווערן אַ גערעכטע לייזונג פֿון דער פֿראַגע פֿון די פּאַלעסטינער פּליטים אין העסקעם מיט די אונאָ-באַשלוסן, וואָס אַנערקענט זייער רעכט אויסצוווייַלן דאָס צוריקקערן זיך אין זייער פֿאָטערלאַנד אָדער באַקומען אַנטשעדיקונגען.

5) עס זאָל רעספּעקטירט ווערן דאָס רעכט פֿון מעדינאַס-ייִסראָעל און פֿון די אַראַבישע מעדינעס אויף סוּווערענער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג אין באַדינגונגען פֿון שאָלעם און זיכערקייט.

6) אַלע צדאָדים זאָלן אַנולירן דעם צוגאַנג, וואָס זיי האָבן געהאַט אין דער צייַט פֿונעם מילכאָמע-צושטאַנד און רעספּעקטירן די סוּווערעניטעט און די טעריטאָריִעלע גאַנצקייַט פֿון אַלע מעדינעס אינעם ראַיאָן, אײַנגעשלאָסן ייִסראָעל, און פֿון דער זעלבשטענדיקער מעדינע פֿון די פּאַלעסטינער, זייער רעכט צו לעבן אין שאָלעם אין אַנערקענטע און זיכערע גרענעצן, פֿרייַ פֿון דראָונגען און פֿון אָנווענדן קויעך.

7) די שאָלעם-באַדינגען זאָלן פֿאַרפֿעסטיקט ווערן אין אָפּמאַכן צווישן די מעדינעס, וואָס עס וועט זייַן דער געזעצלעכער יעסאָד פֿאַר דער פֿרידלעכער קאָעקזיסטענץ צווישן זיי.

8) עס זאָל אַנולירט ווערן די אַנעקסיע פֿון מיזרעך-ירושאָלאַיִם, וועלכן ייִסראָעל האָט אָקופּירט. אין מיזרעך-ירושאָלאַיִם זאָל אײַנגעשטעלט ווערן די סוּווערעניטעט פֿון דער זעלבשטענדיקער פּאַלעסטינער מעדינע אין העסקעם מיטן ווילן פֿון יעדן פֿאָלק אין זייַן מעדינע, אין די ראַמען פֿון אַ שאָלעם-רעגולירונג. ס׳איז פֿאַראַן אָרט פֿאַר האַסקאָמעדיקע רעגולירונגען, וואָס זאָלן גאַראַנטירן די קאָאָפּעראַציע פֿון די ייִסראָעלדיקע און פּאַלעסטינער טיילן פֿון ירושאָלאַיִם אויפֿן מוניציפּאַלן געביט, ווי אויך אַ פֿרייַען צוגאַנג צו די הייליקע ערטער פֿאַר די פֿאַרשיידענע רעליגיעס, אַ פֿרייַע באַוועגונג צווישן ביידע טיילן פֿון דער שטאָט אאַז״וו.

די ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי וועט מיט אַלע קויכעס קעמפֿן פֿאַר דערגרייכן אַן אַלגעמיינעם, גערעכטן און סטאַבילן שאָלעם. לעטויוועס דעם דאָזיקן דערהויבענעם ציל וועט די פּאַרטיי אַרויסטרעטן אַקטיוו פֿאַר אַקציע-אייניקייַט פֿון אַלע פּאָליטישע קרייַזן און פּערזענלעכקייַטן אין ייִסראָעל, אָן אונטערשייד פֿון אידעאָלאָגיע. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון ייִסראָעל זעצט פֿאָר צו באַטראַכטן דאָס דערגרייכן אַן אַלגעמיינעם, גערעכטן און סטאַבילן שאָלעם אינעם ראַיאָן אַלס ערשטראַנגיקע סטראַטעגישע אויפֿגאַבע.

וואָס פאַר אַ ציל פאַרפאָלגט דער ציִעניסטישער לאָזונג וועגן דער „צווייענדיקער לאָיאַלקייַט" פון די ייִדן

דער ציִעניזם שטעלט מיט זיך פאָר אין אונדזערע טעג איינס פון די וויכטיקסטע געצייַגן פונעם אימפּעריאַליזם אין זייַן גלאָבאַלן קאַמף קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און דער סאָציאַליסטישער געמיינשאַפט, קעגן דער צווישנפעלקערלעכער קאָמוניסטישער און אַרבעטער-באַוועגונג, קעגן דער נאַציאָנאַלער באַפרייַונגס-באַוועגונג, אין דער ערשטער ריי אַפן אַראַבישן מיזרעך.

אין יעסאָד פון דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע ליגט די רעאַקציאָנערע אַנטיוויסנשאַפטלעכע דאָגמע וועגן אַן „אַלוועלטלעכער ייִדישער נאַציע", וועלכע דערקלערט די ייִדישע באַפעלקערונג אין אַלע לענדער אַלס אַ באַזונדער עקסטעריטאָריעל „אַלוועלטלעך פאָלק". שטיצנדיק זיך אַף פונקט אַזאַ רעאַקציאָנערן און אַנטיוויסנשאַפטלעכן טעזיס וועגן „דעם אייביקן און אַלגעמיינעם כאַראַקטער" פונעם אַנטיסעמיטיזם, דערקלערן די ציִעניסטישע טעאָרעטיקער אַלס „עכט היימלאַנד" פון די ייִדן מעדינאַס-ייִסראָעל. פאַלסיפיצירנדיק היסטאָרישע פאַקטן, טייַנען זיי, אַז די לייזונג פון דער ייִדן-פראַגע שטעקט, קלוימערשט, אינעם „צונויפזאַמלען די גאָלעס-ייִדן" און באַזעצן זיי אין „היסטאָרישן היימלאַנד".

די פיבערהאַפטע באַמיִונגען פון די ציִעניסטן, וועלכע שטיצן זיך אַף דער הילף פונעם אימפּעריאַליזם און פון דער רעכטער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, קעדיי „צונויפזאַמלען אַרום ציאָן" די מערהייַט ייִדן פון אַלע לענדער, האָבן, ווי באַוווּסט, געליטן אַ מאַפּאָלע. אין ייִסראָעל וווינען איצט בלויז אַרום 25% פון די ייִדן אין דער וועלט. אין די לעצטע יאָרן — און דאָס איז איינע פון די אַנטפּלעקונגען פון דעם טיפן קריזיס פון דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע און פונעם פּאָליטישן קורס פון די ייִסראָעל-רעגירער — פאַרלאָזן די מעדינע מערער ייִדן, איידער עס קומען אַהין. די ייִדן פון פאַרשיידענע לענדער ווילן ניט זייַן קיין האַרמאַטן-פלייש און קיין ביליקע אַרבעטסקראַפט אין דער ייִסראָעלדיקער „גאַרניזאָן-מעלוכע". אין די דאָזיקע באַדינגונגען רוקן אַרויס די ציִעניסטישע און אימפּעריאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע-צענטערס אַלץ אַקטיווער דעם טעזיס וועגן „צענטראַלן אָרט פון ייִסראָעל אינעם לעבן פון דעם וועלט-ייִדנטום" און וועגן דער „צווייענדיקער לאָיאַלקייַט" (אָדער „צווייענדיקער בירגערשאַפט") פון די ייִדן, אַ טעזיס, וואָס ווידערשפּרעכט די צווישנפעלקערלעכע רעכטלעכע נאָרמעס. „דאָס באַטייַט, — האָט ציניש געשריבן דער ערשטער פּרעמיער-מיניסטער פון ייִסראָעל בען-גוריאָן, — געבן הילף ייִסראָעל, ניט געקוקט אַף דעם, צי וויל עס יאָ די רעגירונג פונעם לאַנד, וועלכן עס זייַנען אונטערגעוואָרפן די ייִדן, וווינענדיק דאָרט, צי ניט... ווען מיר רעדן וועגן אַן „איינהייַטלעך ייִדיש פאָלק", דאַרפן מיר איגנאָרירן דעם פאַקט, אַז עס איז צעזייט איבער דער גאַנצער וועלט, אַז די ייִדן זייַנען בירגער פון יענע מעלוכעס, אין וועלכע זיי לעבן".

דער געוועזענער פאָרזיצער פונעם אויספירקאָם פון דער ייִדישער אַגענץ אַ. פינקוס האָט אַף אַזאַ אויפן אויפגעקלערט דעם טעזיס וועגן דער „צווייענדיקער לאָיאַלקייַט": „מיר ווילן, אַז דאָס ייִדישע פאָלק זאָל פולקום זיך אידענטיפיצירן מיטן שווערן קאַמף, וועלכן מיר (ייִסרעיילים) פירן... די דאָזיקע אידענטיפיצירונג זעט פאָר ניט נאָר פינאַנציעלע הילף, נאָר זי באַטייַט אַבסאָליוט גרייט זייַן אויסצופילן אַ באַליביקע פאָדערונג פון ייִסראָעל, אַקטיוו פאַרטיידיקן זייַן פּאָליטיק, שאַפן אַ פרייַנטלעכע לעגאַבע אים אַטמאָספער. דאָס באַטייַט אַ קאַמף פאַר די פּאָליטישע אינטערעסן פון דעם לאַנד פון די ייִדן".

דער לידער פון דער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע מ. נאַסבאַום האָט אין 1963 זיך געווענדט צו דער ייִדישער יוגנט פון פּשאַ מיט אַ פאָלגנדן רוף: „אומאָפּהענגיק פון דעם, צי איר וועט יאָ באַשליסן זיך באַזעצן אין ייִסראָעל, צי ניט, איז וויכטיק, אַז, וווינענדיק אויסער די גרענעצן פון ייִסראָעל, זאָלט איר ווערן דינער פונעם ייִדישן פאָלק... מעדינאַס-ייִסראָעל איז און דאַרף בלייַבן דאָס פאָטערלאַנד פונעם גאַנצן ייִדישן פאָלק, זייַן גייַסטיקע נעסט. די ייִדן אין דער דיִאַספּאָרע (אַזוי רופן די ציִעניסטן אַלע לענדער, אויסער ייִסראָעל, וווּ עס וווינען ייִדן) דאַרפן טאָמיד

אָנערקענען די פֿירנדיקע ראָל פֿון ייִסראָעל און אַלע דרינגענדיקע דערפֿון פֿאָלגן". דער אויבנדערמאָנטער א. פּינקוס האָט דערקלערט, אַז „אַ געזאַנדטער פֿון מעדינאַס-ייִסראָעל איז ניט נאָר אַ פֿאָרשטייער פֿון ייִסראָעל, נאָר אויך אַ לעבנס-קראַפֿט אין דער טעטיקײַט פֿון דער ייִדישער קעהילע אין אָט דעם לאַנד". דער שרײַבער-ציִעניסט ל. אוסיס איז, פֿון זײַן זײַט, דערגאַנגען ביז אַ פּראָוואָקאַציאָנעלער באַהויפּטונג, אַז „יעדער ייִד אין אַ באַליביק לאַנד פֿון דער וועלט" איז קלוימערשט אַ „פּאָטענציעלער קוואַל פֿון אינפֿאָרמאַציע און שטיצע פֿאַר יעדן אַגענט פֿון מאָסאַד (ייִסראָעלדיקע אויסשפּירונג)". אַזעלכע מינים דערקלערונגען באַשטעטיקן אַן איבעריק מאָל, אַז דער ציִעניזם און דער אַנטיסעמיטיזם זײַנען צוויי זײַטן פֿון איין און דער זעלבער מאַטבייע און אַז די ציִעניסטן, נישט נאָר זיי קעמפֿן ניט קעגן אַנטיסעמיטיזם, נאָר באַטראַכטן אים ווי זײַנעם אַ פֿאַרבינדעטן און סטאַרען זיך אינספּירירן אַנטיסעמיטישע שטימונגען.

אַזויאַרום, פּרוּוון די ציִעניסטן אַף קאָלערליי אויפֿאַנים איבערצײַגן די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין פֿאַרשיידענע לענדער, ווי אויך די וועלט-עפֿנטלעכקײַט, מיט דער הילף פֿונעם לאָזונג וועגן דער „צווייענדיקער לאָיאַלקײַט", אין דעם, אַז ס'איז קלוימערשט פֿאַראַן אַן אידענטישקײַט און אַ פֿולקומע לאָגישע און פֿאַקטישע קעגנזײַטיקע אָפּהענגיקײַט צווישן די באַגריפֿן און דערשײַנונגען: ייִד — נאָכפֿאָלגער פֿון יודאַיִזם — ציִעניזם — מעדינאַס-ייִסראָעל.

אָבער קוידעםקאָל איז דער אָנגעוויזענער לאָזונג באַרופֿן, לויט די פּלענער פֿון די ציִעניסטישע לידערס, מיטצוהעלפֿן אײַנצושטעלן און פֿאַרשטאַרקן דעם אידעאָלאָגישן, פּאָליטישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן קאָנטראָל איבער די ייִדישע מאַסן מיצאַד דער ציִעניסטישער קנופּיע און פֿון די געטרײַע דעם ציִעניזם קלעריקאַלן.

די טעאָריע און די פּראַקטיק פֿון דער „צווייענדיקער לאָיאַלקײַט" העלפֿט מיט אויך אַף ווײַטער קעגנצושטעלן די ייִדן און די ניט-ייִדן, רופֿט אַרויס אין אייניקע קרײַזן פֿון די בורזשואַזע לענדער אומצוטרוי צו די ייִדן, אַנטיסעמיטישע שטימונגען. דאָס האָבן אויך פֿאַרפּראָגראַמירט די מעכאַברים פֿון דער טעאָריע וועגן „צענטראַליטעט פֿון דער מעדינע", וועלכע דאַרף סײַ אַרויסרופֿן און קולטיווירן שאָוויניסטישע, פּראָציִעניסטישע שטימונגען און האַנדלונגען אין די ייִדישע קרײַזן, סײַ סטימולירן אַנטיסעמיטישע פֿאָרורטיילן און עקסצעסן.

מע דאַרף זאָגן, אַז דעם לאָזונג וועגן דער „צווייענדיקער לאָיאַלקײַט" רוקן די ציִעניסטן אַרויס לאַכלוטן ניט קעסיידער אָפֿן. אָפֿט ווערט ער קונציק פֿאַרוואַלירט מיט די אַנטליִענע בײַ דער הײַנטצײַטיקער בורזשואַזער פּאָליטאָלאָגיע און סאָציִאָלאָגיע קאָנצעפּציעס וועגן אַ „פּליוראַליסטישער געזעלשאַפֿט", וועגן „פֿרײַער שפּיל פֿון פּאָליטישע קויכעס", וועגן „וועלט-מעלוכעס" און „וועלט-רעגירונגען" אדג. אַזוי, לעמאָשל, האָט דער געוועזענער פּרעמיער-מיניסטער פֿון ייִסראָעל מ. שאַרעט נאָך אין 1962 געשריבן, אַז „אַ צווייענדיקע אָדער פֿילצאָליקע לאָיאַלקײַט — דאָס איז אַן עטאַפּ, וועלכער דאַרף פֿאַרבײַטן די אידיי פֿון נאַציאָנאַליזם אין איר איצטיקער פֿאָרם און אין וועלכן דאָס ייִדישע פֿאָלק איז אַרײַנגעטראָטן פֿריִער פֿון אַנדערע".

דער אימפּעריִאַליזם און דער ציִעניזם נוצן ברייט אויס די קאָנצעפּציע וועגן „צווייענדיקער לאָיאַלקײַט", וועגן „צוויי טיילן פֿון אַן אַלוועלטלעכער ייִדישער נאַציע" צוזאַמען מיטן לאָזונג וועגן דער נויטווענדיקײַט צו געבן די ייִדן אויסער ייִסראָעל אַ „קולטורעל-נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע" אין זייער קאַמף קעגן פּססר און די אַנדערע סאָציִאַליסטישע לענדער.

טראָץ די אויסטראַכטענישן פֿון דער ציִעניסטישער און אימפּעריִאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואַרפֿט אָפּ די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין פּססר אָט די אַלע קאָנצעפּציעס. אויסער אַ הײַפֿל אָפּטריניקע און אַזעלכע, וואָס האָבן פֿאַרלוירן די ריכטיקע אָריענטאַציע אין זייער לעבן, געפֿינען זיך די ייִדן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד אויסער דער ספֿערע פֿון וועלכער-ניט-איז האַשפּאָע פֿונעם ציִעניזם, טאַדלען אַנטשיידנדיק די נאַציאָנאַליסטישע און אַ באַליביק אַנדערע בורזשואַזע אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק, קריטיקירן שאַרף דעם פּאָליטישן קורס פֿון ייִסראָעל און פֿונעם צווישנפֿעלקערלעכן אימפּעריִאַליזם. „בײַ די מענטשן, וועמען ס'האָט דערצויגן די סאָוועטישע אָרדענונג, קאָן ניט זײַן קיין אַנדער היימלאַנד. בלויז איין היימלאַנד קאָן זײַן בײַ אַ סאָוועטישן מענטשן. איר פֿאַרשטייט, בלויז איין היימלאַנד!" — האָט צאָרנדיק געענטפֿערט ל. קאַסיל אַ גרופּע ציִעניסטן, וועלכע האָבן זיך געסטאַרעט „איבערפּראָפּאַגאַנדירן" אים בעשאַס זײַנעם אַ באַזוך אין ענגלאַנד.

דעם לאָזונג וועגן דער „צווייענדיקער לאָיאַלקײַט", וועלכער איז באַרופֿן צו פֿאַרוואַנדלען די ייִדן אין פֿאַרשיידענע לענדער אין אַ מין „אייגענער סוויווע" פֿונעם ציִעניזם, וואַרפֿן אָפּ ניט נאָר די ייִדן-קאָמוניסטן, נאָר אויך די ברייטע שיכטן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין אַלע לענדער. זיי געדענקען

דעם אײַנגעפירטן מיצאַד דעם פּאַשיזם אין טאָגטעגלעכן געברויך באַגריף פינפטע קאָלאָנע און ווילן ניט דערלאָזן, אַז עמעצער זאָל אים אָנמעסטן אַף זיי. „מײַן פּאָזיציע, ווי די פּאָזיציע פון מײַן טאַטן, איז פײַנטלעך דעם ציִוניזם", — שטרײַכט אונטער דער אָנגעזעענער פראַנצויזישער אָריִענטאַליסט מ. ראָדינסאָן. ניט געקוקט אַף אַלע באַמיִונגען פון די ציִוניסטן און פון זייערע פאַרבינדעטע, האָבן בײַס דער מילכאָמע פון 1967 יאָר בלויז 17% פון די פראַנצויזישע ייִדן פּאָזיטיוו זיך אָפּגערופן אַפן רוף פון דעם פּראָציִעניסטישן געשטימטן מולטי-מיליאָנער ע. דע ראָטשילד און באַצאָלט א „שטײַער" לעטויוועס ייִסראָעל. אין פשא טראָגן אַרײַן בלויז 20% ייִדן זייער געלט אינעם פאָנד פון דעם „פאַרייניקטן ייִסראָעלדיקן רוף", וועלכער זאַמלט געלט פאַר ייִסראָעל. אַ ערעך אַזאַ בילד זעען מיר אויך אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אַזוי, לעמאָשל, האָט דער אָנפירער פונעם יוגנט-דעפּאַרטאַמענט פון דער ציִוניסטישער וועלט-אָרגאַניזאַציע אַז. גאָרדאָן שוין מיט עטלעכע יאָר צוריק גערעדט וועגן „דעם קריזיס אין די קעגנזײַטיקע באַציִונגען צווישן די ייִדן אין דער גאָרער וועלט און ייִסראָעל". ער האָט זיך באַקלאָגט אַף דעם, וואָס „עס האָט אַן אָרט אַן ערנסטער אָפּגאַנג פון ייִסראָעל און פונעם ציִוניזם מיצאַד פאַרשטייער פונעם יונגן דאָר ייִדן אין די מײַרעװ-לענדער". באַזוכנדיק אַרגענטינע, האָט דער פּרעזידענט פון דער ציִוניסטישער וועלט-אָרגאַניזאַציע א. דולטשין אָפּגעמערקט, אַז צווישן דער דאָרטיקער ייִדישער באַפעלקערונג פאַרשטאַרקן זיך שטימונגען פון „דעציִעניזאַציע".

די ציִעניסטן און זייערע אַפּעטראָפּסים קריכן פון דער הויט, קעדיי דעראָבערן א געוויסע אויפווירקונג אַף די ייִדן אין די סאָציאַליסטישע לענדער. אַזעלכע פּלענער פון דער רעאַקציע זײַנען אָבער געבויט אַף זאַמד.

כראָניק

צו שאָלעם פאַקטאָרס 80-טן געבורטסטאָג

ס'איז אַלט געוואָרן 80 יאָר דער סעקרעטאַר פונעם מעלבורנער (אַוסטראַליע) איציק וויטענבערג־קרײַז, דער אָנגעזעענער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכער טוער שאָלעם פאַקטאָר.

די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער געדענקען גוט ש. פאַקטאָרס באַזוך אין אונדזער לאַנד מיט צען יאָר צוריק. ער האָט דעמלט אויסגעדריקט זײַן באַגײַסטערונג מיט דער גרויסער אַרבעט, וועלכע ווערט אין סאָוועטנפאַרבאַנד געפירט אין געביט פון אַנטוויקלען די ליטעראַטור און קונסט, אַרײַנגערעכנט די ייִדישע.

שאָלעם פאַקטאָר איז בײַגעווען אַף איינעם פון די „ליטעראַרישע דאָנערשטיקן" אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", זיך באַגעגנט מיט די מאָסקווער, קיִעווער און טשערנאָוויצער ייִדישע שרײַבער. נאָכן אומקערן זיך אַהיים האָט ער אָנגעשריבן א בוך וועגן זײַן רײַזע איבערן סאָוועטנפאַרבאַנד.

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" ווינטשן דעם כאַווער ש. פאַקטאָר געזונט, אַריכאַס־יאָמים און ווײַטערדיקע אַקטיווע טעטיקײַט.

אונדזער
קאָסמאָס-ווינקל

דער נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" דערשײַנט, ווען עס ווערט אָפּגעמערקט דער 25־יאָריקער יובליי פונעם ערשטן פלוג אין קאָסמאָס. צו דער דאָזיקער דאַטע דרוקן מיר איײניקע מאַטעריאַלן פון דער רעדאַקציאָנעלער פּאָסטשט.

יורי גלאזקאָוו,

פּלי:ער־קאָסמאָנאַווט פון פּססר,
העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד

נײַגעריקע מאַרסיאַנער

די פראַזאישע מיניאַטיור, וועלכע ס'האָט איבערגעגעבן פאַר אונדזער זשורנאַל דער קאָסמאָנאַווט יורי גלאזקאָוו, איז אָנגעשריבן אינעם זשאַנער פון הומאָריסטישער פאַנטאַסטיק. ווי עס דערציילט דער אווטאָר, איז זי פאַרטראַכט געוואָרן בײַס זײַן פלוג אין קאָסמאָס.

1

די ערד פלעגט ווי מיט צוואַנגען צוצי:ען צו זיך די מאַרסיאַנער. אין די טעלעסקאָפּן האָבן זיי באַוווּנדערט די שפּיציקע בערג אַף דער ערד. די מאַרסיאַנער האָבן ליב געהאַט הויכקײַטן און צעשיטערטע אַטמאָספער. און אָט, סאָפּקאָלסאָף — די לאַנדונג אַף דער בלויער פּלאַנעטע...

זי איז דורכגעגאַנגען מיט דערפאָלג. וווּנדערלעכע רעזולטאַטן האָבן דערגרייכט די מאַרסיאַנער: זייער שיף האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פּינקטלעך אַף א באַרג-פּלאַץ, וועלכער איז געווען צוגעטוליעט צו א ווערטיקאַלער באַרג-וואַנט, וועגן וועלכער זיי האָבן געקאָנט בא זיך אַפּן מאַרס בלויז טרוימען.

אָפּגערוט זיך א ביסל, האָבן די מאַרסיאַנער אַרויסגעשלעפּט שטריק, האָקנס, העמערלעך און זיך אַוועקגעלאָזט שטורעמוען די באַרג-פעסטונג. אזוי האָט זיך אָנגעהויבן די היסטאָרישע אויספאָרשונג פון דער אומבאַקאַנטער פּלאַנעטע. די שעליכים פון דער אַלוועלט זײַנען געווען איבערצײַגט, אַז דאָס לעבן אַף דער ערד איז מעגלעך נאָר אַף די הויכענישן, אין די וואָלקנס פון ריינער, לײַכטער לופט. די האָקנס האָבן זיך אײַן אויגנבליק אַרײַנגעשלאָגן אין דער באַרג-וואַנט, די שטריק זײַנען געפלויגן אַלץ העכער און העכער, די קאַראַבינען און די מוסקולן האָבן געשלעפּט די מאַרסיאַנער אין דער הייך, זיי האָבן געעטעמט לײַכטער און לײַכטער, זייערע קערפּערס האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט קויעך.

דאָס זײַנען געווען אַלפּיניסטן פונעם העכסטן קלאַס. אָבער דאָס לעבן אַף דער פּלאַנעטע ערד האָט זיך דערוויַיל ניט אַנטפּלעקט, אַרום און אַרום איז ניט געווען קיין איין לעבעדיקער נעפעש. די מאַרסיאַנער זײַנען געווען גרויסע אַקשאָנים, זיי האָבן פלײַסיק געקלעטערט אַרויף, צו די באַרג-שפּיצן. זייער קעמפּ איז געבליבן ווײַט אונטן, אַף דעם באַרג-פּלאַץ. דאָרט האָט זיך געמיטלעך אײַנגעאָרדנט א געצעלט, פינקלענדיק אַף דער זון ווי א רויטער פלעק. די מאַרסיאַנישע שיף האָט אַרומגעשוועבט אַף דער אָרביטע און געוואַרט אַף אָנווײַזונגען.

2

אַף א שטייַלער וואַנט, וואָס פאַרקירצט דעם וועג צום באַרג-שפּיץ, האָבן געקלעטערט צוויי ערד-מענטשן — דזשעק און פּאַט. זיי האָבן באַשטימט איבערלויפן דעם וועג די אַנדערע צוויי — פעינען און לאַנען. זיי, דזשעק און פּאַט, ווילן די ערשטע באַזאָטלען דעם שפּיץ באַרג! דאָס וועט זײַן א סענסאַציע. אַלע וועלן דערשטוינט ווערן, ווען זיי, דזשעק און פּאַט, וועלן זיך באַווײַזן פונדאַנען, פונוואַנען קיינער און קיינמאָל וואַרט ניט אַף קיינעם. מע דאַרף נאָר גיוועער זײַן אָט די פאַרשאָלטענע וואַנט, און די באַלוינונג פאַרן רעקאָרד איז אין קעשענע. אָבער זי איז עפּעס א מאָדנע, די וואַנט, ס'איז ניט קלאָר, וווּהין זי פירט. עפּשער אַפילע פירט זי ניט אהין, וווּהין מע דאַרף.

מיט גרויסע אָנשטרענגונגען דערקלײַבן זיי זיך צו א האָריזאָנטאַלן פּלאַץ, ווו מע קאָן א ביסל אָפּרוען.

אָבער וואָס איז דאָס פאַר א טיַיוולאָנעס, וועמעס פּאַלאַטקע פינקלט דאָרט פרעך אַף דעם שניי, וואָס פאַר א מעשונעדיקע אייַזהעקער, קרוקעס, שיך, לייַכטע שטריק וואַלגערן זיך דאָרט? אַך, סאַראַ דורכגעטריבן פאַרשווינדל אָט דער פּעיִן איז, — ער האָט ערגעץ אייַנגעקויפט די נייַסטע אויסשטאַטונג, פאַרפריִער צוגעגרייט א מאָקעם-מעגוכע. ביז פאַרנאַכט וועט ער מיט זייַן כאַוועד אהער קומען און דערנאָך, אַפּרוענדיק, אויסטריקענען דאָס אָנטאָן, זיך ניט פאַרהאַלטן אין דער וואַרעם און קלעטערן ווייַטער צום באַרג-שפּיץ. ניין, דאָס טאָר ניט דערלאָזט ווערן. אָט דער פּעיִן איז פּאָשעט א פּאַסקודניאַק.

דער געדאַנק איז אַנטשטאַנען אייַנצייַטיק בא ביידן. אַפן האָריזאָנטאַלן פּלאַץ האָבן זיי אַפּגיך א טעל געמאַכט פון אַלץ, וואָס מע האָט אַהין ביז זיי געבראַכט. די פּאַלאַטקע און די אויסשטאַטונג זייַנען אין איין אויגנבליק אַנטרונען. אַלץ איז פאַרשטופּט געוואָרן אין א טיפן שפּאַלט און די זאַווייע האָט עס צוגעדעקט.

— אָט אַצינד זאָלן זיי קומען! — האָט געלאַכט דזשעק, — מירן זיי איבערלויפן דעם וועג און אָפּשיקן זיי א פּלאַמיקן גרוס פון דער הייך.

דזשעק און פּאַט האָבן אָבער פאַרשפּילט. זיי האָבן מיט די לעצטע קויכעס דערגרייכט דעם באַרג-שפּיץ בלויז אין א שאָ ארום נאָך פּעיִנען און לאַנען, וועלכע זייַנען געקראָכן מיט דער קעגניבערדיקער מעשופּעדיקער זייַט.

3

אומקערנדיק זיך אין זייער לאַגער און ניט געפינענדיק דאָרט ניט די פּאַלאַטקע, ניט די אויסשטאַטונג, האָבן די מאַרסיִאַנער פאַרשטאַנען, אַז יאָ, אַף דער פּלאַנעטע ערד זייַנען פונדעסטוועגן פאַראַן לעבעדיקע באַשעפענישן.

א. וואָסיליעוו

א שפּור אַף דער ערד

ווי געווייינלעך, איז פאַרן סטאַרט פון דער קאָסמישער שיף „סאָיוז ט-12” פאָרגעקומען א באַגעגעניש מיט די זשורנאַליסטן. בייַסן שמועס האָט דער קאָסמאָנאַווט איגאָר וואָלק מיט פיל וואַרעמקייַט דערמאָנט זייַן שול-לערער ר. מ. מייַזיס. מיר האָבן וועגן דעם אָנגעשריבן אינעם באַריכט פאַר דער „איזוועסטיִא”. און אין עטלעכע טעג ארום נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם באַריכט איז אין דער רעדאַקציִע אָנגעקומען א בריוו פון ראַפאַיִל מאַרקאָוויטשן. דער בריוו איז געווען אַדרעסירט דעם קאָסמאָנאַווט.

„ס'געדענקט זיך, — האָט געשריבן דער אַלטער לערער, — ווי אַפן ארויסלאָז-אָוונט האָב איך אייַך אַלעמען געגעבן די לעצטע פאַרגעבונג: לערנען זיך אַף ווייַטער און אַר-

דער קאָסמאָס — אַן אומענדלעכער וועג

דער סעקרעטאַריִאַט פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרייַבער־פאַרבאַנד פון פססר האָט דורכגעפירט אַן אופנאַם פון די אוטאָרן און פאַרלעגער פונעם זאַמלבוך „הויכע אַרביטעס”, וועלכער איז געווידמעט די פּאָרשער פונעם וועלטאַל. דעם זאַמלבוך האָט ארויסגעגעבן אַלס בייַלאַגע צום זשורנאַל „דרוזשבאַ נאַראָדאָוו” דער פאַרלאַג „איזוועסטיִא”.

עפענענדיק די באַגעגעניש, האָט דער סעקרעטאַר פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרייַבער־פאַרבאַנד יורי ווערטשענקאָ אָנגעוויזן אַפן געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן און ליטעראַריש־קינסטלערישן בייַטראָג אין דער סאָוועטישער קולטור און וויסנשאַפט מיצאַד די געלערנטע, קאָנסטרוקטאָרן, פליִער־קאָסמאָנאַווטן, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט דערלערנען דעם קאָסמאָס.

בא אונדז אין לאַנד אַנטוויקלט זיך דערפאָלגרייַך די ליטעראַטור, וועלכע שפּיגלט אָפּ די דערגרייכונגען אין פאַרווירקלעכן די פּראָגראַם פון באַהערשן די הימל־ספערן, שילדערט דאָס לעבן און די וויסנשאַפטלעכע טעטיקייַט פון די פּיִאָנערן פונעם קאָסמאָס, דעם היסטאָרישן וועג פון דער פאָטערלענדישער קאָסמאָנאַווטיק.

די פּרעסע האָט הויך אָפּגעשאַצט די זאַמלביכער פון דאָקומענטאַל־קינסטלערישע ווערק „דער זון פון

בעטן אזוי, אז דאָס היימלאנד און דאָס פאָלק זאָלן וועגן אייַך רעדן ווי וועגן נוצלעכע און גוטע מענטשן. דו האָסט אויסגעפילט די דאָזיקע פארגעבונג אף אויסגעצייכנט. איך שטאָלציר מיט דיר, מייַן טייַערער איגאָר!"

און אָט איז געקומען דער טאָג, ווען דער עקיפּאַזש פון דער קאָסמישער שיף „סאָיוז ט-12" דאַרף זיך אומקערן קיין מאָסקווע. נאָרוואָס האָט אפן בעטאָן-פעלד פונעם הינטערמאָסקווער אַעראָדראָם אַראָפּגענידערט דער אַעראָפּלאַן פון בייַקאָנור. ער רודערט צו צום פּעראָן, ווו אף די העלדן וואַרטן זייערע מישפּאָכעס, די פריינט-קאָסמאָנאַווטן, די שעפער פון דער קאָסמישער טעכניק.

דער טראַדיציאָנעלער באַגעגעניש-ריטואַל — א ראַפּאָרט פונעם קאָמאַנדיר דעם פאָרזיצער פון דער מעלוכישער קאָמיסיע. ס'איז אויסגעפילט געוואָרן א ביז גאָר קאָמפּליצירטע פארגעבונג, דער עקיפּאַזש האָט אריינגעשריבן א רומפול זייַטל אין די אַנאַלן פון דער פאָטערלענדישער קאָסמאָנאַווטיק. פארשטייט זיך, אז דער הויפּט-העלד הייַנט איז סוועטלאַנע סאַוויצקאַיאַ, די ערשטע פרוי פון אונדזער פּלאַנעטע, וועלכע האָט זיך צוויי מאָל אופגעהויבן אף דער אָרביטע און איז צוזאַמען מיטן קאָמאַנדיר ארויס אינעם אָפענעם קאָסמישן רוים. ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס נאָכן ראַפּאָרט ווערט גלייַך שווער זי אָפּצוזוכן, — גיי פרוו זי דערזען פון אונטער די רויזן, גוואָזדיקעס, גלאַדיאָלוסן...

די בעסטע פון אָט די קוויטן ווערן געשענקט יורי גאַגאַרינען. בא זייַן דענקמאָל, וועלכער שטייט אף דער הויפּט-גאַס פונעם שטערן-שטעטל, שטעלט זיך אָפּ אף א רגע די מערקווירדיקע פּראָצעסיע. וו. דזשאַניבעקאָוו, ס. סאַוויצקען און אי. וואָלקן, אזויווי יורי גאַגאַרינען, קאָן מען געוויס אָנרופן אויסשפּירער פון דער צוקונפט. די רעזולטאַטן פון די אויספאָרשונגען פון פארשיידענע קאָנסטרויר-מאַטעריאַלן, וועלכע זיי האָבן דורכגעפירט אין קאָסמאָס, די אויספרוּוון פון דעם נייַעם אוניווערסאַלן האַנטווערקער-אינסטרומענט, די מעדיצינישע עקספּערימענטן זייַנען אומשאַצבאַר אין דער צוגרייטונג צו שאַפן אין נעבנערדישן רוים וויסנשאַפטלעך-פאָרשערישע קאָמפּלעקסן, אָרביטאַלע זאַוואָדן, סטאַפּעלן אף בויען צווישנפּלאַנעטאַרע שיפן.

אפן מיטינג האָבן די העלדן דערציילט וועגן זייער לעבן און וועגן דער אַרבעט אפן באָרט פון דער אָרביטאַלער וויסנשאַפטלעכער סטאַנציע. דערנאָך האָבן זיי זיך באַגעגנט מיט די זשורנאַליסטן, און דאָ טאַקע האָב איך — זאָל מיר מויכל זייַן ראַפאַיל מאַרקאָוויטש — איבערגעלייענט פאר אַלעמען זייַן בריוו.

— מיר לערנען זיך דאָס גאַנצע לעבן, — האָט, אויסהערנדיק דעם בריוו, געזאָגט דער פליער-קאָסמאָנאַווט פון פּסטר, דער העלד פון סאָוועטנפארבאַנד איגאָר פּעטראָוויטש וואָלק, — נאָר שטענדיק דערמאָנען מיר מיט א באַזונדער דאַנקבאַרקייַט אונדזערע שוללערער, וועלכע האָבן דערצויגן אין אונדז די ליבע צו וויסנשאַפט, די שטרעבונג צו פארפולקומונג, צו דעם, אז עס זאָל נאָך דיר בלייַבן א גוטער שפור אף דער ערד.

דער ערד" (פארלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"), „דער ערשטער קאָסמאָנאַווט פון דער פּלאַנעטע ערד" (פארלאַג „סאָוועטסקאַיאַ ראָסיאַ"), „די באַהערשונג פון דער אומענדלעכקייַט" (פארלאַג „איזוועסטיאַ"). א וויכטיקע פּאַטריאָטישע ראָליע שפּילט דער זאַמלבוך פון ליטעראַריש־קינסטלערישע ווערק „בייַקאָנור", וועלכן עס גיבן ארויס אין אַלמאַ־אַטאַ די שרייַבער פון קאַזאַכסטאַן און רספסר. אין דער קאָסמישער ליטעראַטור געפינען אָן אויסדרוק די בעסטע טראַדיציעס פון דער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור. אין איר זייַנען פארקערפּערט די קלאַסישע פּרינציפּן פון הומאַניזם, פונעם קאַמף פאר די ליכטיקע אידעאַלן פון דער מענטשהייַט, דער טריומף פון גערעכטיקייַט.

יורי ווערטשענקאָ האָט איבערגעגעבן ערן־גראַמאָטעס דעם ערשטן שעף פונעם צענטער פאר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן יעווגעני קאַרפּאָוון, די דיכטער ניקאָלייַ פּאָליווין, באָריס דובראָווין, אַרן ווערגעליס, די פּראָזאַיקער און פּובליציסטן וולאַדיסלאַוו קאַץ, יעווגעניע מאַלאַכאָווסקאַיאַ, דעם דראַמאַטורג טיכאָן ניעפּאָמניאַשטשי, דעם פליער־קאָסמאָנאַווט פון פּסטר פּאַוועל פּאָפּאָוויטש.

דער פליער־קאָסמאָנאַווט פּאַוועל פּאָפּאָוויטש האָט איבערגעגעבן א ריי שרייַבער און פארלאַג־טוער מעדאַלן און דיפּלאָמען אפן נאָמען פון יו. גאַגאַרין.

פאָטאָ נומ. 1

דעם 22 אווגוסט 1965 איז דער ערשטער קאָסמאָנאווט יורי אלעקסייע־וויטש גאגארין געקומען צוגאסט צו די שילער, וועלכע האָבן אָפּגערוט אין יעווּפּאטאָריע אינעם פּיאָנערן־לאגער פון דער בײַדניעפּראָווער אײַזנבאן. אפן צענטראלן פלאץ פון דעם לאגער איז פאָרגעקומען די פײַערלעכע באגעגעניש. דעם קאָוועד צו ראפּאָרטירן דעם קאָסמאָנאווט האָט געהאט די שילערן פון דניעפּראָפּעטראָווסק, פאָרזיצער פון דער פּיאָנערן־דרוזשינע טאניע געלפאנד. זי האָט גאגארינען אויסגעבונדן א רויטן האלדזטוך און אים מיטגעטיילט, אז ער ווערט אָנגענומען אלס ערן־פּיאָנער (פאָטאָ נומ. 1).

דער רומפולער קאָסמאָנאווט האָט דערציילט די פּיאָנערן וועגן זײַן פלוג און וועגן דער אנטוויקלונג פון דער קאָסמאָנאווטיק בא אונדז אין לאנד. אין אָנדענק פון דעם באזוך האָט ער זיך פאָטאָגראפירט מיט די פּיאָנערן (פאָטאָ נומ. 2).

דער פּיאָנערן־לאגער, וועלכן ס'האָט באזוכט יו. א. גאגארין, טראָגט איצט זײַן נאָמען. אין 1983 האָט די פּיאָנערן־דרוזשינע פונעם לאגער פאר־בעטן צוגאסט דעם קאָסמאָנאווט פּאוועל ראָמאנאָוויטש פּאָפּאָוויטש. לעקאָ־וועד אים איז פאָרגעקומען א פײַערלעכע ליניקע (פאָטאָ נומ. 3).

פאָטאָ וויטאלי מערענבאך

פאָטאָ נומ. 2

פאָטאָ נומ. 3

|| ליטעראַטור-קריטיק ||
|| ביבליאָגראַפיע ||
|| פראַגן פון קונסט ||

פונעם ליטווישן שטעטל אין דער ברייטער וועלט אַרייַן

ווען בער האַלפּערנס דערציילונגען האָבן מיט צוויי צענדליק יאָר צוריק אָנגעהויבן זיך באַווייַזן אויף די זייַטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד", האָבן זיי באַלד צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייַט פונעם לייענער מיט דער אשירעס פון זייער שפּראַך, אייגנאַרטיקייַט פון סטיל, פּסיכאָלאָגישער פּאַרטיפּטקייַט פונעם אינהאַלט.

בער האַלפּערן איז געקומען אין דער ייִדישער קינסטלערישער ליטעראַטור שוין אין א רייַפער עלטער, באַלאָדן מיט אַלזייַטיקן וויסן, מיט טיפער באַהאַוונטקייַט אין די קולטור-אוצרעס פון דער אַלטער העברעיִשער און נייַער ייִדישער ליטעראַטור.

דער שרייַבער האָט דורכגעמאַכט א קאָמפּליצירטן לעבנסוועג, אויסגעשטאַנען קאָלערליי ניסיוינעס. ווען ער האָט נאָך יאָרן פון וואַנדער און וואָגל זיך אומגעקערט פון אורוגווייַ אין זייַן היימלאַנד ליטע און זיך ווידער גענומען צו דער פּען, האָט ער שוין געהאַט א רייַכע דערפאַרונג פון מענטשן-קענטעניש און איז געווען בעקויעך צו דערציילן מיט קינסטלערישער רייַפקייַט וועגן דעם לעבן פון זייַנע העלדן אין דער קעגנוואַרט און אין דער פאַרגאַנגענהייַט.

ליטע מיט איר הויפּט-שטאָט ווילנע האָט טאָמיד פאַרנומען א כאָשעווו אָרט אין דער געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרישער געשיכטע פונעם מיזרעך-אייראָפּעיִשן ייִדנטום. די „ליטוואַקעס" מיט זייערע „אייַזערנע מויכעס" האָבן געהאַט א שעם ווייַט אויסער די גרענעצן פון זייער קאַנט. זיי האָבן געשפּילט א וויכטיקע און אָפט פירנדיקע ראָליע אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע באַוועגונגען פון די לעצטע יאָרהונדערטער. פאַרנעמט טאַקע דאָס שילדערן דאָס לעבן פונעם ליטווישן ייִדנטום אין פאַרשיידענע טקופעס אַן אָנגעזעען אָרט אינעם שאַפן פון בער האַלפּערן.

זייַן ליטעראַרישע יערושע איז קוואַנטיטאַטיוו ניט קיין גרויסע — אַרום און אַרום צוויי בענדער דערציילונגען: „מייַן ייִכעס" (דערשינען מיט עטלעכע יאָר צוריק אין ייִדיש און אין דער רוסישער איבערזעצונג), און „כעזשבן-האַנעפעש" (1984).

דער בוך „כעזשבן-האַנעפעש" איז טעמאַטיש אייַנגעטיילט אין צוויי טיילן: א ציקל דערציילונגען וועגן דעם ייִדישן לעבן אין די שטעט און שטעטלעך פון ליטע פאַר און נאָך דער צווייטער וועלט-מילכאָמע און דרייַ גרעסערע היסטאָרישע נאָוועלעס וועגן דעם שטורמישן פּעריאָד אין דער געשיכטע פון די ליטווישע ייִדן, ווען עס זייַנען אָנגעגאַנגען די לייַדנשאַפטלעכע מאַכלויקעס אויפן רעליגיִעזן באָדן צווישן די מיסנאַגדים און כאַסידים און שפּעטער דער העפטיקער קאַמף צווישן זיי ביידן און דער האַסקאָלע-באַוועגונג.

די דאָזיקע היסטאָרישע באַוועגונגען אינעם לעבן פון די ייִדישע קעהילעס פון מיזרעך-אייראָפּע, פון ליטע בעסויכעם, ווערן אין האַלפּערנס נאָוועלעס אויף א הויך-קינסטלערישן און וויסנשאַפטלעכן ניוואָ געשילדערט אין צוזאַמענהאַנג מיט די לעבנס-באַשרייַבונגען פון דרייַ פּערזענלעכקייַטן: דעם פאָרגייער פון דער האַסקאָלע מענאַשע בען פּאָראַט (1767 — 1831), פון מוישע-לייב ליליִענבלום (1843 — 1910) און פון דעם העברעיִשן דיכטער יעהודע-לייב גאָרדאָן (1830—1892).

זייַן קינסטלערישע מייַסטערשאַפט און היפּשע קענטענישן אין דער געשיכטע פונעם מיזרעך-אייראָפּעיִשן ייִדנטום אַנטפּלעקן זיך אין דער פולער מאָס אין אַט די דרייַ נאָוועלעס. די ביאָגראַפיעס פון די דערמאָנטע פּערזענלעכקייַטן ווערן געגעבן אויפן פאָן פון א ברייטער שילדערונג פונעם לעבנשטייגער אין די ליטווישע שטעט און שטעטלעך און פון א גאַלעריי געשיכטלעכע געשטאַלטן פון דער גע-

געבענער טקופע. דאָס זײַנען ניט קיין ראָמאַנטיזירטע שילדערונגען „פונעם וויגל ביזן קייווער". דער שרײַבער נעמט זיך ניט דערציילן וועגן זייער גאַנץ לעבן און זייער טעטיקײַט. ווען מע לייענט די נאָוועלעס, שאַפט זיך אַן אײַנדרוק, אַז ניט די היסטאָרישע געשעענישן זײַנען דער הינטערגרונט פאַר די לעבנסביאָגראַפיעס, נאָר פאַרקערט — דורך די געדאַנקען און געפילן פון זײַנע העלדן גיט דער מעכאַבער דאָס קינסטלערישע בילד פון זייער צײַט און פון זייער סוויווע.

די פופצן דערציילונגען אין ערשטן טייל פונעם בוך זײַנען געווידמעט דער היינטצײַטיקײַט מיט אירע פּראָבלעמען. זיי באַרירן פאַרשיידענע אַספּעקטן פונעם מישפּאָכעלעבן — באַציִונגען צווישן מאַן און פרוי, צווישן דעם אַלטן און יונגן דאָר, געמישטע כאַסענעס, פרײַנטשאַפט צווישן מענטשן פון פאַרשיידענעם אָפּשטאַם. באַזונדערס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן די מײַסטערשאַפט פונעם אַוטאָר באַם שילדערן דעם קאָמפּליצירטן פּראָצעס פון אַדאַפּטירן זיך פון די לעבנגעבליבענע בייסן כורבן אין די נײַע געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון אונדזער צײַט.

איז עפּשער טאַקע ניט קיין צופאַל, וואָס דער בוך הייבט זיך אָן מיט דער דערציילונג „די נײַע צײַט". די צײַט פליסט אומופהערלעך, און מיט איר צוזאַמען פליסט און ענדערט זיך אַלץ. אין דער דערציילונג קומט בילדעריש צום אויסדרוק דער פאַרשיידענער לויף פון דער צײַט: אָנהייבנדיק פונעם פאַרשלאָפענעם גאַנג פון דעם אַלטמאָדישן וואַנטזייגער מיט די פאַרזשאַווערטע געוויכטן אין דער אַלטער שטוב פון די עלטערן אין ליטווישן שטעטל פון פאַר דער מילכאָמע, וואָס שמוליק האָט פאַרגעדענקט פון די קינדעריאָרן, און ביז דעם עלעקטראָנישן האַנטזייגער אויף דער האַנט פון זײַן יונגער שוועסטער, וועלכע האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אָפּגעשטאַנענקײַט פון די פריִערדיקע דורות און גייט אין ריטם מיט דער צײַט אין די נײַע באַדינגונגען פון דער באַנײַטער ליטע נאָך דער מילכאָמע:

„...דאָס געפיל וועגן דער צײַט איז געווען דער שטאַרקסטער אײַנדרוק, וועלכן שמוליק האָט אַרויסגעטראָגן פון זײַן קינדהייט..."

„...די צײַט איז געווען אַ נערוועז-צערודערטע: דאָ לאָזט זי זיך אַראָפּ אין טיפן טאָל, דאָ הייבט זי זיך אויף, טראַסקענדיק און צישנדיק מיטן קראַנקן מאָטאָר אויף אַ באַרג, און דער וועג גייט האַרט פאַזע אַן אָפּגרונט".

„...נאָך דער מילכאָמע האָט די צײַט אינגאַנצן געביטן איר גאַנג. זי איז איצט געווען

ווי אַ לאָקאָמאָטיוו, וועלכער עטעמט פּרעכטיק מיט זײַנע אײַזערנע לונגען און שפּרײַזט פּאָרויס מיט אַ מוירעדיק-פּעסטן, אַלץ באַזיגנדיקן טראָט..."

אין דער דערציילונג „דער איליִער" געפינען מיר אַ וואָרהאַפטיק בילד פונעם קאַמף צווישן די כאַסידים און מיסנאַגדים אין סאָף 18-טן און אָנהייב 19-טן יה. דאָס איז אַ קאַמף צווישן דעם ראַבאָנישן ייִדנטום מיט זײַן קולט פון שטרענגער פרומקײַט און דעם אויפקומענדיקן כאַסידיזם מיט זײַן קולט פון דינען גאָט מיט פרייד, מיט היספּײַלעס.

מענאַשע דער איליִער וויל שאָלעם מאַכן צווישן ביידע שיטעס. ער פּאָרט קיין ווילנע זיך באַקאַנען מיטן ווילנער גאָען, דעם ראָש פון די מיסנאַגדים, און דערנאָך קיין ליאָזנע — צום פירער פון די כאַבאַדניקעס שנייער-זאַלמען, קעדיי צו זען מיט די אייגענע אויגן, וויאַזוי עס זעט אויס דאָס פּראַווען כאַסידעס אין דער ווירקלעכקײַט.

אַ פאַרדינסט פונעם מעכאַבער איז דאָס שילדערן ביידע שיטעס מיט אָביעקטיווקײַט, דאָס צוגיין צו היסטאָרישע געשעענישן אין זייער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו. האַלפערן היט זיך אָפּ פון ראָמאַנטיזאַציע און אידעאַליזאַציע. אין דער דערציילונג באַקאַנען מיר זיך מיט דעם פּראַקטישן כאַסידיזם, מיט זײַן פאַנאַטיזם, צעלאָזנקײַט פון די מידעס, וועלכע דערגרייכט אָפּט ביז שיקרעס און אַפילע ביז זנוס.

דער איליִער ווערט אינעם בוך געגעבן נאָר אין ערשטן פּעריאָד פון זײַן לעבן, ווען ער פּרוּווט געפינען דעם סינטעז צווישן כאַסידיזם און מיסנאַגדעס. מיר פאָלגן נאָך זײַנע ספּייקעס, וואַנדלונגען און זוכענישן, ביז ער באַקאַנט זיך מיט די אידייען פונעם ראַמבאַם, פון שפּינאָזען און מוישע מענדעלסאָנען און גייט אַוועק אויפן ברייטן שליאַך פון אייראָפּעיִשן וויסן, ווערט איינער פון די פאָרגייער פון דער האַסקאָלע-באַוועגונג אין רוסלאַנד.

ווי אַ העמשעך פונעם „איליִער" קומט די דערציילונג „כעזשבן-האַנעפעש", אין וועלכער די צענטראַלע פיגור איז דער באַוווּסטער העברעיִשער דיכטער יעהודע-לייב גאָרדאָן, איינער פון די הויפּט-קעמפער פון דער האַסקאָלע. י.-ל. גאָרדאָנס ליטעראַריש-געזעלשאַפטלעכע טעטיקײַט פאַלט אויס אין דער צווייטער העלפט פונעם 19-טן יה., ווען דער קאַמף צווישן די כאַסידים און מיסנאַגדים איז אָפּגערוקט געוואָרן אויפן צווייטן פּלאַן און אויפן ערשטן שטעלט דאָס לעבן אַרויס די פּראָבלעם פון „ייִד און מענטש". האַלפערן שילדערט דעם קאַמף פון די מאַסקילים, וועלכער האָט געהאַט אַ ציל אַרויסצורײַסן די יוגנט פון דער יעשי-

ווע, זי זאָל זיך באַהעפטן מיט דער ברייטער וועלט.

„יענע צײַט איז געווען די צײַט פון „שטורעם און דראנג”. דוירעס און דוירעס האָט זיך געצויגן א יִדיש לעבן, הערמעטיש אָפּגעשיידט פון דער ארומיקער וועלט, א לעבן מיט אן אייגענער מאָראַל, מיט אן אייגענעם שטייגער, וועלכע זײַנען געווען ארומגעכאפּט מיט אײַזערנע רייפן פון רעליגיִעזע דינים, דורכגעטראַכטע, אָפּגעוויגענע און אָפּגעמאָסטענע ביז די דינסטע פּראָטים. און פּלוצלינג האָט א בלאָז געטאָן א פרישער ווינט, וואָס האָט זיך ארײַנגעריסן אין דער גײַסטיקער פעסטונג פון אָט דעם לעבן: אין קלויז. און נעכטיקע יעשיוועבאָכערים, מאסמידים, אילויקעפּ האָבן זיך זשעדנע א צי געטאָן צו בילדונג, צו וועלטלעכקײַט.

האלפערן באַווײַזט אויך אז י.-ל. גאָרדאָן האָט ניט פארמאכט די אויגן אף די שאָטנזײַטן פון דער האסקאָלע-באַוועגונג. ער שילדערט דעם דיכטער שוין אין רײַפן עלטער, ערעוו און בעשאס זײַן פארשיקונג קיין סיביר, אין פעריאָד פון זײַן לעבן, ווען ער האָט אָנגעהויבן פארשטיין דעם גרויסן עמעס, אז די לייזונג פון דער יִדישער פּראָבלעם איז אָפּהענגיק פונעם קאמף, וועלכער האָט זיך געפירט אין לאנד פון אלגעמיינער סאָציִאלער און נאציִאָנאלער באַפרײַונג.

„...מע דארף ערשט אויסלייזן די וועלט, און אין דער אויסגעלייזטער וועלט, וואָס איז פרײַ פון פריצישן ווילקיר, פרײַ פון אונטערדריקונג, פרײַ פון רעליגיִעזע און נאציִאָנאלע פאָרורטיילן, אין דער דאָזיקער וועלט וועט בעמיילע ווערן געלייזט די אָנגעווייטיקטע פראגע — די יִדישע...”

אזוי אקטואליזירט בער האלפערן די פארגאנגענהײַט, באַרירט פּראָבלעמען, וועלכע שטייען נאָך הײַנט, אין הונדערט יאָר ארום, אין אנדערע באַדינגונגען, אפן טאָג-סיידער.

אין דער היסטאָרישער דערציילונג „מוישע-לייב” שילדערט האלפערן דאָס לעבן פון א צווייטן אָנגעזעענעם האסקאָלע-קעמפער מ.-ל. לילִיענבלום. דער אוטאָר האָט אף א קינסטלערישן אופן באַשריבן דעם וועג, וואָס די קליינשטעטלדיקע יוגנט מאכט דורך פון דער מיטלאלטערלעכער אָפּגעשטאנענקײַט צו אייראָפּעִישער בילדונג, די פארפאָלגונגען, וואָס זי האָט געהאט אויסצושטיין מיצאד דער אָפּגעשטאנענער, פאנאטישער סוויווע. ניט אזוי גרינג איז געווען פאר מוישע-לייבן און זײַנס גלײַכן איבערצורײַסן מיט דעם פון דוירעס אײַנגעשטעלטן לעבנשטייגער, מיט די שטרענגע נאָרמעס פון דינים, מיצוועס און מינהאָגים, וועלכע האָבן ארומגעכאפּט דאָס גאנצע לעבן מיט דער אײַזערנער רייף. א באַזונדערן אײַנדרוק מאכט דאָס טראגישע געשטאלט פון מוישע-לייבס כאַווער אלטערקע, וועמען די גײַסטיקע ליידן, די צעריסנקײַט צווישן דעם כיוו לעגאַבע זײַן מישפּאָכע און דער שטרעבונג זיך ארויסרײַסן פון די דריקנדיקע פיר ווענט פונעם בעסמעדרעש דערפירן צו זעלבסטמאָרד.

די שילדערונג פון דער שטילער און סאמע אָנהייב דערשטיקטער ליבע פונעם יונגן מוישע-לייבן צו דער שוועסטער פון זײַן רײַכן טאלמיד געהערט צו די פײַנסטע ערטער אין דער דערציילונג. די סאָציִאלע מעכיצעס פון רײַך און אָרעם שטייען ווי אן אײַזערנע וואנט צווישן די צוויי יונגע מענטשן, און זיי בלײַבן צעשיידט, אָפּהענטיק פארן מעכטיקן קויעך פון די פאָרורטיילן פון דער סוויווע, אין וועלכער זיי לעבן.

צוויי דערציילונגען אין „כעזשבן-האנעפעש” טיילן זיך באַזונדערס אויס סײַ טעמאטיש, סײַ סטיליסטיש און פּאסן זיך ניט אײַן אין די ראַמען פון די באַהאנדלטע טעמעס פונעם בוך. איינע פון זיי איז די דערציילונג „מאראנען”. דער מעכאבער פירט אונדז אוועק קיין שפּאניע ערעוו דעם גיירעש פונעם סאָף 15-טן יה. מיר באַקומען א בוילעט בילד וועגן דעם לעבן פון די שפּאנישע יִדן אין יענע ווײַטע צײַטן, באַזונדערס פון די מאראנען (אנוסים). איבערצײַגעוודיק איז געצייכנט דאָס געשטאלט פונעם יונגן יויסעפן — זײַנע גײַסטיקע מאטערנישן און זײַן צעריסנקײַט איבער דער שטרעבונג „צו זײַן מיט מענטשן גלײַך”.

די דערציילונג „א געשפּרעך צווישן פיר אויגן” איז איינע פון די געראָטנסטע און אָריגינעלסטע אינעם בוך. זי איז געווידמעט דער טעמע פון דײַטשישער אָקופּאציע, געטאָ און פארניכטונג. דער מעכאבער נעמט זיך דאָ ניט מאָלן דאָס לעבן און די ליידן פון די אסירים אין די געטאָס און קאָנצלאגערן. זײַן ציל איז גאָר אן אנדערער — בילדעריש באַלײַכטן דעם טהאָם צווישן צוויי וועלטן — דער וועלט פון רישעס און אכזאָריעס און דער וועלט פון פארנונפט און מענטשלעכקײַט. דאָס אלץ קומט צום אויסדרוק אינעם דיִאלאָג, וועלכן עס פירן צווישן זיך צוויי געוועזענע גוטע כאַווײרים, קאָלעגן אין בערלינער אוניווערסיטעט — דער יִד, ד״ר ריווקעס, וועלכער געפינט זיך שוין דרײַ יאָר אין קאָוונער געטאָ, און דער דײַטש ווילהעלם געקע, דער קאָמענדאנט פון דער שטאָט.

די מילכאָמע האלט באַם פארענדיקן זיך, די מאפּאָלע פון די דײַטשן איז שוין פאר אלעמען קלאָר און אומפארמײַדלעך. ד״ר ריווקעס קומט צו זײַן געוועזענעם כאַווער בעטן, ער

זאָל שאַנעווען די לעצטע 10 טויזנט ייִדן פון דער קאָוונער געטאָ, ניט אַרויספירן זיי אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן, און מיט דעם אַקט אָפּוואַשן כאָטש אַ קליינעם טייל פון דעם פלעק, וואָס ליגט אויף דײַטשלאַנד. דער עסעסאָווער בלײַבט אָבער טויב צום קאָל פונעם געוויסן, ער איז טרײַ ביזן סאָף דער מענטשנפרעסערישער אידעאָלאָגיע פון ברוטאַלער קראַפט.

ביידע קומען אום אין איין און דעם זעלבן טאָג — ד״ר ריווקעס אין דאַכאַו, און דער שטאַנדאַרטנפירער פון עסעס ווילהעלם געקע אין שלאַכט מיט די סאָוועטישע סאָלדאַטן־באַפרײַער.

„כעזשבן־האַנעפעש״ צייכנט זיך אויס ניט נאָר מיט די געטרײַע קינסטלערישע בילדער פון דער איצטיקער און פאַרגאַנגענער עפּאָכע, נאָר אויך מיט דער רײַכקייט און אָריגינעלקייט פון דער שפּראַך און סטיל. אין אַ קריטישער אָפּהאַנדלונג וועגן האַלפּערנס בוך „מײַן ייִכעס״ האָט הערש רעמעניק געשריבן:

„האַלפּערנס שפּראַך פאַרדינט אַ ספּעציעלע אויספאָרשונג. אין זײַן ליטעראַרישן שפּראַך־סטיל זײַנען אַקומולירט אָנזאַמלונגען פון אייראָפּעיִשע, סלאַווישע און העברעיִשע שפּראַכן, ווערטער און אויסדרוקן פון פאָלקלאָר און אָנזאַמלונגען פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, פון דעם קלאַסישן, נאָכקלאַסישן פּעריאָד אירן פון דער נײַסטער, פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד און אין אויסלאַנד. אָט די אַלע שפּראַך־טענדענצן און שטרעמונגען קרייצן זיך איבער אין זײַן סטיל, בילדנדיק אַן אייניקײַטלעכע שעפערישע דערשײַנונג פון רײַכער און רײַפער שפּראַך־קולטור״.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור וועלן בער האַלפּערנס ווערק פאַרנעמען אַ באַשטענדיק אָרט.

בערל רויזן

דער אָטעם פון דער צײַט

פּאָעזיע גייט אַרײַן אין קרײַז פון די אינטערעסן פון אונדזערע מיטצײַטלער בלויז דאַן, ווען דער אינהאַלט אירער איז אָנגעזאַפּט מיט עכטן פּאַטאָס און עמאָציאָנעלן קויער, מיט אַ בוילעטן געזעלשאַפטלעך באַזיניקטן געדאַנק, מיט לײַדנשאַפטלעכער בירגערלעכקײַט. וועגן דעם האָב איך געטראַכט, לייענענדיק מישע מאָגילעוויטשעס לידער־זאַמלונג, וועלכע ס׳האָט אין דער איבערזעצונג אויף אוקראַיִניש אַרויסגעגעבן דער פאַרלאַג „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק״. די לידער האָבן איבערגעזעצט אָנגעזעענע אוקראַיִנישע פּאָעטן — באָריס אָליינִיק, איוואַן דראַטש, דמיטראָ פּאַוולִיטשקאָ, לינע קאָסטענקאָ, סטאַניסלאַוו טעלניוק, טאַמאַרע קאָלאָמיִעץ, אַבראַם קאַצנעלסאָן, לעאָניד האָרלאַטש.

מישע מאָגילעוויטשעס דיכטונג טראָגט מיט זיך אַ געפיל פון גערעכטיקײַט און יוישער. די נאַציאָנאַלע טעמע איז אין איר אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן. אין דער דערמאָנונג וועגן דעם דיכטערס היימשטעטל („דער זייגער גייט פאָרויס״, „אַן אַלטער ניגן״, „אָוונט אין וואַלד״) דערפילט דער לייענער זײַן גרויסע ליבע צו אוקראַיִנע, צו איר וווּנדערלעכער נאַטור.

פעלקער־פרײַנטשאַפט, ליבע צום סאָציאַליסטישן היימלאַנד, איבערגעגעבנקײַט דעם אָנדענק פון די ברידער־סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס פאַרן זיג אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, —

Михайло Могилевич. Невтомність. Київ, «Радянський письменник», 1985.

אזעלכע זײַנען די הויפּט-טעמעס אין דער זאַמלונג.

די צײַט פֿון קריג כ׳קאָן ניט פֿאַרגעסן,
דעם ראָטנערס כ׳הער באַפֿעל אין שלאָף,
און די כאָווײרים מײַנע בעסטע
אין כאַלעם מיך באַזוכן אָפּט...

דער פּאָעט-פֿראָנטאָוויק ווידמעט זײַן ווערק אויך דער נאָכמילכאָמע-טעמע, דער צײַט פֿון אָנגעשטרענגטער מי פֿונעם סאָוועטישן פֿאָלק. ער עפֿנט זײַן האַרץ פֿאַרן לייענער און פֿאַרטרויט אים אויך די מאָטיוון, וועלכע ער ברענגט אין א וויקועך, ווען עס גייט א רייד וועגן דעם קאַמף פֿאַר שאָלעם, קעגן די פֿאַרלוימדער פֿון אונדזער היימלאַנד:

צי געדענקסטו ניט, דזשאָן, דער מילכאָמעס וועגן,
ווען מיר האָבן אין דײַטשלאַנד מיט דיר זיך באַגעגנט?..

מאָגילעוויטשעס לידער וועגן דער שווערער און נוצלעכער מי פֿון א בויער רופֿן זיך איבער מיט זײַנע לידער, געווידמעט דער מילכאָמע און דעם זיג איבער דער פֿאַשיסטישער בעסטיע. עס פֿילט זיך, אַז געוואַגטקײַט און העלדישקײַט זײַנען נייטיק ניט נאָר דאַן, ווען מע גייט פֿאָרויס אונטער א האָגל פֿון פֿײַער, נאָר אויך אין צעך בא דער אַרבעט. דער דאָזיקער פּאָשעטער עמעס ווערט א באַשטאַנדטייל פֿונעם פּאָעטס וועלט-באַנעם.

קימאַט אַלע לידער, באַזונדערס די מילכאָמע-לידער, זײַנען בא מאָגילעוויטשן „צוגעבונדן" צו א באַשטימט געאָגראַפֿיש אָרט. דער פּאָעט איז אַקטיוו, ער לעבט אין קאָנקרעטע באַדינגונגען צוזאַמען מיט קאָנקרעטע מענטשן.

בא מישע מאָגילעוויטשן איז די ביִאָגראַפֿיע פֿונעם לירישן העלד געקניפּט און געבונדן מיט דער ביִאָגראַפֿיע פֿון די ברידער-סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געבראַכט אַף די שלאַכטפֿעלדער פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע די דערפֿאַרונג פֿון קאַמף און זיג.

דער ייִדישער בוך, וועלכן מאָגילעוויטש האָט אַרויסגעגעבן פֿריִער, טראָגט דעם נאָמען „אָפּנהאַרציקײַט". טאַקע אַרויסגייענדיק פֿון דעם דאָזיקן נוצלעכן פּרינציפּ, דאַרף מען אַרויסזאָגן דעם ווונטש, אַז דער דיכטער זאָל מערער לייגן אַכט אַף דער קוואַליטעט פֿון דער ליד, זוכן נײַע אויסדריק-מיטלען, פֿרישע געשטאַלטן, טרעפֿלעכע ווערטער. מיר זאָגן עס בא אָט דער געלעגנהײַט, ניט געקוקט דערויף, וואָס, לייענענדיק די איבערזעצונג אַף אַן אַנדער שפּראַך, האָבן מיר שוין צו טאָן מיט אַן איבערגעאַנדערשטן טעקסט. די שוואַכקײַטן אין מאָגילעוויטשעס שורע פֿילן זיך אָבער אויך דאָ. די באַפֿרידיקונג רופֿט אַרויס דאָס, וואָס פֿאַר די לעצטע יאָרן איז זײַן פּאָעטישע פֿאַליטרע געוואָרן רײַכער, דאָס לאָשן און דער סטיל מער פֿאַרבונדן מיט די פֿאָלקס-טראַדיציעס פֿון דער ייִדישער, אוקראַיִנישער און רוסישער דיכטונג.

אַלע יאָרן נאָך דער מילכאָמע אַרבעט דער פּאָעט אַף א קעראַמישן זאַוואָד. די רעגירונג פֿון דער סאָוועטישער אוקראַיִנע האָט אים צוגעאייגנט דעם טיטל פֿון א פֿאַרדינסטפֿולן בויער. דאָס איז נאָך איין פֿרײדיקער באַווײַז פֿון דער אָרגאַנישער פֿאַרבינדונג צווישן דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור מיטן לעבן פֿונעם פֿאָלק.

יאשעע גען

■ ■ ■

לעוו אַזעראַוו

די אַלטע ווילע דובולטי

די ווייך פאַרקעמטע דיונעס, דער רייעך פון כוואַיע, דער גערויש פון די אַנטלויפנדיקע כוואַליעס — דאָס איז דער פּייזאַזש און דער קלאַנגען-פאָן, אַף וועלכן עס שווימען אויף מײַנע דערינערונגען וועגן דובולטי פון די פופציקער—זעכציקער יאָרן, וועגן דער אַלטער ווילער דובולטי. דאָס איז נאָך געווען די שטילע פּאַטריאַרכאַלע דובולטי, אַן אַלטמאָדישע, ניט אַזאַ, ווי די איצטיקע, וועלכע שטעלט באַרימעריש אַרויס איר גרויסשטאָטישע פילגאַרנדיקע געבײַדע. דאָס איז געווען דובולטי, וועלכע האָט נאָך פאַרגעדענקט גאָנטשאַראָוון, ווו פּיסאַרעוו האָט געלעבט און, א צוואַנציקאַקטיאָריקער, דערטרונקען געוואָרן אינעם טײַך ליעלופּע. ס'האָט נאָך דאָ געשמעקט מיטן ניינצנטן יאָרהונדערט, מיט א סאָד, מיט א וואַלד, מיטן יאַם...

עס שווימען פאַרבײַ פּענעמער, ס'דערמאָנען זיך שמועסן מיט שרײַבער אין אָרטיקן שפּעריש הויז — מיט לוגאָווסקאָיען און אַרבוזאָוון, קאַזאַקעוויטשן און אַנדראָניקאָוון, מיט לידינען און אושאַקאָוון. אַן אומפאַרגעסלעכע צײַט! עפּיזאָדן האָבן זיך געביטן, נאָר עפּעס פלעג בלײַבן אין זיקאָרן אַזעלכס, וואָס האָט צוגעגעבן דעם אָרט און דער צײַט א באַזונדערן זין און איז געבליבן פריש ביז הײַנטיקן טאָג. געבליבן, ווי דער שײַנענדיקער אײַנפלוס, אָדער ווי דער שמאָלער לאַנדפּאַס צווישן דעם טײַך ליעלופּע און דעם יאַם.

פּאַשעט, נאַטירלעך, אָן צוגרייטונגען און צערעמאָניעס, ווי מיט גוטע שכיינים, האָב איך זיך דאָ באַקאַנט מיטן פּאָרפאָלק שאַץ, וואָס איז געווען אומצעשיידבאַר. אומצעשיידבאַר טאָמיד און אומעטום. ווי כ'האָב זיך דערנאָך דערוווּסט — אַפילע אין דער טפיסע. פאַניע סאַמוילאָוונע און מאַקס אוריעוויטש פלעגן אַלעמען, און מיך בעסוויכעם, צוציִען מיט זייער גוטוויליקײַט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין יעדע זשעסטן, אויסגעדריקט זיך אין זייערע ווערטער און טאַטן. דער שמייכל אָן סענטימענטאַלקײַט, די ערנסטקײַט אָן אָנשטרענגונגען, די צוגעלאָזנקײַט, דער דורשט נאָך פרײַנטשאַפט — אָט וואָס עס האָט צוגעצויגן צו זיי. אַלע אײַנייִנעם פלעגן מיר הערן מוזיק, דערציילן איינער דעם אַנדערן וועגן אונדזערע מישפּאָכעס, געטוישט זיך מיט טרוימען.

צוריק מיט פיל יאָרן איז דאָס געווען. אונטערן רויש פון די אַנטלויפנדיקע כוואַליעס. כ'האָב מוירע, אַז די דאָזיקע שורעס וועלן אָנווייען א געדאַנק וועגן א פּאַטריאַרכאַלן שטייגער אין אונדזער דעמאָלטיקן לעבן. ניין, פון קיין מילדער רו האָבן מיר קיינמאָל ניט געוווּסט. דאָס לעבן פלעגט פּערמאַנענט זיך בײַטן, עס האָט געשפּרודלט מיט געשעענישן, ס'איז געווען שטורמיש, און טאָמיד באַהויכט און באַפּרוכפּערט מיט אומרויִקע, צערודערטע געדאַנקען וועגן דער נאָכמילכאָמעדיקער וועלט. וועגן דער וועלט, אין וועלכער עס זײַנען ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן ניט די בלוט-פאַרגיסונג, ניט דאָס פײַער.

און אין אָט דעם אומרו פלעג דאָס פּאָרפאָלק ברענגען דער נעשאָמע באַרויִקונג און האָפענונג, אַז די יעסוידעס פונעם לעבן וועלן בלײַבן פעסטע.

צוביסלעך האָב איך גוט דערקענט אָט די האַרציקע נעשאָמע-מענטשן. מאַקס אוריעוויטש האָט שוין פון לאַנג פאַרלאָרן די ריִע, אָבער באַנאַנד מיט פאַניע סאַמוילאָוונען האָט ער זי פונקט ווי אָפּסנײַ געפונען. מיר פלעגן שמועסן אין די צימערן, אַף דער וועראַנדע, אין סאָד, אַפן ברעג יאַם. קעסיידער — אין דער אַרומרינגלונג פון בלומען. פאַר אַלעמענס אויגן, אָפּטער פון אַלץ אונטערן אָפענעם הימל. אין שלייפל פון מאַקס אוריעוויטשעס רעקל איז שטענדיק געווען אַרײַנגעשטעלט א קווייט. יעדער נײַ-צוגעקומענער צו אונדז מענטש פלעג ניט שטערן דעם שמועס, פאַרקערט — ער פלעג זיך אָפּגיך אײַנשליסן אין אים, דערגאַנצן דאָס בילד. איך האָב זיך פיל פּראָטים דערוווּסט וועגן דעם לאַנגן, אָנגעזעטיקטן מיט געשעענישן לעבנסוועג פון מאַקס שאַץ-אַנינען, וועמענס נאָמען עס האָט דערמאָנט אַמאָל לענין און וועגן וועמען אין לעטלאַנד פלעגט מען ריידן מיטן גרעסטן דערעכערעץ, ווי וועגן א דענקער, א דערפאַרענעם מענטש. ער האָט געקאָנט מיט א שטילער שטים שאָענלאַנג דערציילן וועגן יאַניס רײַניסן און אַספּאַזיִע, וועגן אופּיטן און שאָלעם-אַליכעמען, דער-

נעענטערנדיק זייערע געשטאַלטן צו אונדז. זײַענדיק א מין שאַליעך פון דער אָפּגעגאנגענער טקופע, האָט ער זיך אָבער ניט איבערגענומען מיט אָט דער פּריווילעגיע. א יוריסט, סאָציאָלאָג און לינגוויסט, האָט ער אויסגעזען אין מײַנע אויגן קוידעמקאָל ווי א מענטש פון זעלטענער גאנצקייט און ריינקייט.

איך האָב אין מײַן לעבן באַגעגנט פרײַנטלעכע ביז דער טיפער עלטער פאַרלעך. זעלטן, נאָר באַגעגנט. דאָס פאַרפאַלק שאַץ איז פאַר מיר געווען א מוסטער פון מישפּאָכישער אייניקייט, א פאַרפעסטיקטע מיט אלגעמיינע צילן. וועגן זיי האָט מען ניט געקאָנט זאָגן — „טויבן". גאָרנישט ניט בלוי און ניט ראָזעווע. גאָרנישט ניט סטעריל-אָפּגערייניקטס און פאַר מענטשן דעמאָנסטרירנדיקס. דאָס איז געווען אן אייניקייט, וועלכע איך נעם זיך ניט אונטער אזוי-אַ אפּגיך צו באשרײַבן. צוליב דעם דאַרף מען בעסער, איידער איך, קענען זייער לעבן. אָבער איך זאָג איידעס: דאָס איז געווען אן אייניקייט פון צווייען, וואָס לעבן אזויווי איינער. מיר האָט זיך געדוכט, אז דאָס זײַנען ראָמעאָ און דזשוליעטא, וועלכע האָבן דערלעבט ביז צו דער טיפער עלטער.

צומאָל פלעג מיר פאַניע סאַמוילאָוונע אונטערטראָגן א מאַטאָנע: מיך איבערלאָזן זאַלבעצווייט מיט איר מאַן. און דאַן האָט א לירישע פילדערפאַרענע שטים מיר דערציילט פאַרטרויליך וועגן דעם איבערגעלעבטן. כ'האָב איצט גרויס כאראָטע, וואָס הערנדיק עס און פאַרשטייענדיק, ווי אינהאַלטסרײַך און וויכטיק דאָס איז, האָב איך דעמאָלט ניט געפונען קיין צײַט צו פאַרנאָטירן מאקס אוריעוויטשעס כעזשבן-האַנעפעש. פאַר דעם האָב איך צו זיך גרויסע טײַנעס. און איך ריזיקיר ניט אצינד רעטראָספּעקטיוו, אין יאָרצענדליקער ארום, אופצושטעלן אין זיקאָרן אָט די דערציילונגען, ארויסשטעלן ציטאַטעס פון די רייד פון אזא מענטשן אלס זײַן לעבעדיק קאָל.

מאקס אוריעוויטש איז געווען א ביסל סוטולעוואַטע. ער האָט פאַרמאָגט א הויכן שטערן און א שמאָל בלאסלעך פּאָנעם, וואָס האָט מיט אן אומבאַגרײַפלעכער כאַריפּעסדיקייט אויסגעדריקט די אומדערמידלעכע ארבעט פונעם געדאַנק. איך בין געווען פאַרהעלטניסמעסיק יונג, שאַרף-אויגיק, און כ'האָב נאָך ניט געוווּסט, וואָס דאָס באַטײַט — לעבן אינעם אייביקן טהאָם פון בלינדקייט. אצינד, נאָך אן אויגן-אָפּעראַציע און נאָך די פאַרלוסטן, וועלכע זײַנען מיט איר פאַרבונדן, ווייס איך ביז ווייטיק גוט, וואָס פאַר א צאָרע עס איז בלינדקייט.

דאָס, וועגן וואָס מאקס אוריעוויטש האָט מיר דערציילט, איז געווען באַלערעוודיק פאַר יעדן מענטשן. איך קאָן עס ניט אָנרופן — עפּיזאָדן פונעם לעבן, ווי עס באַקומט זיך אָפּט, ווען צווייען שמועסן צווישן זיך. גיכער פון אַלץ האָט עס מיט זיך פאָרגעשטעלט מינד-

א שרײַבער, רעוואָליוציאָנער, אנטיפאשיסט

אין שרײַבער־פאַרבאַנד פון לעטלאַנד איז פאָרגעקומען א פײַערלעכער אָוונט, געווידמעט דעם 100־טן געבורטסטאָג פונעם שרײַבער־רעוואָליוציאָנער, געזעלשאַפטלעכן טוער, אנטיפאשיסט פּראָפעסאָר מאקס שאַץ־אַנין.

ער איז געבוירן געוואָרן אין 1885 יאָר אין א קליין לעטיש שטעטל ניט ווײַט פון ריגע. פרי האָט ער זיך געשטעלט אפן וועג פון דעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף. זײַענדיק נאָך א יונגער מענטש, האָט ער געמוזט עמיגרירן. אין דער עמיגראַציע האָט ער געהערט וו. אי. לענינס ארויסטרעטונגען, געווען פאַרבונדן מיט אָנגעזעענע טוער פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי, מיט שריפטשטעלער און געלערנטע פון יענער צײַט. אין וולאַדימיר איליטשס שעפערישער ירושע זײַנען פאַראַן אויסצוגן פון שאַץ־אַנינס פריִער ארבעט וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע מיט לענינס רעקאָמענדאַציע: „זייער נוצלעך פאַר ספּראַווקעס"[1].

געפירט דעם אָוונט האָט דער באַוווּסטער שריפטשטעלער, סעקרעטאַר פון דער פאַרוואַלטונג פון דעם לעטלענדישן שרײַבער־פאַרבאַנד גונאַר צירוליס. ער האָט געגעבן דאָס וואָרט דעם שרײַבער מיכאַיל זאָרין, וועלכער האָט דערציילט וועגן דעם לעבן און שאַפן פונעם יוביליאַר.

— צום ערשטן מאָל האָב איך געזען שאַץ־אַנינען אין יול 1948, — האָט געזאָגט מיכאַיל זאָרין. — לעטלאַנד האָט געפײַערט דעם יאָרטאָג, זינט ס'איז אופגעשטעלט געוואָרן די סאָוועטנמאַכט. זײַן טאָכטער האָט אים צוגעפירט צו דער טריבונע. צוערשט האָט ער גערעדט שטיל, דערנאָך אָבער איז זײַן שטים געוואָרן שטאַרקער, די רעדע לײַדנשאַפטלעך און טעמפּעראַמענטפול. ער האָט גערעדט וועגן די יאָרן פונעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף.

דער פּראָלעטאַריאַט פון לעטלאַנד האָט געקענט שאַץ־אַנינען ווי א געוואַגטן רעוואָליוציאָנער, וועלכער איז געווען איין איינער קעמפערישער ריי מיט די אָנגעזעענע לעטישע רעוואָליוציאָנערן־ליטעראַטן — לענאַרד לייצין, לעאָן פּאַעגלע אאַ. זיי זײַנען דורכגעגאַנגען אין די בורזשואַזע טפיסעס דורך הארבע פײַניקונגען. מאקס אוריעוויטש איז בלינד געוואָרן

[1] «Ленинский сборник». Партиздат ЦК ВКП(б), 1937, стр. 41.

לעכע עסייען, קורצע עטיודן וועגן מענטשן מיט זייערע פּערזענלעכע לײַדנשאַפטן, אָדער, פּינקטלעכער געזאָגט, מאַכשאַוועס, וועגן דער אַטמאָספער, אין וועלכער עס לעבן און שאַפן מענטשן. מאַקס אוריעוויטש פלעגט פאַר מיר אַנטפּלעקן קולטור-פּלאַסטן, ווי אַן אַרכעאָלאָג, און אָנהויפּונגען פון טעאָריעס און סיסטעמען, ווי אַ היסטאָריקער און פּסיכאָלאָג. כ׳וועל ברענגען איין בײַשפּיל.

— אַלע, ניט געגוג באַהאַוונטע מענטשן, — האָט מיר געזאָגט מאַקס אוריעוויטש, — שטעלן זיך פאָר עטנאָגראַפיש די לעטן אַזוי: פישפאַנגער, זאַמלער פון בורשטין, ליבהאָבער צו זינגען לידער. דאָס איז ריכטיק. נאָר די טיפן פון לעטן, וועלכע איך האָב אַף מײַנע לעבנסוועגן באַגעגנט, זײַנען אין אַ גרויסער מאָס פילאָרטיקער. אויב איר ווילט וויסן, ווי גרויס עס איז דער פעכער פון די כאַראַקטערן, זאָלט איר נעמען אין באַטראַכט די לעטן — אָנהייבנדיק פונעם ראָמאַנטיקער-פילאָסאָף רײַניס ביזן רעאַליסט-היסטאָריקער אופּיט. דאָס זײַנען דיאַמעטראַל קעגנזעצלעכע טיפּן און אייגנצײַטיק דערנעענטערטע אין זייער שווערעש. אַ קאָנטראַסט, אַ שאַרפער קאָנטראַסט. און צווישן די עקסטרעמקײַטן — אַ פולע גאַמע שאַטירונגען, אַ מענגע פון מענטשלעכע טיפּן...

מאַקס אוריעוויטשעס זיקאָרן האָט פאַרפּיקסירט אין זיך אַרויסגעזאָגטע אין פאַרשיידענע צײַטן געדאַנקען, אַפאָריזמען. מע קאָן אָבער ניט זאָגן, אַז ער פלעג ברענגען ציטאַטעס. ער האָט באַהערשט לעשוינעס, געווען אַ פאַרבינדלער צווישן קולטורן. אַלץ, אַף וואָס ער פלעג זיך פאַרופן, איז געווען באַזירט אַף פערזענלעכע איבערלעבונגען. זײַן לעבנס-אופּאַסונג האָט אַנטפּלעקט אַן אײַנגעשטעלטע און דורכגעטראַכטע דערפאַרונג. באַזונדערס אָפט פלעגן אין זײַנע מינדלעכע עסייען אופשווימען לעבעדיקע בילדער פון דער ייִדישער ליטעראַטור און פון אירע שעפער.

ער האָט געמאָלט געשטאַלטן פון די שעפער. דאָס זײַנען געווען נעמען: מענדעלע מוכער-ספאָרים, ייִצכאָק-לייבוש פּערעץ, אָשער שוואַרצמאַן, לייב קוויטקאָ, דאָוויד בערגעלסאָן, פּערעץ מאַרקיש, פיל אַנדערע. די דאָזיקע נעמען האָבן געקלונגען ניט אָפּגעזונדערט, נאָר צוזאַמען מיט די נעמען פון גאָרקי, קאָראָלענקאָ, מאַרק טווען, יאַראָסלאַוו האַשעק, בערטאָלד ברעכט. מאַקס אוריעוויטש איז געווען דערצויגן אין דער גרויסער הומאַניסטישער טראַדיציע, און דעריבער האָב איך אים אופגענומען אַלס קאָנסעקווענטן אינטערנאַציאָנאַליסט און, פאַרשטייט זיך, אַנטיפאַשיסט.

איך האָב זיך צוגעהערט צו אים, סטאַרענדיק זיך אײַנזאַפּן אַלץ, וואָס איך האָב געהערט. איך בין געווען אַנציקט פון די קענטעניש, פונעם געפיל פון באַהעפטקײַט צו

פון די פײַניקונגען, ווען ער איז אַלט געווען 40 יאָר. ס׳איז אים אויסגעקומען צו לעבן אינדערפינצטער נאָך 50 יאָר, אָבער זײַענדיק בלינד, האָט ער באַוויזן אַ מוסטער פון מוט.

אין זײַן ליטעראַרישער יערושע זײַנען פאַראַן אַרטיקלען וועגן דער שאַפונג פון ל. טאָלסטאָיען און שאָלעם-אַלייכעמען, מיט וועלכן, אַגעוו, ער איז געווען, אַזויווי מיט מענדעלע מויכער־ספאָרימען, פּערזענלעך באַקאַנט, אָפּהאַנדלונגען וועגן דער שאַפונג פון וו. מאַיאַקאָווסקין, אי. ערענבורגן, יאַ. רײַניסן, אַ. אופּיטן, יאַ. סודראַבקאַלנען, מ. קעמפּן, אַ. גריגוליסן, פּ. מאַרקישן, כ.־נ. ביאַליקן אאַ. דער פאָלקספּאָעט פון לעטלאַנד יאַן סודראַבקאַלן האָט געשריבן וועגן שאַך־אַנינען: „זײַנע ליטעראַריש־פאָרשערישע, פילאָסאָפישע און פּובליציסטישע אַרבעטן זײַנען אַן אויסגעצייכנטער צושטײַער אין אונדזער קולטור״.

אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע זײַנען שאַך־אַנינס פילצאָליקע אַרטיקלען, וועלכע האָבן דעמאַסקירט דעם כײַישן פּאַרצעף פונעם פאַשיזם, פּובליקירט געוואָרן אין אונדזער לאַנד און אין אויסלאַנד. ניט איין מאָל איז ער אַרויסגעטראָטן אויך פאַר די שלאַכטלײַט.

די רוסישע קלאַסישע, סאָוועטישע לעטישע, מײַרעוו־אייראָפּעישע, ייִדישע ליטעראַטור האָט געפונען אין זײַן פּערזאָן אַ טיפן קענער, אַ פּראָפּאַגאַנדיסט און געלערנטן. ער איז געווען אַ קאָנסעקווענטער אָנהענגער פון דער ראָמאַנטישער ליניע אין דער ליטעראַטור פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם, אַ הומאַניסט און אינטערנאַציאָנאַליסט.

האַרציק האָבן גערעדט וועגן שאַך־אַנינען דער רוסישער פּאָעט לעוו אָזעראָוו, דער לעטישער שרײַבער אילגאָניס בערסאָן, דער זשורנאַליסט יו. קיפּערס, מאַקס אוריעוויטשעס מיטקעמפער לויט דער רעוואָליוציאָנערער אונטערערד ליִא קוקליִא און איסאַק בראָד.

אינעם אָוונט האָבן זיך באַטייליקט דער ערשטער סעקרעטאַר פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון לעטלאַנד יאַניס פּעטערס, דער דיכטער יולי וואַנאַג און אַנדערע באַוווּסטע ליטעראַטן.

מיט אַ קאָנצערט זײַנען אַרויסגעטראָטן אַרטיסטן פון דער לעטישער מעלוכישער פילהאַרמאָניע. די אַרטיסטקע אַדע סוועטלאָווע האָט געזונגען ייִדישע לידער.

אין לאָקאַל פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד איז עקספּאָנירט געוואָרן אַן אויסשטעלונג פון מאַקס שאַך־אַנינס פילצאָליקע אַרבעטן, ווי אויך פאָטאָ־דאָקומענטן, בריוו.

לעאָניד קאָוואַל

פֿיל קולטור-געזעלשאַפֿטלעכע טוּונגען פֿון דער עפּאָכע, וועלכע האָט דורכגעדרונגען אין אַלע זײַנע רייד. מע האָט געדאַרפֿט זען, ווי מאַקס אוריעוויטש האָט געקאָנט אויסהערן אַ מענטשן! איך האָב אים מיט גרויס כיישעק געלייענט מײַנע לידער, אַפֿילע נאָטיצן פֿון מײַן בלאָקנאָט. ער האָט ניט צוגעבאָמקעט, ניט אַרײַנגעשטעלט קיין רעפּליקעס, נאָר עס האָט זיך געפֿילט, אַז ער איז מיטן גאַנצן וועזן אַרײַנגעטאָן אין דעם, וואָס זײַן מיטשפּרעכער טוט. צו דעם, וואָס ער האָט אויסגעהערט, פֿלעגט ער זיך אומקערן ניט נאָר באַלד, אויך אין אַ צײַט אַרום.

אַלס איינע פֿון די שאַצבאַרע אָפּשפּאָרונגען אין מײַן לעבן היט איך אָפּ דעם אָנדענק פֿונעם פֿאַרפֿאַלק שאַך. דאָס איז ניט קיין פּראָזע. איך בין עטלעכע מאָל געווען אין דובולטי מיט מײַן מוטער סאָפֿיע גריגאָריעווּנע. זי האָט נאָך געטרויערט נאָכן אומקום פֿון מײַן טאַטן, איר מאַן. זי איז געווען דערשלאָגן, וואָס עס זײַנען ניט אײַנגעאָרדנט אין לעבן מײַנע שוועסטער, אירע טעכטער. מײַנע טרייסטווערטער האָבן שוין אָף איר ניט געווירקט. די געזעלשאַפֿט פֿון פֿאַניע סאַמוילאָווּנען און מאַקס אוריעוויטשן פֿלעגט איר אומקערן דעם געפֿיל פֿון לעבן, אָף איר פּאָנעם פֿלעג זיך באַווײַזן אַ שמייכל, צומאָל האָט זיך צו איר אומגעקערט איר אַמאָליקע פֿרייִלעכקײַט. קאָן זײַן, איבער דעם בלײַבט מײַן דאַנקבאַרקײַט דעם פֿאַרפֿאָלק שאַך-אַנין אַן אייביקע.

איינמאָל, בייס מיר האָבן זיך געקליבן אָוועקפֿאָרן פֿון דובולטי, האָבן אונדז די שאַצס פֿאַרבעטן צו זיי קיין ריגע. מיר האָבן פֿאַרבראַכט אין זייער שטוב אַ גאַנצן טאָג, און וואָס פֿאַר אַ טאָג! עס זײַנען געקומען צוויי טעכטער מיט זייערע מענער. מיר זײַנען מיטאַמאָל געוואָרן פּונקט ווי מיטגלידער פֿון אָט דער מישפּאָכע. איך דערמאָן זיך איצט וועגן דעם דאָזיקן טאָג, וועלכער איז געווען באַהעלט מיט די בעסטע געפֿילן. באַשרײַבן אים בין איך ניט אימשטאַנד, אָבער ער איז אָף שטענדיק פֿאַרבליבן אין זיקאָרן. מיר דוכט זיך אַדהײַעם, אַז איך הער די שטימען פֿון ראָמעאָ און דזשוליעטאַ, וועלכע האָבן דערלעבט ביז צום טיפֿן עלטער.

נאָך מאַקס אוריעוויטשעס טויט האָב איך איינמאָל זיך באַגעגנט מיט פֿאַניע סאַמוילאָווּנען. מיר פֿלעגן זיך איבערשרײַבן. פֿאַניע סאַמוילאָווּנעס בריוו זײַנען געווען אָנפֿאַרטרויענדיקע, צעפֿראַלטע, שעפֿעדיקע, פֿול מיט פּראָטים, וואָס עס האָט געזאָגט אײדעס, אַז זייער אוטאָר פֿילט אויך איצט אַ שטאַרקן אינטערעס צום לעבן. שפּעטער האָב איך פֿאַרשטאַנען די סיבע, פֿאַרוואָס אָט די בריוו זײַנען אַזעלכע פּראָטימדיקע. די געוווינהײַט צו באַשרײַבן וועגן דעם בלינדן מאַקס אוריעוויטשן אַלץ, וואָס עס רינגלט אים אַרום, איז פֿאַרבליבן. עס ווערט פֿאַרגעזעצט דער נאָבעלער מינהעג צו לעבן ניט בלויז מיטן אייגענעם לעבן, נאָר מיטן לעבן פֿון דעם נאָענטן מענטשן.

די יאָרן לויפֿן, אָבער איך זע אויך איצט דאָס גייענדיקע געאַרעמט פֿאַרפֿאָלק שאַך. זיי גייען פּאַמעלעך, מיטן וועג צום יאַם, וועמענס בלויקײַט גיסט זיך צונויף מיט די גרײַזגראָווע האָר פֿון די צוויי אַלטע מענטשן.

איך זע, ווי אָט די שיינע מענטשן שפּאַנען, אונטערהאַלטנדיק איינע דעם אַנדערן, טאָמיד אַרומגערינגלט מיט פֿאַרערער. אַ ווינטל פֿונעם אײַנגוס ווייעט אַרום זיי. איך זע ווייך פֿאַרקעמטע דיונעס. איך אָטעם אײַן דעם גערוך פֿון כוואָיע, איך הער דעם גערויש פֿון די אָנלויפֿנדיקע כוואַליעס. גלײַך ווי די יאָרן וואָלטן ניט דורכגעגאַן און דאָס אַלץ איז באַנאַנד מיט מיר, אָט איצט.

■

קינסטלער איסאַק לעוויטאַן

אויטאָפּאָרטרעט. 1880



באם טײַך. 1889

א בריקל. 1884

אָוונט-גלעקער. 1892

פּאַפּאָראָטניקעס אין וואַלד. 1895

וויקטאָר לענזאָן

א וועטעראן פון דער ייִדישער מוזיקאלער קולטור

דער פארדינסטפולער קונסט-טוער פון רספסר זינאָווי קאָמפאנייעץ ציילט שוין פון לאנג זייַן נייַנטן יאָרצענדליק, נאָר וויניק מענטשן אין אָט דעם עלטער האָבן פארהיט אין זיך אזא אָפטימיזם, לעבנס-ענערגיע און, דעריקער, אזא שעפערישע אקטיווקייַט, וואָס שטעלט אוועק ז. קאָמפאנייעצן אין איין ריי מיט הייַנטצייַטיקע און יונגע, — איך האָב זיך ניט טויע געווען — יונגע קאָמפאָזיטאָרן.

זינאָווי קאָמפאנייעץ איז אין איין עלטער מיט אונדזער יאָרהונדערט, ער איז א לעבעדיקער טרעגער פון דער מוזיק-געשיכטע, אן אָנטיילנעמער אין דער אנטשטייונג און אנטוויקלונג פון דער יונגער סאָוועטישער מוזיקאלער קולטור. מיט א שארפן כוש צו די צייַט-פראָבלעמען איז ער דורכגעגאנגען דעם וועג פון אן אקאָמפאניאטאָר ביז אן אנערקענטן קאָמפאָזיטאָר — א מעכאבער פון פילצאָליקע ווערק אין פארשיידענע זשאנרען פון עסטראדע און פאָלקס-מוזיק. אין דער מוזיקאלער ליטעראטור ווערט ער אָפגעמערקט אלס באוווסטער אווטאָר פון מוזיק פאר קינדער, ווי אויך אלס מייַסטער פון דער עסטראדע-ליד. ער האָט אָנגעשריבן מוזיק פאר פארשיידענע אינסטרומענטן און פאר אן אָרקעסטער. זייַנע מעלאָדיעס האָבן געקלונגען, אָנהייבנדיק פון די 20-ער יאָרן און ביז דעם הייַנטיקן טאָג. פונקט ווי פריער, רופט קאָמפאנייעצעס מוזיק ארויס א לעבעדיקן אינטערעס בא די צוהערער מיט איר פריידיקער שטימונג, וועלכע איז אין איינקלאנג מיט דער הייַנטצייַטיקייַט, מיט יונגקייַט און אָפטימיזם.

ווי יעדער מייַסטער, האָט זינאָווי קאָמפאנייעץ א הויפט-טעמע אין זייַן שאפונג, וואָס עס איז דער לייטמאָטיוו פון זייַן גאנץ לעבן. אזא איז די טעמע פון דער ייִדישער מוזיק, פון דער נאציאָנאלער קולטור, וועלכע איז אויסגעדריקט אין דער ליד, אינעם טאנץ, אין דער אָרקעסטער-פאָרם. פון קינדווייַז אָן איז ז. קאָמפאנייעץ געווען פארבונדן מיט דער ייִדישער מוזיק.

אין עלטער פון נייַן יאָר, אין 1911, איז זינאָווי קאָמפאנייעץ געוואָרן באהעפט צו דער ייִדישער מוזיק. אים האָט גענומען צו זיך קיין פעטערבורג זייַן פעטער, דעמלט א סטודענט פון דער קאָמפאָזיטאָר-אָפטיילונג אין דער פעטערבורגער קאָנסערוואטאָריע. (גריגאָרי איסאקאָוויטש קאָמפאנייעץ, א הייסער פארערער פון ייִדישער מוזיק, איז אין די שפעטערע יאָרן באוווסט געוואָרן אלס אָפערע-דיריזשאָר און פראָפעסאָר פון דער קיִעווער קאָנסערוואטאָריע.) פונקט אין יענער צייַט, אין ערשטן יאָרצענדליק פון דעם XX יאָרהונדערט, איז אין פעטערבורג געווען טעטיק די „געזעלשאפט פון ייִדישער מוזיק”. אקטיוויסטן אין דער דאָזיקער געזעלשאפט זייַנען געווען די דעמלט באוווסטע מוזיקער: מילנער, זשיטאָמירסקי, קיסעלהאָף, שאליט, קאָפיט, ראָזאָווסקי. דער יונגער זינאָווי קאָמפאנייעץ האָט געהאט די מעגלעכקייַט צו באזוכן די פארזאמלונגען פון דער געזעלשאפט, און דאָס איז געווען פאר אים די ערשטע שול, וועלכע האָט אנטוויקלט זייַן מוזיקאליש דענקען, באזונדערס אין פראט פון ייִדישער מוזיק. כוץ דעם, זייַנען די טירן פון זייַן פעטערס הויז געווען אָפן פאר ייִדישע זינגער, פידלער, שוישפילער. דאָס ייִנגל האָט דורשטיק זיך אייַנגעהערט אין די נייַע קלאנגען און ריטמען, אייַנגעזאפט אין זיך דעם אייביקן נוסעד, וועלכער האָט זיך פאר אים אנטדעקט אין די ייִדישע פאָלקסלידער און אין די קלאסישע ווערק פון ייִדישער מוזיק.

אין 1920, לעבנדיק שוין אין באקו, וווהין ער איז אריבערגעפאָרן פון פעטערבורג, האָט ער צופעליק זיך אָנגעשטויסן אף א זאמלונג לידער פון דער באוווסטער זינגערין אָליענינא-דאלהיים, און דאָרט האָט ער, צווישן אנדערס, געפונען צוויי לידער — „קאדיש” און „מייערקע, מייַן זון”, — אין דער באארבעטונג פון מאָריס ראוועל. צום ערשטן מאָל האָט זיך דער יונגער מוזיקער באקאנט מיט אויסגעשפראָכן נאציאָנאלע שאפונגען פון א גאָר הויכער מאדרייגע, בייפראט נאָך אין דער באארבעטונג פון דעם גרויסן פראנצויזישן קאָמפאָזיטאָר. די הויכע טעכניק און די אייגנארטיקע שפראך פון דער הארמאָניע האָבן געהאט זייער האשפאָע אפן פערזענלעכן סטיל פונעם קינפטיקן קאָמפאָזיטאָר און זיי זייַנען געוואָרן אן עטאלאָן פון הויך-קינסטלערישן צוגאנג באם באזיניקן ייִדישע פאָלקס-מוזיק.

אין באקו האָט פאַרגעזעצט די שעפערישע טעטיקייַט זײַן פעטער — גריגאָרי איסאַקאָוויטש קאָמפאנייעץ. ס'איז געוואָרן פאָפולער ג. אי. קאָמפאנייעצעס באארבעטונג פון ייִדישע פאָלקסלידער, צווישן זיי דער כאָר „א רעגנדל“. דער יונגער זינאָווי פלעגט בײַזײַן אף די רעפעטיציעס פון זײַן עלטערן קאָרעוו, אָפט אים אונטערהעלפן אין דער ארבעט און אמאָל אויך פרוון די אייגענע קאָמפאָזיטאָרישע מעגלעכקײַטן.

זײַן זעלבשטענדיקע טעטיקײַט הייבט זיך אָבער אָן ערשט אין מאָסקווע, וווּהין ער איז געקומען אין 1922. ס'האָט זיך ניט לאנג צוריק געענדיקט דער בירגערקריג. אין לאנד בושעוועט די ארבעטלאָזיקײַט. עס איז טעטיק אַן ארבעטס-בירזשע. קיין מאָסקווע איז אָנגעלאָפן א מענגע מוזיקאנטן, צווישן זיי אויך ייִדישע, פון אוקראַינע, פון ווײַסרוסלאנד, פון דאָרעם-רוסלאנד, פון קאווקאז. וויאַזוי שלאָגט מען זיך דאָ דורך, אַז די שטאָט ווימלט מיט ארטיסטן און מוזיקער?

ס'איז די צײַט פון נעפ — אין מאָסקווע עפענען זיך א סאך פריוואטע רעסטאָראנדלעך, קאפעען און גאָרקיכן. אין די ייִדישע רעסטאָראנען איז אײַנגעפירט, ס'זאָל שפילן אומבאדינגט א קליינער אָרקעסטער פון פיר-פינף מענטשן. די דאָזיקע אָרקעסטערלעך האָבן צוגעצויגן מוזיקאנטן, צווישן זיי ניט ווייניק טאלאנטפולע. אַזאַ איז געווען דער פידלער בארסקי. ער האָט ניט געקענט קיין נאָטן, נאָר געשפילט האָט ער הונדערטער ייִדישע מעלאָדיעס, מיט וועלכע ער פלעג באַגײַסטערן די צוהערער. זינאָווי קאָמפאנייעץ האָט מיט פארגעניגן אים אקאָמפאנירט אפן קלאוויר, צופאסנדיק דאָ אפן אָרט די געהעריקע הארמאָניע, דעם אקאָמפאנעמענט. בארסקי און אנדערע אייגנארטיקע מוזיקאנטן האָבן, ניט געקוקט אף זייער „דילעטאנטיזם“, געטראָגן אין זיך די דורעסדיקע טראדיציעס פון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער מוזיק, און ווו זיי האָבן ניט געשפילט, פלעגן זיי פלאנצן זוימען פון ייִדישער קולטור. די דאָזיקע טראדיציעס פון דער ייִדישער מוזיק האָבן געהאט א וועזנטלעכע ווירקונג אף א סאך קאָמפאָזיטאָרן-פראָפעסיאָנאַלן, בעסיכעם אף זינאָווי קאָמפאנייעצן.

איינציײַטיק באקאנט זיך דער יונגער מוזיקאנט מיט ערנסטער פראָפעסיאָנעלער ייִדישער מוזיק. א שטארקע ווירקונג אף זײַן אנטוויקלונג אלס קאָמפאָזיטאָר האָט, ווי פריִער, גריגאָרי איסאַקאָוויטש קאָמפאנייעץ, וועמענס נײַ ווערק, די אנדאנטע פאר א סטרונע-קווארטעט (1925), איז געוואָרן א געשעעניש אין דער ייִדישער מוזיק פון יענער צײַט. ס'איז אינטערעסאנט אָפצומערקן, אַז די דאָזיקע מוזיק האָט צום ערשטן מאָל אויסגעפילט אין קליינעם זאל פון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע דער שפעטער בארימטער קווארטעט אפן נאָמען פון בעטהאָווענען.

ז. קאָמפאנייעץ נעמט אָן א באַשלוס צוטרעטן צו סיסטעמאטישער מוזיקאלער בילדונג, קעדיי שאפן מוזיקאלע ווערק מיט ייִדישער טעמאטיק אף א הויכן פראָפעסיאָנעלן ניוואָ.

נאָכן אָפדינען אין דער ארמיי קומט ער אָן אין קאפעלמייסטער-קלאס אונטער דער אָנפירונג פונעם קאָמפאָזיטאָר און דיריגענט סעמיאָן אלעקסאנדראָוויטש טשערניעצקי. דער קאָנטאקט מיט אָט דעם גרויסן מוזיקער האָט געבראכט צו דעם, אַז אין 1926 האָט ז. קאָמפאנייעץ אויסגעהאלטן דעם עקזאמען און איז פארעכנט געוואָרן אפן קאָמפאָזיטאָרן-פאקולטעט אין דער מאָסקווער קאָנסערוואטאָריע. זײַן לערער איז געווען איינער פון די גרעסטע קאָמפאָזיטאָרן פון יענער צײַט — רודאָלף מאָריצאָוויטש גליִער. אַזוי האָט זיך פאר ז. קאָמפאנייעצן געעפנט דער וועג צו סיסטעמאטישער פראָפעסיאָנעלער מוזיקאלישער בילדונג. אין דער קאָנסערוואטאָריע טיילט ער זיך אויס ניט נאָר אלס קאָמפאָזיטאָר, נאָר אויך, ווי א פיאַניסט.

א באדײַטנדיקער קערפונקט אין ז. קאָמפאנייעצעס שעפעריש לעבן איז געווען זײַן באַגעגעניש און שפעטערדיקע מיטארבעט מיטן אַזויגערופענעם „פראָקאָל“ — פראָלעטארישן קאָלעקטיוו פון סטודענטן-קאָמפאָזיטאָרן בא דער מאָסקווער קאָנסערוואטאָריע.

איינע פון די הויפט-פאָדערונגען צו די מיטגלידער פון „פראָקאָל“ איז געווען — באַהערשן די פאָשעטע (ניט פרימיטיווע!) מוזיקאלישע שפראך — א פארשטענדלעכע פארן פאָלק. יעדער יונגער קאָמפאָזיטאָר האָט געדארפט שאפן לידער, צוגענגלעכע צום מאַסן צוהערער, און דערבײַ זײַן אף דער הייך פון דער פראָפעסיאָנעלער מוזיקאלישער קולטור.

— מיר דארפן שאפן מעלאָדיעס אין סטיל פון די קלאסיקער און אויך אויסנוצן אין דער פולער מאָס נאַציאָנאַלע פאָלקס-מוזיק. דאָס וועט פארינטערעסירן סײַ די אויספילער, סײַ די צוהערער, — פלעג זאָגן דער אָנפירער פונעם קאָלעקטיוו אלעקסאנדער דאווידענקאָ, — עס טאָר ניט זײַן קיין אײַנרײַס צווישן ערנסטער און מאסעווער מוזיק, אין יעדן ווערק דארף מען זיך דערשלאָגן עכטע שעפערישקײַט.

די שעפערישע אײַנשטעלונגען פון „פראָקאָל“ זײַנען געווען נאָענט ז. קאָמפאנייעצן, באזונדערס אין פראט פון אויסנוצן די נאַציאָ-

נאַלע פֿאָלקסשאַפֿונג. ער האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיך אינטענסיוו באַשעפֿטיקט מיט ייִדישן פֿאָלקלאָר. דערבײַ שאַפֿט ער אַ נײַעם זשאַנער פֿון דער ייִדישער מאַסעווער ליד.

דער „פּראָקאָל" האָט געפֿירט אַ ברייטע מוזיקאַלישע געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט. ער פֿלעג אײַנאָרדענען קאָנצערטן, אַזויגערופֿענע „געזעלשאַפֿטלעכע מישפּעטן", אַף וועלכע מע האָט אײַנגעלאַדן אָנטיילנעמער פֿון מוזיקאַלישע אַרבעטער-קרײַזלעך. די אַרײַנגעטראָגענע אַף די באַהאַנדלונגען וווּנטשן און די קריטיק פֿלעג מען שפּעטער באַהאַנדלען אַף די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרזאַמלונגען פֿון „פּראָקאָל". ווי פֿיל זײַנע כאַווירים, האָט ז. קאָמפּאַנייעץ אויך באַשלאָסן גיין אַרבעטן אין אַ קלוב, קעדיי אין דער פּראַקטישער טעטיקײַט, אין באַריר מיט די געברויכער פֿון מוזיק, פֿעסטשטעלן, אַף וויפֿל ס'איז עפֿעקטיוו זײַן שאַפֿונג. אין 1929 יאָר קומט ער אָן אַלס מוזיקאַלישער אָנפֿירער אין ייִדישן אַרבעטער-קלוב „קאָמוניסט".

דער דאָזיקער קלוב (ער האָט זיך געפֿונען אין מאָסקווע, אַף ליעסנאַיאַ, לעבן דער גאָרקי-גאַס) האָט פֿאַראייניקט עטלעכע סעקציעס. מיט דער טעאַטראַלער סעקציע האָט אָנגעפֿירט עפֿראַיִם ליטער, וועלכער האָט דאָרט אוועקגעשטעלט די פּיעסע „צו הונדערטער זאַוואָדן". די מוזיק אין דעם ספּעקטאַקל האָט אָנגעשריבן זינאָווי קאָמפּאַנייעץ (שפּעטער איז די דאָזיקע פּאַרטיטור געוואָרן די דיפּלאָם-אַרבעט פֿונעם קאָמפּאָזיטאָר אין דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע). דער ספּעקטאַקל, וואָס איז געגאַנגען אַף ייִדיש, איז באַגלייט געוואָרן מיט אָרקעסטער-מוזיק און כאָר-דעקלאַמאַציעס און דעריקער מיט מאַסעווע לידער, ספּעציעל אָנגעשריבענע פֿאַר דער ייִדישער אַרבעטער-יוגנט. באַזונדערס פּאָפּולער איז געווען די סאָלדאַטישע ליד אַף די ווערטער פֿונעם רוסישן פּאָעט סעמיאָן קירסאַנאָוו וועגן דער ייִדישער יוגנט, וואָס גייט אַוועק אפֿן פֿראָנט זיך שלאָגן מיט די ווײַספּאָליאַקן. אין דער זעלבער צײַט האָט זינאָווי קאָמפּאַנייעץ אָנגעשריבן מוזיק צו צוויי מאַסעווע לידער אַף די ווערטער פֿון איזי כאַריק און איציק פֿעפֿער.

אויך צו די ספּעקטאַקלען פֿון ייִדישע „טראַמען" (טעאַטערס פֿון אַרבעטער-יוגנט) האָט קאָמפּאַנייעץ געשריבן מוזיק, צווישן וועלכער ס'האָט זיך אויסגעטיילט די מוזיק צו מ. דאַניעלס פּיעסע „זיאַמקע קאָפּאַטש" (שפּעטער איז די פּיעסע געגאַנגען אַף רוסיש אין טעאַטער אפֿן נאָמען פֿונעם מאָסקווער סאָוועט).

אין די 30-ער יאָרן זײַנען זינאָווי קאָמפּאַנייעצעס מוזיקאַלישע ווערק אַרויסגעגעבן געוואָרן אין צענטראַלן פֿאַרלאַג „מוזגיז". צווישן אַנדערע זײַנען אין אָט די העפֿטן געווען געדרוקט די לידער וועגן דער ייִדישער קאָלווירטישער באַוועגונג אין קרים — „דזשאַנקוי", „האַרבסט", „אין קאָלווירט", „אַלע פּראָלעטאַריער" — מאַסעווע לידער אַף די ווערטער פֿון איציק פֿעפֿער, אַרן קושניראָוו, מוישע טייף, יעכעזקל דאָברושין. אין 1935 איז אַרויס פֿון דרוק אַ נײַע אַרבעט פֿון ז. קאָמפּאַנייעצן — דער העפֿט פֿון ייִדישע כאָרן „אַ קאַפּעלאַ" אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „דאָס 1905 יאָר". דאָס זײַנען געווען אָריגינעלע וואָקאַלע ווערק אַף דער טעמע פֿון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע. דעם ציקל לידער „דאָס 1905 יאָר" האָט אויסגעשפּילט אַף ייִדיש דער וואָקאַלער אַנסאַמבל אין באַשטאַנד פֿון ציאָנסקי, זיידנער און באַרקאַן.

ניט ווייניק מוזיקאַלישע ווערק אַף דער ייִדישער טעמאַטיק שרײַבט ז. קאָמפּאַנייעץ אין די פֿאַרמילכאָמעדיקע און מילכאָמע-יאָרן. זיי ווערן אויסגעשפּילט מיצאַד ייִדישע מוזיקאַלישע קאָלעקטיוון. אין קיִעוו איז פֿאַר דער מילכאָמע געווען אַ „קלעזמער-אָרקעסטער" אונטער דער אָנפֿירונג פֿון שלוימע פֿײַנטוך. ז. קאָמפּאַנייעץ האָט אָנגעשריבן פֿאַר דעם דאָזיקן קאָלעקטיוו זײַן אָרקעסטער-סויִטע „אַ ייִדישע כאַסענע". אינטערעסאַנט איז דער גוירל פֿון אָט דעם דאָזיקן ווערק. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט עס אין מעשעך פֿון אַ ריי יאָרן איבערגעאַרבעט און באַדײַטנדיק אַנטוויקלט. אין 1979, אין העכער פֿיר יאָרצענדליקער נאָך דעם, ווי ס'איז געשאַפֿן געוואָרן, איז עס ווידער אויפֿגעקומען פֿאַר דער סאַמע ברייטער אַלפֿאַרבאַנדישער אַודיטאָריע. אונטערן נאָמען „ראַפּסאָדיע אַף ייִדישע טעמעס" האָט דאָס ווערק געשפּילט אין גרויסן זאַל פֿון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע אַף אַן אָוונט דער גרויסער אַקאַדעמישער סימפֿאָנישער אָרקעסטער, דיריזשירט האָט דער פֿאָלקס-אַרטיסט פֿון ססר יעווגעני סוועטלאַנאָוו.

אין אָנהייב פֿון די 60-ער יאָרן פֿאַרבינדט זיך אַן ענגע מיטאַרבעט צווישן ז. קאָמפּאַנייעצן מיט די סאָוועטישע ייִדישע דיכטער אַרן ווערגעליס און כאַיִם ביידער. די מוזיק אַף די לידער פֿון אַ. ווערגעליס און כ. ביידער זײַנען געווען געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד". ראָמאַנסן אַף די ווערטער פֿון אַ. ווערגעליסן זײַנען שפּעטער אַרויס אין אַ באַזונדער אויסגאַבע אין פֿאַרלאַג „מוזגיז". צווישן זיי האָט זיך אויסגעטיילט מיט אַ טיפּיש-ייִדישער ווייכער אינטאָנאַציע די מוזיק אפֿן ראָמאַנס „שאָלעם-אַלייכעם".

ס'איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פּלאַטע „וואָקאַלע מיניאַטיורן" פֿון ז. קאָמפּאַנייעצן אַף

די לידער פון א. ווערגעליסן. די ליד „איך —, דער סאר האמאשקים" איז געשאפן אינעם זשאנער פון א „פריילעכס", מיט א דראמאטיש-מוזיקאלן אינהאלט. א טיפישע מילכאמעבאלאדע איז „דאָס ייִדישע מיידל מארוסיע", הײַנטצײַטיק קלינגט די עסטראדע-ליד „וואַרעמע ווינטן", פאָפולער איז געוואָרן די ליד „דער ייִדישער וואלס", וועלכע האָט באהעפט הײַנטצײַטיקע אינטאָנאציעס מיט אָנגענעמע אויסדרוקן פון „רעטראָ".

אין די 70-ער יאָרן, ווי אויך אין דער לעצטער צײַט, שרײַבט ז. קאָמפאנייעץ מוזיק אף די ווערטער פונעם דיכטער כאַים ביידער. אין 1983 האָט דער פארלאג „סאָוועטסקי קאָמפאָזיטאָר" ארויסגעלאָזט ז. קאָמפאנייעצעס א זאמלונג לידער, אין וועלכער ס'איז ארײַן איינע אף די ווערטער פון כאַים ביידער — „מאָסקווער גאסן". אף כאַים ביידערס טעקסטן האָט דער קאָמפאָזיטאָר געשאפן אן אָרקעסטער-סיוויִטע, וועלכע הייסט „כאסענע-סצענעס", געווידמעט דעם 50-יאָריקן יובילײ פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. די דאָזיקע פאָפולערע סימפאָנישע מוזיק אנטהאלט מארשן, טענץ און שארפזיניקע סקערצאָ.

אף דער אלפארבאנדישער ראדיאָ איז פארשריבן געוואָרן נאָך איין אינסטרומענטאל ווערק פון ז. קאָמפאנייעצן, אויך געווידמעט דעם יובילײ פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט — די קאפריטשיאָ פאר א פידל-סאָלאָ. די מוזיק איז געבויט ווי א פאנטאזיע אף באוווסטע ייִדישע פאָלקסלידער — „אָ, זײַט געזונט, מײַנע ליבע עלטערן", „איציקל" און אנד. אין דער ווירטואָזער אויספילונג אף א פידל קלינגען די פאָלקסלידער מיט א נײַער און פרישער באטאָנונג. לויט זייער נאָכאנאנדיקײַט אין א געוויסן סיידער באקומט זיך א ראפסאָדיע פון נאציאָנאלע ניגונים.

אין זײַנע באארבעטונגען פונעם פאָלקלאָר באמיט זיך ז. קאָמפאנייעץ צו אנטפלעקן דעם „אונטערטעקסט", דעם טיפן מוזיקאלישן זין פון יעדן ניגן. אינײנעם מיט זײַנע אָריגינעלע לידער (צווישן זיי די ליד „אף בירעָבידזשאנער ערד") האָט די אלפארבאנדישע ראדיאָ פארשריבן א ריי באארבעטונגען פון ייִדישע פאָלקסלידער.

מיט דער טעטיקײַט אלס קאָמפאָזיטאָר שעפט זיך ניט אויס דער בײַטראָג פון ז. קאָמפאנייעצן אין דער סאָוועטישער ייִדישער קולטור. ער איז אן אקטיווער פובליציסט, אן אווטאָר פון פיל ארטיקלען וועגן מוזיק און מוזיקאנטן, וועלכע זײַנען דערשינען אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". קאָמפאנייעץ אינטערעסירט זיך מיט אלץ, וואָס איז שײַך דער ספער פון נאציאָנאלער ייִדישער מוזיק הײַנטצו-טאָג — מיט דער שאפונג פון קאָמפאָזיטאָרן, מיט קאָנצערטן, היסטאָרישע פאָרשונגען און וויסנשאפטלעכע זוכונגען. שטענדיק איז זײַן אקטיווע פאָזיציע געצילט צו דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער קונסט.

...איך האָב באזוכט זינאָווי קאָמפאנייעצן אין עטלעכע טעג ארום נאָך דעם, ווי אים איז צוגעייגנט געוואָרן דער ערן-טיטל פארדינסטפולער קונסט-טוער פון רספסר. אפן ראָיאל זײַנען געלעגן נאָטן פון נײַע ראָמאנסן, באארבעטונגען פון פאָלקסלידער, פרישע מאגניטאָפאָן-טאשמעס, דיקע פאפקעס נאָטן. ניט געקוקט אף זײַן טיפער עלטער, איז דער קאָמפאָזיטאָר פול מיט שעפערישע פלענער.

מיכאל אַסטראַווסקי

קיין בעסערלאַנד, ווי רוסלאַנד, איז אויף דער וועלט ניט פאַראַן

עטיודן וועגן איסאַק לעוויטאַנען

קאַפּיטל 1

אין 1844 האָט ניקאָלײַ I באַפוילן, עס זאָלן געגרינדעט ווערן ראַבינער-שולן. צוויי אַזעלכע האָט מען אין טכום-האַמוישעוו געעפנט אין 1847 — איינע אין ווילנע און די צווייטע אין זשיטאָמיר. לעכאַטכילע זײַנען אַהין אַרײַנגעטראָטן קימאַט אויסשליסלעך קינדער פון אָרעמעלײַט, ווײַל עס האָבן צוגעצויגן די סטיפּענדיעס, דערנאָך האָבן אין די שולן אָנגעהייבן אָפּגעבן זייערע קינדער אויך פאַרמעגלעכע ייִדן, ווײַל די שילער זײַנען באַפרײַט געוואָרן פון דער ביטערער סאָלדאַטן-דינסט, וועלכע האָט זיך געצויגן ביז 25 יאָר. די אופזער אין די ראַבינער-שולן זײַנען געווען קריסטן. די האַזשגאָכע אויף די ייִדישע לימודים האָט מען אָנפאַרטרויט אינספּעקטאָרן-ייִדן. די לערער האָבן געפירט דעם אונטעריכט פון די ייִדישע לימודים אויף דער דײַטשישער שפּראַך. רוסיש און די אַלגעמיינע לימודים האָבן די שילער געלערנט אין פאַרנעם פונעם גימנאַזיע-קורס. ווי עס דערציילן די מיטצײַטלער, איז דער אונטעריכט פון אַלגעמיינע לימודים אין די ראַבינער-שולן צוגעגאַנגען מיט מער דערפאָלג איידער פון די ייִדישע. אַדאַנק דעם זײַנען די ראַבינער-שולן געוואָרן די נעסטן פון אויפקלערערישער טעטיקײַט אין טכום-האַמוישעוו.

פיל טאַלמידים פון די ראַבינער-שולן, אַזוי ווי די סעמינאַריסטן פון די רוסישע „דוכאָווונע סעמינאַריעס”, האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע אַנטירעליגיעזע שטימונגען, און שפּעטער האָבן איינִיקע פון זיי גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

עליִאש לעוויטאַן איז געווען איינער פון די ערשטע אַריסלאַזניקעס פון דער ווילנער ראַבינער-שול. ער איז געווען אַ ראָווס אַ זון, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל קײַדאַן, קאָוונער גובערניע. דער פאָטער האָט אָפּגעגעבן עליִאשן אין דער ראַבינער-שול, ווען יענעם האָט געדראָעט אָוועקגענומען ווערן אין סאָלדאַטן. צוויי יאָר פאַרן פאַרענדיקן די שול האָט עליִאש כאַסענע געהאַט. די שול האָט ער פאַרענדיקט. אָבער ער איז נישט געוואָרן ניט קיין ראַבינער, ניט קיין לערער.

די מאַנהיגים פון די ייִדישע קעהילעס האָבן געהאַלטן די אַריסלאַזניקעס פון די ראַבינער-שולן פאַר אַמעראַצים אין דער טוירע און פאַר אַגענטן פון דער מעלוכע. ס'איז זיי מער אונטערגעגאַנגען אויסצוקלײַבן אַלס ראַבינער פרומע לײַט, וועלכע האָבן שטרענג אָפּגעהיט די מיצוועס. ווען די צאַרישע אַדמיניסטראַציע איז באַשטאַנען אויף די אַריסלאַזניקעס פון די ראַבינער-שולן, האָבן די קעהילעס אונטערן דרוק פון זייערע רעדלפירער בעקיוון באַשטימט פאַר זיי אַ נעבעכדיקן לוין, וועלכער האָט ניט געקלעקט אויף צו לעבן. געציילטע אַריסלאַזניקעס פלעגן באַשטימט ווערן אויפן פּאָסטן פון „געלערנטע ייִדן” בײַ די גענעראַל-גובערנאַטאָרס און גובערנאַטאָרס, נאָר די מערהײַט האָט געדאַרפט אַליין זוכן פּאַרנאָסע.

עליִאש לעוויטאַן האָט אין אַ געוויסער צײַט אַרום נאָכן פאַרענדיקן די ראַבינער-שול זיך באַזעצט מיט זײַן מישפּאָכע אין קאָוונע, וווּ עס זײַנען אין 1858 אָפּגעשאַפן געוואָרן די

מיכאל אָסטראָווסקי איז געבוירן געוואָרן אין 1923 אין מאָסקווע. ער האָט פאַרענדיקט דעם טעאַטראַל־פאָרשערישן פאַקולטעט פונעם מעלו־כע־אינסטיטוט פון טעאַטראַלער קונסט אויף א. וו. לונאַטשאַרסקיס נאָמען. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1948. אַווטאָר פון פיל אַרטיקלען וועגן קונסט און ליטעראַטור, צונויפשטעלער פון די ערשטע יאָר־קאַלענדאַרן „אין דער וועלט פון שיין־קונסט", פון די יאָרביכער „הונדערט גע־דענק־דאַטעס", געווידמעט דער געשיכטע פון שילדערונגס־קונסט. מיכאל אַנדרייעוויטש איז אַ גליד־פּלימעניק פונעם גרויסן רוסישן דראַמאַטורג א. נ. אָסטראָווסקי, איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן און דער ערשטער פאַרוואַלטער פונעם מאָסקווער אָסטראָווסקי־מוזיי.

באַגרענעצונגען, אַז ייִדן זאָלן זיך דאָרט באַזעצן. די ערשטע צײַט האָט לעוויטאַן פאַרדינט אויפן לעבן מיט פּריוואַטע לעקציעס אַלס הויז־לערער.

עליאַש לעוויטאַן האָט אַחוץ ייִדיש, דײַטש, רוסיש געקענט אויך די פראַנצויזישע שפּראַך, און אים האָט זיך אײַנגעגעבן צו באַקומען אַ פּאָסטן צום סאָף פון די 50־ער יאָרן אַלס איבערזעצער אין דער קאָוונער אָפּטיילונג פון דער רוסלענדישער אײַזנבאַן־פאַרוואַל־טונג. די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט געהערט צו אַ גרופּע פראַנצויזישע באַנקירן און האָט באַקומען דאָס רעכט צו דערבויען די אײַזנבאַן־ליניע פּעטערבורג—וואַרשע. מע האָט גע־דאַרפט אויפשטעלן אַ גרויסע בריק איבערן ניעמאַן. ווען די אײַזנבאַן־סטאַנציע איז אין קאָוו־נע געעפנט געוואָרן, האָט לעוויטאַן באַקומען דעם פּאָסטן פון אַ קאַסיר. אין אַ צײַט אַרום האָט מען אים איבערגעפירט אַרבעטן קיין ווערזשבאָלאָווע (איצט ווירבאַליס). ביזן אָנהייב פון די 60־ער יאָרן פונעם פאַריקן יה. איז ווערזשבאָלאָווע, וועלכע האָט זיך געפונען אויף אַ מעהאַלעך פון איין ווערסט פון דער פּרײַסישער גרענעץ־שטאָט אײדוקונען, געווען אַ פאַר־וואָרפן שטעטל. אָבער נאָכן דורכפירן די אײַזנבאַן־ליניע פּעטערבורג—וואַרשע האָט דער ייִשוב באַקומען אַ גרעסערע באַדײַטונג און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם צווייטן וויכ־טיקן גרענעץ־פּונקט אין רוסלאַנד. דורך ווערזשבאָלאָווע פלעג אין משך פון פינף ווינטער־חדשים, ווען דער פּעטערבורגער פּאָרט איז געווען באַדעקט מיט אײַז, דורכגיין דער עקספּאָרט און דער אימפּאָרט פון פיל מינים סחורהס.

די משפּחה לעוויטאַן האָט געוווינט אין דער פאָרשטאָט ווערזשבאָלאָווע, אין ייִשוב קיבאַרטי. דעם 30 אויגוסט 1860 איז בײַ די לעוויטאַנס געבוירן געוואָרן דער צווייטער זון. מע האָט אים אַ נאָמען געגעבן איסאַק.

די לעוויטאַנס האָבן מאַטעריעל געלעבט ניט שלעכט. זייער לאַגע האָט זיך נאָך מער פאַרבעסערט, ווען דער פאָטער האָט באַקומען דעם אַמט פון קאָנטראָליאָר. די משפּחה איז איבערגעפאָרן וווינען קיין לענטאָוואַראָווע (איצט לענטוואַריס), ניט ווײַט פון ווילנע, אָבער אין אַ יאָר אַרום האָט לעוויטאַן אויף אַ קורצער צײַט צוריקגעפירט דאָס ווײַב און די קינדער קיין קאָוונע.

עס איז געווען די צײַט פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג אין רוסלאַנד. דאָס לאַנד האָט זיך גענייטיקט אין ספּעציאַליסטן פאַר דער אינדוסטריע, בויונג, האַנדל און פאַר אַנדערע געזעלשאַפטלעכע באַדערפענישן. די צאַרישע רעגירונג איז געווען געצוווּנגען אײַנצוגיין אויף געוויסע האַנאָחות אין דער רעכטלעכער לאַגע פון ייִדן־בעלי־מלאָכות. דעם 26 יוני 1865 האָט אַלעקסאַנדער II אונטערגעשריבן דעם געזעץ, לויט וועלכן ייִדן־האַנטווערקער איז גע־ווען דערלויבט צו באַזעצן זיך אומעטום אין רוסלאַנד און מיטנעמען מיט זיך זייערע מיש־פּחות. זיי זײַנען אָבער געבליבן צוגעשריבן צו זייער אַלטן וווינאָרט אין תחום־המושבֿ.

אַ סך ייִדן־בעלי־מלאָכות האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קיין מאָסקווע. די שטאָט האָט אומופּ־הערלעך זיך גענייטיקט אין אַ גרויסער צאָל קוואַליפיצירטע אַרבעטער אין אַלע געביטן פון

דער פּראָדוקציע. ביז דעם נײַעם געזעץ איז די אײַנגעזעסענע ייִדישע באַפעלקערונג אין מאָסקווע געווען גאָר קליין אין צאָל. זי איז באַשטאַנען דעריקער פון אויסגעדינטע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געהאַט דאָס רעכט צו וווינען אויסערן טכום.

מאָסקווע איז צום אָנהייב פון די 60-ער יאָרן געווען דער צענטער פון פאַרשיידענע אײַזנבאַן-פּראָיעקטן. באַגלײַך מיט פּריוואַטע געזעלשאַפטן אַף צו בויען אײַזנבאַן-ליניעס איז אין מאָסקווע אויך געווען די קאָנטאָר פון דער הויפּט-געזעלשאַפט פון די רוסישע אײַזנבאַנען, וועלכע האָט סײַ זיך פאַרנומען מיטן דערבויען די ליניע פּעטערבורג—וואַרשע, סײַ באַקומען דאָס רעכט צו בויען נײַע ליניעס: מאָסקווע—אָריאָל—כאַרקאָוו—פעאָדאָסיע, מאָסקווע—ניזשני-נאָווגאָראָד און אָריאָל—ליבאַווע. אין 1886 האָט זי אָפּגעקויפט בא דער צאַרישער רעגירונג די ניקאָלײַעווער אײַזנבאַן-ליניע. עליאַש לעוויטאַן אַלס אָנגעשטעלטער פון אָט דער געזעלשאַפט, האָבנדיק די דאָקומענטן פון א באַלמעלאָכע, וואָס איז צוגעשריבן אין שטעטל קײַדאַן פון דער קאָוונער גובערניע, איז איבערגעפאָרן קיין מאָסקווע מיט זײַן פרוי און פיר קינדער — צוויי זין און צוויי טעכטער.

דער עלטערער זון אָוועל האָט פאַרמאָגט גרויסע פעיִקײַטן אין מאָלערײַ, און דער פאַטער האָט באַשלאָסן אים אָפּצוגעבן אין דער מאָסקווער שול פון מאָלערײַ, סקולפּטור און בוי-קונסט. אין 1871 האָט אָוועל אויסגעהאַלטן די אײַנטריט-עקזאַמענעס און איז פאַרעכנט געוואָרן אַלס שילער. דער צווייטער זון, איסאַק, האָט פאַרמאָגט נאָך גרעסערע פעיִקײַטן אין מאָלערײַ אין פאַרגלײַך מיט זײַן עלטערן ברודער...

דעם 18 אויגוסט 1873 האָט לעוויטאַנס מישפּאָכע געפּײַערט איסאַקס באַרמיצווע. פונעם פאָטער האָט ער באַקומען א מאַטאָנע 15 רובל. אין אָט דעם טאָג איז ער אוועקגעגאַנגען אין ראַט פון דער מאָסקווער קונסט-געזעלשאַפט מיט א „פּראָשעניִע", אין וועלכער ער האָט געשריבן:

„איך בעט האַכנאָעדיק מיך אופנעמען אין דער שול פאַר מאָלערײַ, סקולפּטור און בוי-קונסט. איך בין גרייט זיך שטעלן צו די געהעריקע עקזאַמענעס, קעדיי אופגענומען ווערן אַלס שילער אין דער שול.

צו מײַן „פּראָשעניִע" האָב איך בײַגעלייגט 15 רובל און די ראַבינער-צײַגעניש נומער 21.

איסאַק לעוויטאַן

מיט וווינונג בין איך באַזאָרגט: איך וווין אַף דער סאָליאַנקע אין זינאָוויעווס הויז".

אין צוויי וואָכן אַרום איז איסאַק לעוויטאַן געוואָרן א שילער פון דער מאָסקווער שול פאַר מאָלערײַ, סקולפּטור און בוי-קונסט. אין דער שול-געבײַדע מיט דער קאָלאָנאַדע באַם פּאָסאַד אַף מיאַסניצקי-גאַס (איצט קיראָוו-גאַס) האָט אַמאָל אין די צײַטן פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן זיך געפונען די מאַסאָנען-לאָזשע, שפּעטער האָט זי א שטיק צײַט געשראָקן די מאָסקווער אָבערגלויבערישע אײַנוווינער מיט „שרעקלעכע געשפּענסטער". די געבײַדע שטייט גאַנץ ביז הײַנט-צו-טאָג, און בישכיינעס מיט איר געפינט זיך די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

די שול איז אַנטשטאַנען אין 1832 אַלס א „נאַטור-קלאַס". שפּעטער האָט זי אָנגענומען דעם נאָמען „קינסטלערישער קלאַס" און אין 1843 האָט זי ווידער געביטן דעם נאָמען אַף „שול פאַר מאָלערײַ און סקולפּטור". אין 1865 האָט מען געעפנט די אַרכיטעקטור-אָפּטיילונג, און די שול האָט באַקומען דאָס רעכט צו באַלוינען די אַרבעטן פון אירע טאַלאַנטירטע טאַלמידים מיט זילבערנע מעדאַלן[1].

אין דער צײַט, ווען לעוויטאַן האָט אָנגעהויבן דאָרט לערנען, האָט די שול געהאַט א שעם מיט איר דעמאָקראַטישקײַט. אין די אַאודיטאָריעס-וואַרשטאַטן האָבן נאָך געהערשט די טראַדיציעס פון א. ג. ווענעציאַנאָוו, וו. א. טראָפּינינען און נ. א. פעדאָטאָוו. עס זײַנען טעטיק אַלס לערער די מאָלער-רעאַליסטן וו. ג. פּעראָוו, א. ק. סאַווראַסאָוו, אי. מ. פּריאַנישניקאָוו — דער גרינדער פון דער געזעלשאַפט פון די „פּערעדוויזשניקעס". דאָס איז געווען א דעמאָקראַטישע קינסטלער-פאַרייניקונג. די מיטגלידער אירע האָבן איבערגעריסן די פאַרבינ-

[1] מיט גרויסע און קליינע גאָלדענע מעדאַלן האָט בלויז די קונסט-אַקאַדעמיע געהאַט דאָס רעכט צו באַלוינען.

דונגען מיט דער אידעאַליסטישער אַקאַדעמישער עסטעטיק און זיך געווענדט צו דער רעאַליסטישער אָפּשפּיגלונג פונעם לעבן פון דעם פאָלק און פון זײַן געשיכטע. אין זייערע ווערק האָבן די „פּערעדוויזשניקעס" דעמאַסקירט די סיסטעם פון לײַב-אייגנטום, די פאַרברעכנס פונעם קאַפּיטאַליזם. טאַקע אין דער שול פלעגן פאָרקומען פאַרזאַמלונגען פון דער געזעלשאַפט, עס פלעגן אײַנגעאָרדנט ווערן אויסשטעלונגען פון די בילדער פון אירע מיטגלידער.

לעוויטאַן האָט אַלעמען אנציקט מיט זײַן אויסערגעוויינלעכער אָריגינעלקײַט פון אופאַסן דיווירקלעכקײַט מיט זײַן פענאָמענאַלן זע-זיקאָרן. ער האָט געאַרבעט רעגולער און מיט אַזאַ אָנשטרענגונג, אַף וועלכער ס׳זײַנען טיילמאָל ניט מעסוגל אַפילע דערוואַקסענע מאָלער. בייסן איבערפירן אים אין צווייטן קלאַס האָט דער פּעדאַגאָגישער ראַט אים באַלוינט מיט אַ קעסטעלע פאַרבן און צוויי טוץ פּענדזלען. דאָס איז געווען אַ היפּשע מאַטאָנע. פאַרבן צום מאָלן און קינסטלער-פּענדזלען האָבן דעמלט געקאָסט זייער טײַער.

אין 1875 איז פאַרשלאָפט געוואָרן און אינגיכן געשטאָרבן לעוויטאַנס מוטער בערטע מאַיסייעוונע. דער טאַטע האָט זייער שווער איבערגעלעבט די אַווירע, אַף זײַנע פּלייצעס איז געפאַלן די לאַסט פון באַזאָרגן און באַדינען די גאַנצע מישפּאָכע, און ער גופע איז אינגיכן אויך ערנסט קראַנק געוואָרן. ווײַזט אויס, אַז ער האָט דעמלט געמוזט פאַרלאָזן זײַן אַרבעט אין דער הויפּט-געזעלשאַפט פון דער רוסישער אײַזנבאַן און זיך פאַרנעמען מיט הויז-לערערײַ אין פאַרמעגלעכע יידישע הײַזער. די קנאַפּע פאַרדינסטן האָבן ניט געקלעקט אַף אויסצוהאַלטן די גרויסע מישפּאָכע. די אָרעמקײַט איז געווען אַזוי שטאַרק און זיך אַזוי געוואָרפן אין די אויגן, אַז די קונסט-שול האָט פון צײַט צו צײַט געמוזט שטיצן די ברידער לעוויטאַן און, אָנהייבנדיק פונעם יאָר 1876, זיי באַפרײַען פון צאָלן סכאַרלימעד.

אַ נײַע צאָרע אין הויז פון די לעוויטאַנס האָט אַף זיך ניט געלאָזט וואַרטן.

אין מאָסקווע איז דער סאַניטאַרער מאַצעוו געווען זייער אַ שוואַכער. פאַרשיידענע אָנשטעקנדיקע קראַנקײַטן האָבן זיך אָפּט פאַרשפּרייט אין שטאָט מיט אַ הויכן פּראָצענט שטערבלעכקײַט צווישן דער אָרעמער באַפעלקערונג. אין אָנהייב 1878 איז אין שטאָט אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון בויך-טיפוס. די עפּידעמיע האָט געטראָפן דעם יונגן לעוויטאַן און זײַן פאָטער. מע האָט זיי ביידע אַוועקגעפירט אין פאַרשיידענע שפּיטאָלן. ווען איסאַק האָט נאָכן געזונט ווערן זיך אומגעקערט אַהיים, איז ער געוויר געוואָרן, אַז דער פאָטער איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל. פאַר די פיר קײַלעכיקע יעסוימים איז געקומען אַ צײַט פון שווערער נויט.

לעוויטאַן האָט דאַן באַזוכט דעם 4-טן „נאַטור"-קלאַס — זיך געלערנט צייכענען און אָפּמאָלן פון דער נאַטור. זײַן קלאַסן-אָנפירער איז געווען וו. ג. פּעראָוו.

פּעראָוו איז געווען באַוווּסט מיט זײַנע אַנטשיידענע און שטאַנדהאַפטיקע דעמאָקראַטישע איבערצײַגונגען. ניט קוקנדיק אַף זײַן פּאָפּולערקײַט און אַווטאָריטעט, האָט ער אַף די שילער ניט אַרופגעצוווּנגען זײַנע אָנשויונגען און מיינונגען. פּאַראַלעל מיט דער לערן-פּראָגראַם האָט ער פּראַקטיצירט שמועסן וועגן קונסט. יעדער שילער איז בײַ אים געווען פאַררעכנט פאַר אַ ייִנגערן ברודער אין דער קונסט, מיט זײַן באַזונדערער שעפערישער אינדיווידואַליטעט. דער לערער האָט געהאַלטן פאַר זײַן אויפגאַבע — העלפן דער דאָזיקער שעפערישער אינדיווידואַליטעט צו אַנטוויקלען אין זיך די באַאָבאַכטערישקײַט און דעם קינסטלערישן געשמאַק. ער האָט גערופן די טאַלמידים, זיי זאָלן זײַן פּאַרטייִדיקער פונעם עמעס אין דער קונסט, קעמפער פאַר גרויסע הומאַניסטישע אידעאַלן. פּעראָוו האָט באַהויפּטעט, אַז אין קלאַס באַקומט דער מאָלער בלויז דעם אַלעפבייס פון זײַן פאַך, און די עכטע קונסט דאַרף מען זיך לערנען בײַ דעם קאָכיקן, שטראָמיקן לעבן, וואָס פּאָזירט ניט אַפן קאַזיאָנעם פּיעדעסטאַל.

פּעראָוו פלעג אָפּט פאַרבעטן די שילער צו זיך. ער האָט געווינט אין דער שול-געבײַדע. בײַ זיך אינדערהיים איז ער געווען אַ גאַסטפרײַנטלעכער און שאַרפזיניקער באַלעבאָס. די שילער האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט באַגײַסטערונג. אַף לעוויטאַנען האָט ער אויך געהאַט אַ שטאַרקע האַשפּאָע.

אַ. ק. סאַווראַסאָוו איז געווען פּעראָווס אַ נאָענטער פרײַנט. ווען סאַווראַסאָוו האָט באַמערקט, אַז דער יונגער לעוויטאַן ווײַזט אַרויס אַ באַזונדערן אינטערעס צו פּייזאַזש-מאָלערײַ, האָט ער אים גענומען צו זיך אין זײַן אַטעליע.

סאַווראַסאָוו האָט שוין אַ יאָר צוואַנציק געאַרבעט אַלס לערער אין דער שול. ער איז געווען אַ מאָלער פון סובטילן לירישן טאַלאַנט, וועלכער האָט לײַדנשאַפטלעך ליב געהאַט די נאַטור און וועלכער האָט אַקשאָנעסדיק געזוכט די קינסטלערישע מיטלען אַף אויסצודריקן איר מוזיק. ער האָט געפאָדערט פון זײַנע טאַלמידים, זיי זאָלן קוידעמקאָל באַזיניקן די רעאַלע פאָרמען פון דער נאַטור, די געזעצן פון באַלויכטונג און קאָליר. נאָך אין 1868 האָט סאַווראַסאָוו אָרגאַניזירט, באַנוצנדיק זיך מיטן מעטאָד פון גיין מיטן וועג פונעם פּאַשטעטן

צום קאָמפּליצירטן, א שול פאַר אָנפאַנגלעכן דערלערנען דעם פּייזאַזש. ער האָט געלערנט, אַז א מאָלער א פּייזאַזשיסט דאַרף קודעמקאָל זיך אײַנייגענען די קלאַסיפיקאַציע פון קאָלערלײַ מינים פלאַנצן. צוליב דעם האָט מען אין זײַן אטעליע צוערשט געצייכנט צווײַגעלעך און בלומען, מאָלנדיק זיי קימאַט מיט באָטאַנישער פּינקטלעכקײַט. דערנאָך האָט מען געמאָלט באַזונדערע צווײַגן, טיילן פון שטאַמען, ביימער-שפּיצן און גאַנצע ביימער מיט זייערע טיפּישע קאָנטורן. דער קורס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אָנמאָלן עטלעכע נאַטור-בילדער און סצענעס פונעם דאָרפישן לעבן.

ווינטער האָבן די שילער קאָפּירט אָריגינאַלן מיט בלײַער און פאַרבן. סאַווראַסאָוו זעלבסט האָט געמאָלט זײַנע בילדער אין אטעליע אין דער אָנוועזנהײַט פון די שילער. ער פלעג זיי דערבײַ דערציילן וועגן זײַנע רײַזעס איבער רוסלאַנד, דײַטשלאַנד, פראַנקרײַך, ענגלאַנד, וועגן די שעדעווערס פון דער וועלט-קונסט, וועלכע ער האָט געהאַט די מעגלעכקײַט צו זען אין אָריגינאַל.

סאַווראַסאָוו האָט געלערנט זײַנע שילער, זיי זאָלן באַטראַכטן די נאַטור מיט די אויגן פון פּאָעטן, שפּירן איר שיינקײַט אין טאָגטעגלעכן אויסדרוק, ער האָט געפאָדערט שטרענג אָפּקלײַבן די סוזשעטן, דורכטראַכטן פון אַלע זײַטן די קאָמפּאָזיציע, גענוי אויסרעכענען דעם פאַרבן-געברויך, אויסדריקן גענוי אין די ווערק די אייגענע איבערלעבענישן, געדאַנקען און געפילן. לעוויטאַן האָט בעשאַס די שפּאַצירן מיט סאַווראַסאָוון געווײנלעך פיל שנעלער געפונען פּרעכטיקע נאַטור-ווינקלען, און ער פלעגט זיך גלײַך אַוועקשטעלן מאָלן באַם ערשטן בעסטן קוסט.

סאַווראַסאָוו איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך מילדער מענטש. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געבייזערט און זיך ניט געשפּאַרט, גערעדט האָט ער שעמעוודיק און שטיל. לעוויטאַנען האָט ער ליב באַקומען מיט דער גאַנצער קראַפט פון זײַן אויפריכטיק האַרץ. שטענדיק געווען צו אים אויפמערקזאַם און מיט אַלע קויכעס געשטרעבט מיטצווווירקן זײַן אַנטוויקלונג, העלפן אים זיך אײַנשאַפן פעסטע פּראָפעסיאָנעלע מידעס.

אַף די אויסשטעלונגען פון די „פּערעדוויזשניקעס", וועלכע פלעגן זיך עפענען פרילינג אין דער מאָלערײַ-שול, זײַנען לויט פּעראָווס איניציאַטיוו אָרגאַניזירט געוואָרן שילער-אָפּטיילונגען מיט די בעסטע אַרבעטן פון די דערצויגלינגען פון דער שול. דאָס, וואָס די דערצויגלינגען האָבן אָנטיילגענומען אין די אויסשטעלונגען פון די „פּערעדוויזשניקעס", האָט געווירקט צום גוטן אַף זייער פּראָפעסיאָנאַליזירן זיך, ס'האָט זיי אויך געגעבן מאַטעריעלע שטיצע, ווײַל אַף די אויסשטעלונגען פלעג מען אָרגאַניזירן דעם פאַרקויף פון די עקספּאָנירטע קונסטווערק.

אין מאַרט 1877 האָט אין די זאַלן פון דער קונסט-שול זיך געעפנט די פינפטע אויסשטעלונג פון די „פּערעדוויזשניקעס". לויטן באַשלוס פונעם פּעדאַגאָגישן ראַט און פון דעם ראַט פון דער מאָסקווער מאָלער-געזעלשאַפט זײַנען אין דעם שילער-אָפּטייל אויסגעשטעלט געוואָרן לעוויטאַנס צוויי פּייזאַזשן: „אָוונט" און „א זוניקער טאָג". דער מאָלער איז דאַן אַלט געווען 16 יאָר, און די פּרעסע האָט שוין וועגן אים געשריבן. אין דער רעצענזיע וועגן דער 5-טער אויסשטעלונג פון די „פּערעדוויזשניקעס", וועלכע דער דאַן באַרימטער קריטיקער נ. אַלעקסאַנדראָוו האָט פאַרעפנטלעכט אין דער צײַטונג „רוסקיִע וועדאָמאָסטי", האָט ער געשריבן: „דער פּייזאַזשיסט אי. לעוויטאַן האָט אויסגעשטעלט צוויי בילדער. לויט די דאָזיקע בילדער קאָן מען אָן ספק אורטיילן, אַז דער הער לעוויטאַן איז א טאַלאַנט אַן אויסערגעוויינלעכער". לעוויטאַנען האָט מען באַלוינט מיט דער קליינער זילבערנער מעדאַל און מיט 220 רובל, קעדיי „ער זאָל האָבן די מעגלעכקײַט פאָרצוזעצן זײַנע לימודים און קויפן פאַרבן". פאַרן נויטבאַדערפטיקן לעוויטאַנען איז עס געווען א היפּשע סומע. אין יענער צײַט האָבן קוואַליפיצירטע וועבער באַקומען פון 7 ביז 15 רובל א כוידעש; די גאַרבער האָבן געאַרבעט 14—16 שאָ אין מעסלעס און באַקומען באַצאָלטס 6—9 רובל א מאָנאַט; די וואַלדהעקער און האָלצהעקער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די וועלדער פון אָרלאָווער גובערניע, האָט מען געצאָלט 17 קאָפּיקעס אין א זומער-טאָג און 33 קאָפּיקעס פאַר טראַנספּאָרטירן אין מעשעך פון א טאָג דאָס געהילץ, ווען זיי האָבן געאַרבעט מיט א פערד.

אין דעקאַבער 1878 האָבן די שילער פון דער קונסט-שול געעפנט אונטער דער האַזשגאָכע פון פּעראָוון זייער ערשטע זעלבשטענדיקע אויסשטעלונג. לעוויטאַן איז געווען פאַרטראָטן מיטן בילד „פּייזאַזש פונעם סימאָנאָווער מאָנאַסטיר". דאָס בילד איז צו אונדז ניט דערגאַנגען. פאַראַן ידיעס, אַז עס האָט געמאַכט א רוישעם און איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר 100 רובל.

צום סוף פֿון די 70-ער יאָרן פֿונעם פֿאָריקן י״ה. איז אַלס רעזולטאַט פֿון די פֿאַרשאַרפֿטע סאָציאַל-פּאָליטישע ווידערשפּרוכן נאָך דער רוסיש-טערקישער מילכאָמע אַנטשטאַנען אַ רעוואָליוציאָנערע סיטואַציע אין לאַנד, בײַס וועלכער די פֿריערישע און אַרבעטער-באַוועגונג האָט זיך געפּאָרט מיטן קאַמף פֿון דער רעוואָליוציאָנערער אינטעליגענץ, פֿון די „נאַראָדניקעס”. די רעגירונג איז געווען באַאומרויִקט פֿון די סטודענטישע אַרויסטרעטונגען קעגן צאַרישן רעזשים. אין דער געהיימער קאָרעספּאָנדענץ האָט מען אָנגעוויזן, אַז אַ גרויסע צאָל קרײַזלעך פֿון דער ייִדישער יוגנט זײַנען פֿאַרמישט אין דער טעטיקײַט פֿון די געהיימע רעגירונגס-פֿײַנטלעכע געזעלשאַפֿטן. דעם 2-טן אַפּרעל האָט דער נאַראָדניק א. ק. סאָלאָוויאָוו דורכגעפֿירט אַן אומגעלונגענעם אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. דער צאַריזם האָט געענטפֿערט מיט אַן אַכזאָריעסדיקן טעראָר, פֿאַרשטאַרקט די רעדיפֿעס אויף ייִדן. אין מײַ 1879 האָט מען אָנגעהויבן אַרויסשיקן די ייִדן פֿון מאָסקווע. לעוויטאַן האָט צוזאַמען מיט זײַן ברודער און ביידע שוועסטער געמוזט זיך איבערקלײַבן קיין סאַלטיקאָווקע, אַ דאָרף הינטער מאָסקווע.

אין סאַלטיקאָווקע האָבן די לעוויטאַנס געוווינט אַ גאַנצן זומער. אין לאַנד איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן די אומצופֿרידנקײַט מיט די דורכפֿאַלן פֿון דער רעגירונג אין איר פּאָליטיק. איינצײַטיק האָט זיך פֿאַרשטאַרקט די טעראָריסטישע טעטיקײַט פֿון די „נאַראָדאָוואָלצעס” און דאָס האָט געצוווּנגען די רעגירונג זיך באַמיִען צו איבערציִען אויף איר זײַט די ליבעראַלע קרײַזן, געבנדיק מיזערנע האַנאָכעס דער „עפֿנטלעכער מיינונג”.

אַדאַנק דער הילף פֿון אײַנפֿלוסרײַכע אונטערשטיצער האָט לעוויטאַן באַקומען אַ דערלויבעניש זיך אומצוקערן קיין מאָסקווע. אין יענער צײַט האָט ער, ווי עס האָט געשריבן איינער פֿון זײַנע ערשטע ביאָגראַפֿן ס. מ. שפּיצער, אַפֿילו ניט געהאַט קיין אָנשטענדיקע מאַלבושים. ער האָט געטראָגן אַ רויט העמדל, פֿאַרלאַטעטע הויזן מיט לעכער און אָפּגעטראָגענע שטיוולעטן אויף די הוילע פֿיס. דעם 27 סעפּטעמבער 1879 האָט ער באַקומען אַן אײַנלאַדונג פֿון דער קאַנצעליאַריע פֿונעם מאָסקווער גענעראַל-גובערנאַטאָר, ער זאָל זיך מעלדן צום פֿירשט וו. א. דאָלגאָרוקאָוו. אין גובערנאַטאָרס הויז האָט מען געדאַרפֿט קומען פֿײַן אָנגעטאָן. לעוויטאַן האָט געבאָרגט 40 רובל בײַ זײַן שוואָגער פּ. ז. בערטשאַנסקי און אים געגעבן אַ מאַשקן זײַן פּייזאַזש „אָפּדערנאַכט נאָכן רעגן”. אונדז איז ניט באַוווּסט, מיט וועמען לעוויטאַן האָט זיך באַגעגנט אין הויז פֿונעם גובערנאַטאָר. עס איז נאָר באַוווּסט, אַז דעם 2 אָקטאָבער 1879 האָט דער פֿירשט דאָלגאָרוקאָוו געגעבן זײַן האַסקאָמע, אַז לעוויטאַן זאָל באַקומען איינע פֿון די 4 סטיפּענדיעס אויף זײַן נאָמען, וועלכע זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער קונסט-שול.

דעם 25 דעצעמבער 1879 האָט זיך געעפֿנט די צווייטע אויסשטעלונג פֿון די שילער-אַרבעטן. לעוויטאַן האָט אַרויסגעשטעלט 5 פּייזאַזשן: „די פֿאַרנאַכלעסיקטע סאַזשלקע”, „דער לעצטער שטראַל”, „אַ ווינטער-נאַכט”, „האַרבסט”, „אַ דערפֿל”. אין דעם בילד „האַרבסט” האָט לעוויטאַנס מיטשילער און פֿרײַנט אַנטאָן פּאַוולאָוויטש טשעכאָווס ברודער נ. פּ. טשעכאָוו אָנגעמאָלט די פֿיגור פֿון אַ יונגער פֿרוי אין אַ שוואַרצער קלייד, וועלכע גייט איבער דער סטעזשקע אין פּאַרק (אַזאַ צוזאַמענאַרבעט פֿון צוויי שול-כאַווײרים איז ניט געווען קיין צופֿעליקײַט: מע זאָגט, אַז דעם פּאָן בײַ פּעראָווס באַרימטע פּייזאַזשן „דער פֿייגל-כאַפּער” (1870) און „די יעגער אויף אָפּרו” האָט געמאָלט סאַווראַסאָוו). אוודאי איז די שווערע שטימונג פֿון דריקנדיקער איינזאַמקײַט, וועלכע עס האָט געטראָגן אין זיך לעוויטאַנס בילד, אויך ניט געווען קיין צופֿעליקײַט. באַטראַכטנדיק דאָס בילד „האַרבסט”, האָבן די צושויער געפֿונען און דערשפּירט זײַן טיפֿן באַהאַלטענעם זין. דאָס בילד שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אַלעגאָרישן רעזאָנאַנס אויף די פּאָליטישע פּראָצעסן פֿון די יאָרן 1878—1879 מיט זייערע אומבאַרכמאָנעסדיקע אורטיילן. פֿאַר דעם בילד האָט באַצאָלט פּ. מ. טרעטיאַקאָוו, אַ רײַכער אייגנטימער פֿון טעקסטיל-פֿאַבריקן, וועלכער האָט, אָנהייבנדיק פֿונעם 1856, געזאַמלט ווערק פֿון רוסישער רעאַליסטישער קונסט און, אַזויאַרום, געשטיצט די דעמאָקראַטישע קיכעס אין דער מאָלערײַ אין שפּיץ פֿון די „פּערעדוויזשניקעס”. טרעטיאַקאָוו האָט אַרײַנגענומען דאָס בילד אין זײַן קאָלעקציע. דאָס האָט באַטײַט נאָך איין געזעלשאַפֿטלעכע אָנערקענונג פֿונעם יונגן מאָלער. אויף דער פֿאָלגנדיקער קונסט-אויסשטעלונג זײַנען געווען עקספּאָנירט לעוויטאַנס 4 פּייזאַזשן. קונסטקענער האָבן זיך אָפּגערופֿן מיט ליב וועגן זיי אין דער פּרעסע.

דעם 1 מאַרט 1881 האָט דער נאַראָדאָוואָלעץ אי. אי. גרינעוויצקי געוואָרפֿן אַ באָמבע און דערהרגעט דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. ער זעלבסט איז בעשאַס דעם אַטענטאַט שטערבלעך פֿאַרוווּנדעט געוואָרן. די אָרגאַניזאַטאָרן און אָנטיילנעמער אינעם אַטענטאַט

אי. אי. זשעליאבאָוו, ס. ל. פעראָווסקאיא, נ. אי. קיבאלטשיטש, ט. מ. מיכײַלאָוו און נ. אי. ריסאקאָוו האָט מען אופגעהאנגען.

די הינריכטונג פון די העלדן פונעם 1-טן מארט האָט ארויסגערופן א פראָטעסט-קאמפאניע אין פארשיידענע לענדער פון דער וועלט. ס'איז אויך פאנאנדערגעוויקלט געוואָרן א קאמפאניע אַף צו פארטיידיקן העסיע געלפמאן — איינע פון די פארמישפּעטע, וואָס איר הינריכטונג איז אָפּגעלייגט געוואָרן צוליב דעם, וואָס זי איז געווען שוואנגער. פראנקרײַך האָט מער פון אלע לענדער זיך אָפּגערופן מיט פראָטעסטן. אין פאריזש האָבן טויזנטער מענטשן זיך פארזאמלט אין צירק „פערנאנדאָ". אפן מיטינג איז ארויסגעטראָטן דער גענעראל פון דער פאריזשער קאָמונע עמיל עד. אין דער טעלעגראמע פון די פוילישע סאָציאליסטן איז געזאָגט געוואָרן: „דער זון, דער יורשע פונעם טראָן, האָט איבערגעשטיגן דעם פאָטער. שרעקלעך זעען אויס די ליידן פון דער שוואנגעריקער פרוי העסיע געלפמאן אפן פאָן פון די 5 טליִעס. פארשאָלטן זאָלן זיי בײדע ווערן — דער פאָטער און דער זון!"

די רוסישע רעוואָליוציאָנערן-עמיגראנטן האָבן פון סאמע אָנהייב געוואָלט אָרגאניזירן די פארטיידיקונגס-קאמפאניע פון העסיע געלפמאן אין אברייטן פארנעם. פ. א. קראָפּאָטקין, וועלכער האָט דאן געלעבט אין זשענעווע, האָט געשריבן פ. ל. לאווראָוון קיין פאריזש: „מע דארף אָפּראטעווען ה. געלפמאן פון די דאָזיקע טאָרטורן! מע דארף וועקן די געזעלשאפטלעכע מיינונג אין אייראָפּע קעגן דעם רוסישן צאר!" אינגיכן איז קראָפּאָטקין אליין געפאָרן קיין פאריזש, באזוכט וויקטאָר הוגאָן און אים באקאנט געמאכט מיטן איניען. הוגאָ האָט אָנטיילגענומען אין דער קאמפאניע אַף צו פארטיידיקן העסיע געלפמאן און אָנגעשריבן וועגן איר די ליד „יאָ, אומגעהייער גרויס איז דער גרויל". די קאמפאניע אַף צו באגנעדיקן העסיע געלפמאן האָט ארומגעכאפּט אויך אנדערע לענדער. דער צאריזם האָט נישט געקאָנט מיט זיי זיך ניט רעכענען און פארביטן דעם טויט-אורטייל אַף לעבנסלענגלעכער טפיסע. געלפמאן איז אינגיכן געשטאָרבן אין טפיסע.

דאָס גאנצע פּראָגרעסיווע רוסלאנד האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם בלוטיקן טעראָר פונעם צאריזם. זייער קאָל האָבן אופגעהויבן די רוסישע מאָלער. אי. יע. רעפּין האָט אָנגעמאָלט ה. געלפמאנס פּאָרטרעט, אויסדריקנדיק אַף אזא אויפן זײַן מיטלײַד און סימפּאטיע. רעפּין איז געווען אן אײדעס פון דער הינריכטונג פון די „מארטאָווצעס". מיט א סאך יאָרן שפּעטער האָט ער געשריבן: „וואָס פאר א שוידערלעכע צײַט דאָס איז געווען! איך געדענק אפילע די ברעטלעך אַף דער ברוסט פון יעדן איינעם פון די פארורטיילטע מיטן אופשריפט „דעם צארס מערדער". איך געדענק אפילע זשעליאבאָווס גרויפארביקע הויזן און פעראָווסקאיאס שווארץ היטעלע"... אונטערן אײַנדרוק פון דעם ווילדן נעקאָמע-אקט קעגן די נאראָדאָוואָלצעס האָט רעפּין זיך גענומען שאפן דאָס בילד „איוואן דער גרויזאמער", וואָס עס איז אופגענומען געוואָרן אלס פּראָטעסט קעגן דער צארישער טיראניִע. ניט אומזיסט האָט דער הויפּט-פּראָקוראָר פונעם הייליקן סינאָד, דער אָבסקוראנט פּאָבעדאָנאָסצעוו באפוילן, אז דאָס בילד זאָל באזײַטיקט ווערן פון דער אויסשטעלונג. דער שווערער אײַנדרוק פונעם איבערפירן צו דער טליִע די פארמישפּעטע „מארטאָווצעס", צווישן וועלכע עס איז אויך געווען סאָפיע פעראָווסקאיא, האָט באוויגן וו. סוריקאָוון אָנמאָלן דאָס בילד „די באָיארינע מאָראָזאָווא". די פערזענלעכקײַט פון דער באָיארינע פעאָדאָסיִע מאָראָזאָווא, וועלכע איז אויסגעשטאנען אלע ניסיוינעס און פּײַניקונגען, געבליבן טרײַ איר עמונע און געשטאָרבן אין פארשיקונג, איז אין יענער צײַט אָפּגעשאצט געוואָרן אין די דעמאָקראטישע קרײַזן ווי א בײַשפּיל פון גײַסטיקער פעסטקײַט און מאָראלישער שיינקײַט. דערפאר טאקע איז פאר די מיטצײַטלער ניט שווער געווען צו געפינען אן אונטערטעקסט צו דעם בילד „די באָיארינע מאָראָזאָווא" — דאָס בילד האָט אלעגאָריש דערציילט וועגן דעם רעוואָליוציאָנערן קאמף פון די נאראָדניקעס פאר זייערע איבערצײַגונגען, וועגן זייער אויסגעהאלטנקײַט, וועגן סאָפיע פעראָווסקאיאן, דער ערשטער פרוי אין רוסלאנד, וועלכע איז ארופגעגאן אפן עשאפאָט און מאקריוו געווען איר יונג לעבן פאר דער רעוואָליוציע.

אין די 70-ער יאָרן זײַנען הונדערטער מענטשן פון דער פאָלקס-אינטעליגענץ, דער-יער יונגעלײַט, אוועק אין דאָרף, קעדיי צוצוגרייטן די פויערישע מאסע צום קומענדיקן אופשטאנד. באזונדערע אכט האָבן זיי געלייגט אַף די געביטן בא דער וואָלגע און באם דאָן, ווו סטעפּאן ראזין און יעמעליאן פּוגאטשאָוו האָבן אין זייער צײַט געפירט די פויערים אין באוואָפנטן קאמף קעגן זייערע הערשער. לעוויטאן האָט צוגעזען ווי זײַן לערער וו. ג. פעראָוו האָט געארבעט בייסן שאפן די טרילאָגיע וועגן דעם פויערים-אופשטאנד פון 1773—1775 אונטער דער אָנפירונג פון פּוגאטשאָוון. פעראָוו האָט געהאט די מעגלעכקײַט אָנצומאָלן נאָר איין טייל פון דער טרילאָגיע — „פּוגאטשאָווס מישפּעט". די שוועריקײַטן און רעדיפעס, וואָס

דער מאָלער איז אויסגעשטאַנען, האָבן געטאָן זייערס. ניט זײַענדיק נאָך אַלט קיין 50 יאָר, איז ער געווען אינגאַנצן צעבראָכן. לעוויטאַן און זײַנע כאַווײרים האָבן מיט ווייטיק אין האַרצן עס צוגעזען. זומער 1881 האָט לעוויטאַן אַ שטיקל צײַט געלעבט אין מאַרפּינאָ און אָסטאַנקינאָ, אין הויז פֿון זײַן פֿרײַנט ניקאָלײַ קאַסאַטקין — איינעם פֿון פּעראָווס בעליבטע שילער. אין דעקאַבער פֿונעם זעלבן יאָר האָט לעוויטאַן באַקומען אַ זילבערנע מעדאַל פֿאַר אַ צייכענונג פֿון דער נאַטור. די צייכענונג מיט נאָך 3 אייל-געמעלן זײַנען געווען עקספּאָנירט אויף דער 4-טער שילער-אויסשטעלונג. דאָס איז געווען די לעצטע אויסשטעלונג, וואָס פּעראָוו האָט אָרגאַניזירט. אין די ווינטער-כאָדאָשים איז ער קראַנק געוואָרן אויף לונגען-אָנצינדונג, און די דאָקטוירים האָבן בײַ אים אַנטדעקט טובערקולאָז. פֿרילינג האָט מען אים אַרויסגעפֿירט אויף דער דאַטשע אין דאָרף קוזמינקי הינטער מאָסקווע, וווּ ער איז געשטאָרבן דעם 29 מײַ 1882. די „פּוגאַטשאָווצעס" זײַנען געבליבן ניט פֿאַרענדיקט.

דעם 31-טן מײַ האָט לעוויטאַן געשריבן קאַסאַטקינען: „עס איז געשטאָרבן פּעראָוו. מיר נעמען צונויף געלט אויף אַ קראַנץ. די לעווײַע וועט זײַן מיטוואָך. ברענג אָדער שיק צו וויפֿל דו קענסט".

פּעראָווס לעווײַע איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דעמאָנסטראַציע, וועלכע האָט אויסגעדריקט דעם סאָציאַלן זין פֿון דער שאַפֿונג פֿונעם גרויסן קינסטלער-דעמאָקראַט. אַ געדיכטער עולם, וועלכער איז באַשטאַנען דער עיקר פֿון דער פֿאָרגעשריטענער מאָסקווער אינטעליגענץ, האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט אויפֿן וועג צום דאַנילאָווער מאָנאַסטיר, וווּ עס איז געבראַכט געוואָרן צו קבֿורה נ. וו. גאָגאָל און לעצטנס — ניקאָלײַ רובינשטיין. אין שפּיץ פֿון דער פּראָצעסיע זײַנען געגאַנגען פּעראָווס שילער. צווישן זיי איז געווען לעוויטאַן.

דער רעאַקציאָנערער קורס האָט באַזונדערס בולט זיך געלאָזט פֿילן אויפֿן געביט פֿון בילדונג און קולטור. העיויס די קונסט-שול איז געשטאַנען אונטער אַן אויפֿזיכט פֿונעם מיניסטעריום פֿון דעם צאַרישן הויז, האָט מען נאָך אין 1881 פֿון דאָרט באַזײַטיקט דעם אינספּעקטאָר ק. א. טרוטאָווסקין, אַ באַוווּסטן זשאַנער-מאָלער, אַ פֿרײַנט פֿון וו. ג. פּעראָוון, א. ק. סאַווראַסאָוון, פֿונעם דראַמאַטורג א. נ. אָסטראָווסקין — דערפֿאַר ווײַל יענער האָט דערלויבט, אַז אין די לערער- און שילער-קרײַזן זאָלן אַרײַנדרינגען דעמאָקראַטישע שטימונגען און אידייען.

אין העסקעם מיט די נײַע אינסטרוקציעס האָט מען אין דער קונסט-שול אײַנגעפֿירט אַ פּאָליציייִשן רעזשים. מע האָט נאָך די לערער און שילער נאָכגעשפּירט ניט בלויז אין אַטעליע, נאָר אויך אויסער דער שול. אין אַ קורצער צײַט אַרום נאָך פּעראָווס טויט האָט סאַווראַסאָוו, וועלכער האָט זיך דערלויבט צו קריטיקירן די רעאַקציאָנערע פּאָליטיק, באַקומען אַ לאַקאָנישע שריפֿט פֿון דער שול-קאַנצעליאַריע:

„דעם הער לערער פֿון דער שול פֿאַר מאָלערײַ, סקולפּטור און בוי-קונסט, דעם אַקאַדעמיקער, הויף-ראַטגעבער סאַווראַסאָוון.

מיר זײַנען באַאויפֿטראָגט פֿונעם שול-ראַט אײַך צו מעלדן, אַז אָנהייבנדיק פֿון 22-טן מײַ ד. י. זײַט איר באַפֿרײַט פֿון אײַער אַמט.

סעקרעטאַר פֿון שול-ראַט לעוו זשעמטשוזשניקאָוו".

פֿאַר לעוויטאַנען, וועלכער האָט גרענעצלאָז ליב געהאַט סאַווראַסאָוון, איז דאָס געווען אַ שווערע איבערלעבעניש.

בײַס די זומער-קאַניקולן זײַנען די שילער זיך צעפֿאָרן אין פֿאַרשיידענע ערטער, קעדיי צו מאָלן עטיודן און בילדער. די מער פֿאַרמעגלעכע האָבן אונטערגענומען רײַזעס איבערן לאַנד און קיין אויסלאַנד. אָבער אַזעלכע זײַנען געווען ווייניק. אין מאָסקווע זײַנען געבליבן די, וועלכע האָבן ניט געהאַט וווּהין זיך אַהינצוטאָן. לעוויטאַן איז אויך געווען צווישן זיי. בעשאַס די זומער-קאַניקולן האָט ער געמאָלט פּייזאַזשן פֿון דער געגנט הינטער מאָסקווע, געגעבן פּריוואַטע שטונדן, אָנגענומען באַשטעלונגען, אַפֿילו פּאָרטרעטן פֿון פֿאָטאָגראַפֿיעס. אייניקע שילער האָבן זיך אָנגעדונגען אין קלויסטערס צו באַמאָלן די ווענט. דאָס איז געווען די בעסט-באַצאָלטע אַרבעט, און די שילער, וועלכע האָבן זיך מיט דעם פֿאַרנומען, פֿלעגן אָפּט אָפּשפּאָרן אויף צו לעבן דעם גאַנצן ווינטער. לעוויטאַנען האָבן די קלויסטער-לײַט אויף אַרבעט ניט גענומען איבער זײַן ניט-קריסטלעכן גלויבן.

נאָך דעם, ווי מ'האָט סאַווראַסאָוון באַפֿרײַט פֿון דער אַרבעט אין שול, האָט לעוויטאַן מער ניט געהאַט בײַ וועמען זיך צו לערנען. ער האָט געהאַט בעדייע אַרײַנצוטרעטן אין דער קונסט-אַקאַדעמיע, און דעם 10 אָקטיאַבער 1882 האָט ער אָנגעגעבן אַ „פּראָשעניע" דעם פּעדאַגאָגישן ראַט פֿון דער קונסט-שול, מע זאָל אים דערלויבן אָפּגעבן עקזאַמענעס אין אָקטיאַבער און אין נאָיאַבער לויט די אַלגעמיינע לימודים פֿאַרן פֿינפֿטן קלאַס.

דער באַרימטער רוסישער מאָלער א. יא. גאָלאָווין האָט אין זײַנע מעמואַרן פאַר יענער צײַט געשריבן וועגן לעוויטאַנען:

„מײַן כאַווער אין דער מאָסקווער שול איז געווען לעוויטאַן, אײנער פון די סימפּאַטישסטע פּערזענלעכקײַטן צווישן די מאָלער, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען. ער איז אין טאָג געווען אַן אַריסטאָקראַט, אַף דורך און דורך, אין בעסטן זין פון וואָרט... דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער שטריך לעוויטאַנס איז געווען גראַציעזקײַט — א גראַציעזער מענטש פון קאָפּ ביז די פּיס. ער האָט פאַרמאָגט א צאַרטע נעשאַמע. יעדע באַגעגעניש מיט לעוויטאַנען האָט איבערגעלאָזט א ליכטיקן שפּור. באַגעגענענדיק זיך מיט אים, רײדנדיק א פּאָר געצײלטע ווערטער, האָט מען באַלד דערפילט, אַז עס איז געוואָרן פרײלעכער אַפן האַרצן, אַף אַזויפיל האָט ער פאַרמאָגט נאָבעלע צאַרטקײַט.

בײַם כ'האָב זיך געלערנט אין דער מאָלערײַ-שול האָט מען שוין גערעדט וועגן לעווי-טאַנען ווי וועגן א גרויסן טאַלאַנט".

אַף דער 5-טער שילער-אויסשטעלונג האָט איסאַק לעוויטאַן עקספּאָנירט פּײזאַזשן: „די פּאַסעקע", „אין עטיוד", „פרילינג אין וואַלד", „דער זומפּ פאַרנאַכט". פרילינג 1883 האָט לעוויטאַן פאַרענדיקט דעם קורס פון אַלגעמײנע לימודים. זומער האָט ער פיל געאַרבעט. זײַנע מאָלערײַען און צײכענונגען האָבן זיך באַוויזן אין מ. פּ. פאַבריציוסעס בוך „דער קרעמל אין מאָסקווע". אין דער 6-טער שילער-אויסשטעלונג האָט ער אָנטײלגענומען מיט 6 עטיודן. 4 פּײזאַזשן זײַנען פאַרקויפט געוואָרן פאַר 305 רובל. דער מאָלער האָט זיך שטאַרק געגײטיקט אין געלט — זײַן שוועסטער איז קראַנק געוואָרן אַף טובערקולאָז.

דער שוועסטערס קראַנקײַט האָט אים פאַרשאַפט פיל צאַרעס, אָבער ניט נאָר די אײ-גענע צאַרעס האָבן געמוטשעט דעם שפּירעוודיקן יונגן מאָלער. מ. וו. נעסטעראָוו, וועלכער האָט זיך געכאַווערט מיט לעוויטאַנען אין די יונגע יאָרן, דערמאָנט זיך: „לעוויטאַנס דער-פאָלג אַף די אויסשטעלונגען האָבן אים פאַרשאַפט א היפּש ביסל אַגמעסנעפעש. ניט נאָר די „סאָליערים", נאָר אפילע די „מאַצאַראַטס" פון יענע טעג (און אפילע שפּעטער אויך) זײַנען ניט פרײַ געווען פונעם געפיל פון קינע צום גרויסן טאַלאַנט פון זײער יונגן קאָלעגע".

לעוויטאַן האָט אַרויסגעשטעלט פאַרן פּעדאַגאָגישן ראַט א בילד אַלס פּרעטענדענט צו באַקומען די גרויסע זילבערנע מעדאַל. ווער עס האָט באַקומען אַזאַ מעדאַל, האָט געהאַט דאָס רעכט, אַלס קלאַסישער מאָלער, אַרײַנצוטרעטן אין דער אַקאַדעמיע. נ. א. קאַסאַטקין האָט געשריבן אין זײַנע זיכרוינעס, אַז לעוויטאַנס בילד האָט פאַרגעשטעלט א פעלד מיט סנאָפּעס ווײץ. לעוויטאַן האָט צוערשט געוויזן דאָס בילד סאַווראַסאָוון, און דער אַקאַדעמי-קער, וועלכער איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דער שול, האָט אָנגעשריבן אַף דער לינקער זײַט: „די גרויסע זילבערנע מעדאַל". דער פּעדאַגאָגישער ראַט האָט אָבער דאָס בילד ניט אָנגענומען. דעמאָלט האָט לעוויטאַן אָנגעהויבן מאָלן אַן אַנדער בילד —„אין אָוונט אַפן אַקער-פעלד". דאָס איז געווען ניט קײן פּאַשעטער דאַרפישער פּײזאַזש, נאָר אַן אַלעגאָריע, וועלכע האָט אויסגעדריקט דעם פּראָטעסט קעגן דער עקזיסטירנדיקער ריאַקציע, דעם דראַנג צו א גערעכטער סאָציאַלער אָרדענונג, דעם גלויבן אין דער ליכטיקער צוקונפט. דאָס בילד האָט בײַ די צושויער אַרויסגערופן אַסאָציאַציעס מיט נ. א. נעקראַסאָווס רעוואָלוציאָנערער ליד:

ס'וועלן שוואַכער די קויכעס
אַף די עלטערע יאָרן,
קילער די בלוטן,
שוואַך דער זיקאָרן.
צי איז מיר טאַקע
ביז מײַן טויט ניט באַשערט
צו זען דיך א פרײַע,
מײַן הײמלאַנד. מײַן ערד?

כ'וואָלט פאַר מײַן שטאַרבן
כאָטש וויסן געוואָלט.
צי גײסטו פאַרויס

מיט א זיכערן טראָט,
צי זען וועט דער פויער
באַם פאַרזײען זײַן פעלד,
ווי דער ליכטיקער טאָג
אַף זײַן פעלד זיך צעהעלט?
צי וועט ווען דער ווינט
פונעם הײמישן דאָרף
דערטראָגן א מונטערן קלאַנג
צו מײַן אויער,
אָן מענטשלעכע לײדן,
אָן טרערן און טרויער?

לעוויטאַן האָט דאָס בילד „אין אָוונט אַפן אַקער-פעלד" פאַרגעשטעלט צום מישפּעט פון דער געזעלשאַפט פון די „פּערעדווישניקעס". די אַלגעמײנע פאַרזאַמלונג פון דער קאַ-לעגיע האָט אָנגענומען לעוויטאַנען אין דער געמײנשאַפט פון אירע עקספּאָנאַטן. דאָס בילד

„אין אָוונט אױף דעם אַקער־פֿעלד" האָט זיך באַוויזן אױף דער 12־טער עקספּאָזיציע פֿון די „פּערעדוויזשניקעס". אָנהײבנדיק פֿונעם 6־טן אַפּריל ביז דעם 9־טן מײַ, איז די אויסשטעלונג געווען אָפֿן אין מאָסקווע. נאָר אײדער זי איז געשלאָסן געוואָרן, האָט דער פּעדאַגאָגישער ראַט פֿון דער קונסט־שול אויסגעשלאָסן לעוויטאַנען פֿאַר ניט באַזוכן די לעקציעס און אים פֿאַרגעלײגט צו באַקומען אַ דיפּלאָם פֿון אַ ניט־קלאַסישן מאָלער, וועלכער גיט דאָס רעכט צו זײַן אַ לערער פֿון מאָלערײַ.

אין יענער צײַט האָט די רעגירונג באַשולדיקט די שילער — ייִדן לויט דער נאַציאָנאַליטעט, אַז באַגלײַך מיט די רעוואָלוציאָנערן זײַנען זיי פֿאַרשפּרייטער פֿון שעדלעכע אידייען, שולדיקע אין דער דעמאָראַליזאַציע פֿון דער יוגנט.

נאָך אין 1883 האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר גורקאָ געמאָלדן אין זײַן ראַפּאָרט אױפֿן נאָמען פֿונעם צאַר, אַז עס איז נײטיק באַגרענעצן די צאָל פֿון די ייִדן אין די גימנאַזיעס און פּראָגימנאַזיעס. די דאָזיקע מעלדונג האָט אַרויסגערופֿן אַ באַמערקונג פֿון אַלעקסאַנדער דעם דריטן: „איך בין אויך אין דעם איבערצײַגט". אױף דעם טייל פֿונעם באַריכט, וווּ עס איז געגאַנגען אַ רייד וועגן דער שעדלעכער ווירקונג פֿון די שילער ייִדן אױף זייערע קריסטלעכע מיטשילער, האָט דער צאַר אָנגעשריבן: „דאָס דאַרף גענומען ווערן אין אַכט".

דער מיניסטאָרן־קאַבינעט האָט מיט ברען אָנגעהויבן אויספֿילן דעם צאַרס אָנווײַזונג. אומעטום האָט מען אָנגענומען אַקטיווע מיטלען, קעדײַ פּאָטער ווערן אין די לערן־אַנשטאַלטן פֿון ייִדישע שילער. לעוויטאַן האָט געהערט צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע.

אין מעשך פֿון דעם גאַנצן זומער האָט ער געאַרבעט הינטער זווענִיגאָראָד, אױף דער סאַווינער סלאָבאָדקע. דאָס אָרט האָט מען אָנגערופֿן „די רוסישע שווייצאַריע". לעוויטאַן האָט דאָרט געוווינט אינײנעם מיט זײַן מיטשילער וו. וו. פּערעפּליאָטשיקאָוו. אײנמאָל איז צו זיי געקומען דער מאָלער־פּייזאַזשיסט ל. ל. קאַמענעוו, סאַוראַסאָווס אַ געוועזענער שילער, וועלכער איז שפּעטער געווען אײנער פֿון די גרינדער פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿון די „פּערעדוויזשניקעס". ווען ער האָט זיך באַקאַנט מיט די אַרבעטן פֿון די יונגע מאָלער, האָט ער געזאָגט: „שוין געקומען די צײַט פֿאַר אונדז מיט סאַוראַסאָוון צו שטאַרבן".

ערעוו דעם נײַעם לערניאָר האָט לעוויטאַן אָנגעגעבן אַ „פּראָשעניע", אין וועלכער ער האָט, פּראָטעסטירנדיק קעגן אויסשליסן אים פֿון דער שול, אָנגעוויזן: „די וויסנשאַפֿטלעכע קלאַסן האָב איך ניט באַזוכט, ווײַל איך האָב שוין דעם קורס פֿאַרענדיקט, און די קונסט־קלאַסן האָב איך ניט באַזוכט, ווײַל איך בין באַלוינט מיט צוויי מעדאַלן". לעוויטאַן האָט געבעטן דעם פּעדאַגאָגישן ראַט, ס'זאָל אים „געגעבן ווערן דאָס רעכט צו אַרבעטן אױף אַ גרויסער זילבערנער מעדאַל".

אין די באַדינגונגען פֿון אַלץ פּראָגרעסירנדיקער דיסקרימינאַציע לעגאַבע די שילער ייִדן האָט לעוויטאַן ניט געקאָנט באַקומען אַזאַ רעכט. אין אַפּריל 1885 האָט ער געמוזט בעטן דעם פּעדאַגאָגישן ראַט, מע זאָל אים אַרויסגעבן אַ דיפּלאָם פֿון אַ ניט־קלאַסישן מאָלער.

איסאַק לעוויטאַן האָט פֿון די פֿריסטע יאָרן קרענקלעך רעאַגירט אױף אומגערעכטיקײַט. דאָס געפֿיל פֿון צעבראָכנקײַט, פֿון טראַגישער אויסזיכטלאָזיקײַט האָט אים באַהערשט.

דעם 9 מײַ 1885 האָט דער יונגער דאָקטער און ליטעראַט אַנטאָן פּאַוולאָוויטש טשעכאָוו געשריבן פֿון וואָסקרעסענסק צום רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פֿונעם הומאָריסטישן זשורנאַל „אָסקאָלקי" לייקינען:

„מיט מיר צוזאַמען וווינט דער מאָלער לעוויטאַן... עפּעס אַ מין פּסיכאָז באַהערשט אים. איך האָב געהאַט בעדייע מיט אים אַרײַנצופֿאָרן אין וולאַדימירער גובערניע אױף די יאָמטעווטעג, אַ ביסל אים דורכלופֿטערן (טאַקע ער גופֿא האָט מיך געבראַכט צו דעם געדאַנק). מיר האָבן שוין געהאַט באַשטימט דעם טאָג פֿונעם אָפּפֿאָרן. נאָר ווען איך בין צו אים געקומען, האָט מען מיר געזאָגט, אַז ער איז אַוועקגעפֿאָרן אױף קאַווקאַז... סאָף אַפּריל איז ער פֿון ערגעץ צוריקגעקומען אַהיים, נאָר ניט פֿון קאַווקאַז... ער האָט געוואָלט זיך אופֿהענגען... איך האָב אים מיטגענומען מיט זיך אױף דער דאַטשע און גיב אױף אים אַכטונג... באַמי זיך אים אופֿמונטערן און, ווי עס ווײַזט אויס, איז עפּעס בעסער געוואָרן..."

(פֿאָרזעצונג קומט)

לעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

וועגן די פֿאַלשע זאָרגער אַרום סאָוועטישע ייִדן

דער ייִסראָעלדיקער דעפּוטאַט טשאַרלי ביטאָן האָט אין זײַן אַרויסטרעטונג אין קנעסעט אין נאָמען פֿון „כאַדאַש" (ייִדיש־אַראַבישער פֿראָנט מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין צענטער) באַטאָנט, אַז די צאָל פֿון די ייִסרעיילים, וועלכע פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, האַלט אין איין וואַקסן. ער האָט דערבײַ אָנגעוויזן אויף די סיבעס, זאָגנדיק, אַז דאָס הייבט זיך אָן נאָך פֿאַרן געבורט פֿון אַ ייִסראָעלדיקן בירגער: די שוואַנגערנדיקע פֿרוי שטויסט זיך אָן אויף קאָלאָסאַלע שוועריקייטן, סײַ אַלס אַרבעטנדיקע פֿרוי און סײַ אַלס הויז־באַלעבאָסטע. נאָך דעם הייבט זיך אָן אַ געראַנגל מיט שטײַגנדיקן יאַקרעס, מיט די הויכע פּרײַזן אין קינדער־גאָרטן און מיטן שטײַגנדיקן סכאַר־לימעד.

דער רעדנער האָט אָנגעוויזן, אַז ווען דער יוגנטלעכער גייט אין מיליטער, פֿאַרשאַרפֿט זיך זײַן לאַגע. קודעם־קאָל באַקומט ער אַ נידעריקן געהאַלט און ער פֿאַלט צו לאַסט די עלטערן. צווייטנס, איז ער געצוווּנגען זיך צו פֿאַרמעסטן מיט די פּראָבלעמען, וואָס דרינגען אַרויס דערפֿון, וואָס ער איז אַ זעלנער אין דער אָקופּאַציע־אַרמיי — ער דאַרף זיך באַטייליקן אין צעטרײַבן דעמאָנסטראַציעס, אין אויפֿרײַסן הײַזער און דאָס ערגסטע פֿון אַלעמען איז די מילכאָמע.

אויב אַ ייִסראָעלדיקער יוגנטלעכער האָט באַוויזן אַרויסצוקומען פֿון דער מילכאָמע מיט געזונטע ביינער און ער וויל פֿאָרזעצן זײַנע לימודים אין אוניווערסיטעט, דאַרף ער זײַן אַ זון פֿון אַ רײַכער פֿאַמיליע. אויב ער וויל אַרבעטן, האָט ער פֿאַר זיך געשלאָסענע טויערן פֿון אונטערנעמונגען, און ער באַגעגנט זיך מיט אַרבעטלאָזע באַם אַרבעטס־אַמט. אויב ער איז נאָך דערצו אַ זון פֿון אַן אַרבעטנדיקער פֿאַמיליע פֿון די מיזרעך־אײדעס, שטויסט ער זיך אָן אויף פֿאָרורטיילן און דיסקרימינאַציע אויף אַלע לעבנס־געביטן.

מע פֿרוּווט אײַנרעדן, — האָט פֿאָרגעזעצט טשאַרלי ביטאָן, — אַז עס איז ניטאָ קיין אַליאַ פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד איבער דער שולד פֿון דער פּאָליטיק פֿון דער סאָוועטישער רעגירונג. דער עמעס איז אָבער, אַז די מערהײַט ייִדן, וואָס פֿאָרן אַרויס פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד, ווילן בִּיכלאַל ניט קומען קיין ייִסראָעל. וואָס קאָן מען דערבײַ זאָגן וועגן דעם בולטן פֿאַקט, אַז די מערהײַט ייִדן, וועלכע קומען פֿון דאָרטן, זײַנען דאָקטוירים, אינזשעניערן און מענטשן פֿון אַנדערע הויכע קוואַליפֿיקאַציעס. צי איז זייער בילדונג אַ באַווײַז דערפֿון, אַז ייִדן ווערן דיסקרימינירט, געראַנגל? — האָט געפֿרעגט דער דעפּוטאַט.

דער רעדנער האָט באַטאָנט, אַז די פּראָבלעם איז אַ פּאָליטישע: מע דאַרף לייזן די פּאָליטישע פּראָגעס, די סאָציאַלע און די דערציִונגס־פּראָבלעמען.

טשאַרלי ביטאָן האָט פֿאַרענדיקט זײַן רעדע, אָנווײַזנדיק אויף די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפֿטלעכע סיבעס, איבער וועלכע יוגנטלעכע פֿאַרלאָזן ייִסראָעל. ער האָט אָפּגעוואָרפֿן די אומופֿהערלעכע העצע קעגן דעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד מיט דער פּוסטער טײַנע, אַז מע דיסקרימינירט דאָרט קלוימערשט די ייִדן.

(„דער וועג",
טעל־אָוויוו)

מע דאַרף פֿאַרשטיין דאָס סאָוועטיש־ייִדישע לעבן

איך האָב מיט אַ שטאַרקן אינטערעס דורכגעלייענט אַ ציקל אַרטיקלען אין דער צײַטונג „מײַאַמי העראַלד" וועגן דעם, וויאַזוי עס ווערן אונטערדריקט די סאָוועטישע ייִדן. מײַן אינטערעס שטאַמט פֿון דעם, וואָס צווישן די ייִדן, וועלכע איך האָב באַגעגנט בײַ מײַנע פֿיר

באזוכן אין ראטנפארבאנד, זײַנען אלע געווען באזאָרגט מיט ארבעט און דאָסראָוו האָבן געלעבט פּולקום נאָרמאַל.

צום ערשטן מאָל בין איך געקומען קיין פּססר אין 1977 צו מײַנע צוויי שוועסטערקינדער, וועלכע וווינען אין מאָסקווע. פון דעמלט אָן האָב איך באזוכט נײַן אנדערע גרויסע שטעט. דאָס לעצטע מאָל האָב איך פארבראכט אין פּססר ארום צוויי וואָכן, און כ׳בין דורכגעפאָרן 3000 מײַל. אף וויפל איך אינטערעסיר זיך מיטן לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן, האָב איך פיל מאָל באזוכט באָטעמעדראָשים. איך האָב באגעגנט ייִדן אף די גאסן און אין זייערע היימען. די ייִדישע שפּראַך האָט מיר געהאָלפן בײַס אונדזערע געשפּרעכן. פאר אלע מײַנע וויזיטן האָב איך באצאָלט אליין, און כ׳בין קיינמאָל ניט געפאָרן מיט דער הילף פון אן אָרגאניזאציע.

ס׳איז וויכטיק צו פארשטיין, אז די מערהײַט סאָוועטישע ייִדן קלײַבן זיך ניט פארלאָזן זייער לאנד. לויט מײַנע באָאבאכטונגען, האָבן יענע, ווער עס ווײַזט ארויס א כיישעק צום ארויספאָרן, הויפּטזאכלעך עקאָנאָמישע און ניט קיין אנדערע שטרעבונגען און טערוצים. איך האָב אויך געזען, אז די ייִדן לעבן פונקט אזוי, ווי זייערע ניט-ייִדישע שכיינים.

א סאך אמעריקאנער טוריסטן, וועלכע קומען קיין פּססר, זײַנען פאכלײַט, ביזנעסמענטשן און מיטארבעטער אין דער אדמיניסטראציע. ווען זיי טרעפן אָן סאָוועטישע ייִדן, וועלכע פארנעמען אנאלאָגישע פּאָזיציעס, באקומט זיך דער אײַנדרוק, אז דער סאָוועטישער ייִד לעבט און פירט זיך אוף באשיידענער. לויט מײַן מיינונג, העלפט אזא פארגלײַכונג צו מאכן אן אויספיר וועגן „אונטערדריקטע ייִדן”.

מע מוז פארשטיין, אז די ראטנמאכט האָט געדארפט אויסשטיין אין שווערע קאמפן זינט איר סאמע אָנהייב. אין מעשעך פון אן ערעך זיבן יאָרצענדליקער זײַנען געווען די ערשטע וועלט-מילכאָמע, די רעוואָליוציע, דער בירגערקריג, די אויסלענדישע אינטערווענץ, דער ווירטשאפטלעכער כורבן, די סרייפע פון דער צווייטער וועלט-מילכאָמע.

קעדיי רעאליסטיש פארשטיין דאָס ייִדישע לעבן אינעם ראטנפארבאנד הײַנט-צו-טאָג, מוז מען זיך דערמאָנען, וואָס פאר א לעבן עס איז געווען אין רוסלאנד בימיי דעם צאריזם. דאָסראָוו ייִדן, צווישן זיי מײַנע עלטערן, זײַנען געצוווּנגען געווען צו פירן א נעבעכדיקע עקזיסטענץ אין די טכום-שטעטלעך, אין די געטאָס. זייער ווייניק ייִדן האָבן געהאט א מעגלעכקײַט צו באקומען רוסישע בילדונג. די רוסן האָבן ניט געקאָנט כאסענע האָבן פאר ייִדן. קיין ייִדן אין דער רעגירונג זײַנען ניט געווען. און ערגער פאר אלץ איז דאָס, וואָס די ייִדן האָבן געלעבט אין שטענדיקער שרעק פאר פּאָגראָמען, ענלעכע אפן לינטש-געריכט פונעם האמוין אין אמעריקע.

נאָך דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע פונעם 1917 יאָר האָט זיך אלצדינג געביטן. ס׳איז א פאקט, אז צווישן די ייִדן זײַנען איצטער פאראַן מער אינזשעניערן, פאכלײַט, קינסטלער, שרײַבער און סטודענטן, איידער אפילע צווישן די רוסן, אויב נעמען אין אכט די פּראָפּאָרץ פון זייער צאָל.

ווען מע רעדט וועגן ייִדן אָדער ניט-ייִדן, וועלכע ווילן עמיגרירן, איז נייטיק צו פארשטיין אָט וואָס. בימיי דעם צאריזם איז רוסלאנד געווען אן אָרעם, אַפּגעשטאנען לאנד, אזויווי די הײַנטיקע לענדער פון דער דריטער וועלט. דער דורכשניטלעכער לעבנסדויער איז געווען 35 יאָר, איינס פון יעדע פיר קינדער פלעג שטארבן פאר דעם עלטער פון איין יאָר. די ניט-גראמאָטנעקײַט האָט באטראָפן 75 פּראָצענט. הײַנט זײַנען די דאָזיקע אלע ציפערס גלײַך צו די אמערסטן אנטוויקלטע לענדער.

קעדיי צו לייזן אָט די דאָזיקע פּראָבלעמען, האָט דער ראטנפארבאנד זיך גענייטיקט אין דאָקטוירים, געלערנטע, אינזשעניערן, פּעדאגאָגן. אין פּססר זײַנען די בילדונג און די מעדיצין-הילף אומזיסטע, און די מענטשן האָבן א מעגלעכקײַט אויסנוצן די דערגרייכונגען פון דער קולטור, צאָלנדיק פאר דעם ווייניק געלט. און אויב בא דעם אלעם דוכט זיך אויס דעם אָדער יענעם מענטשן, אז דער געלט-אײַנקומפט איז בא אים ניט קיין גענוגנדיקער אף צו באַרײַכערן זיך, דאן ציט אים אוועקצופאָרן אין א לאנד פון פּריוואטער איניציאטיוו.

דער ראטנפארבאנד איז ניט קיין אוטאָפּיע. ער האָט א סאך פּראָבלעמען. אָבער מײַן מיינונג איז, אז די סאָוועטישע ייִדן, פונקט ווי אלע סאָוועטישע מענטשן, זײַנען דורכגעגאנגען א לאנגן און שווערן וועג. זיי האָבן דערגרייכט א גרויסן פּראָגרעס, און דאָס לעבן איז א סאך בעסער הײַנט אין פּססר, ווי עס לעבן מײַנע שוועסטערקינדער, איידער אין אמאָליקן רוסלאנד, ווו עס זײַנען געבוירן געוואָרן מײַנע עלטערן.

דזשול האָרוויץ, ניו־יאָרק
(זשורנאל „ניו וואָרלד רעוויו”, נומ. 2, 1985)

די גראַטעוועטע מיצאַד דעם ראַטנפאַרבאַנד ייִדן דאַרפן ניט פאַרגעסן...

אין שײַכעס מיט דער לעצטנס פאַרשאַרפּטער אַנטיסאָוועטישער און אַנטיקאָמוניסטישער קאַמפּאַניע און ספּעציעל אויף דער ייִדישער גאַס, ווייל איך איבערגעבן אין קורצע שטריכן וועגן מײַן לעבן בײַ די מילכאָמע־יאָרן אין ראַטנפאַרבאַנד אַלס פּאַליט, אַן אַנטלאָפענער פונעם נאַצי־גענעם אין פּוילן.

עס ליגט פאַר מיר אַ בוך אין ייִדיש, דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1949, מיט אַן אַרײַנפיר־וואָרט פון סימכע פּעטרושקאַ, אַ באַקאַנטן ציִעניסטישן טוער און רעדאַקטאָר אין פאַרמילכאָמעדיקן וואַרשעווער „הײַנט“. ער שרײַבט דאָרט, צווישן אַנדערן:

„נאָר אַ טייל פונעם אייראָפּעיִשן ייִדנטום האָט זיך געראַטעוועט דורך פאַרשיידענע מיטלען, אַ טייל פון זיי, איבער פיר הונדערט טויזנט פּוילישע ייִדן, זײַנען אַוועק אין ווײַטע געגנטן פון סאָוועטן־רוסלאַנד“.

איך און מײַן פרוי געהערן צו אָט דער צאָל גליקלעכע, וואָס זײַנען געראַטעוועט געוואָרן אַדאַנק דעם ראַטנפאַרבאַנד.

אין די 2 כאַדאָשים נאָכן אַרײַנמאַרש פון די היטלעריסטישע אַרמייען קיין וואַרשע האָבן מיר זיך אָנגעזען אַזויפיל שוידערלעכקײַטן פון די נאַציישע ראָצכים, אַז מיר האָבן באַשלאָסן זיך דורכרײַסן אויף דער סאָוועטישער זײַט.

דעם 10 נאָיאַבער 1939 האָבן מיר פאַרלאָזט אונדזער וווינונג אויף שראַקאָווסקי־גאַס. נאָך אַ לאַנגן שווערן וועג פון נאַכט־וואַנדערונגען זײַנען מיר געכאַפּט געוואָרן דורך אַ גרופּע היטלער־יונגען, וועלכע האָבן אונדז באַרויבט אין וואַלד און אַלץ צוגענומען. זיי האָבן אונדז דערלויבט ווײַטער צו גיין, ווײַל מיר האָבן נאָכן פאַרניכטן אונדזערע דאָקומענטן זיי דערקלערט, אַז מיר גייען אַהיים אין שטעטל.

אונדז איז געלונגען זיך דערקלײַבן קיין ביאַליסטאָק, וווּ די שטאָט איז געווען איבערפולט מיט אַנטלאָפענע ייִדן פון אַלע געגנטן. מיר האָבן זיך דערווײַל אײַנגעאָרדנט אין אַ ווינקל פון דער דאָרטיקער סינאַגאָגע.

אין אַ געוויסן טאָג האָבן מיר באַמערקט אויף די גאַסן אַפישן פון בוי־טרעסט אין אוראַל, וואָס ווערבירט אַרבעטער מיט אַ קאָנטראַקט אויף איין יאָר. מיר האָבן זיך גלײַך געמאָלדן, און יעדערער פון אונדז האָט באַקומען צו 60 טשערוואָנצעס טאַשן־געלט.

דעם 31 דעקאַבער 1939 האָט מען אונדז אײַנגעאָרדנט אין פראַכט־וואַגאָנען מיט געלעגערס אויף צו שלאָפן. אינמיטן פונעם וואַגאָן — אַן אויוון און דערנעבן האָלץ. אויף אַ ריי סטאַנציעס האָט דער עשעלאָן זיך אָפּגעשטעלט, מע האָט אונדז באַזאָרגט מיט הייס וואַסער (קיפּיאַטאָק), ברויט און וואַרעם עסן.

דעם 18 יאַנואַר 1940 זײַנען מיר אָנגעקומען אין דער שטאָט בערעזניקי, אויף אוראַל. פון דאַנען האָט מען אונדז איבערגעפירט מיט לאַסט־אויטאָס אין אונדזערע וווין־ערטער.

איינצלנע פּערזאָנען זײַנען אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין אַ גרויסן קאָלעקטיוון לאָקאַל. פאַמיליעס (אַ טייל האָבן, צום גליק, מיטגענומען אַלטע טאַטע־מאַמע) האָבן באַקומען באַזונדערע צימערן. מיר און מײַן פרוי איז צוגעטיילט געוואָרן אַ קליין צימערל מיט אַ טיש, בענקלעך, אַ בעט מיט בעטגעוואַנט, קיילים צום קאָכן און עסן, ווי אויך אַ קיך מיט האָלץ.

מיר האָבן באַקומען 8 טעג אורלויב און געגעסן אין רעסטאָראַן אַפּן כעזשבן פון דעם בוי־טרעסט. דערנאָך האָט מען יעדן פאַרגעלייגט אויסצוקלײַבן אַן אַרבעט, צו וועלכער ער האָט אַ נייגונג. איך האָב אויסגעקליבן שלאָסערײַ, און מײַן פרוי — נייען אַרבעטס־הענטשקעס.

מע האָט אונדז דאַן איבערגעפירט אויף אונדזער אַרבעטס־געביט, וווּ מיר פלעגן אויך עסן מיטיק; פרישטיק און אָוונטברויט האָבן מיר זיך אַליין צוגעגרייט פון די אַרויסגעגעבענע פּראָדוקטן.

יעדן איינעם פון אונדז האָט מען צוגעטיילט צו אַ בריגאַדע פון 10 מענטשן. אין די ערשטע דרײַ כאַדאָשים פון דער לער האָבן מיר באַקומען דעם מינימום־לוין, דערנאָך האָט מען אונדז געצאָלט לויט דער אויסגעפילטער אַרבעט.

דרײַ מאָל אין וואָך האָבן מיר געלערנט אין די אָוונטן רוסיש און די פרײַע צײַט פאַרבראַכט אין דעם קולטור־קלוב („קראַסני אוגאָלאָק“), וווּ ס'איז געווען אַ ביבליאָטעק, ס'זײַנען געהאַלטן געוואָרן רעפעראַטן אויף פאַרשיידענע טעמעס. מע האָט אויך געוויזן פילמען און טעאַטער־פאָרשטעלונגען. אַלץ אומזיסט.

איך האָב זיך צונויפגעשריבן מיט מײַנעם אַ פעטער אין קיִעוו, וועלכער האָט מיר פאָרגעשלאָגן צו קומען צו אים נאָך אונדזער יערלעכן קאָנטראַקט.

אין סאָף יאַנואַר 1941 זײַנען מיר אָפּגעפאָרן דורך מאָסקווע קיין קיִעוו. מײַן פעטער

און זײַן מישפּאָכע האָבן אונדז זייער שיין אופגענומען, באַדויערנדיק, וואָס איך האָב ניט מיטגענומען פון פּוילן מײַן טאַטן, צוויי ברידער און א שוועסטער.

איך האָב גלײַך אוועקגעשיקט מיט דער פּאָטשט א פּעקל פּראָדוקטן פון 8 קילאָ צו מײַן פאָטער אין וואַרשע. אין פעוורואַל 1941 האָב איך באַקומען א קאַרטל אין פּויליש, געשריבן פון געטאָ, ווו איך האָב געלייענט מיט טרערן אין די אויגן די פאָלגנדיקע ווערטער: „טײַערער זון, האָסט מיט דײַן פּעקל אונדז מאַמעש געראַטעוועט דאָס לעבן”.

נאָך צוויי וואָכן זיך פרייען מיט דער פּאַמיליע זײַנען מיר אָפּגעפאָרן קיין קלינצי לעבן האָמעל, ווו איך האָב גלײַך באַקומען אַרבעט אַלס שטעפּער אין דער שוך-פאַבריק אפן נאָמען פונעם באַרימטן ייִדישן רעוואָליוציאָנער הירש לעקערט.

איך האָב באַקומען א גוטן לוין און פּרעמיעס פאַר א ריי ראַציאָנאַליזאַציע-אויסבעסערונגען, אזוי אז מײַן פרוי האָט ניט געדאַרפט אַרבעטן. מיר האָבן ניט שלעכט געלעבט און זײַנען געווען צופרידן ביז דעם פינצטערן 22 יוני 1941. איך האָב נאָך געאַרבעט ביז אוגוסט. ווען די היטלעריסטן האָבן זיך דערנעענטערט צו קיִעוו, האָט מען אַלע אַרבעטספּעציִקע מענטשן און גאָר ספּעציעל ייִדן עוואַקויִרט מיט צוגן קיין טאַשקענט אין אוזבעקיסטאַן.

אף א ריי באַן-סטאַנציעס, ווו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט צו נעמען עסנוואַרג, האָבן מיר געזען גרויסע אַפּישן מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

ווענדונג פונעם פּרעזידיום פון דעם העכסטן סאָוועט צו די מיטאַרבעטער פון טראַנספּאָרטוועזן. עס דאַרף ווערן עוואַקויִרט די ייִדישע באַפעלקערונג פון אַלע ערטער, וואָס זײַנען באַדראָעט דורך די היטלער-איבערפאַלער. אונטערגעשריבן: פּרעזידענט קאַלינין.

דאָס אַלץ, וואָס איך האָב געשריבן, זײַנען אויטענטישע פאַקטן, איבער וועלכע, מיין איך, ייִדן דאַרפן זיך פאַרטראַכטן. מע דאַרף האָבן א ביסל דאַנקבאַרקײַט דעם לאַנד, וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט הונדערטער טויזנטער ייִדן פון א זיכערן אומקום, שוין ניט ריידנדיק בּיכלאַל וועגן דער דעציִדירנדיקער ראָל פון דעם ראַטנפאַרבאַנד אין זיג איבער היטלער-דײַטשלאַנד, ווי אויך זײַן אונטערשטיצונג באַם אנטשטיין פון מעדינאַס-ייִסראָעל.

איך וויל צום סאָף זיך ווענדן צו א ריי ייִדישע מישפּאָכעס אין פּאַריזש, וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט אין ראַטנפאַרבאַנד, זיי זאָלן עס ניט פאַרגעסן. האַלעווײַ וואָלטן נאָך הונדערטער טויזנטער ייִדן פון פּוילן אַנטלאָפן אף דער סאָוועטישער זײַט — דאַן וואָלט אונדזער קורבן ניט געווען אזוי גרויס.

בערנאַרד קלײַנבערג, פּאַריזש
(„נײַע פּרעסע”)

בראָניק

דערשינען אין פאַרלאַג „נאַוקאַ”

דער פאַרלאַג „נאַוקאַ” האָט אין 1985 אַרויסגעלאָזט דאָס ווערק פונעם מיטלאַלטערלעכן אַראַבישן היסטאָריקער אַבד אַר־ראַכמאַן איבן אַבד אַל־כאַקאַם „די דעראָבערונג פון מיצראַיִם, אַל־מאַהריב און אַל־אַבדאַלוס” אין דער איבערזעצונג און מיט דער האַקדאָמע פונעם אָריענטאַליסט ס. פּעווזנער. אין בוך ווערט געשילדערט די דעראָבערונג פון די צאָפן־אַפריקאַנישע לענדער און פון שפּאַניע מיצאַד די אַראַבער. ער שטעלט מיט זיך פאָר א היפּשן אינטערעס אַלס קוואַל צו דערלערנען די געשיכטע פון די פעלקער, וועלכע האָבן געלעבט אין אָט די רעגיאָנען, דערונטער — פון די ייִדן.

אָפּשטעלנדיק זיך באַזונדערס אויספירלעך אף דער געשיכטע פון עגיפּטן, גיט דער מעכאַבער איבער לעגענדעס, וועלכע זײַנען געבויט אפן סמאַך פון טאַנאַך־סוזשעטן.

מיר אינפאָרמירן
אונדזערע לייענער

דעמאָגראַפישע טענדענצן אין ייִשׂראָעל

די צײַטונג „ניו־יאָרק טײַמס“ האָט דעם 15 יאַנואר ד.י. אָפּגעדרוקט א צוגעשיקטס פון ייִשׂראָעל אַרטיקל, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט:

ווי ס׳איז צו זען פון די פאַרעפנטלעכטע מיצאד דער ייִשׂראָעלדיקער רעגירונג סטאַטיסטישע אָנגאבן, איז די אימיגראַציע קיין ייִשׂראָעל, זינט דער אויסבילדונג אין 1948 פון אָט דער מעדינע, געפאלן אין 1985 ביז דעם נידעריקסטן ניוואָ. אין 1985 זײַנען קיין ייִשׂראָעל געקומען סאַכאַקל 11.298 אימיגראַנטן. דאָס איז אַף 41% ווייניקער, איידער אין 1984, ווען עס זײַנען, לויט די יעדיעס פונעם אימיגראַציע־מיניסטעריום, געקומען 19.230 מענטשן.

די דאָזיקע סטאַטיסטישע אָנגאבן זײַנען פּובליקירט געוואָרן אין דער צײַט, ווען אייניקע ייִשׂראָעלדיקע פּאָליטישע טוער האָבן אויסגעדריקט זאָרג אין שײַכעס מיט דעם, וואָס די אַראַבישע באַפעלקערונג אין לאַנד און אַף די טעריטאָריעס, וועלכע געפינען זיך אונטערן קאָנטראָל פון ייִשׂראָעל, קאָן אויסוואַקסן ביז די מאַסשטאבן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג.

די פּראָפעסאָרן פונעם העברעישן אוניווערסיטעט פרידלענדער און גאָלדשיידער האָבן אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דערקלערט, אַז די ייִשׂראָעלדיקע ייִדן שטעלן מיט זיך פאַר די איינציקע ייִדישע קעהילע, וועלכע שטײַגט לויט דער צאָל, אָבער די אַראַבישע באַפעלקערונג אין ייִשׂראָעל וואַקסט אין צוויי מאָל גיכער. די פאַרלאַנגזאַמערונג פון די טעמפּן פון דער אימיגראַציע איז באַזונדערס ניט צום גונסטן פאַר ייִשׂראָעל. דער דעמאָגראַף פונעם העברעישן אוניווערסיטעט פּראָפעסאָר שמעלץ האָט מיטגעטיילט, אַז אין ייִשׂראָעל לעבן בלויז 27 פּראָצ. פון אַלע ייִדן אין דער וועלט.

די רעגירונג פאַרמאָגט ניט קיין אָנגאבן וועגן די מאַסשטאבן פון דער עמיגראַציע פון דער מעדינע אין 1985. ס׳איז מיטגעטיילט געוואָרן, אַז אין 1984 זײַנען פון ייִשׂראָעל אַרויסגעפאָרן 17.882 מענטשן אין פאַרגלײַך מיט די 2500 אין 1983 און מיט די 8.100 אין 1982.

„אויב מיר וועלן עפּעס־וואָס ניט אונטערנעמען אין דער נאָענטסטער צײַט, וועט אין 30 יאָר אַרום זיך שאַפן צווישן דער צאָל פון דער ייִדישער און אַראַבישער באַפעלקערונג א גלײַכגעוויכט און די מעדינע וועט ווערן א צווייִנאַציאָנאַלע“, — האָט געמאָלדן דער קנעסעט־מיטגליד פונעם רעכטן בלאָק „ליקוד“ מייער קאָהען־אווידאָוו.

ווי עס טיילט מיט די צענטראַלע סטאַטיסטישע ביוראָ, באַטרעפן די ייִדן, וועלכע ציילן איצט אין ייִשׂראָעל 3,5 מיליאָן, 83 פּראָצ. פון דער באַפעלקערונג. דער גרעסטער טייל פון די איבעריקע — 750 טויזנט בירגער — זײַנען אַראַבער. אויב נעמען אין אַכט די 1,3 מיליאָן אַראַבער, וועלכע לעבן אין דעם אָקופּירטן מיצאד ייִשׂראָעל אין 1967 מײַרעווודיקן יאַרדן־ברעג און אין אַזאַ־סעקטאָר, נאָר זײַנען ניט קיין בירגער פון דער מעדינע, באַטרעפן די ייִדן סאַכאַקל 64 פּראָצ. פון דער באַפעלקערונג, וואָס געפינט זיך אונטערן קאָנטראָל פון ייִשׂראָעל. די דעמאָגראַפן שטרײַכן אונטער, אַז אויב עס וועלן ניט פאָרקומען קיין אנטשיידענע ענדערונגען, וועט די ייִדישע באַפעלקערונג לאַנג ניט קאָנען פּרעוואַלירן. דער פּראָפעסאָר שמעלץ זאָגט, אַז דער דורכשניטלעכער ניוואָ פונעם געבורט אין ייִשׂראָעל באַטרעפט דרײַ קינדער בא א ייִדישער פרוי און פינף — בא אַן אַראַבישער.

אין באַריכט פון די פּראָפעסאָרן פרידלענדער און גאָלדשיידער, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעמאָגראַפישן ביולעטען פאַר אַפּרעל 1984, ווערט געזאָגט, אַז אויב די איצטיקע דעמאָגראַפישע טענדענצן וועלן זיך פאַרהיטן, וועט צום 2015 יאָר די צאָל ייִדן און אַראַבער, וועלכע וווינען אין ייִשׂראָעל און אַף די אָקופּירטע טעריטאָריעס, פּאַקטיש זיך אויסגלײַכן. אויב אָבער ייִשׂראַעל, ווי זיי שטרײַכן אונטער, וועט זיך אָפּזאָגן פון די אָקופּירטע באָדנס און אופּשטעלן די גרענעצן, וועלכע האָבן עקזיסטירט ביזן 1967, וועט די ייִדישע באַפעלקערונג אין ייִשׂראָעל זיך פאַרקלענערן צום 2015 סאַכאַקל אַף 6 פּראָצ. און וועט באַטרעפן קאַרעוו 77 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל פון דער באַפעלקערונג.

קאָהען־אווידאָווס פאָרשלאָג „אונטערנעמען עפּעס וואָס אין דער נאָענטסטער צײַט“, ווי ער האָט דערקלערט אין דער קנעסעט, האָט אומאָנגענעם דערשטוינט א סאַך ייִסרעיילים. ער האָט פאָרגעלייגט דערקלערן דאָס 1986 יאָר אַלס „יאָר פון ייִדישן געבורט“ און אין אָט דעם יאָר אַרויסגעבן באַדײַטנדיקע מעלוכישע סובסידיעס יענע ייִדישע מישפּאָכעס, אין וועלכע די צאָל קינדער וועט זיך פאַרגרעסערן ביז דרײַ און מער.

די קנעסעט־דעפּוטאַטן — פרויען האָבן דערקלערט, אַז ער „פּרוווט פאַרוואַנדלען די פרויען אין מאַשינען פאַר קינדער־געבורט“. אייניקע פּאַרלאַמענטאַרן, וועלכע געהערן צום לינקן פליגל, האָבן קריטיקירט די דאָזיקע פּאָליטיק, וועלכע האָט א שײַכעס ספּעציעל צו ייִדן, און אַנדערע האָבן דערקלערט, אַז ער מישט זיך אַרײַן אינעם פּריוואַטן לעבן. און פונדעסטוועגן האָט די קנעסעט אָנגענומען א באַשלוס — איבערגעבן דעם דאָזיקן פאָרשלאַג אַף צו באַהאַנדלען אין א קאָמיטעט, און דאָס באַטײַט, אַז אינגיכן וועט די דאָזיקע פראַגע ווידער געשטעלט ווערן.

■

די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

א בריוו פון א נײַעם לייענער

כּאָשעווע רעדאַקציע!

איך, כראַמאָוו אלבערט לעאָנידאָוויטש, א געבוירענער אין 1930, א רוס לויט דער נאַציאָנאַליטעט, אן עלטערער וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער פונעם אינסטיטוט פאר מיזרעכקענטענישן בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון דער טאדזשיקישער ססר, דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן, פּראָפעסאָר, געהער צו די נײַע אקטיווע לייענער פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאַנד". ביז איצט האָב איך אים געקויפט, איינעם מיט דער צײַטונג „דער וועג", אין די קיאָסקן פון „סאָיוזפּעטשאט", אָבער אָנהייבנדיק פון יאנוואר ד.י. האָב איך זיך אבאָנירט אָף אים.

מיר געפעלט אײַער זשורנאל: סײַ לויטן אינהאלט, סײַ לויט דער אויספאָרמירונג, ווי אויך דאָס, וואָס יעדער נומער ווערט רעגולער באגלייט מיט א בײַלאגע־ביכל. עס ציִען באזונדערס צו מײַן אופמערקזאמקײַט די פאָלקלאָר־מאטעריאלן, ביפראט — דער פאָלקס־הומאָר.

ווארשײַנלעך, וועט אײַך פארינטערעסירן דער פאקט, אז א רוסישער מענטש האָט זיך ענטוזיאסטיש גענומען צו לייענען די פעריאָדיק אָף ייִדיש. כ'וועל עס דערקלערן.

די הויפּט־ספערע פון מײַנע וויסנשאפטלעכע פאָרשונגען זײַנען די איראניש־שפּראכיקע שריפטלעכע דענקמעלער פונעם פאר־איסלאמישן פעריאָד, די געשיכטע פון דער פאָטערלענדישער און פון דער אויסלענדישער מיזרעכקענטעניש און אויך, ווי מע זאָגט אָף ענגליש, last but not least (דאָס לעצטע, אָבער ניט דאָס ערגסטע) — די ליטעראטור פון די מיטל־אזיִאטישע, אזויגערופענע „בוכארער" ייִדן, וועמענס מאמעלאָשן איז א דיִאלעקט פון טאדזשיקיש. דאָס איז דעריקער די ליטעראטור פון דער פאר־רעוואָליוציאָנערער טקופע (מע רופט זי אויך ייִדיש־פּערסישע ליטעראטור, ווײַל אהער ווערט אײַנגעשלאָסן די גאנצע ליטעראטור, וועלכע איז געשאפן אין די איראניש־שפּראכיקע ייִדישע איידעס פון מיטל־אזיע, איראן און אפגאניסטאן זינט דעם 8־טן יה. פון דער נײַער צײַט־רעכענונג ביז צום סאָף פונעם 19־טן יה.).

אזויארום, איז דאָס קענען פונעם העברעיִשן אלעפבייס געוואָרן פאר מיר אן אַבליגאטאָרישער באדינג צוליב וויסנשאפטלעכער פאָרשונג. כּוץ דעם, דינט די הײַנטצײַטיקע ייִדישע שריפט, וועלכע שטאמט, פּונקט ווי די שריפטן פון פיל מיטל־איראנישע שפּראכן, פון דער אראמעיִשער שריפט, אלס באקוועם מיטל פאר דער טראנסליטעראציע פון די טעקסטן, געשריבענע אָף מיטל־פּערסיש, פּארטיש און סאָגדיש. אין די דאָזיקע צילן פלעגן ברייט אויסנוצן די ייִדישע שריפט סײַ די פאָטערלענדישע, סײַ די אויסלענדישע מיזרעך־קענער אינעם 19־טן און אין אָנהייב פונעם 20־טן יאָרהונדערטער (בּיפראט, אזא באוווסטער רוסלענדישער אָריִענטאליסט, ווי דער אקאדעמיקער קארל זאלעמאן—1849—1916). און וואָס איז שײַעך דעם לייענען די ליטעראטור אָף ייִדיש, בין איך צו דעם געקומען דורך דער דײַטשישער שפּראך, וועלכע איך קען פון קינדווײַז אָן. דערצו האָט מיך באוועגט דער אינטערעס צו דער שאפונג פון שאָלעם־אליכעמען, וועמענס ווערק עס האָבן מיך פארכאפּט אין מײַן יוגנט. לייענען ליטעראטור אין אָריגינאל איז דאָך באדײַטנדיק אינטערעסאנטער, איידער אין איבערזעצונגען, אפילע אין די סאמע בעסטע.

אלזאָ, איר מעגט רעכענען, אז צו די ליבהאָבער פון דער ליטעראטור אָף ייִדיש (פון צווישן די ניט־ייִדן) האָט זיך פארייניקט נאָך איינער, און דאָס בין איך. כ'בין גרייט העלפן דער רעדאקציע פונעם זשורנאל, מיט וואָס איך קאָן, אויב ס'וועט אין דעם אנטשטיין א נויטווענדיקײַט.

כ'ווינטש אײַך פון פולן הארצן דערפאָלג.

מיט אכטונג א. כראַמאָוו
(דושאנבע)

כראָניק

א פאָרשונג וועגן דער אינקוויזיציע

דער פארלאג „פּאָליטיזדאט" האָט אין 1985 ארויסגעלאָזט אין א דריטער אופלאגע דעם בוך „די אינקוויזיציע", וועמעס אווטאָר עס איז דער פאָרשער, מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון ססר יאָסיף גריגולעוויטש.

אין דער מאָנאָגראפיע ווערט דערציילט וועגן די פארפאָלגונגען פון די „נײַע קריסטן" (זיי זײַנען באוווסט אויך ווי מאראנען אָדער אנוסים) מיצאד דער אינקוויזיציע אין שפּאניע, פּאָרטוגאל און אין זייערע קאָלאָניעס, ווי אויך אין איטאליע. פּאָלעמיזירנדיק מיט יענע בורזשואזע און רעליגיִעזע היסטאָריקער, וואָס באהויפּטן, אז די מאראנען זײַנען געווען שאקראָנים און צוויאקעס, עפנטלעכע אָנהענגער פונעם קריסטנטום, נאָר בעסאָד — פונעם יודאיִזם, ווײַזט אָן דער מעכאבער, אז „בא אזא צוגאנג ווערט די פאראנטוואָרטלעכקײַט פארן אומקום פון די מאראנען אריבערגעטראָגן פון די טאליאָנים אָף זייערע קאָרבאָנעס".

די נײַע אופלאגע פון דער מאָנאָגראפיע איז ארויס מיט א טיראזש פון 200.000 עקזעמפּליארן.

א גוטע נײַס, און נאָך א גוטע נײַס...

אין דער „שטוב" פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור האָט זיך נאָך ניט אויסגעהויכט דער דופט פון פרישער טיפּאָגראַפיע-פאַרב, וועלכע האָט זיך גענומען פונעם אַרײַנגעטראָגענעם אהין ערשטן נומער פון דעם יאָרבוך — יעזשעגאָדניק — אַף איבערצוגעבן אים, פונקט ווי א בוקעט בלומען, דעם ברייטן רוסיש-שפּראַכיקן לייענער, און אָט צעשפּרייט שוין אַרום זיך דעם דופט פון פרישער טיפּאָגראַפיע-פאַרב א נײַער איידלשמעקנדיקער בוקעט — דער אַנטאָלאָגישער זאַמלבוך פון ייִדישער דיכטונג אין דער איבערזעצונג אַף רוסיש.

דער גרעסטער סאָוועטישער פאַרלאַג פון קינסטלערישער ליטעראַטור „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראַטורא" האָט איבערגעגעבן דעם אַלפאַרבאַנדישן לייענער די זאַמלונג „סאָוועטישע ייִדישע פּאָעזיע", וועלכע איז אוניקאַל שוין דערמיט אַליין, וואָס ביז איצט איז אין דער רוסישער שפּראַך ניט געווען נאָך קיינמאָל אַזאַ גרויס, אַלזײַטיק אַרומגענומען קאָלעקטיוו ווערק פון די ייִדישע דיכטער. די „טרוקענע ציפערן" זײַנען אַזעלכע: 415 זײַטן פון גרויסן פאָרמאַט; אַרום 14 000 שורעס; די ערשטע דאַטע אונטער זיי — 1908, די לעצטע — 1980. אַלס אוטאָרן טרעטן אַרויס 48 ייִדישע פּאָעטן, אָנגעהויבן פון אָשער שוואַרצמאַנען ביז די הײַנט פונקציאָנירנדיקע; אַלס איבערזעצער — 122 רוסישע פּאָעטן, צווישן זיי עדואַרד באַגריצקי, אַנאַ אַכמאַטאָווא, מיכאיל סוועטלאָוו, סאַמויל מאַרשאַק, יאַראָסלאַוו סמעליאַקאָוו, לעאָניד מאַרטינאָוו, ניקאָלײַ זאַבאָלאָצקי, פּאַוועל אַנטאָקאָלסקי, יעווגעני יעווטושענקאָ, בולאַט אָקודזשאַווא, יונא מאָריץ, — אַן אָטעם-פאַרכאַפּנדיק בילד פון ברידערלעכער צוזאַמענאַרבעט פון סאָוועטישע קולטורן.

איינער פון די קלאַסיקער פון דער סאָוועטישער רוסישער ליטעראַטור — וואַלענטין קאַטײַעוו האָט אָנגעשריבן דעם אַרײַנפיר צו דער אַנטאָלאָגישער זאַמלונג. ער מערקט אָפּ, אַז „פריִער האָט דער (רוסישער) לייענער געוווּסט די ייִדישע פּאָעזיע לויט א קליינער צאָל ביכלעך און זשורנאַל-פּובליקאַציעס. איצט איז די לאַגע אַן אַנדערע..." קאַטײַעוו גיט א ברייטהאַרציקע אָפּשאַצונג דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג: „זי נייטיקט זיך ניט, מע זאָל איר אויסלײַען פּאַטריאָטיזם און קעמפערישקײַט. עס פאַרדינט די סאַמע העכסטע אָנערקענונג אויך די מאָס פון פּראָפעסיאָנעלקײַט, וואָס זי פאַרמאָגט..."

און צום שלוס שרײַבט דער נעסטאָר פון דער הײַנטצײַטיקער רוסישער ליטעראַטור: „מאַקסים גאָרקי האָט געזאָגט אָפן ערשטן שרײַבער-צוזאַמענפאָר פון פססר, אַז די נאַציאָנאַלע שרײַבער „אַרבעטן ניט בלויז אַף זייערע אייגענע פעלקער, נאָר יעדערער פון זיי — אַף אַלע פעלקער פונעם פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע רעפּובליקן און אויטאָנאָמע געגנטן". די דאָזיקע ווערטער גאָרקיס קאָן מען אָפּטראָגן אויך צו דער אַרבעט פון די ייִדישע שרײַבער".

שאָלעם ביילין

פאָלקסטימלעכע קאַטאָוועסן און וויציקע נײַסעס

דער הימל-מענטש און דער פּאָליצייסקע

א הימל-מענטש איז אראָפּגעקומען אַף דער ערד, אַף אונדזער וועלט. האָט ער דערזען שיינע הײַזער, ברוקירטע גאַסן, גרויסע קראָמען מיט פאַרשיידענע סכוירעס. איז אים דאָס אַלץ שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ער האָט זיך ניט געקאָנט זאַט אָנקוקן.

מיטאַמאָל, ווי ער קוקט אַזוי און האָט פון אַלץ א האַנאָע, גיט אים א כאַפּ פאַרן קאָלנער א דעסיאַטניק[1] און פרעגט אים:

— א פּאַטשפּאָרט מאַיעש?

— יעהודים, וואָס וויל פון מיר דער אָרל? — פרעגט דער הימל-מענטש בא די ייִדן, וואָס זײַנען דערבײַ געשטאַנען.

— ער פרעגט, — האָבן זיי אים געענטפערט, — צי איר האָט א קסיווע?

— וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ מין קסיווע? — פרעגט דער הימל-מענטש.

— דאָס איז אַזאַ מין פּאַפּיר, וואָס דערמיט פאַרהיט מען דעם אוילעם פון א גאַזלען. דעם אָרנטלעכן מאַן גיט מען אַרויס א קסיווע, דעם גאַזלען גיט מען ניט אַרויס. ווייסט מען שוין, ווער ס'איז א גאַזלען, און מע קאָן זיך פון אַזאַ פאַרהיטן.

פון דעם אײַנפאַל מיט דער קסיווע איז דער הימל-מענטש זייער ניספּאַעל געוואָרן:

— דאָס איז דאָך טאַקע א דאָוואָר-גאָדל! סטײַטש, א קלייניקײַט — פאַרהיטן מענטשן פון א גאַזלען, פון א רעצייעך.

— זאָגט זשע מיר, איך בעט אײַך, — פרעגט דער הימל-מענטש ווײַטער, — ווער איז דער מאַזשגיעך אַף דעם דאָזיקן איניען פון די קסיוועס? שוין זשע טאַקע דער דאָזיקער מעשוגענער נעפעש, דער דעסיאַטניק?

— ניין, — ענטפערט מען אים, — אַף אים איז א מאַזשגיעך דער פּריסטאַוו.

— נו, גוט, ווער איז עס אָבער דער מאַזשגיעך אַפן פּריסטאַוו?

— דער איספּראַווניק.

— ווער איז דער מאַזשגיעך אַפן איספּראַווניק?

— דער גובערנאַטאָר...

און אַזוי ווײַטער און ווײַטער, אַלץ העכער און העכער, ביזוואַנען זיי זײַנען געקומען צום קייסער.

— ווער זשע איז בא אײַך א קייסער? — פרעגט דער הימל-מענטש.

— א קייסער, — האָבן זיי אים געענטפערט, — דאָס איז אַזאַ גרויסער גיבער, וואָס האָט איינער אַליין אויסגעהאַרגעט טויזנט מענטשן און האָט אָנגעזאַמלט גרויסע פאַרמעגנס, איז ער געוואָרן קייסער.

[1] א צאַרישער פּאָליציאַנט.

האָט דער הימל-מענטש אויסגעשריִען:

— ווײ געשריִען, גוואַלד, איר זײַט דאָך עמעסע מעשוגאָיִם! וואָס איז דאָס מיט אײַך דער מער! דאָ ווילט איר פּאַרהיטן דעם אוילעם פון א גאַזלען, ער זאָל, כאָלילע, ניט האַרגענען און באַראַבעווען קיין מענטשן, מאַכט איר גאָר פּאַר א מאַזשגיִעך אַף אָרנטלעכקײַט דעם דאָזיקן רעצייער און גאַזלען, וואָס האָט אויסגעקוילעט טויזנט מענטשן און זײ באַראַבעוועט!

זינט דעמלט איז שוין דעם הימל-מענטש די וועלט ניט געפעלן, און ער איז צוריק אַרוף אַפן הימל.

(געהערט יִינגלווײַז אין נאַווארעדאָק אין די זעכציקער יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונ־דערט — נאָכן פוילישן אופשטאַנד — פון אוורעמל דעם רימער — דעם פּראָפעסאָר יִיסראָעל־איסער קאָהענס פאָטער)

פאַלשע אניוועס

צו א גרויסן כאָכעם איז געקומען א רעוול און האָט זיך מיט אַלע קויכעס געמיט אַרויס-צוּווײַזן פאַר אים זײַן אניוועס, ווי קליין און נידעריק ער האַלט זיך. דער גאָען איז געוואָרן אין קאַס פון דער דאָזיקער געמאַכטער אני-וועס און האָט צום רעוול אַזוי געזאָגט:

— איר זײַט לעגאַמרע ניט אַזוי גרויס, וואָס איר מאַכט זיך אַזוי קליין.

נײַע פּאָדעשוועס

וועגן מענטשן, וואָס זאָגן שטענדיק די זעל-בע כאָכמע, דערציילט די וועלט אַזא מײַסע:

אַן אַלטער, בלינדלעכער, געפאַלענער באַ-לעבאָס האָט אויסגעקערט די גאַס לעבן זײַן שטוב. מיטאַמאָל האָט ער געפונען אין דער בלאָטע א גוטע, נײַע פּאָדעשווע. זי איז אַוואַ-דע ווערט געווען א פּאָר זילבערנע גילדן. האָט ער זי צופרידן פאַרוקט צו זיך אין בוזעם. עט-לעכע טריט ווײַטער האָט ער ווידער געפונען א שפּאָגל-נײַע פּאָדעשווע. האָט ער זי מיט סימכע אויך פאַרוקט אין בוזעם. איז ער שוין מיט כיישעק ווײַטער געגאַנגען און האָט טאַקע ווידער געפונען א שפּאָגל-נײַנקע פּאָדעשווע, האָט ער זי ווידער פאַרוקט אין בוזעם. אַזוי איז ער זיך געגאַנגען ביז שפּעט אין אָוונט, און ער האָט געפונען בעלי-גוזמע א גאַנצן צענדליק אַזעלכע פּאָדעשוועס. אַז ער איז מיט מאַזל צוריק געקומען אַהיים און האָט זיך פאַ-נאַנדערגעגאַרטלט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון אַלע זײַנע געפינסן און אויצרעס איז גע-בליבן נאָר איין-איינציקע פּאָדעשווע. טאַקע די, וואָס ער האָט געפונען צום ערשטן מאָל.

די זאַך איז פּאָשעט. די ערשטע געפונענע פּאָדעשווע פלעגט איטלעכס מאָל אַרויספאַלן באַם אַלטיטשקן פון בוזעם און ער האָט אַלץ געמיינט, אַז דאָס זײַנען נײַע געפינסן. אײַנ-דערעמעסן איז דאָס אָבער געווען די איינע און די זעלבע פּאָדעשווע.

(געהערט אין פינסק, 1874 פון א מאַגיד באַ זײַן דראָשע)

ביראָבידזשאַן און ביראָבידזשאַנצעס

מיר ווייסן שוין איצט עטלעכע דוירעס ביראָבידזשאַנצעס. דער קאָמוניסט באָריס פלייצער, א שלאָגלער-מאָנטאַזשניק פונעם זאוואָד „דאַלסעל-מאש" — דאָס איז א פאָרשטייער פונעם ארבעטער-קלאַס, דער אוואַנגאַרד פון די בויער פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, וועלכע ברענגען איצט אריין זייער בייטראָג אין אויספילן די היסטאָרישע באשלוסן פונעם XXVII פארטיי-צוזאמענפאָר.

די צייטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן" האָט אויך אין איינעם פון אירע נומערן פארעפנטלעכט א רעפּאָרטאַזש פונעם שטאָטישן פּיאָנערן-פּאַלאַץ, אין וועלכן עס ווערט דערצויגן א נייער דאָר ביראָבידזשאַנצעס.

דאָ איז אונדז אינטערעסאַנט
פאָטאָרעפּאָרטאַזש

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

רעמעניק, הערש
(1981—1905)

— ליטעראַטור־קריטיקער. געבוירן אין שטעטל מאָנאַסטירישטשע, קיִעווער געגנט. זיך געלערנט אין דער אָרטיקער רוסישער גימנאַזיע, שפּעטער געענדיקט דעם אָדעסער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, געווען א לערער אין קאַלינינדאָרף, א מיטאַרבעטער אין דער צײַטונג „קאָלווירט־עמעס". אין 1934 אָנגעקומען זיך לערנען אין דער אַספּיראַנטור פונעם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אף וו. אי. לענינס נאָמען. אין 1937 פאַרטיידיקט א דיסערטאַציע „שאָלעם־אַלייכעמס נאָוועלעס" און באַקומען דעם טיטל קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן. געאַרבעט אלס דאָצענט און געלייענט לעקציעס איבער דער געשיכטע פון דער ייִדישער און רוסישער ליטעראַטורן אין די פּעדאַגאָגישע אינסטיטוטן פון מאָסקווע, מינסק, האָמעל. אין 1972 פאַרטיידיקט אין דעם אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראַטור אף מ. גאָרקיס נאָמען בא דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר די דיסערטאַציע „שאָלעם־אַלייכעמס שאַפונג" און באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן. אין סאָף פון די דרײַסיקער יאָרן אַרבעט ער אלס דאָצענט אין יאַראָסלאַוולער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. אָנהייבנדיק פונעם 1964 איז ער פאַרוואַלטער פונעם קריטישן אָפּטייל און מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". אין דער ליטעראַטור האָט ער דעביוטירט אין 1927 מיט אַן אַרטיקל אין זשורנאַל „אָדעסער אַרבעטער" „דער קאָמיוג און די ייִדישע ליטעראַטור". פון דעמלט אָן פאַרעפנטלעכט ער צענדליקער ליטעראַריש־קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער און וועגן דער קלאַסיק. זײַנע אַרטיקלען דרוקן זיך אין די צײַטונגען „דער עמעס", „אָקטיאַבער", אין די זשורנאַלן „פּראָליט", „שטערן", „די רויטע וועלט", „סאָוועטישע ליטעראַטור", „פאַרמעסט", אינעם אַלמאַנאַך „סאָוועטיש", ווי אויך אין דער רוסישער ליטעראַרישער פּרעסע. זינט עס האָט אָנגעהויבן דערשײַנען דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" באַווײַזן זיך דאָרט סיסטעמאַטיש זײַנע ליטעראַריש־קריטישע אַרבעטן.

ווערק: „אַלעקסאַנדער בלאָקס פּאָעמעס" (רוסיש). פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", 1959; שאָלעם־אַלייכעמס מאָנאָגראַפיע (רוסיש). דאָרט, 1963; עטיודן און פּאָרטרעטן (רוסיש). דאָרט, 1975; פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. בײַלאַגע צום זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", 1980, נומ. 5; שטאַפּלען. פּאָרטרעטן פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. מאָסקווע, פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", 1983.

ביבליאָגראַפיע: כ. לויצקער, אַן ערנסטער צושטײַער צו דער שאָלעם־אַלייכעם־פאָרשונג. זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", 1965, נומ. 3; אָ. גוראַלניק, טרײַהײַט דעם באַרוף. דאָרט, 1975, נומ. 7; ג. לאָמידזע, וועגן ה. רעמעניקס בוך „עטיודן און פּאָרטרעטן". דאָרט, 1976, נומ. 5; אָ. גוראַלניק. שאָלעם־אַלייכעם אינעם אינסטיטוט פון וועלט־קולטור אף מ. גאָרקיס נאָמען. דאָרט, 1972, נומ. 11; ה. רעמעניק, איך בין א קריטיקער. דאָרט, 1980, נומ. 8; הערש רעמעניק, נעקראָלאָג. דאָרט, 1981, נומ. 9; ז. ליבינזאָן, הויכע שטאַפּלען (וועגן ה. רעמעניקס בוך „שטאַפּלען"). דאָרט, 1983, נומ. 5.

רײַצין, עפראַיִם
(1969—1903)

— דראַמאַטורג, איבערזעצער, זשורנאַליסט. געבוירן אין דאָרף בראָווקי, זשיטאָמירער געגנט, אין א מישפּאָכע פון אַן אָנגעשטעלטן. אין 1919 פאַרענדיקט אין בערדיטשעוו א קאָמערץ־שול. אין 1929 אַריבערגעפאָרן קיין קיִעוו, וווּ זיך געלערנט אינעם אינסטיטוט פון פאָלקסווירטשאַפט, געאַרבעט אלס זשורנאַליסט. איינס פון זײַנע ערשטע ווערק איז געווען די גרעסערע דערציילונג „אף דער בירע". אין 1933 געמאַכט א רײַזע קיין ביראָבידזשאַן און אַרויסגעלאָזט א בוך וועג־אײַנדרוקן. געשריבן דערציילונגען, פּיעסעס, איבערגעזעצט אף אוקראַיִניש די ווערק פון לייב קוויטקאָ, פּערעץ מאַרקיש, דער ניסטער, הערשל אָרלאַנד און אַנדערע. א באַזונדערן פאַרדינסט האָט ער אין געביט פון איבערזעצן די ייִדישע קלאַסיק אף אוקראַיִניש — שאָלעם־אַלייכעמען, מענדעלען, י.־ל. פּערעצן.

ווערק: (אף אוקראַיִניש): „ביראָבידזשאַן" (1933), פּיעסעס — „אינדרײַען" (1942), „אף דער נאָמענלאָזער הייכעניש" (1943), „וועמען עס שפּילט דאָס מאַזל" (1946), „כאַווערטעס" (1948), „ווען צווייען שיידן זיך" (1964).

ביבליאָגראַפיע: עפראַיִם רײַצין. ביִאָביבליִאָגראַפישע נאָטיצן. אינעם ביִאָביבליִאָגראַפישן האַנטבוך „פּיסמעניקי ראַדיאַנסקאָי אוקראַיִני" (שרײַבער פון סאָוועטישער אוקראַיִנע). קיִעוו, פאַרלאַג „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק", 1966, ז. 568; נעקראָלאָג. זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", 1969, נומ. 8, ז. 151.

УРОК III [лимэд драй] ל׳ימעד דרײַ

Буквенные обозначения звуков [эй, ай, ой, б, х, ћ]

Грамматика. Глагол. Неопределенная форма. Повелительные формы. Настоящее время. Глагол [ћобн].

Правила чтения

Дифтонги [эй, ай, ой]

Таблица 8

Примеры				Буквы			
Перевод	Произношение	Рукописные	Печатные	Произношение	Рукописные	Печатные	№№ п/п
красиво	**[шэйн]**	שיין	שיין	**[эй]**	יי	יי	**1**
свет	**[шайн]**	שײַן	שײַן	**[ай]**	ײַ	ײַ	**2**
уже	**[шойн]**	שוין	שוין	**[ой]**	וי	וי	**3**

Различайте: [эй= יי и ײַ =[ай]

Задание 1а. Читайте слова, содержащие дифтонг [э́й]:

[дрэй] — крути	דריי
[рэйд] — говори	רייד
[нэйн] — нет	ניין
[лэ́ен] — читай	ל׳ייען
[зэй] — они	זיי
[вэйс] — знай	ווייס
[вэ́йнэн] — плакать	וו׳ייגען

Задание 1б. Читайте слова, содержащие дифтонг [а́й]:

[драй] — три	דרײַ
[крайд] — мел	קרײַד
[на́йн] — девять	נײַן
[ла́ен] — одолжить	ל׳ײַען
[за́йн] — быть	זײַן
[ва́йсэр] — белый	וו׳ײַסער
[ва́йнэн] — ви́на	וו׳ײַנען

Задание 1в. Читайте слова, содержащие дифтонг [о́й]:

[дро́йсн] — снаружи	דר׳ויסן
[ро́йтэр] — красный	ר׳ויטער
[ди но́йт] — нужда	די נויט
[ло́йт] — согласно	לויט
[зо́ерэр] — кислый	ז׳ויערער
[во́йлэр] — хороший	וו׳וילער
[войнэн] — проживать	וו׳וינען

Задание 1г. Читайте слова, обращая внимание на различение дифтонгов [э́й], [а́й] и [о́й]. Перевод слов см. в заданиях 1а, б, в.

1. דריי — דרײַ — דר׳ויסן. 2. רייד — קרײַד — ר׳ויטער. 3. ניין — נײַן — נויט. 4. ל׳ייען — ל׳ײַען — לויט. 5. זיי — זײַן — ז׳ויערער, 6. ווייס — ווײַס — וו׳וילער. 7. וו׳ייגען— וו׳ײַנען — וו׳וינען.

Буква алеф перед дифтонгами в начале слова не читается.

Задание 2а. Читайте слова, в которых буква „алеф“ в начале слов не читается:

[дэр о́ер] — ухо — דער א'ויער
[ди э́ер] — яйца — די א'ייער
[а́ер] — ваш — א'ײַער
[э́йнс] — один — איינס
[дос айз] — лёд — דאָס אײַז
[дэр о́йвн] — печка — דער א'ויוון
[дос э́йникл] — внук — דאָס א'ייניקל
[дос а́йзн] — железо — דאָס א'ײַזן
[дэр о́йсдрук] — выражение — דער א'ויסדרוק
[дэр э́йдэм] — зять — דער א'יידעם
[дэр а́йндрук] — впечатление — דער א'ײַנדרוק
[дэр ойлэм] — публика — דער א'וילעם

Задание 3. Прочтите и напишите по-русски имена собственные.

1) א'ײַנשטיין, 2) א'ײַזמאַן, 3) אײַוואַז'אָווסקי; 4) אייטמ'אַטאָוו, 5) א'ייזען, 6) א'ײַנשטיין, 7) א'ײַסנער, 8) א'ויזערמאַן, 9) א'ויסלענדער, 10) א'יידלין.

Согласная буква «бэйс», звук [б]

Таблица 9

Примеры				Буква			
Перевод	Произношение	рукописное	печатное	Произношение	рукописное	Основной рисунок	печатное
Бабель	[ба́бель]	באבעל	באַבעל	[б]	ב	ב	ב

Задание 4. Читайте вслух:

[ба] — у, при — בא
[дэр боб] — боб — די ב'אָבע
[ди бо́бэ] — бабушка — די ב'אָבעס
[ди бо́бэс] — бабушки (мн. число) — די ב'אָבעס
[дэр бру́дэр] — брат — דער בר'ודער
[ди бри́дэр] — братья — די בר'ידער
[дэр бо́ер] — строитель — דער ב'ויער
[дэр шра́йбэр] — писатель — דער שר'ײַבער
[дэр би́бэр] — бобр — דער ב'יבער
[дос ба́бэлэ] — бабочка — דאָס ב'אבעלע

Сочетание [-бн] в конце слов произносится [-бм], например, зи́бн= ז'יבן
в конце слов как [-бм].

דאָצענט ש. סאַנדלער

contribution to the investigation of Mendele Moicher-Sforim's life and work was made by Irme Druker, a famous prosaist and literary critic, who wrote many stories about the Jewish classic. Two stories of this cycle are published in this issue.

"Sovietish Heimland" commemorates the centenary of the outstanding Jewish poet Moishe-Leib Galperin by publishing his poems.

The varied section of literary and art criticism contains reviews of Ber Galperin's book "The Summing Up" by Boris Roizin (Chernovtsy) and Mikhail Mogilevich's collection of Poems "Indefatigability" by Yakov Gen (Kiev).

The literary public of Latvia has recently commemorated the centenary of M. Shats-Anin, anti-fascist writer and active participant of the revolutionary movement. The reportage by Leonid Koval (Riga) gives an account of the commemoration meeting. In his essay "Good Old Dubulty" the Russian poet Lev Ozerov (Moscow) shares with the readers his memories about his meetings with M. Shats-Anin.

"Zinovy Kompaneyets who is as old as our century, witnessed the birth of the Soviet musical culture. He traversed the path of accompanist to famous composer, and author of numerous variety genre works. His music with its joyful mood in tune with the modern times, its youthfulness and optimism, arouses great response with the listeners", thus begins the essay by Victor Lenzon (Moscow) devoted to Kompaneyets' work.

"There is No Better Country than Russia" — these words belonging to the outstanding painter Isaak Levitan, entitle the essay by Mikhail Ostrovsky (Moscow). The issue has an artistic inset of reproductions of I. Levitan's pictures.

Under the heading "Current Affairs" the magazine publishes an article "What is Hidden behind the Zionist Slogan of 'Double Loyalty'" by Leonel Dadiani (Moscow). The author convincingly exposes the false conception of "double citizenship" for Jews living in the different countries of the world, who do not consider Israel their "second homeland". This slogan is based on the reactionary anti-scientific dogma of "the world-wide Jewish nation".

The issue publishes materials of the 20th Congress of Israel's Communist Party, held at the end of last year, offering extracts of the report of Israel's Communist Party made at the Congress by its secretary general Meyer Vilner.

The 25th anniversary of man's first flight into space will be celebrated in April 1986. "Space Corner" in this issue is illustrated with little known photos of Yuri Gagarin and Pavel Popovich (taken in Yevpatoria by Vitali Marenbakh, a "Sovietish Heimland" reader).

The magazine includes a letter to the editor by professor Albert Leonidovich Khromov, D.Sc. (Philology), senior researcher of the Institute of Oriental Studies, Tad. Academy of Sciences. Russian by nationality he taught himself Yiddish to be able to read Jewish literary works in the original.

The issue closes with our traditional sections: "Scanning Newspapers and Magazines", "Items of Interest", "Humour", "Materials for a Lexicon of Soviet Jewish Literature", "Teach Yourself Yiddish".

Supplement to the issue:
"The Price of Bread" by Boris Sheingauter

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" No 4, April, 1986

The magazine carries, under the heading of "Ways Mapped Out by the 27th Congress of the CPSU", an essay by A. Nemov entitled "Intensification Reserves" which speaks of the work being done at the Ukrainian Academy of Sciences to create new forms of cooperation between scientists and practical workers, required by the acceleration of the scientific and technological progress.

The magazine publishes materials devoted to V. I. Lenin's 116th birthday anniversary, Vladimir Ilyich Lenin, as is known, carried on his illegal political and publicistic activity under 148 pseudonyms. Thus, from October 1900 to April 1901 he illegally lived in Munich under the pseudonym of "Meyer". An episode associated with it was described by Egon Erwin Kisch, a famous anti-fascist writer, in his essay "Lenin—'Meyer' and František Modraček". Published in the German press in the late 1920s it was at once printed in Yiddish translation by a weekly in Warsaw. In 1956 "The East-Siberian Pravda" carried this material in Russian translation. Now it is being offered to "Sovietish Heimland" readers. The history of the gramophone records of Lenin's speeches is dealth with by S. Mindelevich in his essay "The Leader's Immortal Words".

In April this year, writer Shira Gorshman (Moscow) is celebrating her 80th birthday. On the occassion of this jubilee the magazine publishes her new stories. Prose is also represented in this issue by "A Twig of Lilac", a story by Samuil Gordon (Moscow).

The Russian wrier Vladimir Tikhvinsky whose works have been performed by the outstanding Soviet actor Arkady Raikin, made his début in the late 1950s, as humorist and satirist. In 1979, the magazine "Yunost" ("Youth") published "We Went Away without Looking Back", part 1 of his trilogy about the war, part 2 "Light on the Mountain" was brought out by "Sovietsky Pisatel" Publishers in 1983. "Sovietish Heimland" is offering its readers part 3 "A Gipsy Romance", in Yiddish translation.

Under the "Poetry" heading the issue carries the publicistic poems "For my Sons" by Boris Mogilner, the poems by Aron Vergelis (Moskow) and Moyshe Pens (Makhachkala).

The 150th birthday anniversary of the classic of Jewish literature Mendele Moicher-Sforim falls on December 1986. In commemoration of this jubilee "Sovietish Heimland" already published, in the previous issues, a number of materials devoted to the life and work of the great writer whom Sholom Aleichem named "Grandfather of Jewish Literature". The December 1985 issue contained Chaim Beider's study "Ivan Bunin—Translator of Mendele Moicher-Sforim", the first issue of this year introduced its readers to "Baibak", a little known story by the writer and an article "Mendele and Zionism" by literary critic Aron Vorobeichik. A great

лы из этого цикла печатаются в настоящем номере «Советиш геймланд».

Циклом стихотворений отмечается 100-летие со дня рождения выдающегося еврейского поэта Мойше-Лейба Гальперина.

Разнообразен в номере раздел литературной критики и искусствоведения. Публикуются рецензии Бориса Ройзена (Черновцы) на книгу Бера Гальперина «Подведение итогов», Якова Гена (Киев) на сборник стихотворений Михаила Могилевича «Неутомимость».

Недавно литературная общественность Латвии отмечала столетие со дня рождения писателя-антифашиста, активного участника революционного движения М. Шац-Анина. О вечере, посвященном памяти писателя, рассказывается в репортаже Леонида Коваля (Рига). Воспоминаниями о встречах с М. Шац-Аниным делится русский поэт Лев Озеров (Москва). Его эссе называется «Старые добрые Дубулты».

«Зиновий Компанеец — ровесник нашего века, свидетель зарождения советской музыкальной культуры. Он прошел путь от аккомпаниатора до признанного композитора, автора многочисленных произведений в жанре эстрады. Его музыка вызывает живой отклик у слушателей своим радостным настроением, созвучным современности, молодости и оптимизму», — так начинается очерк Виктора Ленэона (Москва), посвященный творчеству З. Компанейца.

«Нет лучшей страны, чем Россия» — этими словами, принадлежащими выдающемуся художнику Исааку Левитану, озаглавлен очерк Михаила Островского (Москва). В номере помещена также художественная вклейка с репродукциями картин И. Левитана.

В рубрике «Публицистика» печатается статья Леонеля Дадиани (Москва) «Что скрывается за сионистским лозунгом о «двойной лояльности». Автор убедительно разоблачает фальшивую концепцию о «двойном гражданстве» для евреев, живущих в различных странах мира и отнюдь не считающих Израиль своей «второй родиной». В основе этого лозунга лежит реакционная, антинаучная догма о «всемирной еврейской нации».

В номере публикуются материалы XX съезда Коммунистической партии Израиля, состоявшегося в конце прошлого года, даются выдержки из отчетного доклада ЦК Израильской компартии, с которым выступил на съезде ее Генеральный секретарь товарищ Меер Вильнер.

В апреле 1986 года исполняется 25 лет со дня первого полета человека в космос. Очередной «Космический уголок» в «Советиш геймланд» иллюстрирован малоизвестными фотографиями Юрия Гагарина и Павла Поповича (снимки сделаны в Евпатории читателем журнала Виталием Меренбахом).

Напечатано письмо в редакцию старшего научного сотрудника Института востоковедения при Академии наук Таджикской ССР, доктора филологических наук, профессора Альберта Леонидовича Хромова. Русский по национальности, он самостоятельно овладел языком идиш, чтобы читать в оригинале произведения еврейской литературы.

Заканчивается номер традиционными рубриками «Листая журналы и газеты», «Это интересно», «Юмор», «Материалы для лексикона советской еврейской литературы», «Самоучитель еврейского языка».

Приложение к номеру:
Борис Шейнгаутер «Цена хлеба»

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 4, апрель, 1986

«На путях, начертанных XXVII съездом КПСС» — под этой рубрикой помещен очерк А. Немова «Резервы ускорения». В нем рассказывается о работе, которая ведется в Академии наук Украины по созданию новых форм сотрудничества ученых и практиков, связанных с ускорением научно-технического прогресса.

Подборка материалов посвящена 116-летию со дня рождения В. И. Ленина. Известно, что Владимир Ильич выступал в своей нелегальной политико-публицистической деятельности под 148 псевдонимами. С октября 1900 до апреля 1901 г. он нелегально жил в Мюнхене под псевдонимом «Меер». С этим связан эпизод, описанный известным писателем-антифашистом Эгоном Эрвином Кишем в очерке «Ленин—«Меер» и Франтишек Модрачек». Очерк был опубликован в немецкой прессе в конце 20-х годов и был сразу напечатан в переводе на идиш в одном из варшавских еженедельников. В 1956 году этот материал был помещен в переводе на русский язык в газете «Восточно-сибирская правда». Ныне он предлагается вниманию читателей «Советиш геймланд». Об истории грамофонных записей отдельных речей В. И. Ленина рассказывается в очерке «Бессмертное слово вождя» С. Минделевича.

В апреле нынешнего года исполняется 80 лет со дня рождения писательницы Ширы Горшман (Москва). В связи с этой юбилейной датой журнал печатает цикл новых ее новелл. Проза в номере представлена также рассказом Самуила Гордона (Москва) «Веточка сирени».

Русский писатель Владимир Тихвинский (Москва) дебютировал в конце 50-х годов как юморист и сатирик, произведения которого исполнял выдающийся советский актер Аркадий Райкин. В 1979 году журнал «Юность» опубликовал первую часть его трилогии о войне — «Мы уходили не оглядываясь», вторая часть — «Свет на горе» была издана «Советским писателем» в 1983 году. Третью часть, «Цыганский роман», «Советиш геймланд» предлагает вниманию читателей в переводе на идиш.

В поэтической рубрике публикуются публицистические поэмы Бориса Могильнера «Моим сыновьям», циклы стихотворений Арона Вергелиса (Москва) и Мойше Пенса (Махачкала).

В декабре 1986 года исполняется 150 лет со дня рождения классика еврейской литературы Менделе Мойхер-Сфорима. Отмечая эгу юбилейную дату, «Советиш геймланд» в предыдущих номерах уже опубликовал ряд материалов, посвященных жизни и творчеству великого писателя, которого Шолом-Алейхем назвал «дедушкой еврейской литературы». В декабрьском номере за 1985 год было помещено исследование Хаима Бейдера «Иван Бунин — переводчик Менделе Мойхер-Сфорима», в первом номере за нынешний год читатели ознакомились с малоизвестным рассказом писателя — «Байбак» и со статьей литературоведа Арона Воробейчика «Менделе и сионизм». Значительное место в исследовании жизни и творчества Менделе Мойхер-Сфорима принадлежит известному прозаику и критику Ирме Друкеру, написавшему большой цикл новелл о еврейском классике. Две новел-

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

**Ежемесячный
литературно-художественный журнал**

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, А. Тверской, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 923-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, А. Токер
Корректор Х. Островский

Сдано в набор 30.01.1986. Подписано к печати 18.03.1986. Формат $70\times108^1/_{16}$. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 1570.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1986.

Цена 70 коп.
70821

ISSN 0134-4315

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

На путях, начертанных XXVII съездом КПСС. А. Немов. Резервы интенсивного развития.

К 116-летию со дня рождения В. И. Ленина. Эгон Эрвин Киш. Из воспоминаний. М. Минделевич. Бессмертное слово вождя.

Стихи Б. Могильнера, М. Пенса, А. Вергелиса.

Рассказы С. Гордона, Ш. Горшман.

В. Тихвинский. Цыганский роман.

К 150-летию со дня рождения Менделе Мойхер-Сфорима. И. Друкер. Рассказы о Менделе.

Публицистика. Материалы XX съезда коммунистической партии Израиля. Л. Дадиани. Какие цели преследует лозунг о «двойной лояльности».

Наш космический уголок.

Литературная критика, вопросы искусства. Б. Ройзин. Бер Гальперин — писатель литовского края. Я. Ген. Дыхание времени. О новой книге стихов М. Могилевича. В. Ленэон. Ветеран еврейской советской музыкальной культуры. М. Островский. Этюды о Левитане.

Информируем наших читателей. Почта «Советиш геймланд». Веселые строки. Хроника. Материалы для лексикона советской еврейской литературы. Самоучитель еврейского языка.

Резюме на русском и английском языках.

1986

№ 4